אין די פאַרבינדונג „חשמונאי"
דאָרפּאַט פון זײַר פרײַנד.
[signature]
דאָרפּאַט
1917/XI 25.

**ז. י. אנכי.**

# שריפטען

I ר' אבא

II ר' אלחנן

III צווישען הימעל און ערד

№ 193
S. -
„Hasmonaea" Tartu
חשמונאיה דורפט

פאַרלאַג ב. שימין

פאַרקויף געז. „צענטראַל", וואַרשא, נאָוואָליפּקי 7

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA. NOWOLIPKI 6.

# אינהאַלט:

## ערשטע אָבטיילונג

לאה
אַמאָליגע יאָהרען
אַמאָליגע יודען
רב בער
אַמאָליגער בטחון
מען פאָהרט צום רבין
אַמאָליגע שמחות
עס איז אַ שרפה

## צווייטע אָבטיילונג

טויט און לעבען.
מענש.
צוויי בילדער.
דער קינסטלער.
חלומות.
דאָס אייניקעל.
אין אַ קומיסאַרט.
נקמה.

## דריטע אָבטיילונג

אליהו דער שוחט.
חיים וואַלטערמאַן.
מאַניע.
מיט דער וואַנד.
גבריאל.

# ר׳ אבּא




קראטקא

# לאה.

הא?... וואס זאגסטו?... לאנג געזעהן זיך... יא..., לאנג... לאנג... זעהר לאנג געזעהן זיך... אידאי א יאהר צעהן, אויב איך האב קיין טעות ניט... יא... הוי־אוי־אוי...

— וואס זאגסטו?... הא?... וואס מאכט זי?... וואס מאכט זי?... אוי־אוי־אוי — פרעג ניט... פרעג ניט... ווער עס לעבט — לעבט, און ווער ניט — ניט... אונז צו לאנגע יאהר!...

— הוי־אוי־אוי, חאטש גוט אז מען האט פארוועמען דאס הארץ אויסצודערצעהלען... ניט אמאליגער רב אבא — גאר ניט אמאליגער!... ווער און וואס בין איך איצטער?... א בן־שבעים... א עבר־בטל'ניק... אוים בעל־הבית, אהן א דעה און אהן א פריסטאניצע... אפט... אפט מאל טרעפט אז דא... דא אין בית־המדרש, וואו מיר זיצען איצט, דא אויף דעם ביינקעל בלייב איך נעכטיגען אויך... ניט אמאליגער רב אבא — גאר ניט אמאליגער!.. וואסי?... דו האסט ניט געהערט?... מען האט נאך דיר ניט דערצעהלט?... איך האב דאך אלץ אוועק געגעבען איהם, מיין זוהן. און איך אליין געפין זיך דאך איצטער ביי איהם... ביי מיין זוהן... הוי־אוי־אוי... עס איז דאך לשון הרע... רייד אויף אנ'אייגענעם זוהן... פארט אנ'אייגען קינד... אבער ביטער, ברודער, ביטער!... ער האט אלץ פערפלוטעוועט, פון אלץ האט ער געמאכט תחת חרב. היינט מכח מיר אליין... איך האב צו איהם גאר נישט!... נעבעך פער'צרות'דיג, פערארעמט... אבער פאר דיר מאג מען דאך זאגען... וואס דו זאלסט ניט טהון — איז ניט אזוי... ווי דו

זאָלסט ניט שטעהן און זיצען — איז אַלץ נישט... און וואָס דו זאָלסט ניט ריידען — איז אַלץ נאַריש... אַנ׳איבעריגער, אַ ניט נוצליכער פאַר אַלעמען... הוי־אוי־אוי... ביטער... ביטער...

און זינד זי איז געשטאָרבען הער איך אַז זי שלעפּט מיך צו זיך... צו זיך... הוי־אוי־אוי, ניט אַמאָליגער רב אבא — גאָר־ניט אַמאָליגער!...

האַ? וואָס זאָגסטו?...

— איך געדיינק נאָך ווי איצטער, אַמאָל... אַמאָל...

אַז רב אבא איז נאָך געווען רב אבא... אַז איך בין נאָך געווען איך... אַז זי האָט נאָך געלעבט... אַמאָל... אַמאָל... וואָסי? — איך האָב דאַן געוואוסט פון וואָס?... איך האָב עפּעס געוואוסט פון שלעכטעס?... צי איך האָב דאַמאָלסט גע׳דאגה׳ט מכח וואָס?... דער בית המדרש, משניות, די גמרא און די מעמדות, און ווידער דער בית המדרש, משניות, די גמרא און די מעמדות, און אָבער דער בית המדרש, משניות, די גמרא און די מעמדות, און וואָס נאָך?... און איך פרעג ביי דיר, וואָס האָב איך געדאַרפט נאָך וויסען?... וואָרום וואָס האָט מיר גע־פעהלט?... וואָסי?.. די בעלת־שפע׳תה איז דאָך זי געווען... סיי מיט דעם גוי, סיי אין שפּאַכלער, סיי אין שטוב, זי... זי... אַלעס זי... איהרע בריה׳שאַפט, איהרע צדקות, היינט איהרע גוטסקייט!... וואָסי? — און וויפיעל יתומות האָט זי חתונה גע־מאַכט... און וויפיעל אָרימע לייט האָט זי דעם לעבען דערהאַל־טען?... עס פלעגט טרעפען איך זעה זי האַלט שוין אַ קליין טיכעל אין האַנד און געהט.

— וואוהין, לאה, וואוהין איז דאָס? פלעג איך פרעגען.

— אָט, אבא, פלעגט זי שמייכלען — וואָס האָט דאָס צו דיר? מיש זיך ניט אבא אין מיינע געשעפטען. דו קענסט לייב׳ל זעלדעס? — נו האָט זי אַ טאָכטער און די וואָך איז ביי איהר חתונה. אָדער — דו קענסט זלאַטע סאָסיעס? — זי איז קראַנק און זי מוז האָבען אַ ציעג...

— אָט אַזוי שטענדיג, שטענדיג... איהרע צדקות!... איהרע גוטסקייט!... האַ?... וואָס זאָגסטו?...

— און אַמאָל... אַז איך בין נאָך געווען איך... הוי—אוי—אוי... הערסטו דאָך אַ מענש... אַ מ ע נ ש זאָג איך

ריר, — איז אַ נאַר . . . איך האָב דאַמאָלסט אַליין ניט געוואוסט
ווי גוט מיר איז . . . איך געדיינק . . . זומער . . . איך פלעג אויפ־
שטעהן . . . — זומער האָב איך געהאַט אַ טבע אויפשטעהן מיט׳ן
פאַסטוך גלייך — איז כ׳פלעג אויפשטעהן . . . פלעג אָבגיסען נעגעל־וואַסער. פלעג אַרויסגעהן אין עס־צימער. אין צימער איז
ליכטיג, ריין, צוגעקליבען. זאָג איך זיך מיר ברכות הויך, אויפ׳ן
קול. אָבגעזאָגט ברכות פלעג איך זיך מיר אָנשטעלען דעם סאַמאָ־
וואַר. ביז וואַנען דער סאַמאָוואַר וועט פאַרטיג ווערען פלעג איך
זיך מיר אַרוים אויפ׳ן גאַניק. נעבען גאַניק איז זיך אַ גרויסער
פלאַץ מיט גרינע גראָז בעוואַקסען. און אי די שטוב אי דער גאַנ־
צער פלאַץ אַרום דאָס שטוב — איז עס דיינע . . . אייגענע . . .
שטעהסטו זיך אַזוי אויפ׳ן גאַניק אַ ווייַלע און קוקסט . . . געהסטו
דערנאָך אין שטוב אַריין טהיי טרינקען. און אַמאָל — אַ זיסע
גלאָז טהיי, אַמאָל — מיט מילך — אַ בהמה איז ביי אונז תמיד
געווען און אַ שאַרפע! — ווי איך האָב געוואָלט, ווי עס האָט
זיך מיר געגלוסט. — וואָסי? . . . און דערנאָך אַ פאָר פרקים
משניות, מעמדות. אַמאָל — אַ שטיקעל גמרא אויך. אַ זייגער
האַלב אַכט, אַכט, פלעג איך זיך מיר אונטערוואַרעמען דעם סאַמאָ־
וואַר פאַר איהר . . . פון איהרטוועגען . . . זאָל זי אויך האָבען אַ
גלעזעל וואַרעמס, ווען זי וועט אויפשטעהן . . . און איך פלעג זיך
מיר אַוועקגעהן אין שוהל אַריין. און וואָסי? . . . מען האָט זיך
ווען געשטעלט אין שוהל זאָגען איזהו אהן מיר? אהן רב אבא׳ן? . . .
וואָסי? . . . און איך פלעג קומען אין שוהל „רב אבא, רב אבא
איז געקומען“ פלעגען אַלע ווערען צופריעדען. פלעג איך זיך מיר
אָבזאָגען מה טובו, איזהו און אַמאָל אַליין ביים עמוד ביז ברכו,
אַמאָל, אַנ׳אַנדערען געשיקט — רב אבא איז געווען רב אבא! . . .
נאָכ׳ן דאַווענען פלעג איך מיר קומען אַהיים און עס פלעגט שוין
זיין אָנגעגרייט קאַרטאָפעל. אַמאָל מיט פוטער, מיט סמעטענע,
אַמאָל מיט הערינג . . . וואָסי? . . . זי פלעגט מיר זשאַלעווען, צי
עס איז חלילה ניט געווען. וואָסי? . . . און דערנאָכדעם — ווייַ־
טער אין בית המדרש, ווייטער אַ בלאַט גמרא . . . דערנאָך מי־
טאָג. און אַ גלעזעל וואַרעמס נאָך מיטאָג — אַ „הליאָך“ איז
תמיד אין אויווען געשטאַנען! — און פאַר׳ן שלאָף, אַלע ביי־
נאַכט, אַלע ביינאַכט אַ גלעזעל מילך. אַמאָל — צוויי גלאָז

מילך. ווארום וואסי?... זי האט געזשאלעוועט, צי עס איז חלילה ניט געווען?... און וואס האט מיר געפעלט, און מכח וואס האב איך געדארפט דאגה׳נען דאן?... הא?... וואס?... וואס זאגסטו?...

און ווער האט דאס געקענט קלערען, אז איך... איך... איך דער בעל מיחוש, דער שלאפער — איך האב אלע מאל, נאך פון די יונגע יאהרען אן געהאט א מיחוש; עפעס די קאפ... דער זייט... — איז איך... איך וועל בלייבען לעבען און זי... זי.

איך געדיינק נאך ווי איצטער... אט ווי נעכטען וואלט דאס געטראפען... עפעס מיט א טאג פריהער האב איך זיך גע־פיהלט ניט אין גאנצען. עפעס ניט ביי זיך. עפעס די ביינער ברעכען, די קאפ, און דערהויפט דאס הארץ... דאס הארץ... עפעס אט, אט עס פאלט ארוים. א הארץ... א הארץ — איז א זייגער... איך האב געפיהלט עפעס אין הארצען טיאך, טיאך, טיאך, אט, אט איך חלעש... אט, אט און דער ארט וואו עס ליעגט דאס הארץ וועט ווערען פוסט... פוסט... איך געדיינק איך בין יענעם טאג צו מנחה און מעריב אויך ניט געגאנגען... און זי:

— אבא, אבא וואס איז דיר? וואס טהוט דיר וועה? נעהם, נעהם עפעס אין מויל, אבא, אגלעזעל ווארעמס מיט מאַ־לינעס, א גלאז מילך, אפשר א הון קוילען?... אבא... אבא אהער, אבא אהין... אבא... אבא...

איהרע גוטסקייט!

— עט, מאך איך — גארנישט עס וועט אריבערגעהן. עפעס די הארץ אט, אט זי געהט אוים.

און זי:

— ניין, אבא, מען דארף ניט פערלאזען. אבא, אבא נעהם עפעס אין מויל...

איהרע גוטסקייט... איהרע גוטסקייט!... הוי — אוי — אוי — אוי...

אין אווענד איך האב זיך אנגעטרונקען מיט טהיי מיט מאַ־לינעס און האב זיך געלעגט אברוהען. זי האט מיך ווארעם איינ־געדעקט נאר עפעס עס האט זיך ניט איינגעשלאפען. און זי זיצט

נעבען מיר און טרעט ניט אָב פון בעטעל.

'אה, זאָג איך איהר, געה, געה טהו וואָס אין שטוב. ניט זײַ אַזוי צוטראָגען... גאָרנישט... ס'וועט איבערגעהן... גאָרנישט... ווײַס איך, אָט די הארץ, די הארץ עפּעס ווי זי פּאַלט אַרויס...

און זי — נײַן. טרעט ניט אָב פון מיר.

— וואָס דאגה'סט זיך אַזוי מכח מיר, שמײכעלט זי זיך — איך בין דאָך עפּעס אַ געזונדטע.

אין מיט'ן בין איך זיך אַנדרעמעלט געוואָרען. אײַנגעשלאָפען. און איך כאַפּ זיך אויף — ס'איז שוין געווען היבשער טאָג. — ערשט זי, לאה, זיצט נעבען מיר. איך געדײַנק... איך האָב זיך אפילו אָנגעבײזערט אויף איהר:

— ס'טײַטש, מאַך איך — לאה, אַ גאַנצע נאַכט ביסטו געזעסען נעבען מיר, איך בין דען אַזאַ חולה מסוכן?

— אָט, זאָגט זי מיט איהר שמײכעל — און פון וואַנען ווײַסטו אַז איך בין געזעסען אַ גאַנצע נאַכט? גאָר אַ נײַעס... איך ווײַס... אַזוי... הער, און וואָס מאַכסטו הײַנט?

איך האָב זיך דוקא געפיהלט עפּעס ווי בעסער. איך האָב זיך אָבגעוואָסען נעגעל-וואַסער, בין מיר אויפגעשטאַנען, אָבגעזאָגט ברכות, אָבגעטרונקען טהײ און אַ פּאָר גלאָז מילך אויסגעטרונקען אויך אַ פּאָר אײַער סמיאַטקע אויסגעזופּט. איך האָב אפילו ניט געוואָלט... פּאַר'ן דאַווענען... נאָר זי... נו, און אַהין אַהער און בין זיך מיר אַוועק אין שוהל דאַווענען. זי האָט אפילו בײַ מיר געפרעגט; אפשר וועל איך ניט געהן אין שוהל וואָרום פּאָרט אַ קצת חולה נאָר איך האָב זיך אויסגעלאַכט און בין מיר אַוועק.

אַ נאַרעשקײַט געדענקט זיך. יענעם טאָג איז געווען עפּעס אַנ'אורחת אין שוהל אַ בעל יאָהר-צײַט... בכלל געדײַנק איך יענעם טאָג משונה פּונקטליך... אַלץ, אַלץ, איטליכע קלײניגקײַט אפילו און עפּעס ווי אָט, אָט... אָט האָט דאָס געפּאַסירט, אַלץ אַזוי קלאָר, געדײַנקט זיך מיר... איך געדײַנק אַז איך בין אַרויס פון טהיר זאָגט זי מיר מיט אַ המצאה

— מיט דער רעכטער פוס.

איהרע המצאות!...

יאָ בין איך געקומען אין שוהל און האָב זיך אָנגעהויבען צו ווערטלען זיך מיט דעם אורח. איך האָב אַנדערש ניט געוואָלט לאָזען איהם צום עמוד וואו ער זאָל ניט צו זאָגען אַ גאַנצע קוואָרט משקה און ער האָט אַלץ געהאַמפּערט זיך מיט מיר. לסוף זאָגט ער.

— אָבער זאָל זײַן ניט ווי איהר און ניט ווי איך — איך גיב צוויי קוואָרט און דוקא בחיר.

מ... אַ חכם און אַ גביר עצום!

נו, מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען. און אין מיטען דאַווענען, אַרום תחנון איך הער — עפּעס אַ ראָזורוך אין שוהל. נאָר וואָס קערט דאָס אָן צו מיר? שטעה איך זיך מיר אומגע-קעהרט מיט דעם פּנים צום וואַנד און הער זיך צו חזרת הש״ץ. ערשט מען געהט צו צו מיר.

— רב אבא, לאה רופט אײַך...

מיר איז פּלוצים פינסטער געוואָרען אין די אויגען איך בין נאָר מבוהל געוואָרען און אין הארצען בײַ מיר האָט זיך ווי עפּעס אָבגעריסען... אין מיטען דאַווענען... ס׳טײַטש, לאה וועט שי-קען רופען מיר אין מיטען דאַווענען אַ היים... לאה... מיר אין מיטען דאַווענען... חאַפּ איך דאָך שוין מסתמא אויף גיך אַראָב פון זיך דעם טלית מיט׳ן של ראש, און מיט׳ן של יד אויפ׳ן האַנד לויף איך ווי אַ משוגע׳נער אַהיים. איך קום צו צום שטוב — גאַנצע רעדלעך מיט מענשען שטעהן אַרום; שכנים, בעקאַנטע, גוטע פרײַנד און אַלע אומעדיג מיט פערדראָסיגע פּנים׳ער צוטראָגענע. איך פרעג: „וואָס איז דאָס?... האָט רחמנות זאָגט, וואָס האָט דאָס געטראָפען!״ מען שווײַגט... „געוואַלד, בעט איך זיך, האָט רחמנות זאָגט, וואָס, וואָס איז דאָס?״ אַלע שווײַגען און קוקען אויף מיר מיט רחמנות, לויף איך דאָך אַרײַן אין שטוב ערשט — וואָס זאָל זײַן?... זי ליעגט שוין אויפ׳ן בעטעל, דער פּנים איהרער איז בלאַס ווי בײַ אַ טויטען און זי איז שוין אַביסעל ניט בײַ-זיך. איך האָב זיך אַ קעהר געטהון צום רופא וואָס איז געשטאַנען נעבען בעטעל און ער האָט אויף מיר אַ בליק געטהון ווי אײַנער זאָגט: איהר זעהט דאָך. און וואָס זאָל זײַן?... איך האָב באַלד, תיכף, תיכף פערשטאַנען. איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט נעבען בעטעל און שטעה און טראַכ-

רען גיסען זיך... איך שטעה און איך וויין און וויין... אין דע־
רינען האט זי זיך ווי אויפגעחאפט זיך עפעס ווי פון א שווערען
שלאף. האט א לאנגען בליק געגעבען אויף מיר.

— אבא, מאכט זי מיט א שוואכער שטימע קוים וואס
מען האט געהערט.

— וואס? פרעג איך.

— אבא, וואס וויינסטו? פרעגט זי.

— ניין, ענטפער איך, איך וויין ניט, און טרעהרען הלי־
פען ביי מיר אין האלז.

— ניין, זאגט זי, אבא, דו וויינסט.

— איך וויין ניט, זאג איך נאכאמאל און טרעהרען גיסען
זיך, גיסען זיך פון די אויגען.

— אבא, אבא.. מאכט זי, אבא, דו וויינסט...

דא האב איך שוין ניט געקענט... ניט געקענט איינהאל־
טען זיך און איך האב זיך פונאנדערגעחליפעט אויפ׳ן קול...
ביטער... ביטער... הא?... וואס קוקסטו אזוי אויף מיר?...
איך וויין... איך וויין איצט אויך... פערציג יאהר, ברודער...
פערציג יאהר געלעבט צוזאמען... א ווארט אויף א ווארט ניט
פערביטען... פערציג יאהר... פערציג יאהר...

„ווי אזוי, זאג איך איהר, זאל איך ניט וויינען... לאה...

— אבא, מאכט זי, אבא א מענש דארף אלע מאל זיין
א מענש, מען דארף זיך שטארקען... מן הסתם וויל ער אזוי...
אבא...

זי... זי האט מיך געטרייסט — א מאנסבילשער קאפ!

אין מיטען איז זי ווייטער עפעס ווי ניט ביי־זיך געווארען.
ניין!... שטארבען איז זי געשטארבען ביין זינען, מיט א דעת.
האלט איך אזוי שטארבען מיט אזא דעת ווי זי.

אין א ווייל ארום האט זי זיך ווידער אויפגעחאפט.

— אבא, מאכט זי צו מיר אומעטיג, איך וועל עפעס
הא̇בען פון דיין לערנען און דאווענען אויף יענער וועלט?...

— לאה, האב איך זיך פונאנדערגעוויינט, עס איז דאך
אין גאנצען דיינע, אין גאנצען דיינע... דו... דו האסט דאך
מיך מפרנס געווען... דו... דו... אלץ דו... אין גאנצען
דיינע...

דערנאָך האָט זי געבעטען, אַז איך זאָל מיט איהר זאָגען וידוי, און דוקא איך זאָל מיט איהר זאָגען וידוי האָט זי געוואָלט. דוקא איך — און ניט קיין אַנדערער... דוקא איך...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— דוקא איך!...




קואסקא

# אַמאָליגע יאָהרען.

— און בכלל... עס איז ניט דאָס... ניט אַמאָליגע יאָהרען!... איך רעד שוין ניט וועגען זיך, וועגען מיין לעבען גופא, וועגען דעם, ווער בין איך אַמאָל געוועזען און ווער בין איך איצטער. איך רעד בכלל... בכלל — ניט אַמאָליגער לעבען און ניט אַמאָליגע מענשען... גאָרניט דאָס — אָבער לגמרי ניט!... אוי-אוי-אוי...

וואָס זאָל איך דיר זאָגען?... דו ביסט דאָך נאָך אַ יונגערמאַן, וואָרום וויפיעל ביסטו אַלט? אַרום ארבעים דאַכט מיר? האַ?... יאָ?... הייסט עס אַנטקעגען מיר ביסטו נאָך גאָר אַ יונגערמאַנטשיק, אָבער איך... איך געדיינק נאָך גאָר אַמאָליגע מענשען — אַנ׳אַנדער דור געוועזען, אַנ׳אַנדער דור!... דאַן, אַמאָל, איז טאַקע געוועזען אַ דור פון מענשען מיט גרויסע קעפּ, מיט הייסע הערצער, מיט אמונה טאַקע און בטחון און מיט אַ סך עבודה... מ׳מע...ע — אַנ׳אַנדער דור, אָבער לגמרי אַנ׳אַנדער דור!...

האַ, וואָס זאָגסטו?...

אָט למשל רב ישראל... שוין דאָ, גאָר דאָ אין די לעצטע יאָהרען. און אי איך אי דו, אי דאָס גאַנצע שטעדטעל, אַלע, אַלע האָבען דאָך איהם געקענט. נו?... און ווער איז געוועזען רב ישראל? דאַכט זיך מעהר ניט ווי אַ יוד אַ סוחר, אַ יוד אַ קרעמער. נו — אַ גרויסער קרעמער, דער צו אַ גרויסער עשיר אויך. אָבער... און ער איז דאָך געוועזען בראשו ורובו, דאַכט זיך, אַריינגעטהון אין קראָם, אין געשעפט. און מען פלעגט דאָך דערצעהלען אויף איהם, אַז אפילו אַ גראָשען-זאַך פלעגט ער

ניט דערלאָזען, אַז עס זאָל אַוועקגעהן לאיבוד בנוגע צום געשעפט.
ניין! — בנוגע צו אַ דבר צדקה איז דוקא געווען ביד רחבה און
וואָס הייסט ביד רחבה, ממש הויפענס, הויפענס געלד געשאָטען,
וואו מען האָט נאָר בעדאַרפט. און איך פרעג בײַ דיר, אדרבה,
וואו חאַפּט מען איצט נאָך אַזאַ יורען?... עס איז דאָך ממש אַ
פערגעניגען צו דערמאָנען זיך וועגען אַזעלכע יורען... און איך
געדענק נאָך איהם, רב ישראל'ן פון דער יוגענד אָן, וואָרום מיר
זענען דאָך אָנגעקומען בײדע פאַר אײדימס אַהער אין אײן צײַט,
און עפּעס תיכף זענען מיר געוואָרען אוהבים נאמנים.

איך געדענק נאָך ווי איצטער... איך בין דאָך דענסטמאָל
אָנגעקומען אַהער פאַר אַן'אײדעם צו מײַן שווער, צו רב מאָטע-
לען, הייסט דאָס. אַ מיטעלער בעל-הבית, נאָר אַ בר-אורין און
זעהר אַן'אָנגענומענער אין שטעדטיל און ער, רב ישראל, איז דאָך
אָנגעקומען צו רב לײַב'ן. רב לײַב איז דאָך דאַמאָלסט געווען דער
גרויסער נגיד און דער גרויסער למדן און מיט דעם גרויסען שם
אויף דער וועלט פאַר זײַן אָרענטליכקײַט און זײַן גרוים קלוג-
שאַפט, ס... — ער איז געווען אַ מדינה-חכם!... אמת,
אפילו, זײַנע געשעפטען אויף קלאָר האָט קײנער ניט געוואוסט,
זײַן געלד האָט קײנער ניט געצעהלט, מען פלעגט מעהר ניט ווי-
סען, אַז ער פאָהרט אַלע יאָהר אין ניזשנע... נאָר די פיהרונג,
דער פאַראַד!... יאָ... הײַנט פערשטעהט מען דאָך, אַז רב
לײַב'ס אײדעם בעדאַרף זײַן אי אַ למדן, אי אַ גרויסער חכם,
אי... — מיט אַלע מעלות! און כך הוה — רב ישראל איז
טאַקע דאָס געווען... און אַז ער איז אָנגעקומען אַהער האָט ממש
דאָס גאַנצע שטעדטעל גע'רעש'ט... איך געדענק נאָך ווי איצ-
טער... דער רב אונזערער, ר' בער עליו השלום, ער איז דאָך
געווען דער גרויסער עהרליכער יוד, נאָר אין דער יוגענד איז ער
קײן גרויסער למדן ניט געווען. דערנאָכדעם ערשט, אויף די על-
טערע יאָהרען, אַז ער איז געזעסען יום ולילה און האָט געלערענט
האָט ער געקראָגען זײַן גרויסען שם אויף דער וועלט... יאָ...
איז האָט ער זיך אַביסעל דערשראָקען פאַר רב ישראל'ן, נו...
קען מען זאָגען?... פאַרט אַ יונגערמאַנטשיק און אַזאַ גרויסער
למדן און ער אַ רב... ע... מאַכט דאָך ניט אוים!... איז רב
ישראל, דעם אַנדערען שבת נאָך דער חתונה, אין שוהל נאָכ'ן

דאווענען אין דער פריה, צוגעגאנגען צום רב — ווארום ער האט תיכף פערשטאנען די מעשה — און מאכט צו איהם אזוי, בדרך הלצה:

— רבי, איך פערשטעה ניט?... רייכער מאג איך זיין פאר אייך און... גאר א נייס! — א רב איז א רב און א גביר'ס אנ'איידעם איז א גביר'ס אנ'איידעם...

ס'מאכט דאך ניט אויס, דער רב איז דאך געווען גארניט קיין נאר... און דערצו דער גרויסער ערליכער יוד און א חסיד אויך — מאכט ער:

— אויב אזוי, רעכען איך טאקע היינט געהן אויף ברכה צום גביר'ס איידעם, און האבען זיך ביידע פונאנדער געלאכט... אמאליגע יאהרען!...

יא.. איז וואס האב איך דיר געוואלט דערצעהלען?.. יא!... מכח דעם... ס'איז אפילו א נארעשקייט, נאר איך געדיינק דאס נאך ווי איצטער... און ווען מיר פלעגען זיך טרעפען, איך מיט רב ישראל'ן, פלעגען מיר זיך דערמאנען אן דעם... דאס האט געטראפען א יאהר אנדערטהאלבען נאך אונזערע חתונות. מיר זענען נאך דאן געווען יונגעלייט, און וואס הייסט יונגעלייט? — איצט אין די צייטען וואלטען מיר נאך געהייסען יונגע יונגלעך... חע—חע—חע—ווארום סך הכל בין איך דאמאלסט אלט געווען ארום נייַנצעהן־צוואנציג יאהר, און ער, רב ישראל, אויך קרוב אין די יאהרען... איז פארנאכט בין מנחה למעריב פלעגען מיר זיך ביידע דורכגעהן שפאצירען חוצ'ן שטעדטעל, אט דא ניט וויַט. דעם פריצ'ס וואלד איז נאך דאן געווען ניט קיין אויסגעהאקטער... דער טאהל דערביי איז נאך דאן געווען א טיעפערער און דאס טייכעל איז נאך ניט געווען פערוואקסען ווי איצטער... ס'איז געווען א פערגעניגען ממש צו שפאצירען דארטען! דו ווייסט דאך? מען פלעגט דאך אנפאהרען צו אונז די גבירים פון גאנצען געגענד אויף זומער. יא... איז בין מנחה למעריב פלעגען מיר זיך שפאצירען א חוצ'ן שטעדטעל. מען חזר'ט זיך א מאמר חסידיש אמאל איך, אמאל ער, און מען געהט זיך ארום... איינמאל, מיר געהן שוין צוריק אין שטעדטעל, און טאקע שוין גארניט וויַט פון שטעדטעל, ערשט מיר האבען דערהערט עפעס גראבע קולות... עפעס א שיכור'ן געזאנג. מיר געהן אב נאך א

פאַר טריט — ערשט וואָס זאָל זיין ? א פּאָר שיכּור׳ע פּויערים גײען פון שטעדטעל אַנטקעגען אונז און מען שרײַט, מען זינגט אָט עפּעס פון זייערע ניגונים אַ מין זייערער א ניגון ווי „דעוויקא״... וואָס זאָל זיין ? — אַ פּויער א שיכּור ! ... נו, הײַנט וואָס טהוט מען ? א גוי איז דאָס, שיכּור איז דאָס אויך, נו, איז פּגיעתן רעה... רב ישראל האָט, אפילו, געוואָלט געהן ווײַטער:

— גאָר, מאַכט ער, קום — מיר זענען דאָך געווען אויף „דו״ — ממה נפשך, מיר וועלען זעהן.

נאָר איך האָב עפּעס פּחד געהאַט:

— וואָס הייסט, מאַך איך, מיר וועלען זעהן ? מיר וועלען טאַקע הערען אויך...

רב ישראל האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

– נו, זאָגט ער, וועלען מיר זיי זאָגען דעם פּסוק: רשע למה תכה רעך ?...

— אָבער זיי פערשטעהן דאָך ניט קיין לשון קודש, שטעה איך און המצאה זיך און טרײַסעל זיך פאַר שרעק.

— נו, מאַכט ער, וועל איך זיי זאָגען אויף פּראָסט יוריש: דו, חמור אײנער, געזונג אַז דו לעבסט אויף דער וועלט, אַז דו טרעטסט מיט דײַנע גראָבע לאַפּטשעס די כנפי השכינה — שלאָגסטו זיך נאָך...

הקיצור, אַ המצאה אַהער, אַ המצאה אַהין, עס איז ניט גוט. נו, איז געבליבען, אַז מען זאָל אַרויפחאַפּען זיך אויף אַ בוים און וואַרטען ביז די פּויערים וועלען פאַרבײַגעהן. געהן אין וואַלד אַרײַן איז שוין געווען שפּעטלעך און יונג איז מען געווען, חסידים איז מען — שטיפער, מילא איז געבליבען אַזוי צו טהון. נו, איז מען אַרויפגעקראָכען אויף אַ בוים, פריהער איך, נאָכדעם ער, און מען זיצט אויף אַ צווײַג פונ׳ם בוים... זיצט מען... און מען חזר׳ט שטילערהייט אַ מאמר פון רב׳ן... דערווײַל איז שוין געװאָרען שפּעטלעך; דער הימעל האָט אויסגעשטערנט, די לבנה האָט זיך שוין אויך בעוויזען צווישען זיי, אין דער גאַנצער געגענד אַרום איז געווען שטיל, עס האָט זיך מעהר ניט געהערט דאָס טײַכעל דערבײַ און די זשאַבעס, וואָס ווי אין פּרק שירה ווערט געבראַכט, זאָגען זיי אַלע זומער פאַרנאַכט שירה... און אין האַרצען קלעמט עפּעס... קלעמט... דאַכט זיך וואָסי

וואָס ? דער ריח פון די גראָזען איז טאַקע מחיה נפשות, און עס איז, דאַכט זיך, אַזאַ פערגנעגנגען... אַזאַ פערגעניגען — זומער פּאַרנאַכט הוצ'ן שטאָדט!... נאָר... מעריב-צייט.. תפלה בצבור... ע... מען איז דאָך אַ יוד... און אַז עס קומט די צייט פון דאַוונען איז... מאָהנט דאָך... עס מאָהנט... — דאַוונען-צייט!. יאָ... זיצט מען זיך... און אין גאַנצען אַרום איז שטיל... די נאַכט קומט שוין אָן... אין מיטען קעהרט זיך צו מיר אום רב ישראל מיט אַ טרויעריגען פּנים:

— אבא, דו הערסט?

איך הער זיך צו גוט, נאָר איך ווייס ניט וואָס ער מיינט

— וואָס זאָל איך הערען? מאַך איך שטיל.

— הער זיך צו גוט, מאַכט ער, פון דאָרטען, וואו דער בית המדרש איז... וואו די פייערלעך זעהען זיך...

— יאָ, זאָג איך, איך הער... מען דאַווענט אין שול מעריב, „שמע ישראל” זאָגט מען...

— און דעם פויער'ס געזאַנגען הערסטו אויך?...

— איך הער, האָב איך געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ...

— אבא, מאַכט ער מיט התלהבות, וואָס פאַר אַ סבלן ער כביכול איז... אבא... איך קען ניט איינרוהען... יורען דאַוונען און דער שיכור'ער געזאַנג... „שמע ישראל” און... אבא.. און ער ליידט דאָס... ער איז דאָס סובל... אבא... און פון גרויס התלהבות, ווען ניט איך, וואָלט ער אַראָבגעפאַלען פון בוים... קוים, קוים, וואָס איך האָב איהם צוגעהאַלטען...

יאָ... אַמאָליגע יאָהרען!... עפּעס, אַז איך דערמאָן זיך אין יענע יאָהרען, וואָלט איך מכח זיי גערעדט און גערעדט, דערצעהלט און דערצעהלט, טאָג און נאַכט... און מיר וואָלט קיינמאָל ניט מיאוס געוואָרען.. עפּעס מען פערגעסט זיך דאַמאָלסט אָן אַלץ, וואָס מען זעהט איצטער פאַר די אויגען... אוי-אוי-אוי — אַמאָליגע יאָהרען!... נאָר ניט דאָס בין איך אויסען צו דערצעהלען דיר... איך וויל דיר זאָגען אַנטקעגען רב ישראל'ן... יאָ... זענען דאָך ביי רב ישראל'ן געווען אַלערליי צייטען אין זיין לעבען; גוטע און שלעכטע, און ווייטער שלעכטע און גוטע... עס איז דאָך אויך געווען די צייט, ווען זיין שווער רב לייב איז מיט אַמאָל אויס תקיף געוואָרען, און ער, רב

ישראל, האָט געמוזט אַריינמישען זיך אין געשעפט, און לסוף איז ער דאָך טאַקע אַריין אין געשעפט בראשו ורובו. ער האָט דאָך געמאַכט די קראָם און האָט דאָך אָנגעהויבען זעהר מצליח צו זיין, ביז וואַנען ער איז עולה געוואָרען צו זיינע גרויסע עשירות... און אַחוץ דער קראָם האָט ער דאָך געהאַט נאָך גרויסע עסקים; ער פלעגט דאָך אַרומפאָהרען אין מרחקים; אין סמאָלענסק, אין וויטעבסק, אין האַרקאָוו, אין מאָסקווע, און אויך אין אויסלאַנד... וואָס? — עפּעס אַ קלייניגקייט זיינע געשעפטען!... יאָ... און פונדעסטוועגען איז רבּ ישראל געווען רבּ ישראל... דאַכט זיך אַז דו זעהסט רבּ ישראל'ן אין גאַס, געהענדיג מיט אַ סוחר אָדער מיט אַ סרסור... אָדער ווען דו זעהסט ווען ער שטעהט אין זיין קראָם... און מען פלעגט זאָגען אויף איהם, אַז אין געשעפט־זאַכען איז דאָס געווען איין בריה, איין קלוגער, און אַזוי איבער־געגעבען צו זיי... און דאָך...

איינמאָל... שבת־צונאַכט — שבת־צונאַכט פלעג איך אַלע מאָל אַריינגעהן פערברייגגען צו רבּ ישראל'ן. מען זיצט, מען טרינקט אַ גלעזעל וואַרעמס, מען רעדט מכח דעם רבּ'ן, מכח אַ מאמר חסידיש, אָדער אַמאָל אַזוי, גלאַט געשמועסט; וועלט־זאַכען. דאָס איז געווען אָט, דאָ ניט לאַנג, אין זיינע לעצטע יאָהרען. בין איך געקומען צו רבּ ישראל'ן, איך בין זיך אַריין אין שטוב, אַריין צו איהם אין זאַל — ער האָט דאָך געוואוינט אין גרויס עשירות — און איך האָב איהם ניט געפונען. איך קוק זיך אַרום ערשט דערביי איז אַ צימער. די טהיר פון צימער איז געווען אַביסעל אָפען, ער זיצט און איז פערטיפט אין די גרויסע ביכער פון זיין געשעפט. נו, טומלען איהם אַ קאָפּ, ווען ער איז פערנומען? — האָב איך זיך גענומען אַ ספר און האָב מיר מעיין געווען. אין דערינען איז זיך אַריין זיין פלונית'טע, רבּ לייב'ס טאָכטער. זי איז דאָך אויך געווען די גרויסע עהרליכע יודענע און זעהר אַ קלוגע. און מיר האָבען זיך אַביסעל דורכגעשמועסט. נאָכדעם איז זי אַוועק. דער קאָפּ האָט עפּעס מיר וועה געטהון, און איך האָב עפּעס געפוילט זיך קוקען ווייטער אין ספר. זיץ איך אַזוי און קוק זיך אויף רבּ ישראל'ן. און ער האָט דאָך געהאַט אַ מאָדנעם הדרת פנים: זיין גרויסער שטערן, אויף וועלכען עס איז געלעגען דער „צלם אלהים“, היינט זיין גאַנצער פנים... יאָ...;

זיץ איך אזוי און קוק אויף איהם, ווי ער זיצט אין זיין זיידענער יארמעלקע — אין שטוב פלעגט ער שטענדיג אומגעהן אין א זיידענע יארמעלקע, וועלכע ער האט אליין געבראכט פון אויסלאנד — און איז פערטיעפט אין די חשבונות. אין מיטען, עפעס גאר, דאכט זיך, כלאחר יד האט ער ארויסגענומען זיין זילבערנע שמעק־טאבאק־פושקע צו נעהמען א שמעק טאבאק און האט זיך עפעס שטארק פערקוקט אויף דער פושקע. קוק איך אויף איהם און ער קוקט אויף דער פושקע. און ער קוקט און קוקט אויף איהר און זיין שטערן ווערט עפעס שטארק פערטיעפט אין מחשבות. און אט אזוי קוקענדיג אויף דער פושקע, האט ער אין דערינען אנגעהויבען צו חזר'ן דעם רב'נס א מאמר, וועלכען, מיט א קלייגער צייט פריהער, האט ביי אונז אין שטעדטעל איבערגע'חזר'ט דער „בעל משפיע", וועלכער איז דורכגעפאהרען. דער מאמר איז טאקע זעהר א טיעפער. עס רעדט זיך מכח דעם, וואס אין שמע ישראל רופען אן די יודען דעם „הויה" כביכול בשם „אחד" און דאס וואס די גמרא זאגט, אז חותמו של הקב"ה איז „אמת" און עס ווערט ארומגעקלערט דארטען, אז וויבאלד נאר אמת מוז זיין אחד און אחד איז שוין אמת... איז... ע... זיצט ער זיך אזוי און דרעהט די פושקע און דרעהט זיך און קוקט אזוי מארנע אויף איהר און חזר'ט זיך פערטיעפטערהייד דעם מאמר און זיין פנים ווערט אלץ פון מינוט צו מינוט מעהר פערטיעפט, מעהר פול מיט התלהבות פון שמחה אט ווי עפעס א נייע מחשבה איז אריינגעפאלען ביי איהם אין מוח אריין... און פלוצים פערטיעפען זיך מארנע זיינע אויגען און ער הויבט אן טענה'ן צו זיך אליין:

— רב ישראל, געווים אזוי... אמת... אמת... אמת — מוז זיין איינער!... ווארום... ווארום... אט, למשל, אט די פושקע... אז איך זאל וועלען זאגען „שקר" קען איך דאך זאגען, אז די פושקע איז א צוויי קאנטיגע, א דריי קאנטיגע, א פינף קאנטיגע, א צעהן קאנטיגע, א הונדערט קאנטיגע, א... א... א... טויזענד קאנטיגע — נישטא קיין גבול און קיין סוף צום שקר!... און „אמת" — א פיער קאנטיגע... אמת — איז איינער... אחד... אחד... איין אמת... ד' אחד!...

און ער האט זיך אויפגעהויבען פון טיש, און האט אוועקגעלאזען די ביכער מיט די חשבונות מיט דעם גאנצען האק און

פּאַק, און האָט אָנגעהויבען צו זינגען און איז זיך אַוועק אַליין אַ טענצעל איבער׳ן צימער, און וואָס הייסט אַ טענצעל ? . . . אָט ווי אַ גרויסער חסיד קען . . . און מיט מורא׳דיגע התלהבות . . . איך זאָג דיר, אַז ווען דאָס וואָלט געזעהען אַ מתנגד, זאָג איך דיר, אָדער אַזוי רב ישראל׳ס אַ בעקאַנטער סוחר צו אַ סרסור זיינער, וואָלט ער ניט געגלויבט, וואָס די אויגען זיינע זעהען. אָדער ער וואָלט קלערען, אַז רב ישראל איז משוגע געוואָרען, ס׳טייטש רב ישראל דער פּקח; רב ישראל דער סוחר, רב ישראל דער קרע= מער . . . און אין מיטען דערינען ? ! . . . און איך זאָג דיר וואָס הייסט מיט התלהבות . . . ער טאַנצט . . . טאַנצט . . . און זינגט און טענה׳ט צו זיך מלא שמחה :

— רב ישראל, לעבעדיגער ! . . . רב ישראל, אַ אמת — איז איינער ! . . . איין אמת . . . איין אמת . . . ד׳ אחד . . . ! . . . לעבעדיגער, רב ישראל . . . לעבעדיגער ! ! . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ד- אַמאָליגע יאָהרען ! . . .


ב קואטקא
אַמאָל

# אמאליגע יודען.

וואס זאל איך דיר זאגען? — איך רייד מיט דיר, איך דערצעהל דיר פון אמאל, פון אמאליגע יאהרען און עפעס עס קלעמט, עס קלעמט מיר דאס הארץ...

אז איך דערמאהן זיך אויף אמאל... אמאל... ווערט דאך מיר אזוי היימליך, פרעהליך און ווארים. ווארים ווערט דאך מיר אין הארצען. אבער איך פרעג ביי דיר: וואו נעהמט מען איצט אנ'אמאליגען יודען? וואו?... וואו זענען עס איצט אט די אמאליגע יודען מיט די שענע, לאנגע בערד און פיאות, מיט דער התלהבות אין זייערע פנים'ער, מיט דעם היץ, מיט'ן ברען, מיט דעם פייער אין הארצען, מיט דעם גרויסען בטול־היש ביי זיך, סיי דאס גאנצע חומר'דיגע לעבען און מיט דעם גרויסען בטחון און אמונה... וואו?... אז איך טהו ווען א טראכט וועגען א איצטיגען יודען, איז א שוידער לויפט דורך איבער מיינע ביינער... איך זאג דיר, ממש א שוידער, א פראסט. עפעס אזוי קאלט, אזוי קאלט... אוי—אוי—אוי...

אמת. דאס עצם לעבען, אין גשמיות הייסט עס, איז דעמאלט אויך געוועזן ניט קיין אי—אי. וואס זאל זיין? — דאגת פרנסה. הייסט דער עול הגלות גופא. ווארום וואסי? מען איז דאך אין גלות... טאקע אין פינסטערן און ביטערן גלות... הייסט די גזרות רעות... דא א גירוש, דא א בלבול, דא גלאט פון העלער הויט הויבט אויף עשו זיין גרויסע, גראבע, האהריגע האנד... יא... אמת... אבער עס איז דאך געוועזן מעהר כח אין זיך... מעהר פייער אין הארצען... און דאס גשמיות'דיגע, חומר'דיגע לעבען האט מען דאן געקענט מבטל זיין. און וואס

הײסט מבטל זײַן? — טאַקע מבטל געװען ממש בתכלית הביטול... װאָס זאָל זײַן? אַז מען לעבט, דאַרף מען אָפּקומען... אָבער דער עיקר איז — אַ גאָט האָבן מיר. און יודען זענען מיר... חע-חע-חע... אודאי אַזױ: אַ גאָט האָבן מיר און יודען זענען מיר!...

װאָס דאַרפסטו אַ סך? אָט לאָמיר נעמען אײנעם פון די אַמאָליגע יודען. אָט, למשל, רב מאָטע. — שױן אונז צו לאַנגע יאָהר — דו האָסט דאָך איהם געקענט װען ער איז שױן געװען אין די עלטערע יאָהרען. איך האָב דאָך אָבער איהם געקענט װען ער איז נאָך אַ יונגערמאַנטשיק געװען. יונגערמאַנװײַז האָט ער דאָך געװאױנט אױפ׳ן ישוב. אָט דאָ אַ װיאָרסט פיער פון דאַנען. זײַן פאָטער איז דאָך דאַן רײַך געװען. האָט ער איהם אַ קרעטשמים גענומען און האָט איהם דאָרט בעזעצט. נאָכדעם ערשט, אין עטליכע יאָהר אַרום, װען זײַן פאָטער האָט אָנגעהױבען אַראָב פון מעמד און איהם אַלײן איז אױך זעהר ניט געגאַנגען, האָט ער זיך בעזעצט בײַ אונז אין שטעדטעל. און בײַ איהם, בײַ רב מאָטען הײסט עס, איז דאָך געװען אַלערלײַ צײַטען: גוטע און שלעכטע און װײַטער גוטע און װײַטער שלעכטע. און טאַקע גאָר, גאָר גוטע און גאָר, גאָר שלעכטע. און פונדעסטװעגען איז זיך רב מאָטע אַלע מאָל געװען רב מאָטע — רב מאָטע!...

איך געדענק נאָך אָט װי הײַנט װאָלט עס געטראָפען. אײנמאָל, דאָס איז געװען װען ער האָט נאָך אױפ׳ן ישוב געװאױנט, האָט ער געקױפט תבואה. פלוצלונג זענען די מקחים פון תבואה אַראָבגעפאַלען אָבער אַזױ, אַז ער האָט געהאַלטען בדיל-הדל צו װערען. האָט פון דעם דאָס גאַנצע שטעדטיל גע׳רעש׳ט. און עס האָט טאַקע אַלעמען זעהר פערדראָסען. בכלל, אַז אַ יודען געהט ניט — פערדריסט עס. הײַנט בפרט רב מאָטען! ס׳טײַטש, רב מאָטע, אַ דערבײַאיגער ישוב׳ניק, אַזאַ יוד און אַזאַ נדבן. װאָרום אַז ער פלעגט קומען צו אונז אין שטעדטיל, איז װאו נאָר מען האָט נעדאַרפט: אַ הכנסת כלה, לחם אביונים, אַזױ אַנ׳אָרימען יודען אָדער פאַר׳ן בית המדרש, מען דאַרף האָבען אױף װינטער האָלץ — אומעטום די גרױסע, די שענע נדבות. ממש אַנ׳אָפּענע האַנד! — אַלעמען האָט עס דאַן אָנגערירט. בעגעגען איך איהם דאַן אין גאַס. ער איז עפּיס גראָד דעמאָלט בײַ אונז אין שטעדטיל

געווען. ווילט זיך מיר טרייסטען איהם. געה איך צו איהם צו און זאָג איהם:

— רב מאָטע, ניט זייט אזוי צוטראָגען. אין לעבען טרעפט אַלץ.

שטעהט ער אַזוי און קוקט אויף מיר

— עט — זאָג איך — אייער פאָטער איז דאָך רייך, וועט ער אייך צו־העלפען.

טהוט ער אַשמייכעל. נעהמט מיך אָן ביים לאַץ און מאַכט צו מיר:

— רב אבא, ניט זייט אונרוהיג. נישקשה. איך אַליין זאָרג גאָרניט. איהר זאָגט דאָך, איך האָב אַ רייכען טאַטען. היינט מה דאָך, אַז איך האָב צוויי רייכע טאַטעס...

קוק איך דאָך אויף איהם און וואונדער זיך. וואָס הייסט צוויי?

— רב אבא, — מאַכט ער, — וואָס קוקט איהר מיך אַזוי אָן? — אודאי צוויי... און דער טאַטע אין הימעל... דער רבונו של עולם... נישקשה, ער קען צו־העלפען... ער קען... ער קען...

— אגב — מאַכט ער ווייטער — אויב „ער" וויל ניט העלפען, דאַרף מען ניט. איך האָב זיך מיינס אָבגעטהון. מען דאַרף מפרנס זיין אַ ווייב און קינדער — האָב איך פון מיין זייט אַלץ געטהון צוליעב דעם. האָב תבואה אויך געקויפט. דאָס איבעריגע איז שוין שייך צו איהם... צו איהם... און אין זיינע הנהגות מיש איך זיך ניט... ניין...

אַמאָליגע יודען!...

יאָ. איז וועגען רב מאָטען. רב מאָטע איז דאָך געווען אין זיינע יונגע יאָהרען אַ גרויסער למדן, אַ בקי אין ש"ס און פוסקים און איז דאָך געווען דער פייערדיגער חסיד. אַליין איז ער געווען אַ הויכער מיט אַ שווארץ פערוואַקסען פנים. אַ פנים מיט באָרד און פיאות. און מיט אַ פאָר שווארצע, פערטראַגענע אויגען. און תמיד איז ער דאָך געווען פערקלערט, פערטראַכט ווי ניט אויף דער וועלט. וועגען זיין פערטראַכטקייט דערצעהלט מען דאָך גאַנצע מעשות.

מען דערצעהלט דאָך אויף איהם, אַז איינמאָל, ווען ער

האט נאך אויפ׳ן ישוב געוואוינט, דאן ווען רב מאטע איז נאך אויפ׳ן ישוב געזעסען, האט ער דאך נאך זעהר א סך געלערנט. און דערהויפט לערנען איז ביי איהם דאן געווען אין דער־פריה. איז איינמאל, א זומער אין דער־פריה, איז ער זיך אזוי ווי אלע מאל אויפגעשטאנען זעהר פריה און האט זיך געזעצט לערנען. און אז מען זיצט זיך און מען לערנט, זומער אין דער־פריה, ביי זיך אין שטוב. איז מען דאך אנגעטהון נור אין ארבע כנפות, אויפ׳ן קאפ די שלאף־יארמולקע, דורך אין פעדערן, נאך אין די שיך און זאקען און מען זיצט און מען לערנט. אין מיטען דערינען האט איהם עפעס א פויער א רוף געטהון פון שטוב ארויס — ער האט געבראכט א וואגען תבואה צו פערקויפען. האט ער פערמאכט די גמרא, האט אינוויינינג, אין דער גמרא, אריינגעלעגט זיין טיכעל, עס זאל זיך ניט פערמישען וואו ער האלט און איז ארויס אנקוקען די תבואה. מיט דעם פויער איז ער עפעס ניט מושוה געווארען אין מקח. דער פויער איז זיך אוועקגעפאהרען ווייטער און ער איז זיך געבליבען שטעהן נעבען זיין שטוב. און אט אזוי שטעהענדיג נעבען שטוב, האט ער זיך מיט אמאל דערמאהנט, אז ער דארף וואס נויטיג מעין זיין אין א ספר און דער ספר איז דוקא ביי איהם נישטא. איז וואס זאל זיין? איז ער זיך אזוי אוועק, אט ווי ער שטעהט, גלייך אין שטעדטיל, א וויארסט פיער, אין בית המדרש אריין, איינקוקען זיך אין ספר. ביי אונז אין שטעדטיל האט מען זיך פערוואונדערט. עס איז דאך זומער, אין שטעדטיל שטעהט מען דאך אויף פריה. אויפ׳ן גאס איז ווארים, ליכטיג. און זומער האט דאך אין זיך א טבע, אז עפעס עס שלעפט, עס ציהט אין דרויסען, אין גאס ארויס. ווארום עס איז דאך רעכט, אז דו זאלסט זיך זומער א גאנצען פריה־מארגען אבשטעהן זיך אויפ׳ן גאניק, אדער א פאר־נאכט אדורכגעהן זיך חוצ׳ן שטעדטיל אויך. הײנט דער אמאליגער וואלד ביים שטעדטיל. דאס טייכעל. איז עפענט מען זיך אויף די טהיר און מען שטעהט אויפ׳ן גאניק, אדער מען עפענט אויף א פענסטער, מען שטעלט ארויס דעם קאפ און מען קוקט זיך... ערשט מען זעהט, עס געהט זיך אזוי רב מאטע איבער׳ן גאס, כמעט א הײלער. נאר אין ארבע כנפות, מיט דער שלאף־יארמולקע אויפ׳ן קאפ און נאך אין שיך. ער געהט זיך אזוי, זעהר פערטראכט, גלייך אין בית המדרש אריין.

מען קומט אין שוהל צום דאַוונען, מען געפינט רב מאָטע שטעהט זיך נעבען אַלמער ספרים פערטיעפט אין אַ ספר.

— רב מאָטע, — מאַכט מען צו איהם — רב מאָטע, וואָס איז מיט אייך?

טהוט ער זיך אַזוי קאַלטבלוטיג אַ קוק אויף אַלעמען אין וואונדערט זיך:

— וואָסי? — זאָגט ער — וואָס זאָל זיין? איך האָב גע־דאַרפט וואָס מעיין זיין אין אַ ספר. ביי זיך האָב איך איהם ניט, בין איך אַהער געקומען.

— אָבער — מאַכט מען צו איהם — זעהט ווי איהר זענט אָנגעטהון.

דאַן האָט ער זיך ערשט געחאַפּט וואָס מיט איהם איז. גאָרנישט, ס׳מאַכט ניט אויס. מען האָט תיכף געקראָגען פאַר איהם אַ סורדוק, אַ היטעל און אַ פּאָר שטיוועל.

גאָר ניט דאָס בין איך אויסען צו דערצעהלען דיר. דער־הויפּט וויל איך דיר דערצעהלען ווי אַזוי אַנ׳אַמאָליגער יוד האָט געהאַט בכח מבטל צו זיין דעם חומר, הייסט עס דאָס גשמיות׳־דיגע לעבען. אַמאָליגע יאָהרען, זאָג איך דיר, האָט מען עס גע־קענט זעהן אויף יעדען טריט און שריט, וואָרום וואָסי? עס איז עפּעס אַ נייעס געוועזן צו זעהען ווי אַ יוד, למשל, לויפט זיך האַסטיג אין גאַס. דאָס היטעל אויפ׳ן קאָפּ איז ביי איהם פער־דרעהט. דער קאָפּ איז צוטראָגען, צודולט, פערהאַוועט. ער לויפט פאַרביי אַ בית־המדרש און טראַכט דוכט זיך דערביי נור פון ראגות פרנסה וועגען, פון וואָס צו פערדינען וואו, וואָרום טאַקע? עפּעס אַ קלייניגקייט דאגת פרנסה!... און אין מיטען דערינען דערהערט ער פון בית־המדרש אַ קול וואָס לערנט און ער שטעלט זיך אָב. ער געהט שוין ניגשט ווייטער... וואָרום טאַקע, אַז מען געהט וועהן פאַרביי אַ בית־המדרש און דו דערהערסט פון בית־המדרש ווי מען לערנט דאַרטען, ווערט דאָך דיר טאַקע דאַן אַזוי וואַרים אויפ׳ן האַרצען, אַזוי גוט, ממש אַ מחיה נפשות... נו, און ער פערגעהט שוין אויך אין בית־המדרש אַריין. פערגעסט אַלע דאגות, אַלע צרות גלייכט אויס דאָס היטעל אויפ׳ן קאָפּ וואַשט די הענד און לערנט אָב אַ בלאַט גמרא, אָדער צוויי־דריי... וואָס זאָל זיין? — אַ נייעס איז עס דאַן געוועזן? אָבער

איך ווי̇ל די̇ר דערצעהלען א מעשה וועגען אט דעמזועלבי̇גען רב מאטען.

געווען איז עס שענע עטלי̇כע יאהר נאכדעם, ווי רב מאטע האט זי̇ך בעזעצט ביי אונז אין שטעדטי̇ל. די̇ געשעפטען זענען געגאנגען דאן ביי איהם ני̇ט אי-אי. אויף דער חיונה איז קוים געווען. געהאנדעלט האט ער דאן מי̇ט תבואה, מי̇ט פעלכלעך, די̇ ווייב האט א קראם געמאכט און ער איז שטענדי̇ג געווען פערהארעוועט, פערדרעהט, פערהאאוועט אין פערדי̇ענען וואס. האט שוין נעבעך געמוזט דאס לערנען אויך אוועקלאזען. אויף דער עלטער, ווען עס איז איהם אוועקגעגאנגען ני̇ט שלעכט, האט ער זי̇ך דאך ווייטער פאר'ן לערנען גענומען און איז טאקע יום ולילה געזעסען און געלערנט. נאר דאן נעבעך האט ער געמוזט דאס לערנען אוועקלאזען און האט גע'מסחר'ט.

איינמאל, דאס האט געטראפען א פאר טעג נאך סוכות, איז געווען א יריד ני̇ט ווייט פון אונז, א וויארסט צוואנצי̇ג פון דאנען אט דא אין יאנאוועץ. נו, א יריד — פאהרען יודען אויפ'ן יריד. פאהרט ר' מאטע אויך. גענומען מי̇ט זי̇ך א וואגען תבואה, פעלכלעך אויף פערקויפען און איז זי̇ך אוועקגעפאהרען אויפ'ן יריד. און אט אזוי ווי̇ ער איז זי̇ך אויפ'ן יריד, אין מארק, אין רעכטען מי̇טען „הו-הא", זוכט קונים אויף די̇ תבואה, אויף די̇ פעלכלעך, קויפט אליין ביי פויערים פעלכלעך, איז ער זי̇ך אזוי מישב און טהוט א טראכט: „זעה, וואס טהוט זי̇ך עס מי̇ט מי̇ר?... און וואס איז עס אזוינס?"...

דו פערשטעהסט? — אמאלי̇גע יודען! וואס זאל זיין? מען איז זי̇ך גאנצע עטלי̇כע יאהר נאכאנאנד פערהאאוועט אין לעבען, אין דאגות הפרנסה, אין „הו-הא". און מען קומט זי̇ך, אין מי̇טען, צופאהרען אויף א יריד. מען קוקט פאר זי̇ך, אז עס איז עפעס א גאנצע שטאדט יודען פערנומען מי̇ט א יריד, מי̇ט א „הו-הא". א גאנצע שטאדט פוהרען שטעהען מי̇ט די̇ האליאבלעס אין דער הויך. עס איז עפעס א מאדנער געפי̇לדער, געשריי און א מאדנער מי̇ש-מאש פון אלץ אינאיינעם: יודען, גויים להבדיל, בהמות, צי̇געז, פערד, פעלכלי̇ך, חזיר-האהר — עס איז א יריד. און עס טהוט עפעס בי̇טער א צי̇ה אין הארצען און א מחשבה לויפט דורך אין מוח: „זעה וואס איז דאס?... אט דאס



רב אהרן

איז דער תּכלית פון לעבען ?... צוליעב דעם האָט דאָס גאָט יודען בעשאַפען... און זיין גאַנצע מעשי בראשית ?"... פערשטעהסט ?... דו פערשטעהסט ?... און אין אַזאַ צייט דערמאָהנט זיך אַ חסיד אָן רבּ'ן. און וואָס זאָל זיין ? עס ווערט מיאוס און מיאוס דהײַנו אַלץ וואָס דו זעהסט פאַר זיך און עס ווילט זיך אַוועק צום רבּ'ן.

און אַז ר' מאָטע וויל וואָס און בפרט אַ דבר מצוה — טהוט ער. שיקט ער שוין אָב די פוהר, וועלכע האָט געבראַכט די תּבואה מיט די פעלכלעך, אַהיים, שיקט אָב מיט'ן פויער דער ווייב די עטליכע רובל, וואָס ער האָט דאָ געלייזט, און אַליין פאָהרט ער שוין [ניט אַהיים, אַי די ווייב, די קינדער ? נאָר וואָס זאָל זיין ? וואָס הייסט ווייב, קינדער, ער אַליין, די גאַנצע וועלט, אַז אַ מענש פערטראַכט זיך וועגען תּכלית פון לעבען... און נאָך אַזאַ ווי רב מאָטע !...

איז ער זיך גלייך פון יריד אַוועק צום רבּ'ן. געווען איז ער אַליין אַ קאָידענאָווער חסיד. מיר אַלע ביי אונז אין שטעדטעל הייסט עס זענען דאָך חב"ד. ער איז געווען אַ קאָידענאָווער חסיד. און קאָידענאָוו פון דאַנען איז דאָך אַ פאָלג מיך אַ גאַנג, אַ היבשער מהלך, בפרט נאָך אַמאָל, ווען קיין באַהן איז נאָך ניט געווען. און קיין געלד איז ביי איהם, ביי זיך, אויך נישטאָ. נאָר איז וואָס ? געהט ער זיך צו־פוס ביז וואַנען די פיס האָבען כּוח. נאָכדעם שטעלט מען זיך אָב אויף אַ ישוב קנעלען בּיז מען דערשלעפּט זיך צום רבּי'ן.

און דאָ אין דער־היים דערווייַלע, פערשטעהט זיך: די ווייב איז אויס מענש. אין שטעדטעל איז מען צוטראָגען; ס'טייַטש, וואו האָט עפּעס ר' מאָטע געקענט נעלם ווערען ? וואו ? נאָר וואָס טהוט מען ? קיין באַהן איז דאָך דעמאָלט ניט געווען. קיין טעלעגראַף אודאי נישט. איז מען זיך אין שטעדטיל זעהר צוטראָגען און זיין ווייב האָט גרויס עגמת נפש און וויינט נעבעך.

הקיצור, וואָס זאָל איך דיר אַ סך מאריך זיין, ערשט אין אַ יאָהר אַרום. חול המועד סוכּות, ביי־טאָג. עס איז זיך דאַן געווען אַ וואַרימער, אַ שענער סוכּות, איז זיך יום־טוב'דיג. מאַנסבילען, ווייבער זיצען זיך אויף די גאַנקעס, אויף די פריזבעס און מען שמועסט. קינדער, שפּיעלען אין ניס. איך און נאָך עטליכע

אונזערע זענען זיך געזעסען אין סוכה ביי ר׳ חיים דעם מיהלנער, אויפ׳ן סוף שטעדטיל און מען האט זיך פערבראכט. מען איז זיך גלייך פון שוהל פערגאנגען צו איהם. מען האט אביסעל משקה גענומען און מען פערבייסט — יום־טוב! ערשט, ווי מיר זיצען אזוי אין סוכה, האבען מיר דערהערט פון שליאך־צו עפעס א יו־דיש געזאנג. געהט מען ארויס זעהן, ווער איז עס? ערשט אזוי ווי דער שליאך געהט בארג אראב, געהט ווער, א יוד א גאנץ הויכער פון בארג מיט א טלית און תפילין אונטער׳ן ארעם אביסעל מבושמ׳דיג און זינגט זיך. נאך א ווײַלע, מיר האבען דערקענט — ר׳ מאטע! ס׳וויזט אויס געהענדיג צו־פוס איז ער זיך פערגאנגען אין א קרעטשים אבראוונען, און עס איז דאך יום־טוב האט מען איהם מכבד געווען מיט א ביסעל משקה. געהט ער זיך אזוי פרעהליך און זינגט.

הויבט זיך דאך אן;

— שלום עליכם.

— עליכם שלום.

מען פרעהט זיך, און מען פרעגט ביי איהם:

— ס׳טייטש, ר׳ מאטע, ר׳ מאטע, וואו זענט איהר דאס נעלם געווארען?

— ביים רבי׳ן — מאכט ער פרעהליך — ביים רבי׳ן גע־ווען אין קאידענאוו.

— איהר זענט דאך אבער — טענה׳ן מיר — געפאהרען דאן אויף א יריד, אויף א יריד

לאכט ער:

— אייך ליגט אלץ אין קאפ יריד... יריד... וואס? איהר וואלט וועלען איך זאל שטענדיג זיין אויפ׳ן יריד... אויפ׳ן יריד...

— אמת — מאכט ער — איך בין טאקע דאן געפאהרען אויפ׳ן יריד. אבער אין מיטען יריד האב איך זיך געחאפט אז מען דארף פון זיך אביסעל אראפבווארפען די נארישקייט... איך בין שוין צו־פיעל פערנארישט געווארען, צו־פיעל פער׳חומר׳ט... בין איך צום רבי׳ן אוועק.

— אבער א גאנץ יאהר? — פרעגען מיר — א גאנץ יאהר ביים רבי׳ן געווען?

— עס — זאָגט ער — איהר זענט עפּעס גאָר געוואָרען אמת'ע מתנגדים. וואָס הייסט אַ גאַנץ יאָהר? איך בין דאָך אַוועק ווי איך שטעה און געה, אָהן אַ קאָפּיקע געלד. און אַזאַ מהלך. נו, האָב איך אַ זמן געקנעלט אויפ'ן ישוב געהענדיג אַהין און נאָך אַ זמן געהענדיג צוריק.

— אָבער — מאַכט ער — געוועזען פּסח בײַם רבי'ן, געווען. איך האָב זיך גאָר מחיה געווען... און געבראַכט טאַקע אַ נײַעם ניגון... אַ נײַעם ניגון...

און זינגט און זינגט — — —

אַט אַזוי, אַט אַזוי האָט זיך אַנ'אַמאָליגער יוד געקענט אויפּחאַפּען פון זײַן חומר.

אַמאָליגע יודען!...


רֶב בער
ג. קראטקא

# רב בער.

אמאל... אמאל... איך דערצעהל און דערצעהל, און עס נעהמט זיך גאר ניט אויס... וואס זאל איך דיר זאגען? — איך וואלט געקענט טעג און נעכט, אבער ממש גאנצע טעג און גאנצע נעכט זיצען און דערצעהלען פון אמאל... און עס איז טאקע פאראן פון וואס צו דערצעהלען... פאראן... פאראן... הא?... וואס?... ניט אזוי?...

אט איך דערמאהן זיך אן ר' בער'ן, אן זיין הדרת פנים — ער איז דאך געווען א הויכער, מיט א גרויסען שטערען און מיט א ליכטיגען פנים — זיין יראה, זיין תורה, זיין איבערגעגעבנקייט צום רב'ן, צו די חסידים און אזוי ווארים ווערט מיר אויפ'ן הארצען... אזוי ווארים... אט גלייך ווי איך זעה איהם איצט פאר זיך, און מיר געהען זיך איצט ביידע א רעדעל אין א פרעהליכען חסיד'ישען יום-טוב... אזוי הימליך ווערט מיר!... עפעס גאר אנ'אנדער וועלט איז דאן געווען!... אנדערש... אנדערש,.. אנדערש האבען דאן יודען געלערענט, אנדערש האט מען געדאווענט, אנדערש האט מען געלעבט, אנדערש געגלויבט... וואס זאל זיין? — יודען זענען דאן געווען — יודען!... מען איז געווען יודען!... און גאר ניט לאנג איז דאך דאס געווען... איך געדיינק דאס נאך, אט אין מיינע יאהרען... גאר ניט לאנג... גאר ניט לאנג... עה—הע—הע!... גאר ניט לאנג...

יא. איז וועגען ר' בער'ן.

ר' בער איז דאך אין זיינע יונגע יאהרען, הייסט דאס, באלד נאך זיין חתונה, יונגערמאנווייז איז ער דאך געזעסען

אויפ'ן ישוב. אָנגעקומען איז ער דאָך פאַר אַ אײדעם צו אײנעם אַ רײַכען אַרענדאַר אין אונזער געגענד; די ווײַב ר' בער'ס איז געוועזן אַ גרויסע בריה, האָט איהם זײַן שווער געדונגען אַ קרעטשמע ניט ווײַט פון אונז, אַ וויאָרסט פינף. זעקס פון דאַנען אויף סטראַשעליער וועג, אָט וואו איצט שטעהט דאָרטען אַנ'אַלטע, אײַנגעפאַלענע חורבה, און ער האָט דאָרט געוואָהנט. וועגען מאָנאָפּאָל איז דאָך דאַמאָלס קײנעם אפילו אויפ'ן זינען ניט אַרויף, קײן אַקציז איז דאָך דאַמאָלסט נאָך אויך ניט געוועזען; האָט מען זיך געהאַנדעלט מיט בראַנפען און איבערהויפט מיט תבואה, וועלכע מען פלעגט קויפען בײַ די אַרימינגע פויערים.

ס'פערשטעהט זיך, אַז אין מסחור איז דער עיקר האָט זיך מתעסק געוועזען זײַן ווײַב. אָט, למשל, אײַנקויפען די תבואה בײַ די פויערים, פערקויפען זיי בראַנפען — דאָס איז געוועזען איהר עסק. ער, ר' בער, פלעגט מעהר ניט דאַרפען שמועסען מיט די תבואה־סוחרים, וועלכע פלעגען אָנפאָהרען צו זיי אין קרעטשמע אַ פּאָר מאָל אין יאָהר אָבצוקויפען די אָנגעקליבענע תבואה, און דערצו פלעגט ער אויך פאָהרען אײן מאָל, אָדער צוויי אַ וואָך אין דערבײַאיגען ברויז נאָך אַ פאַס בראַנפען. די איבעריגע צײַט האָט ער געדאַווענט, געלערענט און מתעסק געוועזען זיך אין הכנסת אורחים. וואָרום עס פערשטעהט זיך, אַז ר' בער האַלט אַ קרעטשמע, איז דאָרט שטענדיג פול און ניט פון גוים, נאָר פון יודען. דאָס אַ אָרימאַן, דאָס אַ מחבר, אַ בעל משפיע אָדער אַזוי אַ דורכגעהער אָדער אַ דורכפאָהרער. וואָרים וואָס? — ר' בער וועט נעהמען פון אַ יודען געלד פאַר עסען און פאַר שלאָפען?... אין ווער רעדט נאָך, אויב דאָס איז געוועזען אַ בן תורה, איז דאָך ממש נאַנצע וואָכען צײַט אָב זײַן בײַ איהם, און ער וועט נאָך אַלץ בעטען, מען זאָל אַזוי ניך, ניט אָבפאָהרען. און עס איז טאַקי בײַ איהם שטענדיג פול געוועזען. בײַ נאַכט פלעגט אַמאָל טרעפען, אַז עס איז ממש ניט געוועזען וואו צו זיצען פון אײַנגשאַפט. דער וואַלד דאַן אַרום אונז איז נאָך ניט געוועזען אויסגעהאַקט, און פאָהרענדיג פון זײַן קרעטשמע צו אונז, האָט מען געדאַרפט דורכפאָהרען אַ גרויסען, געדיכטען וואַלד, עס איז געוועזען אַ סכנה צו פאָהרען בײַ נאַכט. מען האָט [illegible] אַמאָל אַרום אונזער געגענד אַ הרוג געפונען. און מען

האט עפעס דערצעהלט מעשיות וועגען א מכשף, וועלכער דרעהט זיך ארום ביי נאכט אין וואלד; איז פאהרענדיג פון סטראשעליע, פלעגט מען בלייבען נעכטיגען ביי ר' בער'ן אין קרעטשמע. און אלעמען פלעגט מען דאך געבען עסען, טרינקען און אויף וואס צו שלאפען און אלץ אהן געלד... אהן געלד... פארהאן דאך זיינער א ווערטעל: „דאס וואס א איד מוז האבען אין וועג, פלעגט ער זאגען, עסען, טרינקען, אויף וואס צו שלאפען און א יודישען ספר, אין וואס מעין צו זיין, פאר דעם נעהם איך קיין געלד ניט... אט זעהט איהר, פאר משקה... אט, אז א יוד וויל טרונקען בראנפען... בראנפען — איז מיין פרנסה".

זיינע הכנסת אורחים!

היינט זיין לערנען! ווען ער האט נאר געהאט א לעדיגע מינוט, איז ער געזעסען און געלערנט. אויך אין וועג פלעגט ער קיינמאל ניט פאהרען אהן א ספר מיט זיך. אפילו, ווען ער פלעגט פאהרען אין ברויז, פלעגט ער שטענדיג נעהמען מיט זיך א גמרא. תמיד מיט א גמרא! ווארום ווי דען? ערשטענס: ווי פאהרט דאס א יוד אין וועג און אהן א ספר מיט זיך?... טאמער פערווילט זיך אין מיטען איינקוקען וואס, מעין זיין אין עפעס א ענין?... אגב האט ער דאך געהאט א אלע-טאגעדיגען שעור גמרא. אלע טאג פלעגט ער מוזען לערנען דריי שעה נאכאנאנד. און דעם דאזיגען שעור האט ער געהיט, ווי די אויגען פון קאפ. עס האט געמאגט דונערען און בליצען — זיינע דריי שעה א טאג האט ער געמוזט לערנען... ניט אנדערש... חארים וואסי?... עס איז עפעס געווען ביי ר' בער'ן א העכערע זאך, א ביליכערע זאך, ווי דינען גאט, דאווענען און לערנען און זיין א יוד?... דאס איז דאך געווען ביי איהם זיין גאנצער לעבען... זיין א יוד... זיין א יוד!...

מען דערצעהלט דאך אויף איהם אז איינמאל זענען געקומען צו איהם די תבואה-סוחרים גראדע אין דער צייט, ווען ער האט געלערנט זיין שעור. די ווייב זיינע האט נאך דאן ניט געוואוסט, אז ווען ער, ר' בער, לערנט זיין שעור, וועט ער איהם בשום אופן ניט כפטיק זיין: [illegible] זיך איהם גערן אפילו אין לעבען. אין [illegible] אנגעחוי-

בעָן צו פאַלעָן די מקחים און מעָן האָט געמוזט פּעָרקויפעָן די תבואה וואָס ניכּער. אגב, איז בכּלל — אַ אידעָנע! . . . וואָס זאָל זײַן? . . . יאָ. . . איז שיקט זי די סוחרים צו איהם, צו ר׳ בער׳ן אין צימער אַרײַן. זײַ געהען אַרײַן אין זײַן צימער און זאָגען איהם: גוט מאָרגען! ענטפערט ער זײַ ניט. ער זיצט און לערענט און ענטפערט זײַ ניט. מײַנען זײַ, ער הערט ניט, זאָגען זײַ איהם נאָך אַ מאָל גוט מאָרגען, העכער ווי פריהער. ער ענטפערט ווידער ניט און טהוט זיך זײַנס: זיצט און לערענט. וואונדערען זײַ זיך, און ווערען שוין טאַקי אַ ביסעל אין צאָרען.

— מיר זענען געקומען אָבקויפען אײַערע תבואה — מאַ-כען זײַ צו איהם שוין עטוואָס כעס׳דיג.

ער האָט אַפילו ניט אַ קוק געגעבען אין זײַער זײַט און האָט אָנגעהויבען צו לערנען נאָך מיט אַ העכערען, מיט אַ גע-שמאַקערען קול, ווי פריהער.

— פון אײַערע עקשנות וועט איהר בּדיל-אַ-דל ווערען— האָבען זײַ מיט כעס געשריען צו איהם — תבואה פאַלט. מאָרגען וועלען מיר שוין ניט וועלען קויפען בײַ אײַך. איהר ענטפערט ציי ניט?

און ער זיצט זיך און טהוט זײַנס: זיצט און לערענט. זײַ זענען אַרויס פון זײַן צימער אויפגעקאָכטע פון כעס.

— סטײַטש — מאַכען זײַ צו איהר — מיר זענען גע-קומען צו איהם קויפען תבואה. ער וויל ניט פערקויפען? — זאָג, אַז ניט. אָבער ענטפערען דאַרף מען דאָך?! — ס׳איז גאָר קײַן מענש ניט!

וואָס זאָל זײַן? — עפּעס אַ פּאָר דײַטשישע סוחרים. זײַ זעהען אַזוינס אַ ערשטען מאָל.

זײַן לערנען!

יאָ. . . איז וואָס האָב איך דיר געוואָלט דערצעהלען? . . וועגען דעם, הײַסט דאָס, אַז ר׳ בער איז אויף זײַנע יונגע יאָהרען געזעסען אויפ׳ן ישוב. נאָכדעם האָט ער זיך דאָך אַרי-בערגעקליבען צו אונז אין שטעטעל און איז געוואָרען אַ היגער תושב. נאָר . . . ניט דאָס בין איך אויסען צו דערצעהלען . . . דער עיקר איז וועגען דעם, מיט וואָס פאַר אַ הײַץ, מיט וואָס

פאַר אַ ברען ו״ בער איז געווען אַ חסיד.

אומגעפאָהרען איז דאָך ר׳בער צו ר׳ מענדעלען, צום צמח צדק הייסט דאָס. און געווען איז ער דאָך אין איהם אַ פערקאָל־טער, אַ פערברענטער, איבערגעגעבען צו איהם און געגלויבט אין איהם מיט זיין גאַנצען לייב און לעבען, אָט טאַקי אָט אַזוי ווי ר׳ בער האָט געקענט גלויבען אין אַ צדיק הדור... און צוריק גערעדט, וואָס עפּעס דוקא ר׳ בער?... וואָרום ווער האָט דאָס ניט געגלויבט אין צמח צדק?... עס איז דען אַ מענשישער כח אויסצודערצעהלען וועגען דעם צמח צדק׳ס גרויס־קייט?... און עס האָט דען געטראָפען חאָטש איין מאָל, אַז דער, וואָס האָט איהם נאָר געזעהן, זאָל ניט ווערען זיינער אַ פערקאָלטער, אַ פערברענטער מיט לייב און מיט לעבען?.. מאַכט דאָך ניט אויס!.. יאָ... איז ר׳ בער אַרומגעפאָהרען צום צמה צדק.

און דאַרף איך דיר יען דערצעהלען וועגען דעם גרויסען חורבן, וואָס עס איז געווען, ווען דער צמה צדק איז נפטר געוואָרען?.. אַלע, אַלע יודען האָבען דאָך דאַן דערפיהלט די גרויסע אבידה, און עס איז דאָך ביי אַלעמען מיט אַ מאָל פינסטער געוואָרען אין די אויגען, אין די הערצער און אין די מחות... עס איז דאָך דאַן ממש געוואָרען חושך ואפילה... אָט גלייך ווי די זון זאָל פינסטער ווערען אין מיטען העלען טאָג... וואָס זאָל זיין?.. — מען האָט דער־פיהלט, אַז די יועלט איז מיט אַ מאָל פינסטער געוואָרען... פינסטער... פינסטער... און וואו מען האָט זיך נאָר דערפון דערוואוסט, איז מען דאָך געזעסען שבעה און עס איז געווען אַ גרויסער קלאָג. נאָר דו האָסט געדאַרפט זעהן, וואָס עס האָט זיך אָב־געטהון דאַן מיט ר׳ בערן!.. ער איז ממש אַ אויסמענשינער געוואָרען... אָבער ממש אויס מענש... אויס מענש.

איך געדיינק נאָך ווי איצטער, אָט גלייך ווי נעכטען האָט דאָס געטראָפען. דער צמה צדק איז דאָך נפטר געוואָרען י״ג ניסן. נאָר ביי אונז אין שטעטעל האָט מען זיך דערוואוסט פון דעם ערשט עטליכע טעג נאָך פסח. קיין באהן איז דאָך נאָך דאַן ניט געווען, אויך האָט אין יענעם פאַר פסח אָבגעריסען זיך אַ הרעבליע נעבען אונז און מיר זענען געווען דאַן אָבגעזונדערט פון

דער גאַנצער וועלט. איז האָבען מיר זיך דערוואוסט פון דעם עטליכע טעג נאָך פסח. עס איז געווען נאָך מעריב. מיר זע־נען זיך איבערגעבליבען עטליכע פון אונז אין שול. עס איז דאָך נאָך פסח, באַלד נאָך יום טוב, און אַ היים צו איילען זיך איז ניטאָ צוליב וואָס, איז מען זיך פערבליבען אין שול, מען האָט שוין אפילו אויסגעלאָשען אַלע לאָמפּען און אין שול איז שוין פינסטער, נאָר עס איז אַנגענעהם צו זיין דאָרטען... איז מען זיך אַלע אין איין רעדעל, ווער עס זיצט, ווער עס שטעהט ביים עמוד, וואו עס ברענט דער נר תמיד, און מען שמועסט זיך. און געוועהנליך, אַז חסידים שמועסען צווישען זיך, שמועסט מען מן הסתם וועגען איינענע זאַכען; וועגען אַ מופת פון אַ צדיק, וועגען זייערען אַ טיפען וואָרט — מען שמועסט! ערשט עס לויפט אַריין איינער, זיין פנים איז בלאַס, ווי ליי־ווענד, און דערצעהלט אונז די בשורה רעה: „ער“ איז נפטר געוואָרען.

ביי אונז אַלעמען האָט זיך וואס אָבגעריסען אין האַרצען און פינסטער געוואָרען אין די אויגען. און ר׳ בער האט זיך אַ כ־רייסעל געגעבען, אט אַזוי ווי אַ דונער האט איהם געטראָ־פען, און ער האָט זיך געחאַפּט מיט ביידע הענד פאַר׳ן קאָפּ.

— הא?.. וואָס?.. — האט ער גענומען שרייען ניט מיט זיין קול — ער... דער ליבאַוויטשער... רב מענדעלע...

— אָט איז מען געקומען פון ליבאַוויטש. י״ג ניסן איז ער נפטר געוואָרען...

— עס קען ניט זיין... עס קען ניט זיין... — האט ר׳ בער געשריען און האָט ניט געוואָלט גלויבען — אויף וועל־מען האָט ער אונז געלאָזען?!.. ניין!.. ער לעבט!.. דער רבי... דער רבי... ניין.... ניין!..

נאָר דער, וואָס האט דערצעהלט, איז געווען אַ איש מהימן. מען האט איהם געמוזט גלויבען.

ר׳ בער האט מיט אַ וועהטאגדיגען געשריי פון האַרצען געריסען קריעה, איז אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד און האט גענומען וויינען אויפ׳ן קול ווי אַ קליין קינד. און אַזוי ביטער... אַזוי ביטער... אונז האט זיך געדוכט, אַז אָט, אט און אונ־

ווערע הערצער װערען צוריסען פון װעהטאָ... מיר האָבען תיכף אַלע געריסען קריעה, האָבען זיך געזעצט שבעה און האָבען זיך פאַנאַנדערגעװײנט, װי קלײנע קינדער... װי עלענדע יתומים... און ר׳ בער איז געלעגען אויף דער ערד, זײַן גרויסער קערפּער האָט זיך משונה אײַנגעקאָרצעט, אָט װי פון גרויסע װעהטאָגען אין הארצען, האָט אײַנגעטוליעט זײַן פּנים אין די הענד און האָט געװײנט אויפ׳ן קול און ביטער געשריען:

— דער ליבאַװיטשער... דער רבי... אויף װעמען האָט ער אונז געלאָזען?!.. דער רבי... דער רבי...

װאָס זאָל זײַן? — אַ מאָל... אַ מאָל... דאַן, אַז עס איז געװען אַ צדיק הדור, האָבען טאַקי אַלע געפּיהלט איהם... איז טאַקי אַלעמען ליכטיג געװען אין די אויגען... און אַז ער איז געשטאָרבען, האָבען אַלע דערפּיהלט, אַז זײ איז פינסטער געװאָרען... פינסטער אין די הערצער... אין די מחות... — אַ מאָל...

יאָ... איז מיר אַלע און דער עיקר ר׳ בער האָט זיך ניט געקאָנט בערוהיגען אויף דער אבירה... דערצו האָט געדריקט אין הארצען: װי לעבט מען איצט?.. װי לעבט מען אָהן אַ צדיק הדור?.. װי אַזוי?.. װאָרום פאָהרען צו װעמען נאָך דעם צמח צדק, נאָך דעם װי מען האָט זוכה געװען צו זעהן איהם, האָט קײנעם אפילו אויפ׳ן זינען ניט געקענט אַרויף... נאָך אַזאַ ליכטיגקײט, װי ער, צו װעמען האָט מען זיך דען געקאָנט װענדען?.. און מען האָט זיך געפּיהלט אַזוי פערלוירען... ניט גוט... ניט גוט...

און ר׳ בער׳ס עגמת נפש, זײַן האַרץ־װעהטאָג האָט מען ניט געקענט אַריבערטראָגען. ממש, די האַרץ פלעגט צוגעהן, קוקענדיג אויף איהם. זײַן פּנים איז חושך געװאָרען, װי די ערד, ער האָט ניט געװאוסט, אויף װאָס פאַר אַ װעלט ער איז, און איז אַרומגעגאַנגען תמיד אַ פערטראָגענער, אַ צוטומעלטער, אַ פערצאָגטער.

אײַנמאָל געהט ער צו מיר צו, נאָך מנחה אין בית המדרש און מאַכט צו מיר:

— אבא!

— װאָס? — פרעג איך

— ניט גוט . . . ניט גוט . . . מאַכט ער .
— וואָס ווילט איהר , ר׳ בער ? — פרעג איך איהם .
— אבא . . . ניט גוט , , , ניט גוט . . . האָט ער אָנגע־
הויבען צו קלאָגען זיך פאַר מיר — דער לערנען איז קיין לער־
נען ניט , דער דאַוונען איז קיין דאַוונען ניט און דער לעבען איז
קיין לעבען ניט . . . ניטאָ רב מענדעלע . . . איך וועל דאָס ניט
אַריבערטראָגען . . . ניטאָ דער רבי . . . און צו וועמען פאָהרט
מען איצט ? . . . ווער ? . . . ווער ? . . . און וועמען גלויבט מען ! . .
אַזוי . . . איז קיינעם ניט גלויבענדיג . . . אַליין . . . איז
שווער צו לעבען . . . נישט . . . ניט גוט . . . דו פיהלסט ז ךְ אַזוי
עלענד . . . עלענד . . . ווי אַ יתום . . ווי קינדער אָהן אַ פאָטער...
שלעכט . . . שלעכט . . .

טרעהרען האָבען זיך געוויזען אין זיינע אויגען . און טאַקי
אַזוי . . . עפּעס אַז דו ווייסט , אַז עס איז פאַרהאַן ווער . . . אַז עס
איז פאַרהאַן , ווער עס דאַגה׳ט טאָג און נאַכט פאַר׳ן כלל ישראל
פאַר אַלעמען . . . פאַר דיר אויך אפילו . . . און אַז עס איז אַ עת
צרה , האָט מען צו וועמען צו ווענדען זיך . . . און ווען אַז עס
ציהט , עס נאָגט דיין האַרץ , פאָהרסט דו צו איהם . . . דו זעהסט
זיין ליכטיגען פנים , הערסט , וואָס ער זאָגט , דו זעהסט זיינע
גרויסקייט . דו ווערסט דאַן נ ער ביי זיך , לעבעדיגער און הייּ
סער אין תורה , אין אמונה . אין אין לעבען . . . און אָהן
יעם איז אַזוי שווער . . . אַזוי שווער צו לעבען . . . די יודישע
צרות . . . די גזרות רעות , . . דער גלות . . . שווער צו לעבען
אַליין . . . און מיר האָבען זיך טאַקי דערפיהלט ווי יתומים . . .
ווי יתומים . . .

עס פלעגט טרעפען , מיר פלעגען זיך בלייבען אונזערע אַלע
שפּעט אין בית המדרש נאָך מעריב . אין בית המדרש פלעגט
זיין פינסטער , נאָר ביים עמוד פלעגט ברענען טונקעל דער נר
תמיד . געווען איז דאָך עס זומער , און אין שטעדטיל פלעגען
שוין אַלע שלאָפען . און מיר פלעגען זיך זיצען צוזאַמען אין דעם
פינסטערען בית המדרש נאָהענט איינער נעבען דעם צווייטען .
מען האָט זיך ממש אָט ווי געטוליעט איינס צום צווייטען . עפּעס
מען האָט זיך געפיהלט אַזוי פעריתומ׳ט . . . און עס האָט זיך אַזוי
געוואָלט זיין צוזאַמען . . . איינס נעבען דעם צוויי־

מען... און מיר האָבען געפיהלט. אז מיר אַלע, וואָס זיצען איצט אין פינסטערען בית המדרש, זענען אַזוי עלענד... עי־לענד... מען פלעגט זיצען און מען פלעגט דערצעהלען אַ מעשה פון צמח צדק, זיינעם אַ מופת, אָדער מען פלעגט דער־מאָנען זיינעם אַ וואָרט. און אין מיטען פלעגט רב בער אַ פרעג טהון מיט אַזאַ ביטערען הארץ וועהטאָג:

— און אין ווענען זאָל מען איצט גלויבען?... צו ווע־כען פאָהרט מען?... נאָך איהם... נאָך איהם... צו ווע־מען?... אַזוי לעבען קאָן מען ניט... צו וועמען פאָהרט מען?!...

ביי אונז אַלעמען פלעגט זיך טרעהרען שטעלען אין די אויגען... מיר פלעגען אַלע פיהלען אַז אָט, אָט, און מיר פערכליפּען זיך, ווי קליינע קינדער. מיר פלעגען אָנהויבען שטיל און טרוי־עריג צו זינגען דעם צמח צדק׳ס אַ געליבטען ניגון. פלעגען זיך פערטיפען אין איהם און עלענדע פער׳יתום׳טע פלעגען מיר זיך צוגעהן אַ היים.

און אָט אַזוי איז געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך, אויפ׳ן הארצען איז אַלץ געוואָרען שווערער און שווערער און עס האָט געצויגען, געשלעפּט צו וועמען צו פאָה־רען, אין וועמען צו גלויבען... און רב בער איז געוואָרען אין פנים אַזוי, אַז מען האָט איהם ניט געקאָנט דערקאָנען. ער איז אין גאַנצען געוואָרען אַ שאָטען פון אַ מענשען, און זיינע אויגען זיינען איינגעפאַלען טיעף אין זיך, דער פנים בלאַס—מען וועהט, אַז איהם איז דער לעבען ניט ניחא... דער מענש געהט אויס, געהט אויס ווי אַ ברענענדיגע ליכט...

אין דערצוינען האָט זיך גענומען הערען וועגען ר׳ לייב קאָפּיסטער. מען האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען וועגען זיינע התלהבות ביי חסידות זאָגען מען האָט דערצעהלט וועגען זיינע גרויסקייט. נאָר... נאָכ׳ן צמח צדק האָט דען ביי עמיצען גע־קענט אַרויף אויף דער דעה פאָהרען צו וועמען עס איז אַנ׳אַנ־דערען?... און ר׳ לייב קאָפּיסטער האָט אַלץ אָנגעהויבען נתעלה און נתעלה צו ווערען.

איינמאָל אַ אין דערפריה, מען חאַפּט זיך, עס איז ניטאָ אין בית־המדרש צום דאַווענען ר׳ בער! מיינט מען, ער איז

ניט געזונד. געהט מען נאָכ'ן דאַווענען איהם מבקר-חולה זײַן. מען קומט צו איהם, ערשט ער איז ניטאָ אין דער היים. פרעגט מען בײַ זײַן ווײַב: וואו איז ר' בער? זאָגט זי אַז זי ווייסט ניט. ער איז, זאָגט זי אויפגעשטאַנען הײַנט זעהר פריה, האָט גענומען דעם טלית און תפילין, אַ גמרא און אַ לאַבען ברויט, האָט זיך מיט איהר צוזעגענט און איז אַוועק. פרעגען מיר בײַ איהר: אפשר אין אַ געשעפט זאַך? זאָגט זי אַז ניט. פרעגען מיר: טאָ וואוהין זשע פאָרט? זאָגט זי אַז זי ווייס ניט, זי ווייס ניט. זי האָט געפרעגט בײַ איהם פאַר וואָס עפּעס צו פוס, האָט ער איהר געזאָגט, אַז ער האָט מורא, טאָמער וועלען די בעלי-עגלות אויסזאָגען, וואוהין ער פאָהרט דאָס. האָט זי זיך געבעטען בײַ איהם אויסזאָגען האָטש איהר, וואוהין ער געהט דאָס. האָט ער געזאָגט, אַז ער קען איהר דאָס איצט ניט אויסזאָגען. קײַנער דאַרף דערווײַל ניט וויסען, וואוהין ער געהט... קײַנער... אונז אַלעמען איז עפּעס די זאַך קשה געוואָרען... עפּעס מאָדנע... וואָס?.. וואו?.. וואוהין האָט דאָס עפּעס געקענט ר' בער אַוועקגעהן צו פוס?.. וואוהין?.. מען ווייס ניט...

הקיצור, מען וואַרט אַ טאָג, צוויי טעג, אַ וואָך, צוויי וואָכען, און ר' בער איז ניטאָ. זײַן ווײַב און מיר אַלע זענען געוואָרען זעהר אונרוהיג, סטײַטש?.. וואו איז דאָס ר' בער?.. ווער ווייס, וואָס מיט איהם האָט זיך געטראָפען?.. מען האָט גענומען נאָכפרעגען זיך בײַ דעם, בײַ יענעם, צו האָט ווער ניט געזעהן, צו האָט ווער ניט געהערט וועגען איהם — קײַנער ווייס ניט. ניטאָ ר' בער. עס האָט זיך אפילו עפּעס אָנגעהויבען צו הערען, אַז מען האָט איהם געזעהן אין ליובאַוויטש. נור ווער וועט דאָס גלויבען?.. נאָכ'ן צמח צדק, צו וועמען וועט אַהין ר' בער פאָהרען?.. צו וועמען?.. מיר האָבען זיך אַלע דערשראָקען. וואו? וואו האָט דאָס געקענט נעלם ווערען ר' בער?.. זײַן ווײַב האָט אָנגעהויבען אומצוגעהן צו אונז נאָך עצות, וואָס זאָל זי טהון, ווי זוכט מען איהם, און זי האָט געוויינט און געקלאָגט — ניטאָ ר' בער... נאָר וואָס זאָל איך דיר אַ סך מאריך זײַן, ערשט אויף דער פיערטער וואָך נאָך זײַן אַוועקגעהן דאָס איז געווען פרשה עקב, דינסטאָג, איז ער גע-

קומען אַ היים.

און אַז מיר האָבּען איהם דערזעהן אין דער פריה אין בּית המדרש, זענען מיר אַלע פרעהליך געוואָרען. פאַראַן ר׳ בּער. ער לעבּט. און עפּעס פון דער צייט אָן, וואָס מיר האָבּען איהם ניט געזעהן, האָט ער זיך אינגאַנצען אומגעבּיטען. זיין פּנים איז עפּעס געוואָרען ווידער אַזוי מונטער, לעבּעדיג, אַזוי ליכטיג און שעהן, אָט אַזוי ווי איידער דער צמח צדק איז נפטר געוואָרען. זיין דאַווענען איז עפּעס געווען מיט אַזאַ התלהבות — גאָר אַן׳אַנדער מענש געוואָרען!.. ער האָט זיך עפּעס ווי פון דאָס ניי אָבּגעלעבּט... און נאָכ׳ן דאַווענען זענען מיר צו איהם אַלע צונעלאָפען:

— ר׳ בּער, ר׳ בּער — האָבּען מיר אַלע געשריען — וואו זענט איהר דאָס געווען?.. וואו?... ר׳ בּער!

ער האָט פרעהליך אַ קוק געגעבּען אויף אונז, האָט זיך אַ בּיסעל, ווי פערשעהמט, און האָט געזאָגט:

איך בּין געווען בּיי ר׳ לייבּ׳ן... געווען בּיי איהם אין ליבּאַוויטש און מיטגעפאָהרען נאָך איהם אין קאָפּיסט...

— בּיי ר׳ לייבּ׳ן?.. — זענען מיר אַלע פערוואונדערט געוואָרען — בּיי ר׳ לייבּ׳ן?!..

— יודען... — האָט ער פרעהליך געזאָגט צו אונז — יאָ... איך בּין געווען בּיי ר׳ לייבּ׳ן... געפאָהרען בּין איך צו איהם מעהר ניט ווי אַ קוק צו טהון וואָס איז דאָס אַזוינס און ווער איז ער... ניט פאָהרען האָבּ איך ניט געקענט... איך האָבּ לעבּען ניט געקענט... מיך האָט געצויגען... געצויגען... נאָר איצט... איצט — בּין איך זיינער... זיינער... ער איז ווערט... ער איז ווערט...

— סטייטש?! — האָבּען מיר אַלע גענומען פרעגען פערוואונדערט — אָבּער נאָך איהם... נאָך ר׳ מענדעלען...

ר׳ בּער האָט אַ טיעפען זיפץ געטהון, האָט געקוקט אויף אונז אַ ווייל מיט טרויעריגע אויגען. גאָלדעם האָבּען זיינע אויגען ווידער אָנגעהויבּען פרעהליך צו בּלישטשען און האָט געזאָגט צו אונז מיט התלהבות:

— אָבּער הערט... הערט... איך בּין זיינער... רבּ לייבּ׳ס... און ער איז ווערט... ער איז ווערט... איהר

װאָלט הערען זײַן חסידות זאָגען, איהר װאָלט זעהען דאָן זײַן צופלאַקערטען פנים... און איהר װאָלט זעהען מיט אײַערע אויגען דאָס װאָס איך האָב געזעהען פון איהם... איהר װאָלט געזעהען זײַנע גרויסקײַט!.. אַז איך זאָל אײַך דערצעהלען דאָס, װאָס איך האָב געזעהען פון איהם, װעט איהר מיר געװיס ניט גלויבען. איהר װעט ניט גלויבען... נו, למשל, אַז איך זאָל אײַך דערצעהלען אַז איך האָב געזעהען צום בײַשפּיל אַ רעשעטע פול מיט װאַסער און די װאַסער גיסט זיך פון איהר ניט אַרויס... איהר װעט מיר גלויבען?.. נו, און איך האָב אַזױנס מעשים, אַזױנס גרויסקײַט אַלײן מיט מײַנע אויגען געזעהען פון איהם... איך האָב אַלײן געזעהען... איך האָב אַלײן געזעהען... איך האָב אַלײן געזעהען...

נו, און װאָס זאָל זײַן?... — אויף דעם קומענדיגען שבת זענען שוין אַלע אונזערע געװען אין קאָפּוסט בײַ רב לײבּ'ן...

אַט אַזאַ איז געװען רב בער... — אַמאָליגע יודען...


קראטקא

# אַמָאלִיגֶער בִּטָחוֹן.

דערצעהלען דערצעהלט מען עס אויף די עולמ'שע. מילא די חסידים, וועגען זייער אמונה, וועגען זייער בטחון איז דאך ניטא וואס צו רעדען. ביי זיי, ביי די חסידים איז דאך אלץ מיט א ברען, מיט א היץ, מיט א פייער... די מעשה דערצעהלט מען אויף די מתנגדים, אויף ר' משה און ר' אהרן שקלאווער.

ר' משה און ר' אהרן האבען געוואהנט אין שקלאוו. געוועזען איז עס אמאל=אמאל זוען שקלאוו איז נאך געוועזען שקלאוו. שקלאוו איז דאך דאן געוועזען דער גרויסער מקום תורה און גע=פאקט איז דאך דאן שקלאוו געוועזען מיט לומדים, מופלגים און גאונים. האט א שטאדט א רב געזוכט, איז מען געפאהרען קיין שקלאוו; האט א רב א הארבע שאלה, א טיעפען ענין געהאט, האט ער געשריבען א שאלה=ותשובה צו די שקלאווער גאונים — אמאליגע שקלאוו! און ר' משה און ר' אהרן זענען דאמאלסט אין שקלאוו געוועזען פון די מפורסמים. געוועזען זענען זיי ביידע שקלא=ווער בעלי=בתים און זעהר רייכע בעלי=בתים, גבירים. ס'פער=שטעהט זיך ניט איין שטאדט וואלט געוואלט האבען די זכיה צו האבען ביי זיך פאר א רב ר' משה שקלאווער אדער ר' אהרן שקלאווער, נאר זיי ווילען מאכען דאס לערנען פאר „א קרדום לחפור בה"? איז מען זיך געווען מכחור=מענשען, הייסט דאס, אליין איז מען טאקי געזעסען יום ולילה און מען האט געלערנט, און וואס הייסט יום ולילה? טאקי ממש ניט אבגעטראטען פון דער גמרא, נאר די ווייבער זייערע האבען זיך מתעסק געווען אין מסחור — א מאליגע יאהרען! יא. איז דערצעהלט מען עס אויף ר' משה'ן און ר' אהרנ'ען.

איינמאָל איז זיי אויסגעקומען צו פאָהרען קיין מאָהילעוו אין מאָהילעוו זענען דאָך דאַן אויך געווען די גרויסע כופלגים, די גרויסע גאונים, און געררופען האָבען די מאָהילעווער צו זיך ר' משה'ן מיט ר' אהרנ'ען וועגען אַ האַרבער דין תורה אָדער אַזוי וועגען אַ שווערער שאלה ותשובה, צוליעב וועלכע מען האָט געמוזט זיין אויפ'ן אָרט. געווען איז עס ווינטער.

איז דינגט מען אַ פוהר. פאַר זיי זאַלבענאַנד אויף צו פאָהרען אין מאָהילעוו. עס זענען אפילו דאָ בעלי עגלות, וועלכע פאָהרען אַלע טאָג פון שקלאָוו אין מאָהילעוו, פון מאָהילעוו אין שקלאָוו נאָר ביי די בעלי-עגלות איז דאָך געפּאַקט פוהרען מיט מאַנסביל און ווייבער אינאייגעם און ר' משה מיט ר' אהרנ'ען ווילען דאָך ניט פאָהרען צוזאַמען אין איין פוהר מיט ווייבער. דינגט מען פאַר זיך אַליין אַ פוהר און ביי נאַכט נאָך מעריב איז מען אַוועקגעפאָהרען אין מאָהילעוו. פחד האָבען צו פאָהרען ביי נאַכט איז איבעריג ניט געווען פאַר וואָס. עס איז אפילו אויסגעקומען צו פאָהרען דורך אַ פּאָר געדיכטע, גרויסע וועלדער, נאָר אין אַזאַ וועג, ווי פון שקלאָוו קיין מאָהילעוו, פלעגט מען זיך אָפט בעגעגענען מיט פוהרען וועלכע פאָהרען דאָס אַהער, דאָס אַהין; מיט אַ בעל עגלה, וועלכער פאָהרט פון מאָהילעוו, מיט אַ קאָמיסיאָנער, וועלכער פאָהרט פון שקלאָוו אָדער אַזוי מיט אַ פאָהרער, וואָרום שקלאָוו מיט מאָהילעוו זענען דאַמאָלסט געווען טאַקי אָט, ווי אַ שטוב מיט אַ קאַמער — דער אַהין דער אַהער.

יאָ. אַ מאָל פלעגט מען אין שקלאָווער געגענד אומפאָהרען אויף אַנדערע שליטענס, ניט ווי איצטיגע. געמאַכט געווען זענען זיי אַזוי: עס איז געווען אַ פּראָסטער שליטען אָט אַזאַ, אויף וועלכען מען פיהרט געהילץ, בערווענעס, סלופּעס, נאָר אַ לאַנגער און אויף דעם הוילען שליטען פלעגען זיך אַרויפשטעלען קערב, אַזוינע מין לובקעס, געמאַכט פון גראָבע קאָרע, און ווי פיעל מענשען עס זענען געפאָהרען, אַזוי פיעל קערב פלעגט מען אַוועקשטעלען אויפ'ן שליטען — פאַר איטליכען פאָהרער אַ בעזונדערער קאָרב האָט מען אָנגעלעגט אַ סך היי אין די קערב מען האָט זיך אָנגעטהון אין די גוטע. וואַרימע סבוירענע פוטערס מיט די טייערע באָבער-קאָלנערס און מיט די רייכע שטריימעלס




רב אהרן

אויפ׳ן קאפ — א מאל זענען דאך געווען די שטריימעלס אזוינע קיילעכדיגע מיט הײנגענדיגע עקלעך ארום און ארום, און זעהר ווארים זענען זיי געווען — און מען פאהרט. די נאכט איז געווען א לינדע און א ליכטיגע, אנגעטהון איז מען געווען ווארים, דער וועג איז געווען גוט. דער שליטען האט זיך געגליטשט אויף דעם ווייסען שניי-וועג און מען פאהרט.

און וואס טהוט ר׳ משה מיט ר׳ אהרן שקלאווער, ווען זיי פאהרען אין וועג? רעדט מען דאך צווישען זיך וועגען א ענין, וועגען א הארבע סוגיא אין פסחים. אין כתובות אדער אין עירובין אדער גאר וועגען א ירושלמי און אז מען רעדט צווישען זיך וועגען א סוגיא, צואמפערט מען זיך, דער זאגט אזוי און דער זאגט אנדערש. האט מען זיך פערטראכט. מען האט זיך אזוי צואמפערט, אז איטליכער האט זיך פערטיעפט פאר-זיך אין דעם ענין, וועגען וועלכען מען האט גערעדט. און אז אזוינע מענשען, ווי ר׳ משה און ר׳ אהרן שקלאווער, פערטראכטען זיך, זענען זיי דאך שוין דאן ניט אויף דער וועלט. זיי ווערען דאן אויס מענשען און עס איז דאך שוין דאן פאר זיי ניטא ניט קיין וועלט, ניט קיין מענשען, ניט זיי אליין, ניט קיין אנדערע — מען טראכט. און דער בעל-עגלה פאהרט זיך גאנץ גיך קוקענדיג פאר-אויס זיך אין דעם ווייסען שניי-וועג אריין.

אין מיטען חאפט זיך ר׳ משה, ניטא ר׳ אהרן. ניטא אויפ׳ן שליטען, ניט ער, ניט דער קארב, אין וועלכען ער איז געזעסען. דערשרעקט זיך זעהר ר׳ משה. הייסט ער דעם פוהר-מאן, ער זאל זיך אבשטעלען. פאהרט מען שוין ניט ווייטער און מען קעהרט זיך אום צוריק זוכען ר׳ אהרנ׳ען. און מען פאהרט שוין טריט ביי טריט און מען זוכט. די נאכט איז דאך געווען א ליכטיגע, א העלע. דער שניי איז קלאר, ווייס און מאכט העל די נאכט. אין הימעל די שטערען לייכטען, און די לבנה האט דאך א טבע, אז ווינטער לייכט זי ליכטיגער, ווארום אז מען פאהרט ווינטער אין א לבנה-נאכט זעהט מען אפילו אויף דעם שניי דעם פערד׳ס שאטען. פאהרט מען טריט ביי טריט און מען קוקט פאראויס זיך, און ארום זיך אויפ׳ן וועג און מען זוכט ר׳ אהרנ׳ען. מען דערזעהט פון ווייטען, ביים זייט פון וועג, נעבען זאלד עפעס עהנליך צו א קארב, שטעלט מען אב דעם פערד,

מען גייט אַראָפּ פון וואָגען, מען קריכט אין דעם טיפען שניי. ביז וואַנען מען דערזעהט פאַר זיך אַ אָפּגעהאַקטען בוים און מען קעהרט זיך אום טרויעריגע צוריק צום שליטען. אָדער מען דער־זעהט פון ווייטען פאָראויס זיך עפּעס אַ געדיכטעס, אַ שוואַרצעס, טהוט מען דעם פערד אַ טריב גיכער. מען פאָהרט צו — עס איז גאָר אַ בוימדעל, פאָהרט מען זיך ווייטער נאָך מעהר פער־זאָרגט ווי פריהער. ערשט פון ווייטען האָט מען דערזעהען עס שטעהט אויפ׳ן מיטען וועג דער קאָרב און ר׳ אהרן אין איהם — איז מען דאָך מלא שמחה: גוט, פאַראַן ר׳ אהרן. געטראָפען האָט דאָס, ווי עס ווייזט אויס, אַזוי: אַלע זענען געווען פער־טראַכט, געפאָהרען איז מען גיך, איז נעבען אַ בוימדעל האָט זיך דער שליטען אַ קלאַפּ געגעבען, האָט זיך עטוואָס אַ קעהר געטהאָן אָן אַ זייט און דער קאָרב האָט זיך אַראָפּגערוקט פון שלי־טען אויפ׳ן וועג. קיינער האָט דאָס ניט בעמערקט, און מען איז זיך אַוועקגעפאָהרען ווייטער. ווייל מען אַפאָהר מהאָן גיכער, נעה־מען ר׳ אהרנ׳ען. ערשט מען האָט דערזעהען, אַ בער איז אַרוים פון וואַלד און געהט גלייך צום קאָרב, וואו עס איז געזעסען ר׳ אהרן. איז דאָך אַ סכנה — שטעלט מען זיך אָפּ. און מען וואַרט פון ווייטען צו זעהען, וואָס וועט זיין דער סוף. דער בער איז זיך אַזוי געגאַנגען שטיל און גלייך צו ר׳ אהרנ׳ען. ר׳ משה קוקט וואָס דאָ טהוט זיך. און אין האַרצען איז ביי איהם פול פּחד; וואָס וועט זיין מיט ר׳ אהרנ׳ען?

אין דערינען האָט ר׳ אהרן בעמערקט דעם בער. ר׳ אהרן האָט זעהר רוהיג און קאַלטבלוטיג אויפגעהויבען זיין שטריימעל הויך אויפ׳ן קאָפּ אַזוי, אַז זיין גרויסער שטערן איז אינגאַנצען אָפּ־געדעקט געוואָרען, און קוקט רוהיג גלייך דעם בער אין די אויגען אַריין. ווי איינער זאָגט: נאַ; קוק אויף מיין שטערן! און דער בער געהט זיך שטיל און גלייך צו ר׳ אהרנ׳ען, און זיי קוקען ביידע איינער אויף דעם צווייטען. ר׳ אהרן אויפ׳ן בער, דער בער אויף ר׳ אהרנ׳ען.

און ר׳ משה קוקט, וואָס דאָ וועט זיין. דער בער איז זיך צוגעגאַנגען נאָהענט צו ר׳ אהרנ׳ען. האָט זיך אָפּגעשטעלט. שטאַרק איינגעקוקט זיך אין ר׳ אהרנ׳ס פּנים אַריין און האָט זיך שטיל, רוהיג אומגעקעהרט צוריק אין זיין וועג און איז זיך אין וואַלד

אַריין.

אֵיז מען דאָךְ געוואָרען מלא שמחה, מען איז באַלד צוגע־לאָפען צו ר׳ אהרנ׳ען, מען האָט צוריק אַרויפגעשטעלט דעם קאָרב אויפ׳ן שליטען און מען איז אַוועקגעפאָהרען.

אין וועג, אַז מען איז שוין אָבגעפאָהרען ווייט פון דעם מקום הסכנה, האָט ר׳ משה געפרעגט ביי ר׳ אהרנ׳ען. וואָס איז געווען דער ענין פון אויפהויבען דעם שטריימעל און אָבדעקען פאַר׳ן בער דעם שטערן. האָט איהם ר׳ אהרן דערקלערט:

אַז ער האָט דערזעהען דעם בער, ווי ער געהט גלייך צו איהם, האָט ער באַלד דערפיהלט די סכנה. האָט ער גענומען און האָט פאַר איהם אָבגעדעקט זיין שטערן: און ממה נפשך, זאָל דער בער זעהען: איז דער צלם אלקים אויף זיין שטערן גאַנץ, וועט ער דאָךְ איהם גאָר נישט טהאָן; וואָס דען ניט, איז דאָךְ באָה שעתו, איז דאָךְ געקומען די צייט — — —

אַמאָלינער בטחון!

# מען פאַרט צום רבּין

# מען פאהרט צום רבן.

—— איך געדיינק . . . און וואס זאל איך דיר זאגען ? עפעס עס געדיינקט זיך . . . עס געדיינקט זיך , פון יענע יאהרען, אלץ אלץ . . . און אזוי קלאר, קלאר , און עפעס אזוי פרעהליך ווערט אויפ׳ן הארצען, אזוי לעבעדיג . . .הא, וואס זאגסטו ? . . . עפעס . . . עפעס . . . איך ווער גאר אנ׳אנדערער . . . ניט אט דער „עובר בטל׳ניק״ אט וועלכען דו זעהסט איצט פאר דיינע אויגען — אנ׳ אנדערער ! . . . איך לעב זיך אב ! . . . איך דערמאהן זיך . . . איך דערמאהן זיך . . . און עפעס . . . עפעס . . .

הא, וואס זאגסטו ? . . . אוי=אוי=אוי . . .

ווען ס׳איז — קלער איך . . . א מענש איז דאך — א מענש און קלערט . . . קלער איך ווען עס איז : וואס וואלט געווען אז א מענש וואלט געלעבט אויף דער וועלט אהן שינויים ? . . . אבער לגמרי אהן שינויים . . . אט מען וואלט שטענדיג געווען יונגע לייטלעך . . . מען וואלט שטענדיג געווען אזוי לעבעדיג, אזוי פרעהליך, ווי אין די יונגע יאהרען . . . מען וואלט שטענדיג געווען געזונד . . . מען וואלט ניט עלטער געווארען, מען וואלט ניט שטארבען . . . ה . מ . . . הא , וואס זאגסטו ? . . . א מענש איז דאך——א מענש און קלערט . . . און קלערט אפט נארעשקייטען אויך . . . הא, וואס זאגסטו ? . . . מען דערצעהלט פון דעם ראכמעסטריווקערם וועגען——די פוילישע האבען דאך האלט צו זאגען ווערטלעך . . . —— איינמאל זאגט ער : „ובטובו מחדש בכל יום תמיד מעשי בראשית״, איז דאך אין פלוג, זאגט ער, צוליב וואס דארפען די מענשען דעם חידוש פון מעשי בראשית אלע טאג ? . . . נאר וואס דען ? ווי

לעֶ — וּבטוּבוֹ... ווײַלעֶ מיר זעָנעָן מאמינים אַז „עֶר" איז כלו טוֹב... און אַלץ, וואָס „עֶר" טהוט איז פון איהם אַ גרויסעָ טוֹבה... — וּבטוּבוֹ!...

יאָ... איז געֶדײַנק איך... דאָס האָט געֶטראָפעֶן מיט שעָנעָ עֶטליכעָ יאָהר צוריק אָבעֶר גאָר שעָנעָ עֶטליכעָ יאָהר... אײַנמאָל, עֶטליכעָ טעג פאַר ראש השנה — ראש השנה האָבעֶן מיר דאַן געֶהאַט דאָנעֶרשטאָג און פרײַטאָג, און דאָס איז געֶווען זונטאָג — זעָנעָן מיר, איך. רב גדליה דעֶר קרעֶמעֶר, חיים דעֶר גאַרבעֶר, ירוחם אבא דעֶר שײַנקעֶר און רב ברוך דעֶר סופר, שוין אַלעֶ אונז צו לאַנגעֶ יאָהר, פעֶרזעָסעֶן זיך אין בית המדרש שפּעֶטלעֶך נאָך מעריב. און וואָס טהועָן חסידים, אַז מעָן בלײַבט עֶטליכעָ צוזאַמעֶן אין בית המדרש? זיצט מעָן דאָך, מסתמא, און מעָן שמועסט זיך מכח דעֶם רבי׳ן, מכח אַ מאמר זײַנעֶם, מכח זײַנעֶם אַ ווערטעֶל, אָדעֶר מעָן דעֶרצעֶהלט פון איהם אַ מעשה, אָדעֶר מעָן רעֶדט מכח אַ חסיד, מכח דעֶם, יעֶנעֶם, ווי דעֶר שטײַגעֶר איז — מעָן שמועסט. ווי אַזוי דאָס איז געֶקומעֶן צו רײד געֶדײַנק איך שוין איצט ניט, נאָר מעָן איז געֶזעָסעֶן און געֶרעֶדט. אין בית המדרש איז שוין געֶווען פינסטעֶר, נאָר סאיז עֶפּעֶס קאַלטלעֶך געֶווען, און דעֶר שמש האָט אײַנגעֶהײַצט די הרובעֶ. זיצט מעָן זיך אַנטקעֶגעֶן דעֶם פײַעֶר, ווער אויף אַ בײַנקעֶל, ווער די פיס אונטעֶר זיך אויף דעֶר עֶרד און מעָן רעֶדט. זיצט מעָן זיך און מעָן רעֶדט און מעָן רעֶדט... און מעָן האָט זיך צונויף געֶ־רעֶדט, אַז מעָן פיהלט, אַז מעָן דאַרף פאָהרעֶן אויף ראש השנה אין קאָפּוסט צום רבי׳ן. אויף שבועות איז מעָן אפילו געֶווען בײַ איהם, נאָר... מעָן פיהלט, אַז עֶס ציהט... עֶס שלעֶפּט... מעָן דאַרף פאָהרעֶן... מעָן מוז פאָהרעֶן!... וואָס זאָל זײַן? אין רבי׳ן האָט מעָן טאַקעֶ אויף אַנ׳אמת מאמין געֶווען... און אויף אַמאָליגעֶן אופן... טאַקעֶ — בלב ונפש... און עֶס איז טאַקעֶ דאַמאָלסט געֶווען צו ווערעֶן צו פאָהרעֶן, און אין ווערעֶן צו גלויבעֶן... וואָרום, גלויב ניט?!... אַז מעָן האָט טאַקעֶ געֶ־זעָהעֶן בחוש, ממש מעָן האָט אָנגעֶטאַפּט מיט די העֶנד, אויף איטליכעֶן טריט — און ווי זײַ זאָלעֶן זיך, די אַמאָליגעֶ, די אמת׳עֶ צדיקי הדור, ניט סטאַרעֶן זיך צו בעֶהאַלטעֶן זײַערעֶ מעשים פון מעֶנשישעֶ אויגעֶן — זײַערעֶ גרויסעֶ נסים און זײַער גדלות... און

ווער זאָל גלויבען איז טאַקע דאַן אויך געווען... וואָס זאָל זיין?
— אַמאָליגע חסידים און אַמאָליגע רביים!... יאָ... נו, איז גע-
גליבען אַז מען זאָל פאָהרען.

דער הויפּט אָנפיהרער אין דער נסיעה איז געווען רב ברוך
דער סופר. דו האָסט דאָך געהערט מכח איהם? ה...ם... וואָס
זאָל זיין?... דאָס איז געווען אַ יוד, איינער. פון די געהויבענע
יודען... אין אַמאָליגע יאָהרען פון די יחידי סגולה!... אויף
איהם דערצעהלט מען דאָך, אַז ווען עס איז געווען דער גרויסער
גירוש פון מאָסקווע, אָט,— אָט, דער לעצטער גירוש... און אַ
סך אַ סך, וועלכע גאָט ווייס צו וואָלטען אפילו זייערע קינדער ווי-
סען אַז זיי וואַקסען חאָטש פון יודען, און ווער רעדט שוין מכוח
זייערע אייניקלעך, אוראייניקלעך... וואָרום ווי מען דערצעהלט
זיך אָן, האָט מען דאָך דאָרטען אין מאָסקווע הייסט עס געלעבט
ממש ווי גוים... און ווער רעדט מכח לערנען, דאַווענען, תפילין
לייגען. אַ סך האָבען זיך גאָר פערגעסען, אַז עס איז פאַראַהאַן
תפילין אויף דער וועלט. יאָ... און דערנאָכדעם, אַז מען האָט
טאַקע דערצעהלט יעדערען גאָר אַזוי פראָסט, אָפען און טאַקע ביד
חזקה אויך... אַז דו ביסט אַ יוד... איז דאָך אַ סך הערצער
האָבען זיך דערמאָהנט אָן גאָט און האָבען זיך אומגעקערט מיט'ן
גאַנצען האַרצען צו יודישקייט, צום דאַווענען, צו די תפילין, און
עס איז דאָך דאַן געוואָרען דאָס גרויסע איינגעלויף נאָך בתים...
וואָס זאָל זיין?... איז דערצעהלט מען אויף איהם, אויף רב ברוך
דעם סופר:

אין איינעם אַ פריה מאָרגען מען זעהט — ער לויפט מיט אַ
זאַק בתים אויף די פּלייצעס, מיט אַ זאַק אַ גרעסערען פאַר איהם
אַליין — ער איז דאָך געווען אַ קליינינקער, אַ קורטשינקער און
אַ דאַרינקער—און ער לויפט מיט אַזאַ שמחה פרעגט מען דאָך
ביי איהם:

— אַ וואוהין, אַ וואוהין איז דאָס, רב ברוך?

— אין שקלאָוו, אין שקלאָוו — ענטפערט ער איילענדיג —
דאָרטען האָבען זיך דאָך בעזעצט אַ סך מאָסקווער בעלי-תשובות...

— נו, איז וואָס פרעגט מען.

— און איך וויל—מאַכט ער מיט שמחה—און איך וויל. אַז
די בעלי תשובה זאָלען טאַקע טראָגען מיינע בתים... מיינע בתים...

און איז אַוועקגעלאָפֿען צו פוס מיט דעם זאַק כּתים אין שקלאָוו...

ממ... פון די יחידי סגולה!

יאָ... איז דאָך דער הויפּט אָנפֿיהרער אין דער נסיעה געווען ער, רב ברוך דער סופר, הייסט עס. נאָר וואו חאַפּט מען אַ פּוהר? געווען איז דאָך עס ביי נאַכט און פאָהרען מוז מען פאָהרען ניט שפּעטער ווי אויף מאָרגען פריה. וואָרום דער וועג איז געווען אַ שלעכטער, אויפ'ן גאַס האָט געגאָסען אַ שלאַקס־רעגען — דער אָסיען איז דאַמאָלסט געווען זעהר אַ פריהענדיגער. דאָס איז געווען אין יענעם יאָהר, ווען די ערשטע טעג סוכות איז מען שוין געפאָהרען אויף שליטען — און פאָהרען האָט מען געהאַט אַ וויאָרסט זיבעציג. און קומען האַרט פאַר די ערשטע פאַרנאַכטיגע חסידים האָט זיך אויך ניט געוואָלט. נו, טאָ וואָס טוט מען? איז געפאַלען רב ברוך אויף אַזאַ המצאה: מען זאָל דינגען זעליג דעם בעל־עגלה. אַ פערדעל האָט אפילו זעליג דער בעל־עגלה געהאַט ניט קיין אַי—אַי. נאָר דערהויפּט וואָס דערווייל וועט זעליג אויך זיין ביים רב'ן אויף ראש השנה.

וואָרום דער זעלביגער זעליג דער בעל עגלה איז געווען אַ ברענענדיגער חסיד, אַ גרויסער מאמין אין איהם, און אַ שענער יודע ספר, און ער איז גאָר ניט געווען קיין בעל־עגלה אויך... אָט... ער האָט זיך געהאַט אַ פערדעל און פלעגט זיך פיהרען ווען אַ וואָגען משא אין שקלאָוו... פון שקלאָוו... יאָ... איז געבליבען אַזוי. געהען מיר תיכף, גלייך פון בית המדרש, אין דעם גרויסען שלאַקס־רעגען, אַוועק צו זעליג דעם בעל עגלה און דערצעהלען איהם די מעשה. ווערט ער דאָך מלא שמחה און איז גרייט אויף מאָרגען פריה, אַ שעה דריי פאַר סליחות, צו פאָהרען. בלייבט דאָס אַזוי.

אויף מאָרגען — מיר זענען אויפגעשטאַנען, מען האָט זיך צונויפגעקליבען אַלע צו רב ברוכ'ן און מען וואַרט אויף זעליגען. מען וואַרט אַ האַלבע שעה, אַ שעה ער איז ניטאָ. געהט מען דאָך אַוועק צו איהם, זעהען וואָס איז די מעשה? און אויפ'ן גאַס איז חושך מצרים, איינער דעם אַנדער'ן האָט ניט געזעהען... געהט מען זיך אַזוי צו איהם און אָט, אָט מען פאַלט... מען קריכט אַרויף אויף אַ שטוב, אַ בערווענע, מען געהט... מען



קומט צו זעליגען, מען קלאפט אהן אין פענסטער — מען ענט־פערט ניט. מען הויבט אן קלערען וואס קען דאס זיין? ערשט מען האט דערזעהען ביי איהם אין סטאדאלע, נעבען זיין שטוב, עס איז דא פייער. געהט מען אויך אין סטאדאלע. מען געהט אריין, ערשט ער זיצט דארטען. א סמאליאטשיק, אריינגעשטעקט אין וואנד, ברענט איבער זיין קאפ — קיין קעראסין איז דאך נאך דאן ניט געווען — און ער פעריכט דעם חאמוט. און וואו? ער האט נאך אפילו ניט אנגעהויבען זיך צו גרייטען צו דער נסיעה: דער וואגען שטעהט זיך אין ווינקעל, דער פערד ליגט און דרעמעלט און ער זיצט זיך און פעררייכט דעם חאמוט.

— סטייטש, מאכט צו איהם ר' ברוך, שלימזל'ניק, נאך דיינע הכנות נאך וועלען מיר דאך קומען אין קאפוסט ערשט אויף איבער א יאהר שבועות. און פאר וואס פעררייכטסטו ניט דעם חאמוט אין שטוב, וואלט דאך די ארבייט געהען גיכער?

— גערעכט, — מאכט ער געלאסען צו אונז, — נאר איך וועל אייך ענטפערען אויף אלץ: ערשטענס איז דעם חאמוט מוז מען פעררייכטען, ווארום א פערד אהן א חאמוט איז גאר קיין פערד ניט. ניין! א פערד איז אלע מאל א פערד! נאר דעם וואגען שלעפט ער דאן ניט... און צווייטענס, ווידער צו הערען די קללות פון מיין פלונית'טע דערפאר וואס איך פאהר אב אויף יום־טוב פון דערהיים, איז בעסער צו זיצען דא און חאטש דער־פראהרען ווערען פון קעלט.

— שוטה, — זאג איך צו איהם — וואלסטו זאגען דיי־נער, אז דו פאהרסט צום רבי'ן..

— הערסטו, — מאכט ער, — אט דערפאר גופא שילט זי זיך דאך...

— סטייטש, — מאכט רב ברוך — אזא ארורה!..

— און וואס איז דער וואונדער? שמייכעלט רב גדליה דער קרעמער — בדידי הוה עובדא... איך האב אויך א אשה און האב טאקי אויך געזאגט איהר, אז איך פאהר צום רבי'ן און זי האט טאקי אויך געשאלטען, און לא די וואס דעם טלית און תפילין האט זי מיר ניט געלאזען נעהמען, וועט זי מיך נאך א גאנצענס יאהר נאכאנאנד שילטען און שילטען פאר דער נסיעה.

— מיינע אויך, חאפט אונטער חיים דער גארבער.

לאַכטמען . . .

בקיצור, אַהין — אַהער — מען האָט זיך אַרויסגעקליבען פון שטעדטיל נאָך סליחות און נאָכ׳ן דאַוונען — שוין היבש אויפ׳ן טאָג. און מען פאָהרט. פאָהרט מען . . . יאָ . . . פאָהרט מען . . . עס פערשטעהט זיך, אַז מען פאָהרט מיט זעליג דעם בעל עגלה — איז וואָס זאָל זיין? דאָס רייסט זיך אָב אַנאַטאָסע, די לייצעם צוריסען זיך די רעדער סקריפּען, דעם האָמוט דאַרף מען אין מיטען דערינען איבער אַ נייעם פערכיכטען — ס׳מאַכט דאָך ניט אויס . . . יאָ . . . פאָהרט מען . . . מען איז אָבגעפאָהרען אַ וויאָרסט פערציג, אויף מאָרגען שוין — ערשט אין מיטען דערינען, אין מיטען אַ דאָרף, דער פערד האָט זיך פערהאַמפערט, האָט זיך אָבגעשטעלט און — ניט פון אָרט . . . און וואָס הייסט ניט פון אָרט? אָט טאַקי ווי איינער זאָגט: עד כאן, און גאָר . . . פּרובט דאָך זעליג מיט גוטען, מיט בייזען — גאָר נישט . . . פּרובט דאָך זעליג ווייטער, מיט דער אַנדער זייט בייטש, הויבט דער פערד אויף די הינטערשטע פיס און פאַרשפּריצט אונז מיט בלאָטע, מיט קויט און — ניט פון אָרט. פּרובען מיר אַראָבגעהען פון וואָגען — עס העלפט אויך ניט. און ניט וואָס דער פערד וויל אונז ניט פיהרען, ער וויל טאַקי, ווייזט אויס, אַז מיר זאָלען איהם פיהרען . . . נו, טאָ וואָס טהוט מען? . . . נאָר מילא מיטען פערד — נו, . . . אַ פערד . . . אָבער וואָס טהוט מען מיט זעליגען . . . זעליג וויל דאָך זיין אויף ראש השנה ביים רב׳ן . . . וואָס טהוט מען? . . . איז געבליבען, אַז מען זאָל לאָזען דעם וואָגען אין דאָרף ביי אַ גוי און דעם פערד זאָל זעליג נעהמען פאַר׳ן פּאָוועד, און מען זאָל געהען צו פוס אין קאָפּוסט — נו, און אָהן אַ וואָגען וועט דאָך שוין דער פערד יאָ נאָך געהען נאָך אונז.

— אגב, שמייכעלט ר׳ ברוך — וועלען מיר אפשר אויפ׳ן וועג אָנטרעפען אַ מתנגדיש שטעדטיל וועלען מיר איהם דאָרטען לאָזען פאַר אַ רב . .

מען לאַכט . . .

בקיצור, טהוט מען אַזוי און מען געהט צו פוס . . . דער טאָג איז געוועזען זעהר אַ קאַלטער, קויטיג איז געוועזען —

אָט ווי עס טרעפט אַין אַ שלעכטען אָסיען. און מען גייט, מען טאַפּטיעט אין די קויט, טיאָב, טיאָפּ, טיאָפּ. אַיין פוס אַרײַן אין די קויט, די אַנדערע אַרויס, טיאָפּ, טיאָפּ, טיאָפּ... און דער רעגען גיסט... און וואָס הייסט — ער גיסט? ער שמייסט אין פנים אַרײַן און גיסט אויפ׳ן קאָלנער און טאַקע אונטער׳ן קאָלנער אויך... און מען גייט... מען גייט... מען שלעפּט זיך צו פוס אין קאַפּיסט.

— ווי עס ווייזט אויס, זאָגט זעליג אַרויס שלעפּענדיג די פוס פון אַ בלאָטע, אין וועלכער ער איז אַרײַנגעפאַלען — הויבען אָן מקוים צו ווערען מיין ווייבס קללות.

— שוטה, מאַכט צו איהם ר׳ גדליה דער קרעמער, — ווען מיין ווייבס קללות וואָלטען אָנהויבען מקוים צו ווערען, איז די ערשטע זאַך, האָבען ביי מיר מיינע פיס געדאַרפט, חלילה, אָבגענומען ווערען און אַ דאַנק גאָט — עס גייט זיך; אדרבה...

מען המצא... זיך און מען גייט... עס זענען שוין נאָס געוואָרען אויף אונז די קליידער, די אייבערשטע, די אונ־טערשטע, נאָר עס גייט זיך... מען גייט אין קאַפּיסט צו פוס...

שפּעט אין דער נאַכט זענען מיר קוים אַרײַנגעפאַלען אײַנגע־מאַטערטע אין חאַלטורע, אין אַ קרעטשים אַ וויאָרסט עלף — צוועלף פון קאַפּיסט. מיר זענען אַרײַן אין קרעטשים און מיר האָבען זיך גאָר אָבגעלעבט. עס איז ליכטיג, וואַרעם, און אגב האָבען מיר דאָרטען געפונען אַ פּאָר בעקאַנטע חסידים, און אַזוי, וועלכע פאָהרען צום רבי׳ן. וואָס זאָל זיין?... מען איז דאָך צו איהם געפאָהרען פון דער גאַנצער וועלט... און אויך אַ עגונה, אַ פערביטערטע יודענע איז געפאָהרען צום רבי׳ן. מיר האָבען אפילו איהר געזאָגט: וואָס עפּעס האָט זי אויסגע־קליבען דוקא ראש השנה, ווען עס איז אַזוי פיעל אורחים פאַרהאַן און עס איז זעהר שווער צו צוקומען צו איהם?...

יאָ... איז... ע... שלום עליכם, עליכם שלום... מען רעדט, מען האָט גענומען אַ ביסעל משקה, מען דערמאָהנט פאַר אַ יאָהריגען ראש־השנה און מכח די אורחים, וועלכע זיי־נען דאָן געווען, מכח דעם מאמר, וועלכען ער האָט פאַר אַ

יאָהרען געזאָגט, מען דערמאָהנט אַ ווערטעל זיינס, אַ מעשה פון איהם — מען שמועסט. און מען האָט זיך געלייגט שלאָפען, ווער אויף דר'ערד, ווער אויפ'ן טיש אויף אַ בענקיל. איינגעמאַטערט איז מען דאָך געווען, איז מען טאַקע באַלד איינגעשלאָפען.

אויף מאָרגען — ערב ראש השנה, הייסט דאָס, איז מען אויפגעשטאַנען, אָבגעזאָגט גלר כריתי, עס איז געוואָרען טאָג, און מען דאַרף געהן ... טער, נאָר מען איז אַזוי פון געלטען פערמאַטערט — די ... ווילען גאָר ניט געהען. טאָ וואָס טהוט מען?... ניט גוט... ערשט ווי מיר שטעהען אַזוי נעבען פענסטער פאַר'דאגה'עט און קוקען אין גאַס אַרויס, ערשט א פאָר גוטע פערד, אָבער וואָס הייסט גוטע?! איינגעשפאַנט אין אַ גוטע, טהייערע בריטשקע לויפען צום קרעטשים.

— אי, — מאַכט זעליג, — ווען איך וואָלט געהאַט אַזאַ פאָר כערדלעך, וואָלט איהר ביי מיר געוועזען נאָך נעכטען אין קאָפּיסט.

— ניט שיט קיין זאַלץ אויף די וואונדען, — מאַכט צו איהם רב ברוך.

און מיר קוקען זיך אַזוי אין פענסטער. ערשט מיר קוקען זיך צו גוט, מיר זעהען — אַ בעקאַנטער פנים. נאָך אַ ווײַלע— און מיר דערקענען איהם. און דאָס איז טאַקע געווען ר' שלום דער אַרענדאַר. ער איז דאָך געווען דער פייערדיגער חסיד, אַ מורא'דיגער עושר און דער גרויסער עניו, מיט אַלעמען אויף „דו", און צו איהם אויך אויף „דו", און אַ גרויסער חכם — אַ מדינה־חכם!... יאָ... ערשט דאָס פאָהרט רב שלום דער אַרענדאַר. און ער פאָהרט צו גלייך צום קרעטשים

— איהר וועט זעהען — מאַכט ר' ברוך ... אונז — וואָס דאָ וועט זיין...

— נו, אדרבה, — זאָגט זעליג שמייכלענדיג.

ר' שלום איז אַריין אין קרעטשים. נו, און שלום עליכם, עליכם שלום, מען פרעגט זיך וואָס מען זעהט זיך, און מען פרעגט וואוהין פאָהרט ער, ווערט ער אין כעס:

— וואָס הייסט וואוהין פאָהר איך? אויף ראש השנה

אין קאָפּיסט.

נו, איז מען מלא שמחה. בעט מען דאָך בײַ איהם אויף משקה — איז ער מסכים דעו׳צו. אין דערינען איז ער אַרויס־געגאַנגען זאָגען דעם קוטשער, אַ יונגער יונגעל, אַז ער וועט זיך דאָ אָבשטעלען אויף אַ קלײַנע ווײַלע, מאַכט צו אונז רב ברוך:

— הערט, מען דאַרף איהם אָבטהון...

— וואָס הײַסט? — פרעג איך.

— מען דאַרף — זאָגט ער — זעצען זיך אין זײַן ברִיטשקע, אויף זײַנע פּאָר פערד און אַוועק פאָהרען אין קאָפּיסט.

— יאָ!... — זאָגען אַלע — ר׳ ברוך איז גערעכט.

— און ער? — פרעג איך.

— עט,—מאַכט צו מיר רב ברוך — ביסטו דאָך גאָר אַ מתנגד, מיר וועלען איהם דאָ לאָזען זעליגס פערד; אַ וואָגען וועט ער דאָ אויך קריגען אין דאָרף — געלט האָט ער דאָך בײַ זיך. איך וועל שוין זעהען אַלץ מאַכען צו רעכט. לאַכען מיר אַלע פון דער המצאה...

און וואָס מײַנסטו? עס איז ניט געוועזען אַזוי? וואָס זאָל זײַן?... ווען רב שלום איז אַוועקגעגאַנגען צו זײַן פריץ, וועל־כער האָט דערבײַ געוואוינט האָט מען גענומען און מען האָט דעם קוטשער אויסגענאַרט, מען האָט איהם וואו אויף אַ ווײַלע אַוועק געשיקט. פאַר רב שלום׳ן האָט מען איבערגעלאָזען בײַם קרעטשמער אַ צעטעל אין וועלכען מען האָט מודיע געווען פון דער מעשה און מיר האָבען זיך אַרײַן געזעצט אין זײַן ברִיטשקע און... אין אַ שעה אַרום איז מען געווען אין קאָפּוסט. און וואָס הײַסט מען איז געפאָהרען—ווי די גרעסטע פּריצים!... אַ גאַנץ יום־טוב האָט מכח דעם געֿ׳רעש׳ט גאַנץ קאָפּוסט, אַלע חסידים האָבען דערפון געוואוסט. ס׳האָט געקערט ד, וועלט!... און צום סוף אַז ער איז געקומען, שפּעט בײַ טאָג, צו שלע־פען זיך, און טאַקע אויף זעליג׳ס פערדעל — האָט מען נאָך געקנס׳ענט, אַז ער זאָל געבען אַ האַלבען טאָפּ זעכציגער דער־פאַר, וואָס מען האָט איהם אויסגענאַרט... אַ האַלבען טאָפּ האָט ער אַלײַן מוסיף געווען, אויף אונזערע הענד, פאַר דער

המצאה...

— — — — — — — — — — — —

און אַז מען האָט דערציילט די מעשה רעם רבּ'ן — האָט דער רבי אַ שמייכעל געטהון!..


אַמאָליגע שׂמחות
ב. קראטקא

# אַמאָליגע שׂמְחות.

וואָס זאָל איך דיר זאָגען? — פאַר מיר... פאַר מיר..
װעלכער געדענקט נאָך ווי אַמאָל איז געוועזן, ווי אַמאָל האָט מען געלעבט. איז שווער איצט צו לעבען... שווער... עפּעס די געפינסט זיך קיין אָרט ניט... וואו דו זאָלסט זיך ניט קעהרען און ווענדען, — אַלץ ניט דאָס... ניט דאָס... ניט דאָס וואָס אַמאָל... לגמרי ניט דאָס וואָס אַמאָל... האַ? וואָס? ניט אַזוי?..

אָט, למשל, אַמאָליגע יודישע שמחות. ווי יודען פלעגען אַמאָל פרעהליך זיין אום יום-טוב און איצטער... זעהסטו דען איצט אויף די יודישע פּנימ'ער דעם עונג יום-טוב, דעם תענוג פון שמחה, די עבודה צו גאָט דורך שמחה?.. פיהלסטו דען איצט אום יום-טוב, אַז יודען זענען דאָך יודען?.. אַלץ אַזוי פערזאָכל'ט, טרוקען און וואָכעדיג... און וואָס מיינסטו? יודען האָט זיך דאַן בעסער געלעבט, דערפאַר איז מען געוועזן פרעהליכער? עט!.. יודען זענען אַלע מאָל געוועזן אין גלות... נאָר וואָס דען? מען איז געוועזן מיט מעהר ברען, מיט מעהר היץ, מיט מעהר פייער אין די הערצער, און בּמילא איז שוין געוועזן מעהר אמונה, מעהר בטחון, און אויך די שמחות זענען געוועזן ירודישע — מיט אַ היץ, מיט אַ פייער און מיט'ן גאַנצען לייב און לעבען... וואָס זאָל זיין? עפּעס... עפּעס... אַנ'אַנדער וועלט איז דאַן געוועזן!.. אַנדערע מענשען. אַנדערש האָט מען געלעבט... אַנדערש... אַנדערש...

איך געדענק נאָך ווי איצטער, ווי אָט נעכטען, נעכטען איז דאָס געוועזן. דער עיקר הוליען פלעגט בּיי אונז זיין שמחת-

בית השואבה. מילא וועגן שמחת תורה, וועגן דעם ווי מיר פלעגן אַמאָל פרעהליך זיין שמחת תורה איז דאָך טאַקי בפּועל ממש, מען דאַרף זיצען טעג מיט נעכט און דערצעהלען וועגען דעם, וואָס הייסט מען האָט זיך משמח געווען? עס איז דאָך טאַקי געווען די אמת'ע שמחת התורה... מען איז אַרויס פון זיך... אָבער בפּועל ממש אַרויס פון זיך... מען האָט פערגעסען אָן אַלץ; און יודען האָבען זיך געפרעהט מיט דער תורה.. און וואָס הייסט משמח געווען!.. אַז איך זאָג דיר, דו וואָלסט מעהר נישט געדאַרפט זעהן, וואָס עס האָט זיך אָבגעטהאָן אַמאָל אַ שמחת תורה מיט ר' נחום דעם מלמד: וואָס? דו האָסט ניט געהערט פון ר' נחום דעם מלמד? דו ווייסט ניט וועגען איהם? ר' נחום דער מלמד איז דאָך געווען בײַ אונז אין שטעדטעל דער גרעסטער מלמד פאַר גמרא־קינדער. געווען איז ער דער גרויסער עובד און דער גרויסער, פאַרברענטער חסיד. דאָס רוב „זמן" פלעגט ער אפילו אָבזיין אין קאָפּיסט בײַם רבי'ן. איהם פלעגט שטענדיג שלעפּען אין קאָפּיסט, צום רבי'ן, צו די חסידות... „ניט אין קאָפּיסט, פלעגט ער טענה'ן. בין איך ניט איך... עפּעס, עפּעס עס ציהט מיך אַהין..." נאָר דאָך די גוטע קינדער פלעגט מען אַוועקגעבען צו איהם. ווײַל ווען ער פלעגט שוין יאָ לערנען מיט זײַ, איז ניט געווען קיין גלײַכען צו זײַנע עמקות און צו זײַן הסברה. און שטענדיג איז ער געווען יום־טוב'דיג, שטענדיג אָנגעטהון אין זײַן אַטלעסענער קאַפּאָטע מיט דעם זײַדענעם גאַרטעל, — אַ הדרת פּנים האָט ער דאָך געהאַט ניט אַ געוועהנליכען, ער איז דאָך געווען אַ הויכער און אַ לעבעדיגער, זײַן פּנים איז געווען אַ ליכטיגער, מיט אַ בּרעג, מיט אַ קאָך, און זײַנע אויגען זענען געווען אַזוינע ליכטיגע און אַזוינע ווײַסע, גוטע. איז אַז מען פלעגט איהם דערזעהן אין זײַן אַטלעסענער קאַפּאָטע מיט דעם זײַדענעם גאַרטעל, פלעגט עפּעס ווערען פרעהליך און אַזוי יום־טוב'דיג אויפ'ן האַרצען מען דערצעהלט, אַז אײַנמאָל אין אַ וואָכעדיגען טאָג האָט מען בײַ איהם אַ פרעג געטהון:

— ר' נחום, וואָס זײַט איהר אַזוי יום־טוב'דיג, וואָס פאַר אַ יום־טוב איז הײַנט בײַ אײַך?..

— ערשטענס — מאַכט ער — האָב איך הײַנט געדאַוונט

צו פאָהרען אין קאָפּיסט . . . אַגב וויל איך „איהם״ דינען מתוך שמחה. איך פרעה זיך, וואָס „ער״ איז אַלע טאָג מחדש די מעשי בראשית . . . דאָס איז טאַקי ביי מיר אַ גרויסער יום־טוב . . .

איז האָסטו געדאַרפט זעהן ר׳ נחום׳ען שמחת תורה! זיין משמח זיין זיך . . . זיינע נגונים . . . היינט זיין טאַנצען, זיין הוליען . . . וואָס זאָל זיין — מען איז געווען פרעהליך מיט דעם גאַנצען לייב און לעבען, דערפאַר וואָס גאָט האָט אונז אַ־תורה געגעבען . . . און וואָס דאַרפסטו גאָר אַ סך? איך רעד שוין ניט וועגען גאָר אַמאָליגע שמחת תורה׳ס. אָט אפילו גאָר ניט לאַנג גאָר ניט, אַנג מיט אַ יאָהר צעהן, צוועלף צוריק איז דאָך אויך עפּעס אַ קליינינקייט ווי יודען פלעגען זיין פרעהליך שמחת תורה? . .

איך געדענק . . . הם . . חע—חע—חע . . . עפּעס אַזוי געדענקט זיך דאָס מיר! . . . ס׳איז אפילו אַ קליינינקייט! נאָר איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פערגעסען . . . איינמאָל אַ שמחת תורה . . , אָט שוין דאָ ניט לאַנג, אין די לעצטע יאָהרען. אָט ווען קאַזנאַ האָט דערמאָלט געמאַכט דעם שאָסיי פון אונז ביז שקלאָוו און ר׳ שמואל דער פּאָדריאַדטשיק האָט אָנגענומען פון קאַזנאַ דעם דאָזיגען פּאָדריאַד. זענען מיר געווען ביים רב. שמחת תורה פלעגט מען דאָך אַ גאַנצען טאָג פון נאָכ׳ן דאַווענען אָן פאַרברייינגען ביים רב. אַזוי איז ביי אונז שוין געווען אַ חזקה. איז אַרום אַ זייגער צוויי־דריי ביי טאָג — מען חאַפּט זיך, ניטאָ וויִשען אונז ר׳ שמואל דער פּאָדריאַדטשיק. געווען איז מען שוין היבש ניט ביי זיך, היבש פרעהליך. ר׳ שמואל׳ן האָבען אַלע ליעב געהאַט; ער איז דאָך געווען אַ גרויסער נדבן און און אַ גרויסער הוליאַקע . . . האָט מען אָנגעהויבען צו מאָנען, וואו איז דאָס עפּעס ר׳ שמואל? מען זאָגט זיך דערביי אַ המצאה אַ גלייך ווערטעל. דער זאָגט אַז ר׳ שמואל׳ס ווייב איז אַ מתנגד׳ס אַ טאָכטער און זי מיינט אַז שמחת תורה דאַרף דער מאַן עסען וואַרמעס ביי זיך אין דער היים. מיט ווייב און קינדער צוזאַמען. דער זאָגט אַז ר׳ שמואל אַליין איז געוואָרען אַ מתנגד און האָט זיך געלעגט מסתמא אָברוהען, הקיצור עס איז געוואָרען אַ גילוי הדעת אַז מען זאָל געהן נאָך איהם און רופען איהם

צום רב ער האט געוואוינט אפילו ווייט, אביסעל אונטער שטאדט. נאר וואס פאר א תירוץ איז דאס ביי חסידים? ווייט צו ניט ווייט — מען דארף ברענגען ר׳ שמואל׳ן. האט מען גענומען טראכטען, ווער זאל געהן נאך איהם, ווארום שיקען צו איהם האט מען געדארפט נאך איהם אזא מענשען, וואס זאל ניט אנדערש ברייננגען איהם. האטש ער וועט אפילו ניט וועלען געהן. הויבט זיך אויף ר׳ נחום און זאגט:

— איך געה. איך ברייננג איהם איין... גיט מיר נאר מיט זיך אברהם דעם ישובניק.

ר׳ אברהם דער ישובניק איז אויך געווען א גרויסער למדן און א גרויסער חסיד. גערופען האט מען איהם דער ישובניק, ווייל זיין פאטער האט אמאל געוואוינט אויפ׳ן ישוב און מיט ר׳ שמואל׳ן איז ער געווען זעהר אויסגעבונדען. ר׳ אברהם פון זיין זייט האט זיך אויך אויסגערופען. אז ער געהט, עס האט זיך אפילו ווער אבגערופען, אז ער איז מסופק, צי אי ר׳ נחום אי ר׳ אברהם שטעהען נאך גלייך אויף זייערע פיס, נאר ר׳ נחום האט אויף איהם עטליכע מאל געזאגט: „מתנגד!״ האט זיך אוועקגעשטעלט און איז זיך דורכגעגאנגען הין און צוריק פאר אלעמען אין די אויגען, אויף א גלייכער ברעט און האט מוסיף געווען, אז אויב מען וויל, זאל אבא, איך הייסט דאס, אויך געהן מיט זיי. און אלע האבען מסכים געווען. אז מיר דרייען, הייסט ר׳ נחום, ר׳ אברהם און איך, זאלען געהן נאך ר׳ שמואל׳ן און זאלען ניט אנדערש ברייננגען איהם צו שלעפען צום רב. נו, בלייבט דאס אזוי. זאגען אונז אלע צו, אז מען וועט ווארטען אויף אונז, מען וועט ניט טרינקען, ביז מיר וועלע ניט קומען מיט ר׳ שמואל׳ן. און מיר האבען זיך גענומען קלייבען אין וועג, ר׳ נחום האט גענומען מיט זיך א פלעשע משקה, ר׳ אברהם האט גענומען מיט זיך א גלעזעל. איך ה. געחאפט עטליכע זויערע אוגערקעס און מיר זענען אוועק נאך ר׳ שמואל׳ן. נו, ס׳פערשטעהט זיך אז ביז וואנען מיר זענען דערגאנגען צום סוף שטעדטעל איז שוין אונזער פלעשעל משקה ליידיג געווארען. איז מען זיך אביסעל מצער אויף דעם און מען געהט זיך שוין אביסעל שווערליך אויף די פיס, ווייטער. ביים ארויסגעהן פון שטעדטעל מאכט צו אונז ר׳ נחום:

— הערט, מיר וועלען זיך אפשר גאר צוזעצען און איבער-חזר'ן א מאמר חסידיש...

טראכטען מיר וועגען דעם און געהען זיך, ארויסגעהענדיג פון שטעדטעל מאכט ר' נחום צו ר' אברהמ'ען:

— אברהם!

— וואס? — פרעגט ער.

— עס דרעהט זיך — מאכט ר' נחום.

— דער קאפ? — פרעגט ר' אברהם.

— ע!... מאכט ר' נחום — ביסטו דאך טאקי א ישובניק און א מתנגד אויך דערצו. וואס עפעס דער קאפ? — א נייער ניים... טאמער פערקעהרט?... די וועלט... די וועלט דרעהט זיך... ווארום וואס ס'אי... דו זעהסט ניט? אט די הימלען. די ערד, דער וואלד דארטען... דארטען... אלץ דרעהט זיך און אזוי געשווינד, געשווינד...

געהען מיר זיך ווייטער. אין דערינען פרעגט מיך ר' נחום:

— אבא, דו גלויבסט אין רבי'ן?..

איך בין אין כעס געווארען.

— ע!.. — מאכט ער צו מיר — ביסטו דאך אויך א מתנגד! איך לאך דאך דאס... נאר... אבער... גוט... גוט וואלט מיר איצט געווען, ווען איך וואלט איצט זיין אין קאפיסט ביים רבי'ן... עס איז גאר אנ'אנדער שמחה... דו ווייסט אז ער איז נעבען דיר... דו ביסט ניט אליין... עס איז יום-טוב, לעבעריג... דו פיהלסט, אז דיר איז ליכטיג... פרעהליך... און איצט צופט עפעס דארטען אין הארצען... עס שלעפט מיך עפעס... עס ציהט אהין... אהין... אין קאפיסט... צו איהם... אמת?.. אמת?..

אין דערינען מיר חאפען זיך, מיר ליגען אלע דריי אויף דר'ערד.

— אברהם! — מאכט ר' נחום.

— וואס? — פרעגט ר' אברהם.

— לאמיר זיך זעצען...

מיר האבען זיך אוועקגעזעצט.

— אברהם! — מאכט ווידער ר' נחום.

— וואס? — פרעגט ער

— אַ האַרטער ברוק . . . — קלאָגט זיך ר׳ נחום — פון שטיינער . . . האַרט . . .

— טאַקי האַרט . . . האַרט . . . — האָבן מיר מסכים געווען .

— אין דערינען האָט ר׳ נחום פערקאַסערט דעם אַרבעל פון זיין רעכטער האַנד האָט אויסגעשטעלט דעם רעכטען אַגודל און מאַכט צו ר׳ אברהמ׳ען :

— אברהם , ווייסטו וואָס ? . .

— וואָס ?

— איבערקעהרען מיט דעם אגודל דעם ברוק ? . . איבער־קעהרען ? . .

ר׳ אברהם האָט זיך דערשראָקען .

— מען דאַרף ניט . . . דאָס איז דאָך פון קאַזנאַ . . . ניט טשעפּע זיך מיט זיי . . . מען דאַרף ניט ! . .

— ניין ? . . דו ווילסט ניט ? . . דאַרף מען ניט . . . — האָט ר׳ נחום מסכים געווען און האָט צוריק אָבגעקאַסערט דעם אַרבעל . . .

און וואָס זאָל זיין ? מיר זענען זיך אַזוי אָבגעלעגען אויפ׳ן ברוק ביז שפּעט אין דער נאַכט . . . מאַכט דאָך ניט אויס ! . . יאָ . . . איז דאָך דאָס וועגען שמחת תורה הייסט דאָס . . . אָבער איך וויל דיר דערצעהלען ווי אַזוי מיר פלעגען דאָס אָבהוליען אַ מאָל אַ שמחה בית השואבה . . . וואָס הייסט הו־ליען ! . . איך זאָג דיר , אַז איך דערמאָן זיך . . . אַז איך דערמאָן זיך — הויבט מיך פון אָרט . . . עפּעס . . . עפּעס . . .

— אַנ׳אַנדער וועלט איז דאַמאָלט געווען . . . אַנ׳אַנדער וועלט ! . .

יאָ . . . איז וועגען שמחת בית השואבה .

די אמת׳ע הוליאַקעס זענען ביי אונז געווען אָט טאַקי דער זעלביגער ר׳ נחום דער מלמד , ר׳ אברהם דער ישובניק , ר׳ יוסף דער קרעמער — אַ געהויבענער יוד ! — און ר׳ שואל דער חזן . איינער פון די אַמאָליגע געהויבענע חזנים און אַ גרויסער יורע אין קבלה . ער איז געווען אַ דאַרינקער , אַ קליינינטשקער , מיט משונה גרויסע אויגען און ער איז עפּעס תמיד געווען אומע־דיג , תמיד געווען פערקלערט , פערטראַכט און פאַר זיך . . . מיר פלעגען איהם רופען דער „עצבן“ . נאָר אַז עס פלעגט קו־

מען א יום=טוב, ווען ער פלעגט נעהמען א ביסעל משקה, פלעגט ער גאר ווערען א אנדער מענש. מען פלעגט איהם גאר ניט דערקענען. ער פלעגט דעמאלט ווערען אזוי פרעהליך, אזוי לעבעדיג און פלעגט אזוי משמח זיין אלעמען . . . מיר פלעגען זיך גאר וואונדערען, ווי קומט דאס צו איהם.

איז מוצאי יום=טוב די ערשטע טעג, הייסט דאס די ערשטע נאכט חול=המועד, גלייך נאך מעריב, פון שול. פלעגען אט זיי זאלבע=פיערט, איך און נאך עטליכע פון אונזערע אויך מיט זיי, פלעגען מיר זיך אוועק צום רב. מען פלעגט זיך זעצען אין סוכה, מען פלעגט זיך צונויפלייגען צווישען זיך אויף משקה און מען פלעגט נעהמען צו ביסלעך. נו. מען פלעגט שמועסען, דערצעהלען מעשיות פון רבי'ן, מען פלעגט זאגען א ניגון און מען האט פערבראכט. אין דערינען פלעגען זיך צונויפקלייבען די איבעריגע אונזערע עס פלעגט שוין ווערען א ביסעל פרעהליכער, אין סוכה פלעגט ווערען ענג און מען פלעגט אנהויבען צו זוכען א היתר אויף אריבערצוגעהן פון סוכה אין שטוב. דער זאגט אז א וואלקען געהט, א צווייטער — אז א רעגען שפריצט שוין אונטער, א דריטער — אז עס איז טאקי גלאט קאלט און ענג אין סוכה. דער רב פלעגט אפילו אויף דעם אונטערקווייטנקלען, ער פלעגט אנהויבען שיקען מענשען אויפ'ן גאס זעהן, צי עס איז טאקי דא א חשש רעגען — הקיצור, מען פלעגט אריבער אין שטוב אריין.

אריבערגעהענדיג פרעהליך, לעבעדיג, מיט א ניגון אין שטוב אריין, איז די ערשטע זאך געווען צו שיקען איבער=א=נייס נאך משקה, שיקען נאך הערינג און אריינטראגען אין שטוב די קאדישקע זויערע אוגערקעס, וואס די רבי'צען פלעגט שוין פאר אונז אנגרייטען פון מיטען זומער אן. אויך פלעגען עטליכע פון אונז אריינטראגען האלץ און איינהייצען דעם אויווען. עס איז ביי אונז שוין געווען א מנהג, אז אלע שמחת בית השואבה זאל מען הייצען דעם אויווען און קאכען קארטאפעל. און קארטאפעל פלעגט מען טאקי אנקאכען עטליכע טעפ וזארום אז מען פלעגט ווערען גוט שכור, פלעגט מען דאך אויסקעהרען די קאפאטעס אויפ'ן לינקען זייט, הייסט דאס,

מיט דעם אונטערשלאַג אַרויף, מען פלעגט אויסשיטען די געקאָכטע קאַרטאָפעל אויף דער פּאָדלאָגע און מען פלעגט זיך אַוועקלאָזען איבער׳ן שטוב גליטשען... דערצו פלעגען צוויי־דריי מענשען נעהמען זיך פאַר׳ן שיילען די קאַרטאָפעל און צוגרייטען די הערינג.

און עפּעס אַזוי געדיינקט זיך מיר אַט די אַמאָליגע שמחה־בית־השואבה׳ס... אַזוי געדיינקט זיך מיר... איינמאָל, געדיינק איך, אַט אַז מען האָט געהאַלטען אין אַזאַ מדרגה. דער עולם איז שוין געווען אַ ביסעל ניט בייַ זיך. אין עס־צימער ביים רב איז שוין געווען גאַנץ פרעהליך, מען האָט געטרונקען, געזאָגט לחיים, איבערגע׳חזר׳ט אַ צדיק׳ס אַ ווערטעל, מען האָט געזאָגט ניגונים און מען האָט זיך שוין אָנגעהויבען משמח צו זיין. אין קיך, נעבען דעם עס־צימער, זענען זיך געווען, מעהר נישט ווי צוויי, דריי מענשען. זיי האָבען געהייצט דעם אויווען און געשיילט די קאַרטאָפעל. פאַר׳ן שיילען די הערינג, האָט זיך דאַן גענומען ר׳ שואל דער חזן. איז ער זיך געשטאַנען אַליין, ביי אַ טיש, אין אַ ווינקעל אין קיך, און האָט זיך געשיילט די הערינג, און דעריבער האָט זיך ר׳ שואל, זייענדיג פערטיפט אין זיין אַרבייט, פערזונגען זיינעם אַ „אדם יסודו מעפר״. אַלע מאָל איז דאָך אָנגעקומען זעהר שווער איינצובעטען איהם, אַז ער זאָל עפּעס זינגען ביינם אַ שטיקעל חזנ׳יש. אַזוי אַ ניגון פלעגט ער יאָ זינגען, אָבער אַ שטיקעל חזנ׳יש, ניט ביים עמוד, פלעגט ער בשום אופן ניט וועלען זינגען. נאָר איצט, ווייזט אויס, האָט ער זיך פערטראַכט און האָט זיך פערזונגען. און זיין שטימע איז דאָך געווען אַ זיסע, אַ איידעלע און ווען ער פלעגט זאָגען אַ אומעדיגע זאַך, פלעגט אַזוי רייסען ביים האַרץ און אַזוי געשמאַק איז געווען צו הערען איהם. אַלע זענען תיכף שטיל געוואָרען. אין עס־צימער זענען אַלע געבליבען שטעהן ממש ווי פערגליווערטע, דער מיט אַ גלעזעל אין האַנד, דער מיט׳ן פלעשעל משקה, און ווער מיט אַ גאָפּעל... מען האָט איין אין זיך דעם אָטהעם און מען הערט. איך קיך פלאַקערט דער אויווען, עס שטעהען צוויי־דריי מענשען מיט קאַרטאָפעל און מעסערס אין די הענד, און זענען אויך ממש ווי צוגע־



שמיִרטעֶ צו זיַיעֶרעֶ עֶרטעֶר. און ר׳ שואל זאָגט זיִך זיַין „אדם יסודו מעפר“, און אז ר׳ שואל פלעֶגט זאָגעֶן אַ זאַךְ, פלעֶגט עֶפּעֶס זיַין אַזוי אויסגעֶטיַיטשט יעֶדעֶס וואָרט... אַזוי פעֶרשטאַנדיִג... עֶר וויֵינט און דעֶרצעהלט, אַז אָדם יסודו מעפר... אַז אַ מעֶנש איִז כחלום יעוף, ווי אַ חלום, וואָס פליִהט אַוועֶק... כצל עובר, ווי אַ שאָטעֶן, וואָס געֶהט פאַר־ביַי... כרוח נושבת, ווי אַ וויִנד, וואָס בלאָזט אַוועֶק... און עֶפּעֶס אַזוי וויֵיךְ, האַרצריַיסעֶנדיִג, בעֶט זיִךְ עֶפּעֶס וואָס זיַין שטיִם... עֶפּעֶס אַזוי ווי אויף אַלץ איִז עֶר זיִך מודה, אַלץ אמת, אַלץ אמת: אַ מעֶנש איִז טאַקיִ כחרס הנשבר... כענן כלה, ווי אַ וואָלקעֶן, וואָס ווערט ניִט... טאַקיִ סופו לעפר, אַ מעֶנש איִז טאַקיִ אַ שטיִק עֶרד... נאָר דאָךְ בעֶט עֶר זיִךְ עֶפּעֶס פאַר וואָס... עֶר וויֵינט און בעֶט זיִךְ ווי אַ קליֵין קיִנד אַזוי וויֵיךְ... אַזוי גוט... מיִר זעֶנעֶן אַלעֶ געֶשטאַנעֶן און געֶהעֶרט און אַזוי פעֶרנומעֶן האָט אונז ביַים האַרצעֶן... און עֶס האָט זיִך געֶוואָלט, אַז אָט מעֶהר, נאָך מעֶהר זאָל עֶר דעֶרנעֶהמעֶן אונזעֶר האַרץ... אָט נאָך וואָס וויֵיכעֶר... וויַי־כעֶר... ביִטעֶרעֶר... נאָךְ... נאָך...

עֶר האָט געֶעֶנדיִגט. און מיר האָבעֶן אַלעֶ עֶפּעֶס ניִט געֶוואוסט, וואו זעֶנעֶן מיִר... עֶר אַליֵין האָט זיִךְ אויך עֶפּעֶס צוטומעֶלט און עֶפּעֶס משונה אַרומגעֶקוקט זיִךְ... נאָר ר׳ נחום דעֶר מלמד האָט זיִךְ אויפגעֶחאַפּט דעֶר עֶרשטעֶר:

— רבי — איִז עֶר צוגעֶגאַנגעֶן צום רב מיִט טרעֶהרעֶן איִן דיִ אויגעֶן — מעֶן דאַרף איִהם קנס׳נעֶן..

מיִר האָבעֶן אַלעֶ געֶשוויגעֶן.

— אמת... — האָט ר׳ נחום געֶטענה׳ט — עֶר זיִנגט גוט, עֶר איִז אַ גרויסעֶר חזן, אָבעֶר עֶס איִז דאָךְ יום־טוב... עֶר האָט אונז אומעֶדיִג געֶמאַכט...

דעֶרוויַיל זעֶנעֶן מיִר אַלעֶ געֶקומעֶן צו זיִךְ.

— יאָ... יאָ... — האָבעֶן מיִר אַלעֶ געֶשריִעֶן — קנס׳עֶנעֶן, קנס׳עֶנעֶן...

עֶס איִז געֶוואָרעֶן אַ טומעֶל, אַ רעש. נאָר ביַי יעֶדעֶרעֶן איִן האַרצעֶן איִז נאָךְ עֶפּעֶס אַזוי שווער געֶוועֶן... מעֶן האָט נאָך ניִט געֶקעֶנט איִן גאַנצעֶן קומעֶן צו זיִךְ... עֶס האָט עֶפּעֶס

געפּרעסט, געפּרעסט אין האַרצען . . . ר׳ שואל איז צוגעגאַנגען דערווײַל צום טיש, האָט גענומען עטליכע קעליִשקעס און איז זיך אַוועק, דאַכט זיך אַזוי זיך, אָן אַ זײַט, אין אַ ווינקעל. און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דערהערט: זײַן געשמאַקע, זיסע שטימע צוגיסט זיך אין אַ פרעהליכען חסידישען ניגון. ער זינגט אַ חסידישען ניגון אָהן ווערטער, אַזאַ פרעהליכען, אַזאַ לעבעדיגען, און אַזוי וועקט ער אַלעמען פרעהליך צו זײַן; עס ווילט זיך נאָכזינגען מיט איהם, עס ווילט זיך פּאַטשען מיט די הענד, עס הויבט צו טאַנצען, און ר׳ שואל זינגט און וואָס ווײַטער אלץ זיסער, געשמאַקער, אלץ פרעהליכער, לעבעדיגער, הייסער, אויפ׳ן האַרצען ווערט גרינג, פרעהליך, וואַרים און עס עפענען זיך די מײַלער, עס הויבען זיך די פיס, מען לייגט אַרויף הענד אויף הענד — און מען געהט אַוועק אַ רעדעל. און וואָס הייסט אַ רעדעל? מען זינגט און מען טאַנצט מיט אַזאַ מין הדוה, מיט אַזאַ מין שמחה. און ר׳ נחום דער מלמד האָט געחאַפּט אויף אַ קניע ר׳ שואל׳ן — ער איז דאָך געווען אין צוויִיען העכער און געזינטער פאַר איהם — טאַנצט מיט איהם אויף איין פוס און שרײַט: „לעבעדיגער, לעבעדיגער, לעבעדיגער!“ און עס איז אַוועק אַ פרעהליכס, אַ חסיד׳ישע פרעהליכס! . . . און וואָס זאָל זײַן? וואו קנס,ענען? וואָס קנס׳ענען? — מען איז פרעהליך! . . .

יאָ . . . איז וואו האַלט איך . . . הייסט דאָס דערבײַ . . . אַז מען פלעגט נעהמען הייצען דעם אויווען, מען פלעגט זיך נעהמען צו שיילען די קאַרטאָפעל און צום וואַשען די הערינג. אין דערינען פלעגט אַנקומען אונזער קאַפּעליע. די קאַפּעליע אונזערע איז בעשטאַנען פון דרײַ מענשען. בעריל דער שמיד, אַ געזונטער פּשוט׳ער יוד, נאָר זעהר אַן׳איבערגעגעבענער די חסידים און אַ מוקיר־רבנן און אין אַמאָליגע צײַטען אַ ערליכער יוד. ער איז געווען מיט׳ן פּײַקעל. פישעל ר׳ ליב׳ס, אויך אַ געהויבענער יוד און אַ יודע נגן, ער איז געווען מיט דער באַנדוריע. און מיטען פידעל איז געווען ר׳ שלום חאַצקעלס, נאָך אַ יונגער מאַן און אַ גרויסער מקורב בײַם רבי׳ן. די קאַפּעליע אונזערע האָט דאָך געהאַט אַ גרויסען שם אין גאַנצען געגענד. מען פלעגט דאָך זיי בעטען אויף חתונות, נאָר זיי האָבען זיך פו־

דעם אַלע מאָל אָבגעזאָגט, מעהר נישט אין אַ יום־טוב־צייט, אָדער ווען אויף אַ חסיד'ישע שמחה אָדער אַזוי עפּעס צו יומא דפגרא פלעגען זיי קומען משמה זיין דעם עולם.

אַז די קאַפּעליע פלעגט קומען, פלעגט מען זיי מקבל פנים זיין מיט אַ ברייטען גוט־יום־טוב, מיט אַ חסידישען ניגון, מיט בראַנפען. עס פלעגט אויך טרעפען, אַז מען פלעגט זיי חאַפּען אַלע דרייען צוזאַמען אויף די הענד, מען פלעגט זיי טראָגען אין דער הויך און טאַנצען מיט זיי. און די ערשטע זאַך זייערע איז געווען, אַז זיי זאָלען שפּילען און ר' נחום מיט ר' אברהמ'ען זאָלען זיך געהן זייערען אַ [illegible]. און דו האָסט געדאַרפט הערען, ווי די קאַפּעליע פלעגט דאָס שפּילען, און זעהען, ווי ר' נחום מיט ר' אברהמ'ען פלעגען זיך גיין זייער טאַנץ!... עפּעס אויפ'ן האַרצען פלעגט דעמאָלט ווערען אַזוי וואַרעם... די קאַפּעליע האָט געשפּילט און פלעגט עפּעס אַזוי גלעטען דאָס האַרץ... עפּעס אַזוי גוט... אַזוי געהויבען... אַזוי מיט שמחה... און ר' נחום מיט ר' אברהמ'ען, ביידע גוטע, פרומע יודען און פייערדיגע חסידים געהען זיך זייער טאַנץ... און זיי טאַנצען אַזוי גרינג, אַזוי שעהן, אַזוי גוט, מיט התלהבות... דאַכט זיך, אַז זיי טאַנצען אין לופטען, די פאָדלאָגע ריהרען זיי גאָר ניט אָן... עפּעס אין דער לופּ־טען... אין דער לופטען... ר' אברהם האָט פערקאַשערט זיינע פּאָלעס אין גאַרטעל אַריין, זיינע פוס בייגען זיך און פלעכ־טען זיך אין דער לופטען. ער קאַשערט זיינע הענד אין דערהויך און רופט צו ר' נחום'ען: „נחום, לעבעדיגער, לעבעדיגער, לעבעדיגער!" און ר' נחום טראָגט זיך חנ'ודיג, לייכט ווי אויף פליגעל, ענטקעגען ר' אברהמ'ען, מאַכט מיט התלהבות מיט די הענד איבער'ן קאָפּ און רופט: „אברהם, העכער, העכער, העכער!"... און אונז הויבט פון די ערטער, עס טראָגט אונז אויך מיט זיי, עס ציהט אונז איינס צום צווייטען, עס שלעפּט צו זיין צוזאַמען, צוזאַמען... אַלע צוזאַמען... אַלע אינ־איינעם... מיר האַלטען זיך ניט איין און הויבען אָן צו פּאַטשען מיט די הענד און עס רייסט זיך אַרויס ביי אונז אַלעמען מיט אַ מאָל אַ ניגון און מען הויבט אָן אַלע מיט התלהבות:

— וואָס מיר זענען זענען מיר
אָבער יודען זענען מיר . . .
וואָס מיר טהוען טהוען מיר ·
אָבער גאָט דינען מיר .

און ר׳ נחום חאַפּט אונטער אויף זיין שטייגער .

— וואָס מיר זענען זענען מיר
אָבער יודען זענען מיר . . .
וואָס מיר טהוען טהוען מיר ,
אָבער צום רבי׳ן פאָהרען מיר . . .

און מיר קלעפּען זיך צונויף אַלע צוזאַמען . . . אַלע איינ־אייגנעם , הענד אויף הענד , הערצער צו הערצער און מיר געהען זיך אַוועק אַ חסידישע רעדעל מיט התלהבות , מיט דביקות , מיט אַ ברען , מיט אַ היץ , מיט אַ פייער . . . און עס לייגט זיך די שטוב פאַר שמחה . . .

אָט דאָס איז געווען די ערשטע אַרבייט פון דער קאַפּעליע . נאָכדעם , איז אויב עס איז געווען אַ גוטע , ליכטיגע נאַכט , פלעגט מען זיך אַוועק אין בית־המדרש פערקויפען שיר המעלות׳ן . געהענדיג אין שול און פון שול , פלעגט מען אויפוועקען די גאַנצע שטעדטיל מיט אונזער זינגעריי און טענץ . מען פלעגט זיך געהן מיט ליכט אין די הענד און מען פלעגט זיך דרעהען רעד־לעך און זינגען . . . הייסט וואָס עס האָט זיך אָבגעטהון אין שול גופא . אונזערע טענץ אַרום בימה ! . . . נאָר עס פלעגט טרעפען אַז מען פלעגט אין שול ניט געהן און דער רב פלעגט זאָגען פאַר אונז אַ מאמר חסידיש . . . נאָך די חסידיש פלעגט מען נאָך ווע־רען ביי זיך מעהר התלהבות׳דיג , מעהר געהויבען און מען פלעגט נעהמען בעטען ר׳ שואל׳ן דעם חזן , אַז ער זאָל אָנהויבען זיין ״תחית־המתים״ . און קיין סך פלעגט ער זיך טאַקי ניט לאָזען בעטען . תחית־המתים איז געווען אַזאַ מין טאַנץ , וואָס נור ר׳ שואל האָט איהם געקאָנט . ער פלעגט בעוויזען , ווי אַ מענש גוסס׳ט , ווי ער שטאַרבט און דערנאָך שטעהט ער אויף צו תחית־המתים . און די קאַפּעליע פלעגט דערביי צושפּילען עפּעס איהרען

אַנ׳אײַנגענעם ניגון לכּתחילה צו דעם דראָזיגען טאַנץ. און אַזוי פלעגט זײַן:

מיר פלעגען זיך אַלע אַוועקשטעלען אין אַ גרויסער רעדעל אַרום און אַרום און לאָזען אַ גרויסען לײדיגען אָרט אין מיטען פאַר דער קאַפּעליע און פאַר ר׳ שואל׳ן. ר׳ שואל פלעגט זיך אַזוי אַוועקשטעלען אין תּחילת קאַלטבּלוטיג, עפּעס אַזוי זיך, ווי ניט איהם מײנט מען דאָס, און פלעגט זיך שטעהן. די קאַפּעליע דערווײַל פלעגט אָנהויבען צו שפּילען איהר ניגון. עפּעס אַזאַ שטילען, אומעדיגען. די פידעל — אַזוי אַײדעל שטיל און אַזוי עצבות־דיג, די באַנדורע בּרומט געלאַסען און דער פּײַ־קעל קלאַפּט רוהיג אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ... אין דערינען ווערט ר׳ שואל׳ס פּנים בלײַכער און בלײַכער, עס הויבען זיך אָן צו ווײַזען אויף איהם אַזוינע ביטערע קנײַטשען... די קאַפּעליע הויבט אָן צו שפּילען אומעדיגער און ר׳ שואל׳ס פּנים פלעגט ווע־רען בלאַסער, די קנײַטשען טיפערע, גרעסער און מיט אַזוי פיעל יסורים... זײַן קערפּער הויבט אָן צו ווערען אַלץ קלענער, קלענער, קאָרטשעט זיך אײַן און מען בעמערקט עפּעס גאָרניט, ווי אַזוי ווערט ער אַלץ נידעריגער, נידעריגער... מיר פלעגען אַלע שטעהן געפּאַקט אײנער אויף דעם צווײַטען, מיר פלעגען שטעהן שטיל, אײַנהאַלטענדיג אין זיך דעם אָטהעם און קוקען אויף איהם... ר׳ שואל פלעגט אָנהויבען צו קרעכצען און עפּעס אַזוי שווער, אַזוי ביטער און עס פלעגט זיך אָנהויבען די גסיסה, און עפּעס ער פלעגט דאָס אַזוי מאַכען, אַז עפּעס פּונקט, פּונקט ווי אַנ׳אמת׳ע גסיסה... אַ רגע פלעגט ער ווערען ווי פרעהלי־כער, דער פּנים עטוואָס לעבעדיגער, די אויגען ליבטיגער, די וועהטאָגען אויפ׳ן פּנים לײַכטער, און נאָך דעם — ווידער דאָס זעלביגע צוואוועהטאָגדיגע פּנים, די זעלביגע יסורים און אַזוי בי־טער קרעכצען... איך זאָג דיר אָט פּונקט, פּונקט ווי אַ מענש בײַ דער גסיסה, פאַר׳ן טויט... עפּעס גלײַך ווי ער ראַנגעלט זיך, ווי ער האַלט מלחמה מיט׳ן טויט... אַ רגע דוכט זיך, אַז ער איז מנצח... ער בלײַבט לעבען... און אין אַ ווײַלע אַרום איז ווידער דער טויט מנצח איהם... און די קאַפּעליע דערבײַ — עפּעס וואַרפט זיך אויף אַהין און אַהער... אַ ווײַלע, דאַכט זיך, ווי די פידעל וויל אָנהויבען פרעהליכער צו ווערען, די

באנדורע און דער פייקעל האלט זי אונטער, און אין א ווײַלע ארום קלאגט ווידער די פידעל און עפּעס אזוי ביטער, מיט א געבעט און עפּעס ווי מיט א כעס... גלייך ווי זי וויל דאס ניט ליידען... און די באנדורע ברומט מיט גרויס רוגזא... עפּעס ווי זי רעדט ענטקעגען ווענען מיט כעס, מיט צארען... אט ממש... ממש.. ווי זי פרעגט ביז מיט ווערטער, פאר וואס קומט א מענשען אזוי צו ליידען?... און דער פייקעל בייזערט זיך, קלאפּט שטארק אזוי שרייענדיג, אזוי מיט געוואלד... א היבשע צייט פלעגט דויערען די גסיסה... מיר פלעגען שטעהן און קוקען מיט אויס-געשטעלטע אויגען און עס פלעגט זיך עפּעס דאכט'זען, אז אלץ קומט דאס פאר אויף א אמת... און מיר פלעגען עפּעס אזוי ווארטען, וואס וועט זיין דער סוף... עס פלעגט עפּעס אזוי דריקען אין הארצען און מיר פלעגען אזוי ווארטען צו זעהן, ווער וועט מנצח זיין?... ער וועט לעבען?... לעבען?... אין דער-רינען פלעגט דער פייקעל עפּעס ווי פּלוצלונג א קלאפּ געבען, די באנדורע פלעגט משונה א קרעכץ טהאן און די פידעל — גלייך ווי די סטרונעס האבען אין איהר פּלוצלונג געפּלאצט... און ר' שואל פלעגט בלייבען ליגען אויף דער ערד א טויטער... ביי אונז פלעגט זיך וואס אבריסען אין הארצען... א ווײַלע פלעגט ווערען אזוי שטיל אין שטוב. מען האט אפילו קיין אטהעם פון א מענשען ניט געהערט. און מיר פלעגען שטעהן אלע שטילע און בלאסע... אין דערינען פלעגט ר' שואל אנהויבען, קוים וואס מען פלעגט בעמערקען, צו ריהרען זיך... א ריהר טהאן מיט א האנד, מיט א פוס. אויף זיין פנים פלעגען זיך אנהויבען בעווייזען לעבעדיגע תנועות און אלץ ביסלעכווייז, ביסלעכווייז... די אויגען פלעגען זיך עפענען, ווערען לעבעדיגער, דער פנים ליכטיגער און פרעה-ליכער, פרעהליכער. ביז וואנען ער פלעגט זיך געבען מיט אמאל א שטעל מיט א פרעהליכען, פול מיט שמחה, אויסגעשריי:

— תחית-המתים... תחית-המתים!..

מיר פלעגען זיך אלע עפּעס ווי אויפכאפּען, ממש ווי פון א ביטערען שווערען חלום... די קאפּעליע פלעגט שוין דערווייַ-לע צוגיסען זיך מיט א פרעהליכען, הייסען חסיד'ישען ניגון, ר' נחום געהט שוין דערווייל א טענצעל, שרייענדיג מיט התלהבות „תחית-המתים... תחית-המתים!..." ר' שואל ציהט צו איהם

א האַנד און זינגט אַזוי וואַרעם, אַזוי פרעהליך... און די קאַפּעליע שפּילט און אַזוי לוסטיג, אַזוי הייס, אַזוי רופט דאָרט עפּעס אין האַרצען משמח צו זיין זיך... עס שלעפּט ווידער פרעהליך צו זיין... עס שלעפּט ווידער איינעם צום צווייטען... בעהעפטען זיך אינאייגנעם... אַלע צוזאַמען, צוזאַמען... עס ציהען זיך ווידער העגר צו העגד, עס הויבען זיך די פיס און עס רייסט זיך ווידער אַרוים ביי אַלעמען מיט אַמאָל אַ געזאַנג מיט התלהבות:

— וואָס מיר זענען זענען מיר,
אָבער יודען זענען מיר...
חאָטש אין גלות זענען מיר,
אָבער אַ גאָט האָבען מיר...

און עס גיסט זיך צונויף אַ רעדעל?... מיט כלות־הנפש, מיט דביקות, מיט התלהבות... די קאַפּעליע שפּיעלט מיט אַ ברען, מיט אַ היץ, מיר העלפען איהר אונטער מיט כונות, מיט התלהבות אין טאַנצען... און טאַנצען... און וואָס הייסט טאַנצען?... אָט טאַקי גאָר איינגאַנצען פערגעסענדיג אָן זיך, אָן אַלעמען, אָן דער גאַנצער וועלט... אויפ׳ן האַרצען איז גרינג, ליכטיג, מען איז מלא שמחה, מען טאַנצט און עס דוכט זיך, אַז אַלץ טאַנצט, אַלץ... מיר, די שטוב, די גאַנצע שטעדטעל. הימלען, די ערד, די גאַנצע וועלט איז מלא שמחה... פול מיט אַ ברען, מיט אַ פייער — די גאַנצע וועלט איז אַ התלהבות׳דיגער רקוד פאַר גאָט און עס טאַנצט און זינגט...

און מיר ווערען אינגאַנצען ניט אויף דער וועלט — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָט אַזוי, אָט אַזוי האָט מען זיך דאָס אַמאָל משמח געווען...

טמאָליגע שמחות!...



# עָס אִיז אַ שְׂרֵפָה.

אָט אַזוֹי אִיז עָס אַלץ אַמאָל גְעוועֶן... אַמאָל גְעוועֶן... אַמאָלִיגֶע יוּדעֶן, אַמאָלִיג לעֶבּעֶן, אַמאָלִיגֶע אֱמוּנָה... אִיךְ דעֶרצעֶהל דִיר אַלץ וועֶגעֶן דעֶם ווִי אַמאָל הָאבּעֶן יוּדעֶן געֶלעֶבּט, געֶגלֵייבּט אִין גָאט אִין דעֶר תּוֹרָה אִין רבּי'ן אוּן דָאס הַארץ טוּהט מִיר אַזוֹי וועֶה, עֶס צוּפּט בַּיים הַארצעֶן, עֶס קלעֶמט... אָט עֶפּעֶס מַמָשׁ ווִי אֵיינעֶר שטעֶהט הִינטעֶר מִיר אוּן טעַנה'ט: „רבּ אבּא, רבּ אבּא, דָאס אִיז דָאךְ אָבּעֶר אַלץ אַמאָל גְעוועֶן... אַמאָל געֶוועֶן..."

אוּן אִיצט... אִיצט?... אִיךְ זָאג דִיר, פַאר מִיר, פַאר אַ מעֶנשׁעֶן פוּן דִי אַמאָלִיגֶע, אִיז שׁוועֶר אִיצט צוּ לעֶבּעֶן, שׁוועֶר, בִּיטעֶר... בִּיטעֶר... — אוֹי — אוֹי...

דִי קוּמסט, לְמָשָׁל, אִין בֵּית־הַמִדרָשׁ אַרַיין — נִיטָא דָאס אַמאָלִיגֶע דַאווְנעֶן. דוּ קוּקסט אִין מִזרָח־וואַנד, אֲפִילוּ אִין מַערָב־זַייט — נִיטָא אַמאָלִיגֶע יוּדעֶן. נִיטָא... דוּ בְּלַייבּסט אַמאָל אִין בֵּית־הַמִדרָשׁ נָאךְ מַעֲרִיב, דעֶר בֵּית־הַמִדרָשׁ אִיז פּוּסט, אַלֵיין בִּיזטוּ אִין אִיהם — נִיטָא דָאס אַמאָלִיגֶע לעֶרנעֶן. וואוּ דוּ זָאלסט זִיךְ נִיט קעֶהרעֶן אוּן ווַענדעֶן, אוּמעֶטוּם פּוּסט. פּוּסט אוּן ווִיסט. אוּן דָאס עֶצֶם שטעֶדטִיל גוּפָא, נִיט דָאס אַמאָלִיגֶע שטעֶדטִיל, עֶפּעֶס אַזוֹי פעֶר'אָבל'ט אִיז דָאס אִיצט. פעֶר'חוֹשׁכ'ט, פעֶר'יָתוֹמ'ט — לְגַמרֵי נִיט ווִי אַמאָל... — אוֹי־אוֹי־אוֹי...

אוּן וואָס זָאל אִיךְ דִיר זָאגעֶן? — אִיךְ קוּק זִיךְ ווְעֶן צוּ אָט צוּ דִי הַיינטִיגֶע, אִיךְ קוּק זִיךְ ווְעֶן אַיין אִין זֵייעֶרֶע געֶגאָלטֶע פּנים'עֶר. אַלץ אִיז דָאךְ בַּיי זֵיי, בַּיי דִי הַיינטִיגֶע „אָהן"...

אָהן תּורה, אָהן אמונה, אָהן בּערד און פּיאות. אַלץ אָהן...
אָהן...

מען דערצעהלט דאָך אויף דעם קעלמער מגיד, ער האָט אַמאָל געזאָגט:

— רבּונו־של־עולם! — זאָגט ער — וואָלט שוין בּיי זיי, בּיי די היינטיגע, געווען אָהן לייב אָהן לעבּען אויך...

ער, דער קעלמער! — ער האָט דאָך בּיי זיך געהאַט די תּקיפות צו שילטען זיך...

יאָ. איז קוק איך זיך ווען צו צו זיי און איך קלער זיך מיר: אָט דאָס זענען יודען?... און טאַקע זייערע פּנים'ער זענען עפּעס אַזוינע פּערנאַרישטע, פּערגרעבּטע... עס איז ממש שווער צו קוקען זיי גלייך אין פּנים אַריין... און איך טראַכט זיך: וואָס טראַכטען זיי זיך, די היינטיגע?... שוין־זשע טהו־ען זיי גאָר קיינמאָל ניט אַ טראַכט, אַז אַ מענש לעבּט ניט אייבּיג, אַז אַ מענש איז מעהר נישט ווי אַ מענש, אַז מען דאַרף ווען שטאַרבּען... און שוין־זשע טהוען זיי גאָר קיינמאָל ניט אַ קלער, וואָס וועט זיין דער סוף? וואוהין געהט ריען עס... צו וואָס פיהרט עס?...

און איך האָבּ זיך ליעבּ ווען צו שמייכלען פון זיי, פון די היינטיגע, העה־העה — אַז איך דערמאָהן מיך, לאַך איך...

ס'איז געווען אַ מעשה לענגער, פּאַר עטליכע יאָהרען צו־ריק. דו האָסט דאָך געקענט רב גרשון'ען? ער איז דאָך שוין איצט אונז צו לאַנגע יאָהר. רב גרשון איז דאָך געווען אַ יוד פון די אַמאָליגע יודען. מיט אַ סך תּורה און מיט דער גרוי־סער אמונה — אַ געהויבּענער יוד! זיין זוהן אָבּער בּערל — ער איז נאָך איצט אויך אַ בּחור — איז שוין געווען גאָרניט אַזאַ ווי עס האָט געדאַרפט זיין רב גרשון'ס אַ זוהן. וואָס זאָל זיין? — טאַקע אָהן תּורה, אָהן יראת שמים, מיט אַ געגאָל־טער באָרד — אָט פון די היינטיגע. ניט איין מאָל האָט זיך פאַר מיר רב גרשון נעבּעך געקלאָגט אויף דעם. נור וואָס האָט ער געקאָנט העלפען? ער איז עפּעס אין דעם שולדיג גע־ווען? עס איז דאָך ממש געגליכען צו אַ שׂרפה... עס בּרענט, עס בּרענט אַרום און אַ העליש פייער. האָט עס פּער־

חאַפּט אפילו רב גרשון׳ס שטוב אויך. איך האָב איהם אפילו געזאָגט אַמאָל:

— סטײַטש — מאַך איך — רב גרשון, וואָס שווייגט איהר, ווי אַזוי לאָזט מען עס? מען נעהמט אָן מיטלען ווייס איך? — מיט בייזען, מיט גוטען, אַהין, אַהער... סטײַטש...

טהוט ער אַ קרעכץ און זאָגט צו מיר:

— רב אבא, איהר זאָלט אַזוי ריידען... איהר זענט דאָך עפּעס אַ קלוגער יוד. וואָס קאָן איך העלפען?... עס האָט אונז אַרומגעחאַפּט ממש אַ העליש פייער. עס איז אַ שרפה... אַ שרפה, רב אבא. נעהמט מען זיך לעשען, מיט בייזען, הייסט עס, צופלאַקערט זיך דעמאָלט דאָס פייער נאָך גרעסער. וואָס דען, מיט גוטען? — ברענט עס זיך פון זיך אַליין... אַזוי ציי אַזוי, עס ברענט... ניט גוט, שלעכט... עס איז אַ שרפה...

אַ קלוגער און אַ געהויבענער יוד געוועזען!

יאָ. איז איינמאָל, י״ט כסלו ביי־נאַכט איז עס געוועזען, י״ט כסלו ביי־נאַכט פלעגען מיר זיך, אין די לעצטע יאָהרען, צונויפקלויבען צו רב גרשון׳ען. אונזערע עטליכע פלעגען זיך קומען צו איהם. מען פלעגט נעהמען אַ ביסעל משקה פערבייסען און מען פלעגט זיך דערצעהלען מעשיות פון די צדיקים, פון די חסידים און וואָס צו דערצעהלען איז פאַרהאַן — אַמאָליגע צדיקים און אַמאָליגע חסידים!... אויך פלעגט מען זאָגען אַ דבר תורה, מען פלעגט איבער׳חזר׳ן אַ מאמר חסיד׳יש — מען פלעגט פערברייענגען. זענען מיר זיך אַזוי, י״ט כסלו ביי־נאַכט, געזעסען ביי רב גרשון׳ען. מען האָט שוין גענומען אַ ביסעל. איך בין שוין אַ ביסעל פרעהליכער געוואָרען. אין מיטען איז מיר עפּעס הייסליך געוואָרען. בין איך אַוועק אין אַ צווייטען צימער. רב גרשון האָט דאָך געוואוינט זעהר רייך, מיט די סך חדרים. איז פערבראַכט האָבען מיר זיך ביי איהם אין דעם גרויסען זאַל און איך בין זיך אַוועק אין אַ׳נאַנדער צימער אָבצוקיהלען זיך אַ ביסעל. דאַרף איך גראַד אָנטרעפען אין אַ צימער וואו רב גרשון׳ס זוהן, בערל, הייסט עס, זיצט זיך און ניט אַליין, מיט עטליכע מיידלעך. און טאַקע — עטליכע... ער זיצט זיך אָהן אַ היטעל און אַזוי גאַנץ נאָהנט,

היבש נאָהנט נעבען זיי, נעבען די מיידלעך. ס׳ווייזט אויס ער האָט זיך נעבעך גאָרניט געריכט, אַז ווער פון אונזערע זאָלען אין צימער אַריין. און מען איז זיך עפּעס אַזוי פרעהליך, צוהיצט. מען האָט געקאָנט מיינען, זאָג איך דיר, אַז זיי האָבען אויך לכבוד י״ט כסלו אַ ביסעל משקה גענומען. העהעהע... נו, מען האָט מיך׳ דערזעהן, האָט מען זיך עפּעס אָנגעוואָהרען. בערל האָט זיך אויף גיך אָבגערוקט פון זיי, האָט געחאַפּט און אָנגעטהון די היטעל, עס איז געוואָרען אַ טומעל. וואָס זאָל זיין? — דערזעהן רב אבא׳ן האָט מען זיך פערשעמט.

— עט — מאַך איך — בערל, וואָס איז אַזוי דער טומעל? זיצט, זיצט. עס איז דאָך היינט ביי חסידים אַ יום־טוב, י״ט כסלו.

— אגב — זאָג איך איהם — ניט שרעקט זיך אַזוי פאַר מיר מיט יונגע בין איך אויך אַ יונגער.

אַזוי הייסט עס זאָג איך איהם. איך, רב אבא. גלויבט ער עס מיר. — ניט קיין גרויסער פּיקח! — און בעט מיך זיצען.

זעץ איך זיך. קוק איך זיך אַזוי אויף איהם, אויף בערלען, אויף זיין געגאָלטער באָרד און טראַכט וועגען דעם היפך צווישען דעם טאַטען און דעם זוהן. דאָרטען אין זאַל זיצט זיך רב גרשון מיט נאָך עטליכע. מען איז זיך אַלע געהויבענע יודען, די גרויסע חסידים, די גרויסע מאמינים, מען זאָגט זיך אַ דבר־תורה. און רב גרשון האָט טאַקע אַ באָרד און פּיאות, זיצט טאַקע אין היטעל און אפילו אין אַ יאַרמאָלקע אונטער׳ן היטעל אויך... חעחעחע... וואָס זאָל זיין? — מען איז יודען. און דאָ אין דעם צימער זיצט זיך זיין זוהן, בערל, אָהן אַ באָרד און פּיאות, אָהן אַ היטעל און איז זעהר ווייט אי פון אמונה, אי פון תורה, אי פון חסיד׳יש און זיצט זיך טאַקע בחורים וגם בתולות, טאַקע וגם בתולות... יאָ, — פערדריפּט דאָך עס... און איך קלער ביי זיך, מען דאַרף חאַטש פון איהם אַ שמייכעל טהון. מאַך איך צו איהם.

— בערל, הער, דו ביזט דאָך — זאָג איך — אַ יונגער, אַרום עטליכע און צוואַנציג, איך בין שוין — אַנ׳אַלטער יוד, אַ בן שבעים. וואָס וועט זיין אַז איך וועל טהון אַזאַ זאַך, וואָס דו



װעסט מיר ניט קאָנען נאָכטהון ?
קוקט ער דאָך אויף מיר און וואונדערט זיך. וואָרום וואָס ? איך, רב אבא, אַן׳אַלטער יוד, האָב פאַר איהם מעהר כח, בין פאַר איהם פלינקער, וואָס ? וואָס קאָן איך אַזוינס טהון ?
— וואָס קוקסטו — זאָג איך — דו מייִנסט אַז איך וועל נעהמען און וועל אַ בלאַט גמרא אָבלערנען ? ניין... ניין...
פערשעמט ער זיך. וואָרום פון לערנען איז דאָס ווייט געווען.
— נו, — זאָג איך — לאָמיר זיך וועטען און טאַקע אין אַ בוטעל אַריק.
דערווייל זענען נאָך עטליכע פון אונזערע אַרײַן אַהער אין צימער. ר׳ גרשון איז אויך געקומען. מען האָט דערהערט אַז רב אבא רעדט — איז מען זיך געקומען הערען.
קווײַנקעלט ער זיך עפּעס. ער וויל כלומר׳שט ניט. נאָר אונזערע האָבען איהם אײַנגערעדט. רב גרשון האָט איהם אויך אײַנגערעדט. האָט איהם געהייסען, כדי זעהן, וואָס וועט דאָ זײַן.
נו, וועטען מיר זיך אין אַ בוטעל אַריק, שטעל איך זיך אַוועק. שטעל אַוועק בערלען נעגען מיר. אַלע קוקען מיט אויס־געשטעלטע אויגען וואָס דאָ וועט זײַן. און איך הויב אָן. נעהם איך און שטעל זיך אַוועק אויף אַ שטוהל. שטעלט זיך בערל אויך אַוועק אויף אַ שטוהל. געה איך פון שטוהל אַראָב. געהט ער אויך פון שטוהל אַראָב. הויב איך אויף אַ האַנד — ער אויך. קריך איך אויפ׳ן טיש אַרויף — ער אויך, צוריק פון טיש אַראָב — בערל אויך אַראָב. הויב איך אָן ווידער אויפ׳ן שטוהל און פון שטוהל פון שטוהל אויפ׳ן שטוהל און וואָס ווייטער געשווינדער, גע־שווינדער, און בערל טהוט נאָך און אַלץ גיך, געשווינד. און אַלע קוקען וואָס דאָ וועט זײַן. מען קוקט. און אָט אַזוי ווי מיר לויפען ביידע געשווינד אויפ׳ן שטוהל און פון שטוהל, פון שטוהל אויפ׳ן שטוהל, טהו איך זיך אַזוי אומגעריכט אַשטעל אַוועק נעגען בערלען. חאַפּ מאַן לאַנגע באָרד אין האַנד און טהו אַ חאַפּ אַרײַן מײַן באָרד אין מויל אַרײַן. בער׳ל חאַפּט אויף גיך זײַן מאָר־דע אין האַנד, עפּענט דאָס מויל און... מע־ע־ע־ע... — ער האָט ניט וואָס צו חאַפּען...
חע־הע־חע... — וואָס זאָל זײַן? ער איז רויט געוואָרען פאַר בזיונות. אַלע האָבען זיך פונאַנדערגעלאַכט. ער לאַכט נעבּיך

אויך, ער לאַכט. אָבער ער איז רויט ווי אַ צונטער.

און אַט מיט דעמזעלבען בערלען פלעג איך זיך וועגן דורכ־שמועסען אויך. ווייס איך? — מען דאַרף הערען וואָס אַ מענש קלערט זיך. אגב דאַרף מען טאַקע וויסען, וואָס אַזוינע צו ענטפערן. דע מה שתשיב... און מיינסטו אַז זיי, די היינטי־גע, קאָנען חאַטש אויפוויַיזען מיט אַ שכל, אַז זיי זענען גע־רעכט? — איך פלעג איהם, אַט דעם בערלען. אַלע מאָל אָבשטעלען. ער פלעגט מיר ניט האָבען וואָס צו ענטפערן.

אַ ביי־נאַכט אַמאָל בין איך זיך געזעסען ביי רב גרשון׳ען. אין צימער איז זיך בערל אויך געזעסען, זיצען מיר זיך ביידע, פרעג איך איהם:

— הער, בערל, מיט רב אבא׳ן מעגסטו זיך נאָך דורכ־שמועסען. זאָג־זשע מיר. דו גלויבסט טאַקע ניט?

— ניין — זאָגט ער — ניין, רב אבא, איך גלויב ניט. לאַך איך דאָך. הייסט עס פון איהם, פון איהם הייסט עס לאַך איך. אָבער אין האַרצען טהוט גוט וועה...

— וואָס איז דער פשט, מאַך איך זיך קאַלטבלוטיג — וואָס איז דער פשט, דו גלויבסט ניט?

— איך גלויב ניט — זאָגט ער.

זאָג איך צו איהם:

— וואָס הייסט, דו גלויבסט ניט? גלאַט געדערט אין דער וועלט אַריין. איך גלויב ניט, איך גלויב ניט. רייד ווי אַ מענש, וויַיז מיר אויף מיט אַ שכל, פאַרוואָס גלויבסטו ניט.

מאַכט ער צו מיר:

— ווייַזט איהר, רב אבא, מיר אויף מיט אַ שכל אַז איך זאָל יאָ גלויבען.

— אַזוי — זאָג איך — איך זאָל דיר אויפווייַזען מיט אַ שכל? — איינס איז אמונה למעלה מן השכל... און אגב, זאָג איך, אויב דו ווילסט, אדרבה... קום־זשע אַקאָרשט אַרויס אויפ׳ן גאַס, איך וועל דיר ווייַזען די הימלען, די שטע־רען, די לבנה... די גאַנצע מעשי בראשית... אַנו, קאָן עס עפּעס ווערען פון זיך אַליין?...

האָט ער דאָך ניט וואָס צו ענטפערן, מאַכט ער צו מיר:

— איב אזוי, גאָך אייך נאָך, אז די וועלט האָט גאָט בעשאַפען, טאָ ווער האָט גאָט אַליין בעשאַפען?

דאָ בין איך שון אין כעס געוואָרען:

— ביזטו דאָך — מאַך איך — אַ יונגעל. וואָס הייסט? וואָס בעשאַפען, ווען בעשאַפען, ווען בעשאַפען? גלאַט געַרעדט, געפּלוידערט. וואָס, ווען? רייד ווי אַ מענש — זאָג איך — רייד ווערטער, קלאָר, רייד עפּעס מיט אַ שכל, מיט אַ זין, רייד אַז מען זאָל הערען וואָס די רעדסט. גלאַט גערעדט, געפּלוידערט. וואָס בעשאַפען, ווען בעשאַפען, ווען בעשאַפען? וואָס? וואָס? ... ווען? ... וואָס? ...

וואָס זאָל זיין? — ער האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען...

פרעג איך ביי איהם ווייטער בדרך משל:

— לאָמיר זיך — זאָג איך איהם — פאָרשטעלען, אַז איינער אַ מענש, למשל, ראובן, דאַרף געהן אין וועג. ער מוז געהן. דער וועג. אין וועלכען ראובן דאַרף געהן, פיהרט דורך אַ גרויסען, געדיכטען וואַלד. אין וואַלד, זאָגען אַנדערע, זענען דאָ גזלנים. פאַראַן וואָס זאָגען אַז ניט. עס איז אַ ספק. מען זאָגט אַז יאָ. און מען זאָגט אַז ניט. און אין וועג מוז ער געהן. און דער וואַלד איז אַ גרויסער, אַ געדיכטער, איז אויב ראובן איז ניט קיין חסר דעת, ער איז חאָטש וויפיעל עס איז ביים זינען, וועט ער פון ספק וועגען נעהמען מיט זיך אַ שטעקען... און ממה נפשך, זענען אפילו קיין גזלנים ניטאָ אין וואַלד. איז וואָס האָט ער דאָ אַזוי אָנגעוואָהרען? האָט ער אומזיסט גענומען מיט זיך אַ שטעקען. אָבער מעהר גאָר... דו פערשטעהסט — טענה איך צו איהם — שטאַרבען מוזען מיר, אַלע, אַלע מוזען מיר שטאַרבען... אין וועג מוז מען געהן... און פאַראַן וואָס זאָגען — אַזוי זאָג איך איהם — פאַראַן וואָס זאָגען, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט, אַז אויף יענער וועלט איז פאַראַן אַ גהינום, אַ גן עדן, אָט אַלץ אין וואָס יודען גלויבען. איהר, די היינטיגע גלויבט עס ניט. איהר זענט זיך אין דעם מסופק. אויף געוויס ווייסט איהר דאָך אויך ניט. ווארום וואָסי? איהר האָט עפּעס אויף דעם ראיות? וואָס? ... נור גלאַט, עס איז ביי אייך אַ ספק. נו, איז מילא

אִיך, אַז אִיך האָב מײַן גאַנץ לעבען געדינט גאָט, געלערנט, געדאַוונט, געלעגט תּפילין — געווען אַ יוד. איז וואָס האָב איך דאָ אַזוי אָנגעוואָהרען? אפילו נאָך אײַך נאָך, איז וואָס? איך וועל קומען אויף יענער וועלט און ווי איהר מײנט וועט זיך אַרויסווײַזען, אַז איך האָב אומזיסט געדאַוונט, געלעגט תּפילין, נו, איז וואָס, איז וואָס האָב איך דאָ אָנגעוואָהרען?... אָבער איהר, די הײַנטיגע — טאָמער יאָ?.. אפשר זענען טאַקע מיר, די וואָס גלויבען, גערעכט.. טאָמער יאָ...

— דו פערשטעהסט — זאָג איך צו איהם — טאָמער יאָ... טאָמער...

ער האָט געשוויגען. שטום געווען ווי די וואַנד. וואָרום, וואָס זאָל ער מיר אויף דעם ענטפערן? — ער האָט ניט געהאַט וואָס צו זאָגען.

און וואָס זאָל איך דיר זאָגען? — איך פערשטעה זײ ניט, די הײַנטיגע, איך פערשטעה ניט... און רײד שוין ניט וועגען דעם, ווי אַזוי נעהמט עס און מען וואַרפט פון זיך אַראָב אָט דאָס אַלץ אין וואָס מען האָט אַזוי פיעל דורות געגלויבט. און גלאַט וואוהין פיהרט עס אַזאַ דרך, וואָס וועט פון יודען ווערען? נור איך פערשטעה ניט ווי אַזוי לעבט מען עס גלאַט אויף דער וועלט און מען גלויבט ניט אין גאָט... איך פערשטעה ניט... עס טרעפט דאָך ווען אין לעבען אַ עת צרה, אַן־אומגליק, צו וועמען ווע..ט מען זיך דאַן?... מיט וואָס טרײסט מען זיך?... מיט עס שטאַרבט דאָך, ווען אַ טאַטע אַ מאַמע, אַ ברודער אַ שוועסטער, אַ פרוי, אַ קינד... אויב מען זאָל ניט גלויבען אין גאָט, אין יענער וועלט, ווי אַזוי טראָגט מען עס אַריבער?... ווי אַזוי?... הײַנט ווי אַזוי לעבט מען עס גלאַט אויף דער וועלט, אויב מען גלויבט ניט?... איך פערשטעה ניט... איך פערשטעה ניט...

איך טהו ווען עס איז אַ טראַכט. אַ מענש איז דאָך אַ מענש און טראַכט ווען. ווײס איך וואָס עס טראַכט, אַלערלײ נאַרישקײטען! טהו איך זיך ווען אַ טראַכט אויף זײער שטײגער. אָט זעהן ווי אַזוי טראַכטען עס די הײַנטיגע. טהו איך זיך ווען אַ טראַכט, ווי אַזוי איז עס, אַז מען גלויבט ניט. איך שטעל זיך

אויף א רגע פאר: ניטא קיין מנהיג אויף דער וועלט. ניטא קיין גאט... איז איך זאג דיר, ממש דער מח טהוט מיר דאן א הויב פון ארט... דער מח ריהרט זיך ביי מיר... די גאנצע וועלט ווערט פאר מיר פוסט און וויסט, תוהו ובוהו. פינסטער ווערט מיר אין מיינע אויגען און די הימלען פאלען... ממש די הימלען פאלען אראב אויף מיינע פלייצעס, אויפ'ן קאפ. זיי דריקען מיך און עס ווערט מיר פינסטער, פינסטער... די הימלען פאלען... ווי אזוי לעבען זיי, די היינטיגע? ווי אזוי עסען זיי, טרינקען, שלאפען? און זיי זענען דאך ווען פרעהליך אויך, זיי זינגען, זיי לאכען... ווי אזוי לעבט מען עס, אז מען גלויבט ניט? ווי אזוי?...

און דאס ניט גלויבען וואקסט פון טאג צו טאג, פון מינוט צו מינוט, עפיס עס וואקסט, עס וואקסט פון אלע ווינקעלעך, פון אלע עקען. און אזוי גיך וואקסט עס. דאכט זיך אט ערשט, אט ערשט, אין מיינע יאהרען. מען איז דאך דאן יודען געוועזען. און איצט, איצט... דו חאפסט זיך און קוקסט, וואס איז עס?... וואו זענען עס עפיס די אמאליגע יודען, דאס אמאליגע לעבען, די אמונה... וואו איז עס נעלם געווארען... פוסט איז ארום דיר. עפיס א פרעמדע וועלט, פרעמדע מענשען. וואס איז עס?... און אזוי קאלט ווערט דיר. אזוי קאלט... — אוי-אוי-אוי...

און עס טרעפט, איך שטעה זיך אויף ווינטער פריה. א זייגער דריי פאר-טאג. עפיס עס שלאפט זיך ניט... די ביינער ברעכען אפילו, דער קאפ טהוט וועה, נור עס שלאפט זיך ניט. שטעה איך מיר אויף. גיס אב נעגעל-וואסער. זאג גיך ברכות. און עפיס איך געפין זיך אין שטוב קיין ארט ניט. ניט ווי אמאל, אמאל... אז איך פלעג זיך מיר אויפשטעהן אין דער-פריה, איך פלעג זיך מיך פיהלען דאן אזוי היימליך און פלעג זיך מיר אוועק-זעצען אין שטוב לערנען אויפ'ן קול, פרעהליך... און איצט גע-פין איך זיך אין שטוב קיין ארט ניט. אין טאקע אזוי: דו טהוסט א קוק אין צימער, דארט וואו דאס אייניקעל שלאפט. ווער רעדט וועגען שלאפען אין א יארמולקע. קיין ארבע כנפות איז צווישען זיינע אויסגעטהוענע בגדים אויך ניטא. און אז ער וועט אויפשטעהן ביזטו זיך דאך אין זיין דאווענען אויך מסופק. טהוט דאך דערפון וועה דאס הארץ... איך קאן אין שטוב ניט איין זיין. געה איך זיך אין

בית־המדרש אַוועק. איך גײה זיך אַלײן אין גאַס דאָס שטעדטיל שלאָפט. סײַדען אַ בעל־מלאכה איז ווי אויפגעשטאַנען פריה. ברענט זיך דאָרט אַ פײַערל אין זײַן פענסטער און ער אַרבײַט. דאָס גאַנצע שטעדטיל זעהט עפּים אוים אַזוי פער׳אבל׳ט. די אַלטע הײַזער זענען אַזוי פער׳יתום׳ט. איך קום אין בית־המדרש אַרײַן. צינד אָן אַ ליכט זעץ זיך מיר אין אַ ווינקעל. נעהם אַ ספר אין האַנד. אָבער עס לערנט זיך עפּים ניט. אין האַרצען דריקט עפּים. עס דריקט... איך דערמאָהן מיך אויף אַמאָל... אַמאָל... אָט דאָ, אויף דעם אָרט איז געשטאַנען און געדאַווענט אַ רב ברוך דער סופר, דאָ אַ רב נחום דער מלמד, דאָרטען אַ רב ישראל, אַ רב בער, אַ רב מאָטע, אָט דאָ האָבען זיי געלערנט, דאָרטען אין ווינקעל פלעגט דער בעל משפיע, אַז ער פלעגט קומען, די חסיד׳יש חזר׳ן און מיר אַלע פלעגען הערען. אָט דאָ אַרום דער בימה פלעגען מיר דאָס אַמאָל אַלע אַ שמחת תורה, אַ שמחת בית השואבה, טאַנצען און פרעהליך זײַן... און איצט... איצט... אויסגעשטאָרבען זענען אַלע, פּוסט איז איצט און וויסט... און דער בית־המדרש איז אויך אַזוי אַלט, אַזוי חרוב געוואָרען, עס דוכט זיך דיר אַז אָט־אָט פאַלט ער אײַן... און עפּים עס שלעפּט דיך דאַן צו געהן צום אָרון הקדש, אַ קוק געבען צי זענען נאָך דאָ אין איהם די ספרי תורות... עפּים ממש די האָסט מורא צו האָט מען זיי פון דיר ניט גע׳גזל׳ט... און דאָס האַרץ דריקט, דריקט... אין דו פיהלסט זיך עפּים אַזוי אַלײן... אַ נעבּיך... אַלײן אין אַלטען בית־המדרש. און אין מח פּלאָנטערן זיך ביטערע מחשבות. מיר לערנט זיך דאַן ניט. איך פערמאַך דעם ספר, נעהם אַ תהלים אין האַנד. אין בית־המדרש איז פינסטער, דאָס ליכט קוים תּאָם עס לײַכט מיר און איך זיץ זיך אַזוי אַין ווינקעל און זאָג תהלים. און פאַר דיר בעג איך דיך איסזאָגען: איך זאָג תהלים און טרעה־רען גיסען זיך פון מײַנע אויגען... איך וויין, איך וויין... עס איז עפּים אויפ׳ן האַרצען אַזוי ביטער... האַ?... וואָס?... וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר?... טרעהרען האָבען זיך געשטעלט אין מײַנע אויגען?... עס קלעמט דאָס האַרץ, עס קלעמט... וואָס וועט עס זײַן דער סוף פון אַזא דרך?... עס איז אַ שרפה... אַלץ ברענט... די יודישקײַט. די אמונה... מיר דוכט זיך, אַז גאַנצענע בתי־מדרשים ברענען... און בנינים

פֿאַלֶען אײַן . . . עס איז אַ שׂרפֿה . פֿערלעשען עס , מיט בײזען , צופֿלאַקערט זיך דאָס פֿײַער נאָך מעהר . . . מיט גוטען — ברענט עס פֿון זיך אַלײן . . . עס ברענט . . . עס ברענט . . . עס איז אַ שׂרפֿה . . .

# צווייטע אבטיילונג

# רֶב אֶלְחָנָן.

עֶטלִיכֶע הונדערט הַיזער, עֶרטעֶרוויַיז צוואָרפֶען אַיינס פֿון צווייטען, עֶרטעֶרוויַיז געֶדיכט אַיינס אויפ׳ן אַנדערען. קעֶנטיג, אַ צופֶעֶליגעֶ מחשבה האָט זיי געבוירעֶן. צופעֶליג און גיך האָט מען זיי געבויט.

הינטעֶר זיי, אַרום און אַרום, ברייטע, אָפֶענעֶ פעֶלדעֶר. אַ שטומעֶר, ווילדעֶר סוד פון הפקר און אייביגקייט שוועֶבט איבעֶר זיי. ווינטעֶר זענען זיי בעֶדעֶקט מיט ווייסעֶן, בלישטשעֶנדיגען שניי און זומעֶר — צוגעֶקליבען אין תבואה־פאַרבען, אַלעֶרליי גראָזען און ווילדעֶ בלימלעֶך.

דאָס ברייטעֶ, אָפעֶנעֶ פעֶלד אין מזרח־זייט שנייַדט זומעֶר פונאַנדער אַ ווייַסעֶר, שטילעֶר און ווייכעֶר טייַך. דעֶר טייַך שפילט זיך מיט זיך און פאַר זיך אַליין; עֶרטעֶרוויַיז האָט עֶר זיך פרייַ און חנו׳דיג אויסגעבויגען הין און הער און ציהט זיך אַוועֶק איבעֶר דאָס ברייטעֶ, אָפעֶנעֶ פעֶלד אין ביידעֶ עֶקען וועלט ווייַט, ווייַט, אַהין, וואו קיינער וועֶט נישט זעֶהן זייַן סוף, קיינעֶר וועֶט נישט וויסען זייַן אָנהויב. ברעֶגען האָט עֶר טרוקעֶנעֶ, זאַמדיגעֶ, געֶל־וואַקסיגעֶ, פול מיט וויַיסינקעֶ, קלאָרעֶ שטיינדעֶלעֶך. און דאָ און דאָרט שטעֶהען איבעֶר איהם איינזאַמעֶ, אַלטעֶ, אַלטעֶ בוימעֶר. אַלט, ווי עֶר אַליין, ווי די וועֶלט, ווי די אייביגקייַט... וועֶר ווייס?... זיי היטען דעֶם שטילען, ווייַסען, ווייכען טייַך, זייַנעֶ ברעֶגען, זייַנעֶ שטיינדעֶלעֶך — אַזוי האָט אויסגעֶזעֶהן אַ שיפּאָוועֶ און איהר אַרום.

אַ יודיש שטעֶדטיל, יודען מיט זייעֶרעֶ ברענעֶדיגעֶ, שטעֶנדיג זוכעֶנדעֶ אויגען, מיט זייעֶרעֶ פלינקעֶ, צייטענווייַז פעֶרט־

ראַכטע בעווענונגען, מיט זייערע טיפע, עטוואס ווילדע קני־טשען אין פנים האָבען דאָרט געוואוינט.

אַ רב איז דאָרט געווען רב אלחנן.

אַ הויכע און אַ פעסט געבויטע פיגור, מיט אַ שטאַרקען, שטאָלצען, טראַכטענדען שטערן; מיט קאַרע, גרויסע, ווייכע, טיפע, בענקענדיגע אויגען; מיט אַ שענע, זיידענס־שוואַרצע באָרד און פאות אַרום זיין פעסטען, לאַנגליכען געזיכט. אַלט איז ער געווען אַ יאָהר פערציג. פאַר אַ רב אין אַשיפאָווע איז ער אָנגעקומען גאָר נישט לאַנג. פון ערגיץ אַ קליין שטעדטעלע סורעווע האָט מען איהם צוגענומען אַהער.

אַשיפּאָווע איז געווען פון רב אלחנן'ען זעהר צופריעדען.

„אַ שענער רב" האָבען אַלע מסכים געווען, „אַ געהויבענער רב".

אין דער גאַס, וואו רב אלחנן האָט געוואוינט, — דאָרט איז געווען אויך די אַלטע, גרויסע שוהל, אין וועלכער ער האָט געדאַווענט, — האָט זיך געפיהלט, צו דער רב, רב אלחנן, וואוינט דאָרט.

שבת אין דערפריה נאָכ'ן דאַווגען. עס איז אַ הייסער, ליכטיגער, ווייסער זומער־טאָג. מען איז שוין געקומען פון שוהל און מען זיצט זיך שבת'דיג, משפחה'ס־ווייז אין די הייזער, אַרום די שבת'דיג צוגעקליבענע טישען. די זון — אַ ליכטיגע, אַ פרעהליכע און אַ שבת'דיגע — גיסט איהר וואַרימע, עמ־וואס יום־טוב־פּויליכע ליכט אין דער שבת'דיגער גאַס אַריין. אין גאַס שטעהט אַ לייכטער, זילבערנער שטויב. אָקאָרשט איז די טשערעדע פון פעלד געקומען. אויף די גערטענער האָט דער שטויב קיין שליטה נישט. די גאַנצע גאַס איז שבת'דיג פוסט. מעהר נישט אויף דעם אַלטען, חורבה'דיגען גאַניק פון דער אַלטער, גרויסער שוהל זיצט זיך שמואל דער משוגע'נער. אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ אויסגעצויגענעם פנים און יונגער־הייד מיט אַ גרויסען ווייסען קאָפּ און באָרד. ער איז שוין פון אַ צייט געקומען אַהער, און קיינער ווייס נישט, ווער ער איז, פון וואַנען ער איז. עפּיס ווי ניט פון דער וועלט אַ מענש, און קיינער ווייס נישט, וואָס טוט ער דאָ צווישען קלאָרע, גע־זונטע מענשען. ער זיצט זיך אַליין אויף דעם אַלטען, חורבה־דיגען גאַניק און קוקט שטומערהייד אויף דער זון. די פענסטער

פון די הײַזער פון בײדע זײַטען גאַס זענען אָפען. דאָ, דאָרטען זעהט זיך אַרױס פון זײ אַ װײַסינקע, זומערדיגע קאָפּטקע, אַ זײַדענע טיכעל, אַ שװאַרצער צעפּטשיק, אַ מאַנסבילשער קאָפּ מיט אַ שפּיציגער, סאַמעטענער יאַרמעלקע, אַ פּרױען-קאָפּ אין אַ שײַטעל; עס פליהען זיך אַרױס, דורך דעם, דורך יענעם אָפענעם פענסטער, אין דער װעלט אַרײַן, אָבגעריסענע, פרעהליכע שמועסען, אַן׳אָנפאַנג פון אַ קידוש, אַ האַלבער, אָבגעריסענער ניגון פון שבת׳דיגע זמירות. און פּלוצלונג, גלײַך װי דאָס ערשטע מאָל, זינט די װעלט איז בעשאַפען, גיסט זיך אַרױס פון אַ פענסטער אין גאַס אַרײַן אַ פרישער, ליכטיגער, געזונטער געלעכטער פון אַ יונגען, געזונטען קינד — שבת. און איבער דעם אַלץ שװעבט אין גאַס אַ ניגון, ער טראָגט זיך, אַ לעבעדיגער, פאַר דער זון, צװישען הימעל און ערד. ער זוכט װאָס; אפשר אַ תיקון פאַר זיך, אפשר אַ מקום-מנוחה אין אַ מענשענס האַרץ. דער ניגון טראָגט זיך פון דער אַלטער, גרױסער שוהל אַרױס. אַזאַ טיפער, אַזאַ דבקות׳דיגער, אַזאַ בענקענדיגער: „ובטו – בו – מח–דש –בכל–יום –ת–מיד–מע–שי–מע – שי – ברא – שית!... — דער רב, רב אלחנן, דאַװענט נאָך.

מען האָט שױן אָבגעגעסען. מען האָט שױן נאָכ׳ן עסען אַ ביסעל אָבגערוהט. די שבת׳דיגע זון איז אַראָב פון מיטען הימעל. די הײַזער פון דער שבת׳דיגער גאַס, גלײַך װי זײ האָבען זיך שטיל, קוים װאָס מען בעמערקט, אײַנגעבױגען צו דער זון צו, און זײ פלעכטען אױף דער ערד לײַכטע, שװאַרץ-דורכזיכטיגע שאָטענס. שמואל דער משוגע׳נער זיצט אױף אַ בענקעל נעבען אַ שטוב און קוקט אױף דער זון. אַ חברה יונגלעך זיצען אױף דער ערד נעבען איהם. ער דערצעהלט זײ, פון װאַנען נעהמט זיך אין דער ערד גאָלד: „די זון... די זון פערזײַט אין דער ערד איהרע שטראַהלען. דאָרט װאַקסט פון זײ אַרױס גאָלד... די זון... די זון..." די קינדער מיט זײַערע יונגינקע אױגעלעך און תם׳עװאַטע ליפּעלעך הערען איהם און גלױבען איהם. ניט װײַט פון זײ, נעבען אַ שטוב, אין אַ שאָטען, אױף די גרינע, פרישע, זומערדיגע גראָז זיצען זיך די אײַנװאױנער פון גאַס. מען זיצט זיך שבת׳דיג, װײַבער

און מאנסביל, און מען רעדט; מען דערצעהלט, וואס יעדערן האט אין זיין לעבען געטראפען, מען ווערטעלט זיך, מען לאכט. אין דערינען ווערט א גערודער. די מאנסביל שטעהען אויף פון זייערע ערטער און שטעלען זיך, די ווייבער חאפען זיך פאר זיך; די פערריכט איהר ויידענע פאטשיילע אויפ'ן קאפ, דורך וועלכער עס האט זיך ארויסגעטארטשעט א בינדעל שווארצע, שענע האהר, די — איהר ברעג קלייד פון אונטען, נאך ווער מאכט צורעכט, אויף וויפיעל עס איז נאר מעגליך, איהרע ווייסע, שענע ברוסט, פון וועלכער עס זויגט א שענעס, פולינקעס, געזונטעס קינד — דער רב געהט פון שוהל. און רב אלחנן געהט זיך פון שוהל געלאסען, פערטראכט אין זיך. זיין שווארצע, אטלאסענע קאפאטע אויף די פלייצעס. דער ווייסער טלית מיט די שווארץ-בלויע פאסען תכלת זעהען זיך ארויס פון די אפענע פאלעס און זיי פינקלען אנטקעגען דער זון. און דאס קיילעכדיגע שטריימעל אויף זיין גרויסען, פעסטען קאפ, מיט איהר שווארץ-סאמעטענער דעק, בלישטשעט. ער געהט זיך; זיין פנים איז דורכגעדרונגען מיט שבת'דיגע תפילות, און ער זינגט זיך שטיל, פאר זיך, א ניגון אהן ווערטער. א יונגעל, א שטיפער, פערלאזט זיין חברה און לויפט אנטקעגען איהם, הויבט אויף שטיפעריש-לעבעדיג זיין קאפ אין דער הויך, צו רב אלחנן'ס פנים צו, גלייך ווי ער איז גרייט ארויפצוחאפען זיך מיט אלע פיער צו איהם אויף זיין גארטעל און אויף זיינע פלייצעס ארויף, און ער שרייט פרעהליך:

— גוט שבת, גוט שבת!

רב אלחנן'ס אויגען גלעטען דאס קינד אזוי גוט, אזוי ווייך. ער שאקעלט איהם מיט'ן קאפ און שמייכעלט:

— גוט שבת, קינד, גוט שבת.

ער דערגרייכט צו די אויפגעשטאנענע יודען. מען זאגט איהם מיט גרויס דרך ארץ:

— גוט שבת, רבי, גוט שבת!

רב אלחנן קעהרט אום צו זיי א ליכטיגען און אנ'ערנסטען פנים און שאקעלט צו זיי מיט'ן קאפ:

— גוט שבת, יודען, גוט שבת.

ער געהט זיך אוועק ווייטער שטיל, שבת'דיג צו זיין היים

צו, און הינטער איהם שושקען זיך אלע שטילערהייד:
— אט דאס איז א יוד!.. דאס איז א יוד!..

---

פון טאג צו טאג איז געוואקסען אין אשיפאווע ר׳ אלחנן׳ס נאמען. מען האט זיך מיט איהם געליובט, און מען האט זיך מיט איהם געבענשט. נאר רב אלחנן, זינט ער איז אריינגעפאהרען אין אשיפאווע, איז ביי זיך שטארק טרויעריג געווארען. עס זענען דאך פערשפרייט איבער אונזערע קעפ שטומע, שטומע הימלען. פאר אונזערע אויגען שטארבען שטומערהייד מענשען, מחשבות, חלומות. דער טאג, דער ליכטיגער טאג האלט אין זיך פערשלאסען א שטומען סוד פון א וועלט אויף יענער זייט ליכט און טאג... און די נעכט, די שווארצע, פול מיט סודות, שטומע נעכט! פערבענקט זיך א מענשען און ער טרויערט, טרויערט און טרויערט.

אפט, זעהר אפט פלעגט זיך ביי רב אלחנן׳ען ארויסרייסען פון הארצען א טיעפער, טיעפער זיפץ. זיין ווייב, די רבי׳צין, חיה, א יודענע אין מיטעלען וואוקס, מיט א צארטען בלייכען פנים, א פרומע, א קרענקליכע, און מיט א אונרוהיגער נשמה, פלעגט פרעגען ביי איהם:

— אלחנן, וואס זיפצסטו?

ער פלעגט ענטפערן ווי פאר זיך:

— איך האב דאס פריהער געוואוסט... דעם טאג וואס מיר זענען ארויסגעפאהרען פון סורעווע, האט זיך מיר אלץ אויפגעמישט הלכות אבלות... וועגען וואס פאר א ענין איך זאל נישט דארפען איינקוקען אין שולחן ערוך, אלץ פלעגט זיך מיר אויפמישען הלכות אבלות...

און שטיל, עטוואס פערשעמט, אבער זיכער פלעגט ער זאגען ווייטער:

— איך האב שויז מיינע סמנים... אלעמאל ווייס איך אלץ פאראויס... איך ווייס...

רב אלחנן׳ס זיכערע שטים, זיין קאלטער בליק דערביי פלעגט דערשרעקען די דאזיגע קראנקע און אונרוהיגע נשמה, און זי פלעגט פחד האבען צו פרעגען מעהר.

נאך איידער רב אלחנן איז אריינגעפאהרען אין אשיפאווע, פלעגט אפט דריקען זיין הארץ א מחשבה, א גרויסע, און א פחד פלעגט איהם אנחאפען פאר איהר. נור איצט וואקסט זי און וואקסט ביי איהם אין הארצען און לאזט איהם ניט רוהען. ער פיהלט, אז ער איז ניט דאס, וואס ער דארף זיין. דער בעל שם טוב, רב לוי'ק בערדיטשעווער, דער מעזיריטשער, רב נחמן ברעסלעווער — זיי זענען אנדערע מענשען געוועזען. נו, ער איז א גרויסער למדן אין נגלה, גרוים אין קבלה, אבער ער איז ניט דאס, וואס ער דארף זיין. און פיהלען פיהלט ער אין זיך עפים גרויסעס, עפים מורא'דיגעס, עפים אזוינס, פול מיט וועהטאגען און ליידען, פול מיט ליכט און אין סוף. נאר א גרויסע האנד פון אזוינעס, וועלכען ער זעהט נישט און פערשטעהט ניט, בעהאלט עס, פערשליעסט עס און עס פערשטומט טיעף, טיעף ביי איהם אין הארצען.

שטענדיג חלום'ט איהם: ער איז אנגעטאן אין זיין אטלאסענער זופעצע, פערגארטעלט מיט זיין זיידענעם גארטעל, אויפ'ן קאפ זיין שטריימעל. ער שטעהט אויף א גרויסען, הויכען בארג. אלע יודען שטעהען נעבען בארג און קוקען צו איהם. ער פערשפרייט זיינע העגד און רופט:

— יודען... גאט האט אזוי געזאגט...

און פוסט און קאלט ווערט זיין הארץ, זיין נשמה, ווען ער חאפט זיך אויף פון זיין חלום. איינער אליין זיצט ער אין זיין צימער. אין צימער איז פוסט און שטיל. א גרויסער אלמער מיט אלטע, אלטע ספרים שטומט אנטקעגען איהם אזוי ענטשלאסען, אזוי קאלט... טויט זענען די וועגט ארום איהם און הויך, אזוי ענטשלאסען, אזוי קאלט...

שבת אין דערפריה, ווען ער קומט פון שוהל. ער געהט זיך ארום איבער'ן עס-צימער, ער זינגט די פאר-קידוש'דיגע זמירות. די לינקע האנד זיינע איז אין דעם זיידענעם גארטעל פערשטעקט, מיט דער רעכטער קנאקט ער צו הילכיג, צום טאקט, דעם טיעפען, מיט בענקשאפט פולען זמירות-ניגון. צוזאמען מיט דעם זמירות-ניגון קלינגען נאך אין זיין נשמה זיינע ניגונים פון די טיעפע, טיעפע שבת'דיגע תפילות. ער שטעלט זיך אב נעבען א פענסטער. דורכ'ן פענסטער זעהט זיך ארום

אַ ברײטער, אַ פרײַער שטח, זומערדיִגע ליִכט איז שבת׳דיִג פערגאָסען אויף גאָט׳ס וועלט. דאָרט, ווײַט, ווײַט אויף דעם ברײטען, פרײַען שטח שטעהט זיך אַנ׳אײַנזאַמער, אַלטער, אַל־טער בוים, אַלײן... אַלײן אין מיטען אַ גרויסען, פרײַען פעלד. ער פערטיִעפט זיך אין זיך. זײַנע אויגען זענען פערט־ראַכט און געווענדעט אין הימעל אַרײַן. ווײַט, ווײַט זענען זײַ איצט אַוועק פון איהם. דער הימעל האָט זײַ פערוועבט מיט חלומות. ער וועבט זײַנע אויגען, זײַן האַרץ, זײַן מוח. דער הימעל פערוועבט זײַן נשמה מיט אַלטע, טיִעפע חלומות, בע־האַלטען דאָרט ווײַט, ווײַט, אין אַ וועלט, וואָס אַנ׳אַלט, ווילד פאָלק האָט בעשאַפען... דאָס בלוט פון אַנ׳אַל־טען, אַלטען, ווילדען פאָלק, וואָס האָט געפליסט אין זײַנע אָדערען, די פאַרבען פון אַ טויזענד־יאָהריגען, ווילדען פאָלק אין זײַן נשמה, פלעגען זיך אינגאַנצען אויפוועקען און אויפלע־בען, און דער הימעל איז אין זײַן האַרץ געווען, זײַן האַרץ אין הימעל — אײביגקײַט!...

און אַז די רבי׳צין חיה פלעגט איהם אויפוועקען פון זײַ־נע חלומות, פלעגט איהם רופען צום טיש עסען, פלעגט ער זיך פיהלען אַזוי פרעמד פון אַלץ, וואָס אַרום איז... אַזוי ווײַט... אַלץ אַרום איהם איז פוסט און קאַלט...

און עס איז געוואַקסען בײַ רב אלחנן אין האַרצען אַ גרויסער, גרויסער טרויער. ער פלעגט וועלען ווען מלחמה האַלטען מיט זיך אַלײן. עס טרעפט, ער זיצט שפּעט בײַ נאַכט בײַ זיך אין צימער, נעבען טיש, בײַ אַנ׳אַלטען, אַלטען ספר. זײַן נשמה טרינקט זיך אין טרויער און בענקשאַפט. ער פיהלט ניט, ער זעהט ניט אַרוים פאַר זיך קײַן סוף צו דעם, וואָס נעהמט אַרום אַזוי זײַן האַרץ, און ער פלעגט נעהמען טענה׳ן צו זיך אַלײַן:

— אלחנן — לעבעדיִגער!.. אלחנן!.. די אמת׳ע צדיקי הדור פלעגען דיִענען גאָט מתוך שמחה... לעבעדיִגער...

ער פערלאָזט דעם טיש מיט׳ן ספר אויף איהם. געהט אַרום האַסטיִג איבער׳ן צימער, נעהמט פּאַטשען מיט די הענד מיט היץ, מיט דבקות, מיט התלהבות:

— אלחנן — לעבעדיִגער... לעבעדיִגער... לעבעדיִגער!..

נאָר אינעווייניג אין האַרצען פלעגט דריקען און פרעסען אַ מחשבה, אַ ביטערע, אַ טרויעריגע: די אמת'ע צדיקי הדור האָבען געוואוסט, האָבען איהם פערשטאַנען... מיט זיינע הנהגות... זיי האָבען פערשטאַנען... דער בעל שם טוב, רב לוי'ק בערדיטשעווער, דער מעזיריטשער, רב נחמן ברעסלעווער — אַנדערע זענען זיי געווען... אַנדערע... און די דאָזיגע מחשבה פלעגט פערנעהמען זיין מח, זיין האַרץ, זיין נשמה.

---

רב אלחנן האָט אָנגעהויבען דאָס רוב טאָג און נאַכט צו פערברענגען אין דער גרויסער, אַלטער, אַלטער אַשיפּאָווער שוהל.

ווי פאַר זיך, ווי אַליין איז זיך געשטאַנען אין גאַס אָט די דאָזיגע אַלטע, הילצערנע שוהל מיט איהר אַלטען, הורבה'דיגען גאַניק. העכער איז זי פאַר אַלע אַשיפּאָווער הייזער, און אַרום איהר איז לעדיג. די אַרומיגע הייזער האָבען דרך ארץ פאַר איהר און שטעהען פונדערווייטענס. און אינעווייניג רוהט אין איהר אַ אַלטע, אַ גרויסע, אַ הייליגע וועלט. די הילצערנע ווענט, צוקרימטע אין די ווינקעלעך פון אַלטקייט, זענען ערטערווייז פערמאָלט מיט לייבען, הירשען, עופות און פערשיעדענע קווייטען. עס איז וואָס טיעפעס פערשריבען געוואָרען אויף די דאָזיגע ווענט, עס איז פערשריבען געוואָרען מיט אַ שטומער, אַלטער שפּראַך, אַ שפּראַך פון חיות, עופות און קווייטען־מאָלונגען, אַזוינעס בעהאַלטענעס, פערבאָרגענעס אין זיך... אין מערב־זייט, נעבען דעם גרויסען אַלמער מיט ספרים איז אַ מנורה אויסגעמאָלט מיט זיעבען רעהרען. דוכט זיך: ווער עס איז זוכה, זעהט, ווי תמיד, תמיד ברענט זי. אויף דעם אַלטען אָרון הקודש שטעהען פון האָלץ געשניטען צוויי גרויסע לייבען. זיי שטעהען איינס קעגען דעם צווייטען און זיי ווייסען ביי זיך שטאָלץ, אַז זיי היטען דאָ וואָס גרויסעס, אַלטעס, הייליגעס. דער באַלקען איז אַ הויכער, הויכער, אַ קיילעכדיגשפּיציגער. ווייטער שמעלער, ווייטער — שמעלער. און אַ ווילדע, אַ פערביטערטע עקשנות איז אין זיין חלל בעהאַלטען...

שטומע, שטומע הייליגע סודות טראָגען זיך רוהיג, פערזיכערט אין זיך, אין דער גאַנצער שוהל ארום. זיי שוועבען אויף די אַלטע ווענט, אויף דעם גרויסען אַלמער ספרים דאָרט נעבען הרובע, איבער דער בימה, איבער דעם אַלטען אָרון הקודש מיט זיינע צוויי גרויסע לייבען, אויך אין חלל פון דעם הויכען קיילעכדיג-שפּיציגען באַלקען... די סודות טראָגען אין זיך גרויסע גרוי-אַלטע מחשבות פון אַ וועלט, וועלכע איז פערצוימט, פער'חתמ'ט אָט אין די אַלטע ווענט און באַלקענס. אַ וועלט אַ צופעליגע דאָ, אונטער דעם הימעל, וואו זי געפינט זיך, אויף דעם שטיקעל ערד, וואו זי שטעהט, אָבער אַ גרויסע, אַ הייליגע, אַ גרויסע... אַ וועלט אַ פרעמדע אויף יענער זייט שוהל, אויף יענער זייט אַשיפּאָווע, אָבער אַזוי בעהאַלטען אין זיך, פערבאָרגען פאַר פרעמדע...

רב אלחנן פלעגט פריה קומען אין שוהל אַריין. אין שוהל פלעגט זיין פנים ווערן מוטיגער, ליכטיגער, הייליגער. ער טוט אָן דעם טלית און תפילין. דער עולם קלייבט זיך אין שוהל צונויף. מען טוט זיך אָן אין טלית און תפילין. דער שמש, אַ אַלטער, אַ גרויער יוד, מיט אַנ'ערנסטען פנים, צינדט אָן ביים עמוד די ליכט. ער טוט עס גערן און בעטראַכט, גלייך ווי ער זאָגט פאַר זיך אַליין שטיל און ערנסט: „דער טאָג, די ליכט פון טאָג, דאָס, טאַטע אין הימעל — איז דיינס... דיינס... מיר, מענשען, האָבען זיך אונזערע ליכט... פון דיין כבוד וועגען, פאַר דעם כבוד פון די תפלות צינדען מיר עס אָן..." רב אלחנן שטעלט זיך אויף זיין אָרט, ביים אָרון הקודש, מיט'ן פנים צום וואַנט. מען דאַווענט מיט ווילדע בעוועגונגען, מיט בענקענדיגע שטימען, מיט אויגען פערטראָגענע פון דער וועלט; עס טראָגט זיך אין שוהל אַ ווילדע תפלה פון פערבענקטע הערצער, וועלכע האָבען אַמאָל גוטעס און ליכטיגעס געהאַט... זיי האָבען עס אָנגעוואָרען. און זיי בעטען עס... זוכען עס... אַזוי איז נאָר מתפלל אַ ווילד פאָלק, וואָס איז אין גלות פערוואָגעלט און בענקט, בענקט נאָך איהר ווילדקייט... רב אלחנן שטעהט זיך, נעבען אָרון הקודש, מיט'ן פנים צום וואַנט. ער איז אינגאַנצען איינגעהילט אין זיין טלית. ער איז שטיל, פערטיעפט אין זיך, אין די תפלות

גלייך און פעסט שטעהט ער אויף זיין ארט, נאר דאך ווי נים אויף דער וועלט, ווי נים אויף דער ערד איז ער איצט. און עס איז גלייך, ווי פון דעם גאט פון דער גרויסער, גרויער, הייליגער וועלט, וועלכע שוועבט דא אין דער אלטער שוהל, איז ער פאר א עדות אהער געשיקט. פאר א עדות, אז גרוים, גרוים און הייליג איז די דאזיגע וועלט. עס איז גלייך, ווי פאר א הייליגען, זיכערען שומר האט איהם דער גרויסער גאט אהער געשיקט. און ער היט, ער היט די טיעפע, גרויסע, אלטע, הייליגע וועלט...

נאכ'ן דאווענען. פוסט איז אין שוהל. די היינטיגע תפלות טוליען זיך, בעהעפטען זיך מיט די ביז־היינטיגע. מיט די אל־טע, לאנג־יאהריגע, לאנג דורות'דיגע תפלות. מיט נאך א תפלה פערהייליגט איז די שוהל, מיט נאך א תפלה טיעפער, מיט נאך א תפלה גרויער. עס איז שטיל, שטום, הייליג און גרוים... שמואל דער משוגע'נער טראגט זיך ארוים שטומער־הייד פון א ווינקעל נעבען הרובע. ווען מען האט געדאווענט, איז ער זיך געזעסען אליין פאר זיך ביי דער הרובע. ער געהט צו א פענסטער צו, שטעלט זיך אויף א באנק און קוקט אין פענסטער ארוים צום הימעל, צו דער זון צו. ער קוקט אויף דער זון און רעדט פאר זיך, שטיל, משוגע: די זון... די זון... די זון...

רב אלחנן געהט זיך ארום אין דער שטומער, אלטער, הייליגער שוהל אהין און צוריק. זיין טלית איז איבער'ן קאפ פערהדעקט ביז'ן של ראש. א שטאלצער, א טיעפער, א ליכטי־גער פנים קוקט פון טלית ארוים. ער געהט זיך ארום היי־מיש, ביי זיך. ער איז פערטיעפט אין זיינע מחשבות. אין זיינע מחשבות טראגט זיך איצט רב לוי'ק בערדיטשעווער. ער טראכט וועגען איהם:

— ער, רב לוי'ק בערדיטשעווער, האט אין זיך א סך תקיפות געהאט. שטענדיג פלעגט ער פאר גאט מצדיק זיין אויף יודען... פלעגט טענה'ן מיט איהם אט אזוי, ווי מען טענה'ט מיט א מענשען. פראסט... אפען... אלע, אלע צדיקי הדור: נאן געווען תקיפים ביי זיך... זיי האבען „איהם" גע־וואוסט. זיי האבען איהם פערשטאנען. און דאס, וואס זיי הא־

בען געדאַרפט פון איהם, האָבען זיי ביי „איהם" געפאָדערט...
מיט תקיפות... געמאָהנט...

און ער טראַכט וועגען זיך טרויעריג, טרויעריג:

— איך פערשטעה „איהם" ניט... פערשטעה „איהם" ניט... איך ווייס „איהם" ניט...

און פלוצלונג: אַ וואַרימע, פול מיט התלהבות, הייליגע האָפנונג נעהמט דורך זיין הארץ, זיין נשמה. ער טענה'ט צו זיך אַליין, מיט שטאָלץ, מיט מסירת נפש:

— אלחנן!.. מעהר תקיפות אין זיך... פאָדער פון „איהם"... מיט תקיפות... מאָהן!..

ביי נאַכט. עס איז שוין שפעט אין דער נאַכט. רב אלחנן זיצט אין שוהל, נעבען לאַנגען טיש, ניט ווייט פון דעם גרויסען אַלמער מיט ספרים. אַליין איז ער איצט אין שוהל. ער איז אָנגעטון אין זיין שווארצער זיידענער זופעצע, פערגאַרטעלט מיט דעם זיידענעם גאַרטעל. אויפ'ן קאָפּ זיין שטריימעל, אויפ'ן טיש ברענט אַ לאָמפּ. דער לאָמפּ בעלייכט נאָר רב אלחנן'ען און די אַלטע, גרויסע גמרא, וואָס ליגט אָפען פאַר איהם אויפ'ן טיש. די אַלטע, גרוי-אַלטע וועלט, וועלכע רוהט דאָ אין שוהל, איז איצט פערדעקט, פערטוליעט מיט גרויסע, געדיכטע שאָטענס. די שאָטענס זענען דורכגעדרונגען מיט סודות. אַלטע, גרויסע, הייליגע נשמות; די נביאים, די תנאים און די אמוראים, דער זוהר הקדוש און דער בעל שם טוב האָבען זייערע שאָטענס דאָ געלאָזען. זיי ציהען זיך פון דעם גרויסען אַלמער מיט ספרים. זיי טוליען זיך איינס צום צווייטען און פערדעקען מיט זיך די גרויסע, טיעפע, טיעפע וועלט, וועלכע רוהט איצט דאָ. און עס איז גלייך, ווי עס ווערט אין שוהל איצט, ביי נאַכט, דערצעהלט, שטיל, שטום און בסוד: פער'חתמ'עט, בעהאַלטען איז דאָ אַ וועלט, אַ גרויסע, אַ הייליגע וועלט. זי האט זיך אמאל ענטפלעקט. גענומען וועבען איהר אייביגקייט. האט זיך אין מיטען אָבגעשטעלט, פערוויקעלט זיך, בעהאַלטען זיך אין זיך און וואַרט... און וואַרט...

רב אלחנן זיצט ביים טיש פאַר דער גמרא. ער לערנט:
— ת — — נו רב — נן... האָבען די רב — —

נן געֶלעֶה — רנט. דיִ רבּ — — נן רב — — נן געֶלעֶה — רנט . . .

אַ טיִעפעֶ, פוּל מיִט וועֶהטאָגעֶן, בּעֶנקעֶניִש קליִנגט איִן זיַין שטיִם. אַזוי בּעֶנקט נאָר איַין עֶק וועֶלט נאָכ׳ן צווייַטעֶן, דיִ עֶרד — נאָכ׳ן היִמעֶל, מעֶנשעֶן נאָך דיִ קומעֶנדיִגעֶ דורות. זיַין שטיִמעֶ בּעֶנקט, בּעֶנקט און זוכט הילף איִן זיִך אַליין:

ת — — נו רבּ — — נן... ת — — נו רבּ — —
ן . . . האָבּעֶן דיִ רבּ — — נן געֶלעֶה — רנט... דיִ רבּ —
נן . . : רבּ — — נן רבּ — — נן געֶלעֶה — —רנט ! . .

רבּ אלחנן פעֶרלאָזט דעֶם טיִש. דיִ בּעֶנקעֶניִש הויבּט איִהם אויף פון אָרט. עֶר געֶהט אַרום איִן שוהל היִן און צוריִק. עֶר טענה׳ט:

— רבּונו של עולם! . . וואָס וויִלסטו פון מיִר? . . רבּ לוי׳ק בּעֶרדיִטשעֶווער פלעֶגט רעֶדעֶן מיִט דיִר אָפעֶן . . . פראָסט . . . איִך . . . איִך פרעֶג בּיַי דיִר, וואָס וויִלסטו פון מיִר? . :

עֶר געֶהט צו צום אַלמעֶר ספרים. עֶר שטעֶלט זיִך אַוועֶק נעֶבּעֶן איִהם. עֶס איִז גלייַך, וויִ וועֶר פון דיִ אַלטעֶ שאָטעֶנס, וועֶלכעֶ שוועֶבּעֶן איִצט בּיַי נאַכט דאָ איִן שוהל, איִז תּחית המתים אויפגעֶשטאַנעֶן. און עֶר שטעֶהט אַ לעֶבּעֶדיִגעֶר, אַ הויבּעֶר, אַ פעֶסטעֶר, אָנגעֶטאָן איִן שוואַרצעֶ זייַדעֶנס מיִט אַ שטרייַמעֶל אויפ׳ן קאָפּ. רבּ אלחנן׳ס פּנים איִז ליִכטיִג, שטאָלץ און פוּל מיִט קדושה. עֶר פעֶרטיִעפט זיִך וואו, עֶר טראָגט זיִך אוועֶק וואו וויַיט, וויַיט. איִן זיַין נשמה פליִסט אַ התלהבות׳דיִגעֶר, ליִכטיִגעֶר, הייליִגעֶר קוואַל. פאַר זיַינעֶ אויגעֶן איִז איִצט ליִכטיִג... דיִ גאַנצעֶ וועֶלט, דעֶר אין=סוף איִז אָנגעֶטאָן איִן אַ מלבּוש פון ליִכטיִגקייַט. אַ קלאָרעֶ, הייליִגעֶ, גאָט׳ס-ליִכטיִגקייַט... אַ אייבּיִגקייַט-ליִכט... עֶס איִז ליִכטיִג... ליִכטיִג... ליִכטיִג...

רבּ אלחנן טענה׳ט:

— רבּונו של עולם! . . איִך גלויבּ איִן דיִר... ניִט גלויבּעֶן קאָן מעֶן ניִט... איִך פיִהל דיִך... איִך זעֶה דיִך... דייַן ליִכט טוט אָן, וויִ איִן אַ קלייד, דיִ גאַנצעֶ וועֶלט... דייַן כּבוד איִז פוּל פון איין עֶק וועֶלט בּיִז דעֶם צווייַטעֶן... איִן אַלעֶ ספירות בּיִזטו פאַרהאַן, איִן אַלעֶ נשמות, איִן אַלעֶ לבושים, איִן אַלעֶ מדרגות... אומעֶטום — דאָ . : . דיִ ליִכט פון טאָג

— דײַן שײַן איז עס, דײַן ליכט איז בעגאָסען אויף װעלדער, אויף פעלדער, ימים און טײַכען, אויף די הויכע בערג, אויף די קלײַנע גרעזעלעך, אין די טיעפסטע טאָלען... איך גלויב אין דיר... אומעטום זעה איך דיך. ·. װען דו װאָלסט מיך אין א פינסטערער גרוב בעשאַפען, װאָלט איך דיך דאָרט אויך געפיהלט, געזעהן. װען דו װאָלסט מיך א בלינדען בעשאַפען, מיט מײַנע בלינדע אויגען װאָלט איך דיך געזעהן... איך זעה דיך... מיר איז ליכטיג... ליכטיג... ליכטיג... אָבער פאַרװאָס פערשטעה איך דיך ניט ?... איך װײס דיך ניט. איך פערשטעה ניט דײַנע הנהגות... איך פיהל, אז א גרויסע מחשבה איז פערבאָרגען פון אונז, מענשען... פערבאָרגען... פערבאָרגען... פערבאָרגען... עפען אויף מײַנע אויגען. זײַ זי מיר מגלה... אין דער תּורה האָסטו זי בעהאַלטען ?.. אין דער כלה-תּורה ?.. נעהם אַראָב דעם לבוש פון דער כלה-תּורה... דעק זי אָב. איך װיל איהרע סודות װיסען... זײַ מיר מגלה דײַן פערבאָרגענע מחשבה... איך װעל נאָכדעם ארומגעהן איבער דײַן װעלט טאָג און נאַכט, װאָך און שבת. איך װעל װעגען איהר אלעמען דערצעהלען, אלעמען פון איהר מאַכען װיסען... זײַ זי מיר מגלה... איך װיל דיך װיסען. איך װיל דיך פערשטעהן... פאַרװאָס ענטפלעקסטו זיך ניט צו די, װאָס דאַרשטען דיך צו װיסען, דיך צו פערשטעהן... דו האָסט בעשאַפען מענשען, בעװיזען זײַ דײַן ליכט און בעהאַלסט, פערבאָרגסט פון זײַ דײַנע מחשבות... דו ביסט אומגערעכט... אומגערעכט... אומגערעכט...

רב אלחנן שפּאַרט אָן זײַנע עלענבויגענס אָן א פּאָליצע פון ספרים אין אַלמער. בעהאַלט זײַן פנים אין די הענד. ער זעהט פאַר זיך א גרויסען, א ליכטיגען גאָט, און ער פיהלט, אז דער גרויסער ליכטיגער גאָט איז אומגערעכט.

און מיט שטאָלץ, מיט מסירת נפש, אָהן בײז, אָבער פעסט, זיכער און איבערצײַגט אין דעם טענה׳ט ער:

— דו ביסט אומגערעכט... אומגערעכט... אומגערעכט...

---

און עס איז געװען נאַכט, עס איז געװען טאָג. עס איז גע-

ווײַן וואָך, עס איז געווען שבת. רב אלחנן'ס נשמה האָט געבענקט, געטרויערט און געטרויערט.

וואָס איז געווען אַזוינס אין אַ שיפּאָווע, וואָס האָט אַזוי געוועקט רב אלחנן'ן, האָט אַזוי אומרוהיק געמאַכט זײַן נשמה?.. די אַלטע אַשיפּאָווער שוהל?.. די ברייטע, אָפענע פעלדער אַרום אַשיפּאָווע?.. אפשר דער שטילער, ווײַסער, ווײַכער טײַך דאָרט חוצ'ן שטעטל, אין מזרח זײַט, מיט זײַנע אײַנזאַמע, אַלטע בוימער, וואָס היטען איהם?... ווער ווייס?...

אין שטעטל האָט מען אָנגעהויבען צו וואונדערען זיך: „דער רב... דער רב איז אַזוי ווייט פון אַלעמען, אַזוי פרעמד צו אַלעמען..." די ווייבער האָבען געחלום'ט צווישען זיך, האָבען אײַנע דער צווייטער זייער וואונש פערטרויט:

— בעקומען אַ ברכה פון דעם רב... אַ ברכה פון דעם רב...

און רב אלחנן פיהלט, אַז בײַ איהם אין האַרצען, אין זײַן נשמה וואַקסט גרויסעס, גרויסעס, מורא'דיגעס, עס טראָגט זיך אין זײַן האַרצען אַזוינעס פול מיט וועהטאָגען און לײַדען, פול מיט ליכט און אין־סוף. אַ האַנד אַ גרויסע, וועלכע ער זעהט ניט, ער פערשטעהט ניט, בעהאַלט עס, פערשליסט עס און פערשטומט עס טיעף, טיעף בײַ איהם אין האַרצען. נאָר ער מאָהנט פון „איהם", ער פאָדערט, אַז די האַנד זאָל אַראָבנעמען ווערען פון זײַן האַרצען, ער טרויערט איבער דעם און ער וואַרט, ער וואַרט, ער וואַרט...

עס איז זומער, שבת־צו־נאַכט. רב אלחנן איז בײַ זיך אין דער היים. זומער שבת־צו־נאַכט געהט ער ניט אין שוהל. ער איז בײַ זיך אין שטוב, אין זײַן צימער. ער איז אָנגעטאָן נאָך שבת'־דיג. אין זײַן שבת'דיגער זײַדענער שווארצער זופּעצע, מיט דעם שבת'דיגען זײַדענעם גאַרטעל פערגאַרטעלט, מיט דעם שבת'דיגען שטרײַמעל אויף זײַן פּעסטען, שטאָלצען קאָפּ. אָקאָרשט האָט ער געענדיגט זינגען די שבת־צונאַכטיגע זמירות. די שענע, די בענק־קענדיגע, דבקות'דיגע זמירות. אין זײַן נשמה קלינגט נאָך מיט בענקעניש: „אליהו הנביא, אליהו התשבי, אליהו הגלעדי..."

ער זיצט בײַם טיש, נעבען אַ פענעם פענסטער, איבער דעם זוהר. גאַנץ אַשיפּאָווע שלאָפט. עס איז נאַכט, נאַכט...

שטילעס, שטילעס איז פערגאסען אויף די ברייטע, אפענע פעלדער ארום אשיפאוועָ. אויף דעם טייך דארט, חוצ'ן שטעדטיל, אויף זיינע אלטע בוימער, וואס היטען זיינע ברעגען, אזוי איינזאם, אליין... די שטילקייט נעהמט ארום דאס וואסער, יעדען גרעזעל, יעדען בוים אויף די פעלדער, יעדען שטיינדרעלע ביים טייך.

נאכט. א ליעבע, א טיעפע, א שטומע זומער-נאכט. אשיפאווער הייזער טארטשען שטומערהייד אין דער שטילער נאכט אריין. מיט עקשנות פאר זיך א ארט פערנומען. צופעליגע, מחשבות אין א אייביגער, אייביגער נאכט...

די לבנה שיינט אין דער שטילער נאכט אריין. די לבנה א בלאסע, א קלארע, שיינט רוהיג. ניט צוליעב קיינעם. ווי פאר זיך.

נאכט. א נאכט פאר זיך אליין. מיט זיך און אין זיך. די הימלען, די שטערען, די לבנה — זיי טראכטען, זיי רעדען רוהיג, מיט זיך אליין און פאר זיך:

— עס איז נאכט...

— איצט איז די ערד נעגליכען צו אונז...

— דעם אנהויב און דעם סוף נעהמען מיר ארום. דער אנהויב און דער סוף איז אין אונז, מיר אליין זענען עס...

— וואס?... וואס איז גאט, ערד, מענש?.. ווער ווייס?...

— ווער ווייס?...

רב אלחנן זיצט ביי זיך אין צימער ביים טיש, נעבען אן אפענעם פענסטער. אויפ'ן טיש, פאר איהם, ליגט אפען דער אלטער זוהר; רב אלחנן קוקט דורכ'ן פענסטער אין גאס ארויס און טראכט וועגען טאג און נאכט, וועגען גאט, וועגען דעם טיעפען, טיעפען זוהר.

רב אלחנן שטעהט אויף פון טיש, געהט ארום איבער זיין צימער הין און צוריק. זיין שטארקער, שטאלצער, טראכטענדער שטערן איז פערטיעפט אין מחשבות; זיינע קארע, גרויסע, ווייכע, טיעפע, בענקענדיגע אויגען לייכטען און זוכען וואס... ער געהט ארויס פון שטוב. ער געהט אויפ'ן גאניק ארויס. נאכט. די לבנה שיינט אין דער שטילער נאכט אריין. א בלאסע, א קלארע, שיינט

רוהיִג. ניִט צוליִעב קיינעם, פאַר זיִך. רב אלחנן פערטיִעפט זיִך אין דער נאַכט, אַ תפלה טראָגט זיִך ביי איהם אין האַרצען:

— גאָט... איך גלויִב... דו ביִסט דער טאַטע. די תורה איז די כלה. מיִר, דיין פאָלק ישראל — דער חתן. נעהם אַראָב פאַר דעם חתן דעם לבוש פון דער ליִעבער כלה... דעק פאַר מיִר אָב מיין שענע כלה, איך וויִל איהרע סודות וויסען...

און ער טראַכט:

— עס וועט געשעהן... אויף וואָס ער וואַרט, וועט גע־שעהן... ער וואַרט... ער וואַרט... ער וואַרט...

ניִט ווייט פון גאַניק נעבען אַ שטוב שטעהט שמואל דער משוגע'נער. זיינע אויגען זענען יונג, און זיין קאָפּ און באָרד איז עפּיס אַזוי משונה, פאַר דער צייט ווייס, גרוי. זיין הויכע, דאַרע פיִגור טוליעט זיִך אין זיִך אַליין, עפּיס אַזוי ביטער, אומ־רוהיִג. ער וויל זיִך וואו בעהאַלטען?.. וואו?.. אין זיִך אַליין, אין זיין שאָטען, אין אַ וואַנט פון אַ שטוב פערבאָרגען צו ווע־רען?... ער טוליעט זיִך, טוליעט זיִך אין זיִך אַליין, אין זיין שאָטען. עפּיס אַזוי ביטער, אומרוהיִג. ער הויבט אויף זיינע אויגען צום היִמעל צו, און ער געהט אַוועק אַ היִן, דאָרט צו, וואו דער וויִנקעל היִמעל איז ווייס. די זון האָט דאָרט איהר וועג געלאָזען, ניִט צוגענומען מיִט זיִך. ער געהט אַריין אַהין, אַהיִן, איבער די שלאָפענדיגע, שטילע, נאַכטיגע גאַסען. טוליענדיג זיִך משוגע, אין זיִך, אין זיין שאָטען...

רב אלחנן שטעהט אויפ'ן גאַניק. ער איז פערטיִעפט אין דער נאַכט. זיין נשמה פרעסט אַ טרויער, אַ בענקעניש. ער וואַרט... ער וואַרט... ער וואַרט...

ער געהט אַראָב פון גאַניק. ער געהט איבער'ן גאַס. ער פערלאָזט די גאַס און געהט ווייטער. ער געהט חוצ'ן שטאָדט, אַ ברייטע, אַ פרייע פעלד איז דאָרט פאַרהאַן. אַנ'איינזאַמער, אַנ'־אַלטער בוים שטעהט דאָרט אַליין... איינזאַם, אַליין אין מיטען אַ גרויסען פרייען פעלד... ער געהט אַהין, חוצ'ן שטאָדט, אין פעלד אַריין:

— דער בעל שם טוב פלעגט זיִך אויך מיחד זיין אַליין, אַליין אין די פעלדער...

נאַכט. אַ נאַכט פאַר זיִך אַליין. מיִט זיִך, אין זיִך. די

היִמלען, די שטערען, די לבנה — זיי טראַכטען, זיי רעדען רו-
הינ, מיט זיך אַליין און פאַר זיך:

—עס איז נאַכט...

— איצט איז די ערד געגליכען צו אונז...

— וואָס איז געוועזען, וואָס עס וועט זיין — מיר נעהמען
עס אַרום. וואָס עס איז געוועזען, וואָס עס וועט זיין — אין אונז
איז עס. מיר אַליין זענען עס...

— וואָס?... וואָס איז גאָט, ערד, מענשען... ווער
זיינם?...

# טויט און לעבען.

---

איך האָב ליעב דאָס לעבען. איך האָב ליעב זיינע פאַרבען. איך ליעב זיינע שאַפּענדע, הייסע, אומרוהיגע בעוועגונגען — איך בין פערליעבט אין דאָס לעבען. נאָר איך האָב פּחד פאַר איהם. עס שרעקט מיך צו טראַכטען וועגען איהם. איך האָב ליעב דאָס לעבען, נאָר טראַכטען וועגען איהם האָב איך מורא.

איך האָב פיינד דעם טויט. איך האָב פיינד זיין קעלט, זיין רוה, זיין שטומע ענטשלאָסענקייט — איך בין אַ שונא דעם טויט. נאָר אַזוי גערן טראַכט איך פון איהם. ער ציהט מיין מח צו זיך. מיינע מחשבות נעהמען איהם אַרום אַזוי זיכער. איך האָב פיינד דעם טויט, נאָר תמיד, תמיד טראַכט איך פון איהם.

און ביידען, אי דאָס לעבען אי דעם טויט, ביידען פערשטעה איך ניט.

---

אַז איך בין אַ יונגעל געווען, האָב איך געלערענט ביי אַ אַלטען יודען, אַ מלמד, ר׳ יצחק, דער בעסטער מלמד פון אונזער שטאָדט. דאָס איז געווען אַ ניינציג־יאָהריגער, הויכער, דאַרער יוד, מיט לאַנגע, ווי שניי ווייסע, ברעמען, מיט אַ לאַנגער, ווי שניי, ווייסער באָרד און אַ פּנים פול מיט טויט. זיין פּנים איז געווען בעוועבט מיט רוהיגע, קאַלטע קנייטשען, און דאָס האָט דער טויט מיט אַ קנייטשען־שפּראַך זיינע קאַלטע, טויטע מחשבות אויף איהם פערצייכענט. ווען ר׳ יצחק פלעגט זיצען פערטראַכט צווישען מענשען, פלעגען אַלע פיהלען, אַז דער טויט זיצט און טראַכט קאַלטע, טויטע מחשבות פון אַ וועזען אויף יענער

זײַט בעװעגונג, אויף יענער זײַט זײַן. אין שטאָדט האָבען אַלע געװאוסט, אַז ר׳ יצחק איז בײַ די לעבעדיגע אַ גאַסט; אַ טויטער גאַסט בײַם לעבען. און אַלע האָבען געװאוסט, אַז באַלד, באַלד, אין אײנע פון די נעכט, אָט אין די שװאַרצע, שטילע, שטומע נעכט, װעט ער פערשװאונדען װערען פון צװישען די לעבעדיגע. ר׳ יצחק אַלײן האָט עס אויך געװאוסט. ער האָט שוין פאַר זיך אַנ׳אָרט אויפ׳ן בית־עלמן אָנגעגרײט, האָט פאַר זיך תכריכים געמאַכט, און אַלע נאַכט, אַלע נאַכט פלעגט ער זיך אָנטאָן, לעגען זיך אויף דער ערד און פלעגט זיך פערטיעפען אין טויט. געלערענט האָבען בײַ דעם טויטען ר׳ יצחק׳ן, אַ חוץ מיר, נאָך אײניגע.

װען ער פלעגט לערנען מיט אונז, פלעגט ער דעם לערנען זײַן איבערגעגעבען. מיך פלעגט שרעקען זײַן טויטער פנים, ער איז אָבער דאַן בעגײַסטערט געװען. און װען מיר פלעגען שלעכט זײַן לערנען פערנעהמען, האָט דאָס איהם שטאַרק אויפגערעגט. ניט אײן מאָל פלעגט דערפאַר זײַן דאַרע, טויטע האַנד אַראָבלאָזען זיך אויף אונזערע פנים׳ער—ער פלעגט דאַן אַזױ אויפגערעגט זײַן; פון גרויס פערדראָס פלעגט ער זיך פערהוסטען. זײַן קערפער, זײַנע הענד האָבען זיך געטרײַסעלט, און ער פלעגט הוסטען, הוסטען און קוים דעם אָטעם חאַפּען.

עס פלעגט טרעפען, אַז װער פלעגט זײַן דערבײַ און מען פלעגט איהם זאָגען:

— ר׳ יצחק, װאָס איז מיט אײַך?.. בערוהיגט זיך, בערוהיגט זיך. נו, װעלען אײַערע תלמידים מיט אַ יזהר שפּעטער װערען רבנים..

ער פלעגט דאַן אויסשטעלען זײַנע טויטע, טויטע אויגען, און זײַן טויטער קול פלעגט קלינגען מיט אַזאַ האַרצװעהטאָג:

— סטײַטש, זײ װעלען דאָך אויסװאַקסען עמי הארצים... זײ װעלען דאָך אַ יודישען ספר אין האַנד ניט קענען נעהמען!.. װי װעלען זײ לעבען אויף דער װעלט?..

אַ צײַט איז פון דאַן אַריבער. אַ לאַנגען, לאַנגען װעג בין איך פון דאַן אָן דורכגעגאַנגען. איך האָב דאָס לעבען דערקענט איך האָב װעגען טויט אַ סך געקלערט. איך פערשטעה ניט:

— װאָס האָט דעם טויט געאַרט פאַר׳ן לעבען?..

א פרוי האב איך געקענט. א ווייב פון א מאן און א מוטער פון קינדער. א קראנקע איז זי געווען; יאהרען לאנג איז זי צו בעט געלעגען. דער טויט האט לאנגזאם, שטיל, רוהיג, אבער פעסט זיינע פליגעל אויף איהר פערשפרייט. די לעצטע צייט איז אין איהר בעטיל מעהר נישט ווי א טויטער קערפער געלעגען — א טרוקענער, א קאלטער מיט טויטע, טויטע אויגען. אזוי מוז אויס־זעהן דער טויט אליין. ווער עס פלעגט נאר אויף איהר א קוק געבען, פלעגט זיך פערטראכטען וועגען טויט. ווען מען פלעגט רעדען מיט איהר, פלעגט מען ווארטען, אז אט־אט וועט זי דיר פון טויט דערצעהלען. און מען האט געטראכט דערביי, אז פון לאנג אן וויים זי שוין דעם סוד פון טויט.

א ווייַלע, איידער זי האט איהרע טויטע אויגען אויף אייביג פערמאכט, האט זי צוגערופען צו זיך דעם מאן מיט איהרע קינ־דער, האט געווארפען איהר בליק אויף זיי — אזוי קוקט נאר דער טויט אליין. און זי האט געזאגט — מיט אזא שטים רעדט נאר דער טויט אליין:

— נאך א ווייַלע וועל איך שוין מעהר ניט זיין, א טויטע, צווישען אייך, לעבעדיגע. א צייט האב איך פערבּיטערט אייער לעבען, איך האב אייך לעבען ניט געלאזט; מיין קרענק האט אייער רוה צוגענומען, האט איירע טעג פערסומערט. איצט, אז איך שטארב, הייבט אן צו לעבען. טראגט אריבער מיין טויט מוטיג. זאל דער טרויער אייער לעבען ניט צוברעכען. הויבט אן צו לעבען, ניט זייט פערסומערט, און לעבט, ווי עס בעדארף צו זיין. מיינע קינדער, טראגט אריבער אייער אנווער מוטיג. ניט זייט פערסומערט און לעבט... לעבט, ווי עס בעדארף צו זיין... איך, אייער מוטער, בעט דאס ביי אייך, טוט עס מיר. איך בעט אייך...

קאלטע טרערען האבען זיך בעוויזען אין איהרע אויגען און אזוי פיעל געבעטעט איז געווען אויסגעגאסען אויף איהר טויטען פנים.

— וואס האט געארט דעם טויט פאר'ן לעבען?..

---

עס איז דאן געווען א זומער־טאג. א פרישער, א ליכטיגער א ליעבער. איינער פון יענע טעג, ווען די לעבעדיגע האבען אזוי

ליעב דעם לעבען. אין דער פריה נאכ'ן דאַוונען איז דער הימער פון בית עלמן האסטיג אין שוהל אריין, א בלייכער, א דערשראָקענער. דאס איז געווען א יוד א הויכער, א געזונטער; זיין פנים איז געווען מיט לעבען בעוועבט. איך האב איהם געקענט פאר א מענשען מיט א גלייכען, פעסטען, געזונטען זינען, און עפּים אזוי משונה איז דאן געווען פערשפּרייט אויף זיין פנים דער בלייכער שרעק. ער איז צו צום רב און האט איהם דערצעהלט:

— דער פארקאן ארום בית עלמן איז איינגעפאלען. קברים זענען צוגראבען געווארען.

ביי אלעמען, וועלכע האבען זיך געפונען אין שוהל, האט עפּים דאס הארץ א צופּ געטאן. מען האט תיכף די טליתים מיט די תפילין צונויפגעלעגט און מען איז אויפ'ן בית עלמן א וועק. מען האט געקוקט אויף די צוגראבענע קברים, און אלע זענען אזוי דערשלאגען געווען. טרערען האבען זיך אין די אויגען געוויזען. מען האט מיט צובראכענע הערצער מחילה געבעטען די טויטע, מען האט תהילים געזאגט און מיט גרויס קדושה האט מען די קברים צורעכט געמאכט. און אין דעם זעלביגען טאג האט מען אנגעהויבען צו מויערען ארום דעם בית עלמן א הויכע, א פעסטע, א שענע וואנט.

איך בין דאן מיט אלעמען צוגלייך געשטאנען אויפ'ן בית עולם. איך האב זיך צו אלעמען צוגעקוקט, איך האב געקוקט די מענשען אין זייערע מיט לעבען דורכגעדרונגענע פנימ'ער, האב געקוקט אין זייערע אויגען, פול מיט ליעבע צום לעבען. איך האב ניט פערשטאנען:

— וואס האט דעם לעבען פאר'ן טויט געארט?...

---

א מיידעל האב איך געליעבט. אין אנפאנג פון מיין גליק האב איך דערפיהלט, אז דער טויט האט זיין בייזען בליק אויף איהר געווארפען. ער האט איהר פנים מיט זיינע פארבען גענומען מאָלען און פון טאג צו טאג האט ער אלץ מעהר און מעהר זיינע ארעמס איבער איהר פערשפּרייט. איך האב זיך גענומען מלחמה צו האלטען מיט דעם קאלטען, בייזען טויט. איך פלעג מיין געליעבטע בעהאלטען פון איהם אין מיינע הייסע, פעסטע ארעמס.

איך פלעג זי בעהאַלטען פון איהם נעבען מײַן הײַסער, מיט לעבען פולער ברוסט. מיט מײַן הײַסען אָטעם פלעג איך וועלען קאַלטע טויט-וועבונג פון איהם פנים פערטרײַבען. איך האָב מיט'ן טויט מלחמה געהאַלטען, איך האָב ניט געוואָלט איהם אונטערגעבען זיך. און ווען איהר פנים איז שוין פול מיט טויט געווען, האָב איך איהרע שענע האָר געקושט. און ווען פון איהרע ליפּען האָט דער טויט נור צוויי דינע, קאַלטע פּאָדים געלאָזען, האָב איך איהרע קאַלטע ווײַסע צײַהן געקושט. נאָר דער טויט האָט מנצח געווען — ער האָט זי בײַ מיר צוגענומען.

ווען מען האָט מײַן געליעבטע פון מיר אַוועקגענומען און זי אין קבר אַרײַנגעלײַגט, איז מײַן גרעסטער וואונש געווען, אַז אויך איך זאָל זײַן דאָרטען, דאָרטען, נעבען איהר, אין די אָרעמס פון דעם טויט. לײַכט איז עס מיר געווען מײַן וואונש צו דערגרײַכען. איך ווײס, ווי אַזוי מען דערגרײַכט עס; אָבער איך בין אויף דער זײַט פון איהר קבר געבליבען — צווישען די לעבעדיגע.

נאָר אַלע טאָג, אַלע טאָג קום איך צו מײַן געליעבטער אויפ'ן קבר. בלומען ברענג איך איהר. זומער טראָג איך איהר זומער-בלומען: פרישע, רויטע מיט בלוט און לעבען-פאַרב; ווינטער ברענג איך איהר ווינטערדיגע בלומען: ווײַסע מיט שניי און פראָסט-פאַרב.

אַלע טאָג, אַלע טאָג קום איך צו מײַן געליעבטער אויפ'ן קבר, בלומען ברענג איך איהר.

ווײס ווער:

— וואָס אַרט דעם לעבען פאַר'ן טויט?...

# מענש.

די הויך פון די הימלען און די פרייע ברייטקייט פון דעם ליכטיגען טאָג, די טיעפעניש פון די שוואַרצע נעכט און די פער־כישופ'טע פרויען־אויגען — מען רופט מיך:

— מענש!

האָב איך זיך אין די הויכע, הויכע הימלען גענומען זוכען. אָהן אַ ערד אונטער די פיס, הימעל העכער, הימעל העכער בין איך געפלויגען. מען האָט פון מיר געלאַכט:

— אַ מענש אָהן אַ ערד. אויף דער ערד ביסטו געבוירען און אין הימלען זוכסטו זיך.

האָט מיר דאָס לאַכען ביים האַרצען פערנומען. אָבער מען האָט מיך גערופען, און איך בין אין די הימלען געפלויגען. זיבען הימלען זענען דאָ. יעדען הימעל האָב איך אַ שטיק האַרץ געלאָ־זען, יעדען הימעל האָב איך אַ שטיק ערד געשאָנקען. און אַז איך בין אין דעם זיבעטען הימעל אַריין, ריין פון ערד און פוסט פון האַרץ, האָט מיין נשמה אַרומגענומען אַ פוסטקייט, גרויס ווי די הימלען אַליין — איך האָב פערנומען, מען רופט מיך:

— מענש!

בין איך פון די הימלען צוריק אויף דער ערד אַראָב. האָב איך זיך אין דער פרייער ברייטקייט פון דעם ליכטיגען טאָג גע־לאָזט זוכען. אָהן אַנ'אָרט פאַר זיך אויף דער ערד האָב איך זיך געלאָזט געהן פון איין עק וועלט ביז'ן צווייטען. מען האָט פון מיר געלאַכט:

— אַ מענש אויף דער ערד אָהן אַ אָרט פאַר זיך. האָט דען די פרייע ברייטקייט פון די ליכטיגע טעג אַ ציעל, אַ ענדע?

האָט מיר דאָס לאַנד מײַן האַרץ פֿערבּיטערט. אָבער מען האָט מיך גערופֿען, און אין דער פֿרײַער בּרײַטקײַט פֿון דעם ליכ־טיגען טאָג האָב איך מיך געזוכט. מײַן רוה האָב איך פֿון זיך געיאָגט. אין ווילדע, לאַנגע וועלדער בּײַ אַ האַרטען בּוים האָב איך געוועלטיגט. צו די בּרײַטע, בּרײַטע, וויסטע פֿעלדער האָב איך מײַן האַרץ געטוליעט. מײַן האָב און גוטס האָב איך געהענדיג איבער די לאַנגע וועלדער פֿערלוירען. מײַן גליק האָב איך פֿאַר דער פֿרײַער בּרײַטקײַט אָבּגעגעבּען. און ווען עלענד, אָהן גוטס און אָהן גליק, בּין איך פֿון אײן עק וועלט צום צווייטען געגאַנגען, האָט אַ פּוסטקײַט, ווי די אײבּיגע, פּוסטע בּרײַטקײַט אַלײן, מײַן נשמה געדריקט. און מען האָט מיך גערופֿען:

— מענש, מענש!

האָב איך זיך אין דער טיעפֿעניש פֿון די שוואַרצע נעכט געגומען זוכען. אָהן אײן ליכטיגען טאָג האָב איך מיט די טיעפֿע, שוואַרצע נעכט מײַן נשמה געגעהרט. מען האָט פֿון מיר געלאַכט:

— אַ מענש אָהן אַ ליכטיגען שטראַהל פֿאַר זיך, אין די שוואַרצע נעכט זוכט ער אַ וועג פֿאַר זיך.

האָט מיר דאָס לאַנד מײַן האַרץ פֿערראומערט. אָבער מען האָט מיך גערופֿען, און נאַכט אײַן נאַכט אויס האָב איך זיך אין דער שוואַרצקײַט פֿון דער נאַכט פֿערטיעפֿט. דאָס ליכט פֿון טאָג האָב איך אויף די שטומע סודות פֿון דער שוואַרצער נאַכט פֿערבּי־טען, די זון — אויף די שוואַרצע נאַכט־וועלדער און נאַכט־פֿעלדער. צו אַ שאָטען פֿון אַ אײַנזאַמען נאַכט־בּוים בּין איך געגליכען גע־וואָרען, און פֿון נאַכט צו נאַכט האָב איך געהאָפֿט, פֿון פֿינסטער־ניש צו פֿינסטערניש האָב איך גערופֿען... אָבער אַזאַ פֿינסטערע פּוסטקײַט האָט מײַן האַרץ געפּרעסט — אַ פֿינסטערע פּוסטקײַט, פּוסט און פֿינסטער, פֿינסטער. און מען רופֿט מיך:

מענש, מענש!

האָב איך זיך בּײַ פֿרויען מיט פֿער׳כישופֿ׳טע אויגען געזוכט. מײַנע אויגען האָב איך אין זײערע אויגען פֿערחתמ׳ט, מײַן קאָפּ האָב איך צו זײערע בּרוסטען געוואָרפֿען. מען האָט פֿון מיר גע־לאַכט:

— אַ מענש זאָל זײַן וויזען בּײַ פֿרויען זוכען. אַ מענש זאָל בּײַ פֿרויען סודות געפֿינען.

האט דאס לאַכען מײַן נשמה װעה געטאָן. אָבער מען האָט מיך גערופען, און איך האָב זיך בײַ פרויען געזוכט. מײַן גוטס האָב איך זײ אָבגעגעבען; אין סאמעט האָב איך זײ געקלײדט, אין זײַדענס האָב איך זײ געפיהרט, מיט גאָלד האָב איך זײ בעשײַנט, מיט פעריל — געציערט. זײ האָבען פון מיר ליעבע געפאָדערט, האָב איך זײ געשענקט: א פרוי א ליעבע, א פרוי א ליעבע. אַנדערע האָבען פון מיר מײַן נשמה געבעטען. האָב איך זײ געשענקט: א פרוי א שטיק נשמה, א פרוי א שטיק נשמה. און װען איך האָב דער לעצטער פרוי מײַן לעצטע ליעבע, מײַן לעצ־טע שטיק נשמה אָבגעגעבען, איז אַזוי פוסט פאַר מיר גאָטס װעלט געװאָרען! און איך שטעה צװישען מײַנע פרויען; מײַן גוטס האָב איך זײ אָבגעגעבען, מײַן ליעבע זײ געשענקט, מײַן נשמה...

און מען רופט מיך:

— מענש, מענש, מענש!

פער'כישופ'טע פרויען־אויגען, אפשר װײסט איהר, אפשר װײסט איהר:—

— װאו איז מײַן סוד בעגראָבען? װאו איז מײַן חלום בע־האַלטען?

# צווייַ בילדער.

## I

ווי נאָר איך האָב אויפגעעפענט מייַנע אויגען צו קוקען אויף גאָטס וועלט, ווי נאָר מייַן הארץ האָט אָנגעהויבען צו פיהלען מענשען, די הימלען און די ערד, און אין מייַן מח האָבען זיך אָנגעהויבען צו וועבען מחשבות וועגען לעבען און טויט, — איז צו מיר איינער צו אין האָט צו מיר אַזוי געזאָגט:

— מענש! דו ביסט איינער פון די, וואָס האָבען אַ זינען און זוכען אַ זין אויך אין לעבען, איך — בין אַ רבי. זינט מענשען האָבען אָנגעפאַנגען צו דענקען, בין איך אַ רבי פאַר אַזוינע מענשען ווי דו. די לעהרער פון אַלע דורות, זינט די וועלט טראַכט, האָב איך געלערענט — פערנעהם מייַן תורה.

ער האָט מיר געגעבען אַ בילד, אויף וועלכען עס איז געוועזען אויסגעמאָלט אַ מענשענס פנים און האָט געזאָגט:

— מענש! קוק זיך איין אין דעם דאָזיגען פנים.

איך האָב דאָס בילד בעטראַכט. מיט פאַרבען, וועלכע מענשען רופען אָן הימלישע, איז דאָס פנים געוועזען געמאָלט. גלאַט, רוהיג אָהן איין קנייטשעל איז געוועזען דאָס פנים. גרויסע, גלאַטע, הימליש־פערטראַכטע אויגען האָבען אַרויסגעקוקט פון אונטער אַ גלאַטען, רוהיגען, ווייַסען, ווי די אונשולד, ווי טויבען־ווייַסקייַט, שטערען. און דאָס גאַנצע פנים איז געוועזען ווייך, ריין, כשר... אַזוי כשר...

און ער האָט צו מיר ווידער געזאָגט:

— דאָס זאָל זייַן דייַן שטרעבונג. אָט דאָס איז דער אמת פון לעבען, זייַן וועזען און זייַן זין. געדענק... איך בין דער רבי

פון מענשען, זינט זיי האבען אנגעפאנגען צו דענקען... איך בין דער רבי פון אלע דורות ביז דיר...

אין דעם שענסטען צימער פון מיין וואוינונג האב איך דאס בילד אװעקגעשטעלט. הייליג איז ביי מיר געווארען דער דאזיגער צימער אט אזוי ווי הייליג דאס בילד איז געוועזן.

און יעדען אין דער פריה, ווי נאר איך פלעג דערפיהלען די ערשטע בעוועגונג פון מיין הארץ, ווי נאר עס פלעגען זיך אנ־הויבען צו וועבען אין מיין מח נעדאנקען וועגען דעם לעבען פון קומענדיגען טאג, פלעג איך אוועק אין דעם הייליגען צימער, זיך שטעלען אויף די קניע, קוקען אויף דעם בילד און צו איהם בעטען:

— שענער זין פון לעבען... הייליגער אמת פון מיין וועזען... תורה פון לעבען פאר אלע דורות און פעלקער... — שען ביסטו, הייליג ביסטו, און אמת ביסטו!..

א גאנצען טאג פלעג איך ארומגעהן אין די גאסען, צווי־שען מענשען און זייער לעבען; א גאנצען טאג פלעג איך קוקען ארום זיך, ניט בעגרייפענדיג וואס איך זעה. איך האב גע־פיהלט, ניט צו וויסען וואס איך פיהל; א גאנצען טאג האט מיין הארץ עפעס אזוי געגאנגט, געזוכט, געשלעפט מיך ווייט, ווייט פון מיין הייליגען צימער און פון דעם בילד וואס אין איהם. אין מיין נשמה האט וואס מיט וועהטאג זיך געצאפעלט און האט בי־טער געפרעגט דעם זין, דעם אמת פון דעם, וואס איך זעה פאר זיך צווישען מענשען און זייער לעבען... און אלע ביינאכט, ווען מיין נשמה איז געוועזן מאט פון מיינע מחשבות איבער דעם טאג, פלעג איך קומען אין מיין הייליגען צימער, פלעג פאלען אויף די קניע פאר דעם בילד און בעטען:

— שענער זין פון לעבען... הייליגער אמת פון מיין וועזען... תורה פון לעבען פאר אלע דורות און פעלקער... — שען ביסטו, הייליג ביסטו, און אמת ביסטו!..

און עס איז נעגאנגען א טאג נאך א טאג, א יאהר נאך א יאהר, און דאס בילד איז פאר מיר א גאט געווארען. עס האט מיך געלערענט צו פערהאסען די גאסען און די מענשען; מיט זיין פנים האט עס פאר מיר דאס לעבען פערוועבט, איינגעשטילט דאס זוכעניש פון מיין נשמה. און טעג און נעכט בין איך געשטא־

עֶן אויף די קניע נעבען בילד, האָב געקוקט אויף איהם און מתפלל געווען:

— שען ביסטו, הייליג ביסטו, און אמת ביסטו!...

---

## II

איינמאָל, אין אַ פינסטערער נאַכט, האָב איך אַ פרוי בעגעגנט. זי האָט גערופען צו מיר:

— מענש!..

איך האָב אויפגעהויבען מיינע אויגען. איך האָב דערזעהן פאַר זיך אַ פנים, דורכגעדרונגען מיט קרענק און שרעק. דורך אין אין קנייטשען איז דאָס קראַנקע פנים געווען. אין די קנייטשען איז פערזייהט געווען קויט פון ערדישער זינד, און בעוועבט זענען זיי געווען מיט געשטאָרבענע חלומות, מיט ניט־דערטראַכטע מחשבות, מיט טיעפע, נשמה־שענע בענקענישען... דער שטערן איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַזוי פיעל ליידען, אַזוי פיעל מענשליכע יסורים און פון אונטער איהם האָבען אַרויסגעקוקט אַ פּאָר טיעפע, ערדיש־זינדיגע אויגען, פול מיט בייז און צאָרען און פול מיט אַש פון פייער־ווילדע שטרעבונגען...

איך בין פאַרשטיינערט געבליבען שטעהן נעבען איהר און האָב געפרעגט:

— ווער ביסטו?

זי האָט געענטפערט:

— אַ נשמה פון לעבען...

איך האָב ווידער געפרעגט:

— וואו האָסטו געלעבט?...

זי האָט געענטפערט:

— אויף דער ערד...

זי איז וואו געגאַנגען. איך האָב ניט געוואוסט, וואוהין זי גיעהט. איך בין איהר נאָכגעגאַנגען; וואוהין זי האָט מיך געבראַכט, האָב איך ניט געוואוסט. מיר האָבען זיך ביידע אוועקגעזעצט. פינסטער איז געווען אַרום אונז.

איך האָב געפרעגט:

— אַרום דיר איז שטענדיג פינסטער געווען?..

— ניין... אַמאָל איז אַרום מיר ליכטיג געווען... מענשען פלעגען מיר זאָגען, אַז נעבען מיר ווערט זיי ליכטיג...

— דיין פּנים איז שטענדיג קראַנק געווען?...

— ניין... אַמאָל איז עס געזונד געווען...

— ווער ביסטו?

— איך בין אַ נשמה פון לעבען...

איך האָב געשוויגען אַ ווייַלע און האָב ווייטער געפרעגט:

— פאַרוואָס איז פערשוואונדען די ליכטיגקייט אַרום דיר?... פאַרוואָס איז פערדאָרבען דיין געזונד?...

זי האָט געשוויגען, ווי די פינסטערניש אַרום איהר.

איך בין געזעסען נעבען איהר, געקוקט אין איהר פּנים און איהרע טיפע, טיפע אויגען האָבען מיר שטומערהייד דערצעהלט:

— דו פרעגסט: פאַרוואָס?.. איך פרעג אויך... פאַר־וואָס?.. מענש, מיין האַרץ איז געווען הייסער, מיט מעהר פייער פון דיינעם... און פון דיין גלייכען... מיין האַרץ האָט מיט פייער געאָטעמט, פיהלענדיג הייסע מעניש אָרעמס און דאָס לעבען פון אַ מעניש האַרץ נעבען מיר... אין מיין נשמה האָט דאָס לעבען געפלאַקערט... און איך האָב גע׳גנבה׳ט אַ שטיקעל לעבען פון דער וועלט... איך האָב לעבען געוואָלט, מיינענדיג, אַז צוליב׳ן לעבען בין איך אויף דער ערד בעשאַפען געוואָרען... פאַרוואָס, פאַרוואָס קומט דאָס מיר?..

מיינע אויגען האָבען אָנגעהויבען ברייטער און ברייטער צו עפענען זיך, און איך האָב שטיל, מיט אַ וועהטאָג אין האַרצען ווידער געפרעגט:

— ווער ביסטו?

זי האָט געענטפערט.

— אַ נשמה פון לעבען...

— און אפשר ווייסטו דעם אמת פון לעבען?

זי האָט געענטפערט רוהיג, גלייך און מיט שטאָלץ.

— איך ווייס... איך בין דער אמת פון לעבען...

— און אפשר ווייסטו דעם וועזען, דעם זין פון לעבען?..

— איך ווײס . . . איך בין דער אמת , דער חעזען , דער זין פון לעבען . . .

אין מײן נשמה האָט זיך וואָס אָבגעריסען מיט אַ גרויסען וועהטאָג. איך האָב געכאַפּט מיט שרעק איהר האַנד און האָב ווי־דער געפרעגט :

— ווער ביסטו ?

— איך בין אַ נשמה פון לעבען . .

— וואו האָסטו געלעבט ?

— דאָ . . . אויף דער ערד . . .

איך האָב זי גענומען פאַר דער האַנד און האָב זי אַוועקגע־פיהרט צו זיך . איך האָב זי אַרײנגעפיהרט אין מײן הײליגען צי־מער אַרײן און האָב איהר דאָס בילד געוויזען . זי איז געשטאַנען נעבען בילד, האָט געקוקט אויף איהם און האָט געשוויגען . טרע־רען האָבען זיך געוויזען אין איהרע אויגען, און איהרע טרערען האָבען שטום און רוהיג געזאָגט :

— מענש , צורײס דאָס בילד . . . אַ פאַלשער אמת . . . אַ פאַלשער זין און אַ פאַלשעס וויזען . . . — דײן רבי האָט דיך גע־נאַרט . . . פאַלש ! . . .

# דער קינסטלער.

עס איז געווען אַ קינסטלער. אַ נשמה פון אַנ׳אַלטען, אַל־טען מכשף האָט איהם גאָט געגעבען. האָט ער זיך אַ פידעל גע־מאַכט, האָט זי פער׳כשופ׳ט, און האָט אויף איהר געשפּיעלט.
געשפּיעלט האָט ער חלומות.

אַז מענשען פלעגען הערען, ווי דער קינסטלער שפּיעלט, פלעגען זיי פיהלען, ווי חלומות לעבען, חלומות האָבען אַ קערפּער, אַ נשמה; חלומות בעוועגען זיך, וואַקסען, דענקען און זענען פרעהליך. אַ מכשף איז דער קינסטלער געווען, פער׳כשופ׳ט איז געווען זיין פידעל, און ער האָט אויף איהר חלומות געשפּיעלט.

טאָג איין, טאָג אויס פלעגען זיך ציהען צו דעם קינסטלער מענשען פון גאַנצען לאַנד. דער קינסטלער פלעגט בייטען די סטרונעס פון זיין פידעל. אַ נייער חלום — נייע סטרונעס צו איהר, און ער פלעגט שפּיעלען אַ חלום נאָך אַ חלום.

און מענשען פלעגען זאָגען:

— זיין כשוף בעשטעהט אין דעם, וואָס זיין גאַנצע נשמה האָט ער אין דער פידעל בעהאַלטען.

מענשען פלעגען רעדען:

— ניט זיינע הענד שפּיעלען, נאָר זיין נשמה וועבט דורך דער פידעל איהרע קלאַנגען.

אַלע שפּיעלער פון יענעם לאַנד האָבען זייערע פידלען פער־וואָרפען; קיינער פלעגט זיי נישט הערען, וואָרום מענשען פלעגען זאָגען:

— זיי שפּיעלען גוט, זיי שפּיעלען פיין, זיי שפּיעלען שען;

אָבער אונז זענען נאָר טײַער קלאַנגען פון אַ מענשענס=נשמה...
די נשמה פון קינסטלער... די נשמה... די נשמה..

---

איינמאָל. דער קינסטלער האָט אַ נײַעם חלום פּערטראַכט.
פון אַלע עקען לאַנד האָבען זיך מענשען צונויפגעקליבען הערען
דעם נײַעם חלום. דער קינסטלער האָט נײַע סטרונעס איבע־ זײַן
פידעל פּערצויגען, האָט גענומען זײַן פידעל און האָט אָנגעהויבען
צו שפּילען.

דער קינסטלער האָט פּערוואָרפען פיער זײַדענע, זײַדענע
טענער אין אַלע פיער עקען וועלט. און אַ גרויסען, אַ
נײַעם חלום האָבען זײַנע סטרונעס גענומען וועבען איבער זײַ. דער
חלום וועבט זיך, ווערט געבוירען, געבוירען. מענשען הערען און
טראַכטען:

— נײַעס, נײַעס, נײַעס...

— די אייביגקייט ווערט גרעסער, טיעפער, אייביגער...

דער חלום וואַקסט, וועבט זיך, וועבט זיך. אָט שאַפט זיך
זײַן גוף. מענשען הערען און טראַכטען:

— אַ נײַע וועלט ווערט בעשאַפען... אַלט זענען די
הימלען...

— ענג ווערט די ערד...

דער חלום וואַקסט, וואַקסט; וועבט זיך, וועבט זיך. אָט
האָט ער אַ גוף; אָט וועבט זיך זײַן נשמה, און מענשען טראַכ=
טען:

— נײַע הימלען...

— נײַע ליכט...

— די אייביגקייט ווערט גרעסער, טיעפער, אייביגער...

— ענג ווערט די ערד... דאָס האַרץ קוים פּערנעהמט עס...

פּלוצלונג האָט אונטער דעם קינסטלערס האַנד אַ סטרונע
געפּלאַצט. מענשען זענען שטעהן געבליבען ווי פּערגליווערט. פון
ערגעץ וואו, מען ווייס ניט פון וואַנען, מען ווייסט ניט ווער —
האָט זיך דערהערט אַ טעמפּער, אומגעלומפּערטער געלעכטער.
דעם קינסטלערס נשמה איז צוריסען געוואָרען אויף שטיקער.

ווייס ווי דער טויט אַליין, צובראָכען אַזוי ווי די אייביגקייט איז צובראָכען אויף וועלטען, — איז דער קינסטלער געשטאַנען שטום מיט זיין פידעל אין האַנד. אַ צייט איז ער אַזוי געשטאַנען און האָט געקוקט אויף זיין פידעל מיט דער געפּלאַצטער סטרונע — פול מיט שרעק איז זיין בליק געוועזן.

און דער קינסטלער האָט שטייף פערביסען זיינע ליפּען, האָט שטייף זיין פידעל אין זיינע ביידע הענד גענומען, און האָט זי אַ וואָרף געגעבען אָן דער ערד. די פידעל האָט זיך אַ בראַך געטאָן, און אַ שפּאַלט, ווי אַ טיפער קנייטש אויף אַ מענטשעשען שטערן, האָט זיך אין איהר באַוויזען...

און אַ נייער טאָן, — אַ טאָן, וואָס קיינמאָל האָט דער קינסטלער פון אַזעלכען ניט געטראַכט, ניט געחלומט, האָט זיך פון דער פידעל אַרויסגעריסען. אַ צובראָכענער טאָן, פול מיט שרעק, פול מיט צאָרען און ביטערניש האָט פערקלונגען אַרום.

די מענשען, די הערער, האָבען זייערע אויגען אַראָבגעלאָזט, האָבען אָבגעקעהרט זייערע פּנים׳ער פון דעם קינסטלער מיט זיין פידעל.

און מיט דעם קינסטלער איז געשעהן עטוואָס אומגעריכטעם פאַר איהם אַליין. דער נייער טאָן פון זיין צובראָכענער פידעל האָט זיין האַרץ באַצוואונגען, האָט זיין נשמה אין זיך פערוועבט. און אַ מחשבה איז ביי איהם געבוירען געוואָרען:

— פון איצט... פון איצט אָן וועל איך שפּיעלען נשמות... מענשליכע נשמות...

דער קינסטלער האָט צוריק זיין פידעל אין זיינע הענד גענומען, האָט איבער איהר נייע סטרונעס פערצויגען און האָט גענומען שפּיעלען אויף זיין געפּלאַצטער פידעל.

די מענשען זענען זיך צוגאַנגען פון איהם.

דער קינסטלער איז אַליין געבליבען, און האָט זיך פערטיפט אין די נייע טענער פון זיין פידעל, אין די צובראָכענע טענער, פול מיט שרעק, צאָרען און ביטערניש.

---

פון דאַן אָן האָבּען אַלע דעם קינסטלער פערלאָזען. די שפּיעלער פון דעם לאַנד האָבּען זיך צוריק צו זייערע פידלען גענומען. מענשען פלעגען קומען צום קינסטלער, פלעגען אַ קוק געבּען, ווי ער שטעהט און שפּיעלט אויף זיין געפּלאַצטער פידעל און פלעגען אַוועק פון איהם. ווען ניט ווען פלעגט ווער אָבּשטעלען זיך נעבּען דעם קינסטלער, פלעגט זיך צוהערען אַ ווייַלע צו זיינע קלאַנגען, פלעגט אַ מאַך טאָן מיט'ן קאָפּ אויפ'ן קינסטלער. פלעגט טראַכטען:

— ווען דער קינסטלער האָט אַמאָל חלומות געשפּיעלט, האָט דאַן זיין נשמה פון פידעל געקלונגען.

און ער פלעגט אַוועק.

און דער קינסטלער פלעגט שטעהן אַליין מיט זיין פידעל. ווייס ווי דער טויט אַליין, צובּראָכען אַזוי ווי די אייבּיגקייט איז צובּראָכען אויף וועלטען... און פלעגט שפּיעלען נשמות. ער פלעגט פערוואָרפען זיינע טענער אין די אומריינסטע וואוינונגען פון די בּייזע, בּייזע רוחות, אין דער פינסטערניש פון די פינסטערע, פינסטערע נעכט און פלעגט וועבּען אויף זיי מענטשעשע נשמות... און ער פלעגט פיהלען, זעהן, ווי פון זיינע קלאַנגען וועבּען זיך נשמות, וועבּען זיך, וועבּען זיך, ווערען געבּוירען אין אַ פינסטערער, פינסטערער וועלט. זיי בּענקען, זיי זוכען וואָס... זיי וואַנדלען אַרום אין אַ פינסטערער אייבּיגקייט, אין איהרע אַלע פיער עקען. זיי שטויסען זיך אָן אַ פינסטערער, שטומער קאַלטער וואַנט,—קאַלט, שטום, פינסטער, ווי די אייבּיגקייט אַליין... זיי שטויסען זיך אָן איהר... ווילען איהר דורכבּרעכען... זיי ווערען אָן איהר צוקלאַפּט, צובּראָכען... די נשמות ווערען פול מיט שרעק, מיט צאָרען און בּיטערניש...

און דער קינסטלער טראַכט:

— קיינמאָל, ניט אין איין חלום, וואָס איך האָבּ אַמאָל געשפּילט, האָט ניט געקלונגען אַזוי מיין נשמה, ווי אין די טענער פון דער איצטיגער פידעל... קיינמאָל, ווען איך האָבּ געשפּיעלט חלומות, האָט מיין נשמה ניט אַזוי מיטגעשפּילט מיט דער פידעל ווי איצט...

און עס טרעפט ווען, אין דער טיעפעניש פון דער נאַכט, דער קינסטלער שטעהט זיך איינער אַליין מיט זיין פידעל.

אַליין . . . ווייס ווי דער טויט , צובראָכען אַזוי ווי די אייביג-קייט איז צובראָכען אויף וועלטען , — און ער שפּילט נשמות. רייסט זיך ווען אַרויס פון זיינע ליפּען אַ בייזער , ביטערער געלעכטער :

— טעמפּע , זאַטע , פרעהליכע מענשען ! . . . אָט דאָ אין מיינע איצטיגע טענער איז דאָך מיין גאַנצע נשמה פערזונקען . . . מיין נשמה זינגט עס דאָך אַזוי . . .

# חלומות

---

צאַרטע, ווײַבליכע נעכט — איך ליעב אײַך!

איך האָב ליעב די נאַכט, ווען דאָס קלײַן שטעדטעלע שלאָפט. ווען די טיעפע, ליעבע און ווײַכע זומער-נאַכט נעהמט אַרום מיט איהרע פערכשופ׳טע, צאַרטע פליגעל דאָס בידנע, פול מיט טרויער יודישע שטעדטעלע — איך ליעב דיך דאַן, צאַרטע, צאַרטע ווײַבליכע נאַכט.

אַ צאַרטע, פערכשופ׳טע שטילקײַט שלאָפט איבער דער אײַן-נאַסיגער יודישער קלײַן שטעדטעלע. און שטיל, פערכשופט און צאַרט איז אַלץ אַרום דאָס שטעדטעלע; די ברײַטע, גרינע, פרישע זומער-פעלדער און די געדיכטע, געדיכטע, טיעפע און פול מיט נאַכט-מחשבות זומער-וועלדער.

עס איז אַ ווײַכע, צאַרטע, אַ ווײַבליכע נאַכט.

בלאָהע זײַדענס זענען די הימלען; מילדע און נײַאינקע, אָט ווי אָקאָרשט געבוירען זענען די שטערען, און די בלאַסע, זילבערנע לבנה קוקט צניעות׳דיג אין דער ווײַכער נאַכט אַרײַן. צאַרטע סודות טראָגען זיך צווישען הימעל און ערד און שמועסען צווישען זיך וועגען אַ זוינעם טיעפעס, ווײַכעס און פול מיט נאַכט. די שוואַרצע, שטומע נאַכט-שאָטענס הערען זיך צו צו זײַער כשוף-לשון. זײַדענס-ווײַכע ווינטעלעך אָטעמען ליעב און ווײך אין דער פערכשופ׳טער נאַכט אַרײַן. זײַ שוועבען אַרום גרינג און געשווינד און זײַ וועבען ליעבע ריחות פון אַלערלײַ פרישע גרעזעלעך און בלימעלעך, ריחות פון גרינע, פרישע בוימער, ריחות פון דעם נאַכט-טוי, פון די הימלען און פון דער פרישער גרינער ערד.

עס איז אַ טיפֿע, אַ ווײכע, צאַרטע, ווײַבליכע נאַכט.

און די אײַן־גאַסיגע, יודישע קלײן שטעדטעלע ליגט זיך אונטער די פֿליגעל פֿון דער טיפֿער, ווײכער נאַכט אַזוי רו־היג; די ברײטע, גלײַכע גאַס איז אײַנגשלאָפֿען אין שוים פֿון אַ גרויסער, טיפֿער נאַכט־מחשבה; די עלענדע, בידנע הײַז־לעך פֿון בײדע זײַטען גאַס טוליען זיך, גלויבענדיג, צו די סודות פֿון דער נאַכט; די בוימער דאָ און דאָרט נעבען די הײַזער זענען פֿול מיט שטומע, גוטע נאַכט־סודות, און די צוויי הויכע אָצעפּס פֿון בײדע ברונעמס בײַ בײדע עקען שטעדטעלע טראַכטען שטום אַזוי זיכער וועגען דער טיפֿעניש פֿון דער נאַכט. און אַלץ, אַלץ אין דעם שטעדטעלע איז אַזוי רוהיג זיס אײַנגעשלאָפֿען, אַזוי גלויבענדיג. נאַכט, אין דײַן ווײכקײַט און צאַרטקײַט גלויבט זי? וואָס גוטעס סוד׳עסטו די דאָזיגע בידנע עלענדע הײַזעלעך פֿון דעם קלײן שטעדטעלע? אפשר ווײסטו דעם סוד פֿון איהר ביטערען עבר אָדער דעם גורל פֿון איהר עתיד?

שטיל און פֿערכשופֿ׳ט איז די נאַכט. און צאַרטעס, צאַר־טעס, ווי מיליאָנען פֿרויען־הערצער, ווען זיי ליעבען, שוועבט צווישען הימעל און ערד. אין דײַן האַרצען וועבט זיך און עס וואַקסט אַ גרויסער, אַ הײסער דאַנק. אַ דאַנק אײַך, שטומע, געדיכטע נאַכט־וועלדער; אַ דאַנק אײַך, ברײטע, פֿערגאָסענע מיט לבנה־שײַן, גרינע און שטומע נאַכט־פֿעלדער; אַ דאַנק אײַך, זײַדענע נאַכט־הימלען און פֿול מיט צאַרטע ריחות נאַכט־בלימע־לעך; אַ דאַנק אויך אײַך, ווײכע נאַכט־ווינטעלעך, נאַכט מחשבות, שוואַרצע, שטומע שאָטענס און נאַכט־סודות — אַ דאַנק, אַ דאַנק! טײַער איז דיר די נאַכט, צו די הימלען ווילט זיך דיר גרײַכען און הײס, הײס קושען זיי.

נאַכט, צאַרטע, צאַרטע נאַכט! ווײסטו אפשר פֿון וואָס גוטעס פֿאַר די, וועלכע רוהען איצט אין די דאָזיגע בידנע, עלענדע הײַזעלעך פֿון דעם יודישען קלײן שטעדטעלע? נאַכט, פֿאַרהאַן וואו אין די ווילדע, ווילדע נאַכט־וועלדער, בײַ די שאָטענס פֿון דער נאַכט, אָדער אין אַ שפּאַלט פֿון אַ ווילדען שטײן בעהאַלטען אפשר צווישען די נאַכטיגע טוי־פּערלען אין אַ בלומען־גאָרטען, — פֿאַרהאַן וואו בעהאַלטען אַ נחמה פֿאַר זיי?

עלענדע! אײַך חלומט וואָס? בײַ טאָג זענט איהר וואַך געוועזן. דעם טאָג איז שווער געוועזן צו נאַרען אײַך. און די ווײַכע, צאַרטע פרויען־נאַכט דערצעהלט אײַך חלומות? אײַך חלומט וואָס?

שטיל, פערכשוף׳ט איז די נאַכט, שטיל זענען די הימלען, די ערד און אַלץ וואָס צווישען זײַ. שטיל, פערכשוף׳ט און צאַרט. און די נאַכט דערצעהלט חלומות.

און עס חלום׳ען די הימלען, די ערד. עס חלום׳ען די גרעזעלעך און די בלימעלעך, די פעלדער און וועלדער און די לבנה־שײַן, וועלכע איז בעגאָסען אויף זײַ. עס חלום׳ען די ווײַכע, ווײַכע ווינטעלעך, די נאַכט־מחשבות, די שטומע שאָטענס און די נאַכט־סודות; עס חלומט די נאַכט, עס חלום׳ען די עלענדע, בידנע הײַזעלעך פון דעם שטעדטעלע, עס חלום׳ען די מענשען — גאָטס וועלט חלומט.

* *

*

אין מיטען שטעדטעלע אין אַן אַלטען, אַלטען הויז מיט אַן אַלטען חרוב׳דיגען גאַניק שלאָפט דער רב. גליקליך זעהט איצט אויס זײַן צוקנײַטשטער, אַלטער פּנים; זײַן גרויער קאָפּ ליגט רוהיג אויפ׳ן קישען, רוהיג ליגט אויף זײַן ברוסט זײַן ווײַסע, ווי מילך ווײַסע, גרויע באָרד, און זײַן ברוסט אָטעמט ברײַט, רוהיג און גלײַך — די נאַכט דערצעהלט איהם אַ זיסען, אַ ליעבען חלום:

זײַן אײנאײנציגער זוהן, וועלכער בלאָנדזשעט שוין יאָהרען לאַנג אויף פאַלשע וועגען, אָהן תורה, אָהן אמונה, און שוין לאַנג, לאַנג ווי דער טײַוועל שפּילט זיך מיט איהם, האָט חוזר בתשובה געווען. אָט שטעהט ער איצט פאַר איהם מיט זײַנע ליעבע, ליכטיגע אויגען, מיט זײַן אײדעלען יודישען פּנים און קושט איהם הײס אין שטערן:

— פאָטער — שעפּטשעט ער ליעב — מורי ורבי, איך בין צוריק צו דיר געקומען. דער גאָט פון אונזערע עלטערען רופט מיך צו זיך, אונזער תורה שלעפּט מיך צו איהר...

די גאנצע פערבארגענע ליעבע צו זיין זוהן, טיעף בעהאלטען ביז איצט אין זיין הארצען, האט זיך אויפגעוועקט מיט דער גאנצער צארטקייט פון זיין טרויעריגער נשמה. ער האלזט מיט פרייד זיין זוהן, קושט איהם הייס:

— דו האסט געבלאנדזשעט ביז איצט? ניט פערשטעהענדיג אונזער גאט, אונזער הייליגע תורה, האסטו געבלאנדזשעט אויף פאלשע וועגען?

— יא, פאטער...

— גאט וועט דיר מוחל זיין... ער איז א סלחן... דו ביסט חוזר בתשובה!

— איך וויים, גאט איז א סלחן. איך גלויב אין איהם, איך בין חוזר בתשובה.

— אונזער גאט איז דער אמת'ער גאט, ער איז א אחד ומיוחד אונזער תורה איז הייליג.

— יא, אמת. איך גלויב, איך גלויב.

— משיח וועט קומען, ווי גאט האט אונז צוגעזאגט. משיח וועט קומען.

יא, אמת. איך גלויב, איך גלויב.

אלטע, אלטע, פול מיט טרויער יודישע הארץ, דו גלויבסט אין דיין חלום?

וויך, שטיל און פערכשופט איז די נאכט. די נאכט דערצעהלט חלומות.

און גאטס וועלט חלומט.

* *
*

מיט דער הויך פון א דאך העכער פון אלע הייזער פון דעם שטעדטעלע איז די אלטינקע, אלטינקע שוהל. ווי טיעף פער־טראכט אין זיך אליין און פערוועבט אין טיעפע, הארציג ביטע־רע תפילות פון א סך, א סך דורות פון א פאלק, וואס איז פערטרי־בען געווארען אין א ביטערען, פינסטערען גלות, — שטעהט זיך די שוהל עטוואס ארויסגערוקט וויטער פון הינטער דער שורה הייזע־לעך, וואס פון איהרע ביידע זייטען, און זי איז פערזונקען אין

אַלטע, גרוי־אַלטע סודות. די נאַכט פערהילט זי און טוליעט זי צו זיך, די לבנה בעגיסט מיט איהר שײַן די אַלטע, ברײטע אַרײַנגאַנג־טירען פון דער שוהל און בעלײַכט פון אויבען אויף זײַ די אויסגעקריצטע, אַלטע און האַלב צופאַלענע הילצערנע ווערטער: „מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל". אינווײַניג, אין חדר שני שלאָפט אַ פּרוש. זײַן אויסגעדאַרטער קערפּער פיהלט ניט די האַרטע, האַרטע באַנק אונטער זיך — עס חלומט איהם:

אַ גרויסער, אַ גרויסער גאָרטען געפלאַנצט מיט אַלערלײַ פּירות־בוימער און טײַערע בשמים־געוויקסען. אין מיטען גאָרטען זעהט ער פאַר זיך אַ מירמעל־שטײַנענעם פּאַלאַץ. עס עפענט זיך פאַר איהם אַ גילדענע טהיר; ער געהט אַרײַן אין זעהר אַ רײַכען, שענעם צימער. קײַן ילוד אשה האָט אַזוינס ניט געזעהן! די ווענט זענען פון ליכטיגען פיעל־פאַרביגען קריסטאָל, די בריק איז פון העלפאַנט־בײַן געמאַכט געוואָרען און דער סופיט איז ווי אַ הימעל אין אַ זומער נאַכט. אין מיטען צימער שטעהט אַ גילדערנער טיש, נעבען טיש אַ גילדענע שטול, אויפ'ן שטול זיצט אַן אַלטער, גרויער יוד אין טלית און תפילין; זײַן פּנים שײַנט ווי בײַ אַ מלך אלהים, און ער לערענט, פערטיעפענדיג זיך אין דער גמרא, וועלכע ליגט פאַר איהם אויף דעם גאָלדענעם טיש. און זײַן קול איז אַזוי אָנגענעהם, אַזוי זיס, אַז דאָס האַרץ צוגעהט פון מתיקות. אויפ'ן טיש ברענט אַ גילדענע מנורה, און די ליכטיגקײַט פון איהר איז ווי די ליכטיגקײַט פון דער זון.

דער אַלטער, גרויער יוד אין טלית און תפילין ווײַזט איהם אָן אויף אַ גילדענע טהיר, וועלכע פיהרט אין אַ צווײַטען צימער, אין צווײַטען צימער האָט מען איהם אָנגעוויזען אויף אַ גילדענע טהיר, וועלכע פיהרט אין אַ דריטען צימער. און אַזוי איז ער געגאַנגען פון צימער צו צימער. איטליכער צימער איז געווען, וואָס ווײַטער ער איז געגאַנגען, אין צווײַען שענער, רײַכער און ליכטיגער פון דעם פאָריגען. דער זיבעטער צימער איז געווען אין זיבען מאָל שענער, רײַכער און ליכטיגער, ווי די אַלע פאָריגע זעקס צימערען. און אין מיטען צימער זענען געזעסען בײַ אַ גאָלדענעם טיש, אויסגעזעצט מיט אבנים טובות און בריליאַנטען אויף גינגאָלדענע שטולען די אבות מיט משה רבינו בראש און מען האָט גע־לערענט כתרי תורה. זיבען מנורות, וואָס די ליכטיגקײַט פון איט־

ליכטער מנורה איז געווען ווי די ליכטיגקייט פון דער זון, האבען בעלויכטען דעם צימער, און מלאכים און כרובים האבען משמש געווען די אבות און משה רבינו. געהאלטען האט מען ביים „קץ“. און א בת קול האט אויסגערופען:

— דערפאר וואס דו האסט זיך מתעסק געווען יום ולילה אין לערנען, דערפאר וואס דו האסט אוועקגעגעבען דיין גאנץ עולם הזה צוליעב מיר און מיין תורה, דערפאר האסטו זוכה געווען צו זיצען ביי איין טיש מיט די אבות און מיט משה רבינו און דו האסט זוכה געווען צו הערען די סתרי תורה וועגען „קץ“. וואויל איז צו דיר, וואויל איז צו דיר, מענש!

עלענדער, עלענדער פרוש, וואויל איז צו דיר!

ווייך, שטיל און פער'כשופ'ט איז די נאכט. די נאכט דערציילט חלומות.

און גאט'ס וועלט חלומט.

* *

*

געגענאיבער דער שוהל שטעהט עלענד דאס גרעסטע הויז פון דעם שטעדטעל. און אינוועניג אין א ריין שען צוגע- קליבענעם צימער, שלאפט די יונגע אלמנה. זי שלאפט אין איהר בעט געגענאיבער דעם פוסטען בעט פון איהר מאן. רוהיג איז איצט איהר שענער פנים, ווי ביי א יונגען אונשולדי- גען קינד. יונג און פריש אטעמט איהר צארטע הייסע ברוסט, איהרע לאנגע שענע האר זענען רוהיג פערשפרייט אויף דעם רייַנעם ווייסען קישען און עם חלומט איהר.

ניט ריכטיג, פאלש איז איהר ביטערער בעוואוסטזיין, וועלכער האט שוין צייט צוויי יאהר פערפינסטערט איהר לע- בען. ניט געטראפען האט איהר דאס אומגליק, וועלכער האט אויף אייביג פער'סמ'ט איהר נשמה. א ליגען, א ליגען איז דאס, וואס א פאגראם איז געווען ביי זיי, וואס איהר טייערען, איהר ליעבען שמואל'ן האבען פויערים אויף טויט דער'הרג'עט — פאלש, — אט זעהט זי:

צווײַ גרויסע, שענע, קלוגע אויגען; דער פּנים איז פול מיט חן און אַזוי ליעב איז ער. שוואַרצע געקרײַזעלטע האָר, און דער קול איז אַזוי ליעב, אַזוי פול מיט אַ הײסער ליעבע צו איהר — שמואל, איהר שמואל איז דאָס. ער זיצט איצט נעבען איהר, ער קוקט ווײך אין איהרע אויגען אַרײַן און דערצעהלט איהר, ווי גליקליך ער איז פון דאַן אָן, זינט ער האָט חתונה געהאַט מיט איהר.

— און קײן פּאָגראָם איז נישט געווען? — פרעגט זי איהם.

— נײן, טײַערע — פערזיכערט ער איהר.

— און עס וועט ניט זײַן?

— נײן... נײן, מײַן גליק — שווערט ער איהר.

— און קײנער וועט דיך פון מיר נישט אַוועקנעהמען?..

— נײן... איך וועל אײביג זײַן מיט דיר... זײַ רוהיג, מײַן טײַערע.

— און אַז מיר וועלן האָבען קינדער, וועט מען זײ ניט שלאָגען? מען וועט זײ נישט אָבנעהמען פון אונזערע הענד און טויטען זײ פאַר אונזערע אויגען?

— נײן... נײן, מײַן טײַערע... גליקליך און ליכטיג וועט זײַן אונזער לעבען אויף גאָט'ס וועלט...

זי דריקט שטאַרק איהר שמואל'ס שענעם קאָפּ צו איהר הײסער, הײסער, מיט גליק פולער ברוסט, און ער קושט הײס איהר שענעם, מראַמאָרנעם האַלז און זאָגט איהר צו:

— ליכטיג, ליכטיג וועט זײַן אונזער לעבען אויף דער וועלט.

יונגע, שענע יודישע פרוי, עס חלומט דיר.

ווײך, שטיל און פערכשופ'ט איז די נאַכט. די נאַכט דערצעהלט חלומות.

און גאָט'ס וועלט חלומט.

* *

*

בײַם עק שטעדטעלע אין אַנ'אָרים, צוקרימט הײַזעל שלאָפט איצט שמערל דער קרעמער מיט זײַן ווײַב און קינדער

— אַ געזינד זאָלבע צוועלף. ער הערט נישט די שלאָפענדיגע קרעכצען פון זיין תמיד טרויעריגער, בלייכער פרוי; זיינע ליפען שמייכלען, זיין פנים איז צופריעדען — די נאַכט דערצעהלט איהם:

ער האָט אויסגעבויט אַ נייע שטיבעל; זיין קראָם איז אַ היבשע מיט אַ סך סחורה; פרנסה איז פאַרהאַן, וויפיעל ער בעדאַרף אויף לעבען; אין שטוב איז ריין, ליכטיג, די קינדער זענען אָנגעטאָן אין גאַנצע מלבושים, זיי זענען אַלע געזונד, און זיין פרוי חיעלע איז פרעהליך געוואָרען, זי לאַכט אַזש פאַר פרייד.

— שמערל, רופט זי איהם פריינדליך.

— וואָס? — פרעגט ער איהר.

חייעלע וויל איהם וואָס זאָגען, נאָר זי לאַכט, זי לאַכט פאַר פרייד.

— שמערל, ווי ריין, ווי ליכטיג ביי אונז איז אין שטוב. קוק אויף אונזערע קינדער: ווי געזונד, ווי פרעהליך זיי זענען.

— טאַטע, טאַטע, — רופט איהם פרעהליך אַ קינד — דו זעהסט, דו זעהסט מיינע נייע מלבושים? טאַטע...

— ביי אייך אַלעמען, ביי אייך אַלעמען — טיילט זיך שמערל מיט זיינע קינדער זיין גליק — זענען פאַרהאַן שענע און גוטע מלבושים, איך האָב געקויפט.

— גאָט האָט צוגעשיקט, — דערצעהלט חייעלע די קינדער — אויף אַלץ איז פאַרהאַן, אויף עסען, אויף קליידען זיך, גאָט האָט צוגעשיקט.

און צו שמערל'ען ווענדעט זי זיך פריינדליך און אַזוי טאַרים:

— נו, שמערל, וואָס פעהלט אונז נאָך?

שמערל קוקט אויף זיינע קינדער, אויף זיין חייעלען און שווייגט, און אין זיין האַרצען צוגיעסט זיך אַ הייסער, וואַרימער גליק.

עלענדער, אָרימער יוד, וואָס פעהלט דיר נאָך?

ווייך, שטיל און פער'כשופ'ט איז די נאַכט. די נאַכט דערצעהלט חלומות.

און גאָט'ס וועלט חלומט.

*

נאָך צוויי חלום׳ען. זיי שלאָפען ניט, נאָר זיי חלום׳ען: דעם שמש׳ס טאָכטער, ריבעלע די שענע, און פישע דעם מוליער׳ס זוהן, חיים דער געראָטענער.

זיין יונג, הייס האַרץ איז שוין לאַנג פערביטערט געוואָרען פון די מחשבות וועגען דעם לעבען, וועלכען ער זעהט פאַר זיך, וועגען דעם לעבען אין אַ פינסטערן, ביטערן גלות; אַ לעבען אין קנעכטשאַפט, אין שרעק, אין הונגער און נויט. אויך ווייס ער שוין וועגען גרויסע העלדען, וועלכע האָבען מלחמה געהאַלטען פאַר דער ליכטיגקייט פון לעבען און פאַר׳ן מענשענס גליק. זיי זיצען איצט ביידע, ער און זיין שענע ריבעלע, נאָהנט איינער נעבען דעם צווייטען הינטער דעם שמש׳ס שטוב. חיים׳ס אויגען זענען איצט שענער ווי אַלע מאָל; ער קוקט פאַר זיך אין דער טיפער, מיט חלומות פולער נאַכט. ער גלויבט דער נאַכט און ער חלומט:

ער וועט אויסלערנען אַלע גרויסע, גוטע און טיפע ביכער, וועלכע מאַכען וויסען וועגען לעבען, וועגען מענשען, וועגען אמת. און ער וועט מלחמה האַלטען פאַר דעם גליק פון מענשען, פאַר דער ליכטיגקייט פון לעבען, פאַר דער אמת׳ער ישועה פון זיין ביטערן, עלענדען, אומגליקליכען פאָלק.

ריבעלע הערט זיך צו מיט גלויבען צו זיין גרויסען חלום און טוליעט זיך, טוליעט זיך צו זיין הייסער, יונגער ברוסט.

— ביידע... ביידע צוזאַמען — שעפטשעט שטיל ריבעלע — איך אויך, איך אויך.

— יאָ, ריבעלע. מיט דיר צוזאַמען... ביידע...

— אַז מיר וועלען מלחמה האַלטען, וועלען מיר מנצח זיין?

— יאָ, ריבעלע... יאָ...

— מיר וועלען ניט לעבען ווי קנעכט... מיר וועלען לעבען פריי?..

— מיר וועלען מלחמה האַלטען... מיר וועלען מנצח זיין...

— און ליכטיג וועט זיין דאס לעבען אויף דער וועלט — פרייער, שענער, בעסער?
— יא, ריבעלע...

חיים גלויבט אין די חלומות פון דער נאכט און ער חלומ'ט, און ריבעלע גלויבט אין חיימ'ס חלומות און חלומ'ט אויך.

גרויסע טרוימער פון דעם יודישען קליין שטעדטעלע, איהר גלויבט אין אייערע חלומות?

וויי, שטיל און פער'כשופ'ט איז די נאכט. די נאכט דערצעהלט חלומות.

און עס חלומ'ען די הימלען, די ערד; עס חלומ'ען די גרעזעלעך און די בלימעלעך, די פעלדער און וועלדער און די לבנה-שיין, וועלכע איז אויסגעגאסען אויף זיי; עס חלומ'ען די ווינטעלעך, די נאכט-מחשבות, די שטומע שאָטענס און די נאכט-סודות; עס חלומ'ט די נאכט, עס חלומ'ען די עלענדע, בידנע הייזעלעך פונ'ם שטעדטעלע, עס חלומ'ען די מענשען — גאט'ס וועלט חלומ'ט.

עלענדע, פערביטערטע איינוואוינער פון דעם יודישען קליין שטעדטעלע! ביי טאג זענט איהר וואך געווען. דעם טאג איז שווער געווען צו נארען אייך, און די ווייכע, צארטע, ווייבליכע נאכט דערצעהלט אייך חלומות. אייך חלומ'ט?

וויי, שטיל און פער'כשופ'ט איז די נאכט, וויי און שטיל זענען די הימלען, שטיל איז די ערד, און צארט און שטיל איז אלץ, וואס צווישען הימעל און ערד — וויי, שטיל און פער'כשופ'ט.

די נאכט דערצעהלט חלומות.
און גאט'ס וועלט חלומ'ט.

# דאָס איינִיקעל.

רבֿ חיים בּער דאָס „איינִיקעל“, אַ יוד פון אַ יאָהר זעכציג, װעלכער איז שוין העכער װי דרייסיג יאָהר אַ אַרומפאָהרער איבער שטעדט און שטעטלעך, האָט געהאַט אַ חזקה, אַז אין קאַמקאָװע האַלט ער שבּת. די טעמים דערויף זענען בּיי איהם געװען די דאָזיגע: ערשטענס, איז אין קאָמקאָװע דער מרחץ דער בּעסטער אין דער גאַנצער סבֿיבה; די מקוה איז אַ קאַלטע, װאַסער סיי הייסע, סיי קאַלטע גיסט זיך פון קראַנען; די היץ איז אַנ׳אָנגענעהמע — אַ געהויבּענער מרחץ. און ערבֿ שבּת אַ מרחץ פאַר אַ װעג־מענשען, אַ נע ונד׳ניק איז אַ מוז־זאַך. צװייטענס, דער עצם שבּת בּיי רבֿ ליבֿ פישל׳ס, טאַקי מיט פיש בּיי נאַכט, לעבּער און פּעטשאַ אין דערפריה און װיין צו קידוש. אויך אַ יודיש װאָרט קען מען הערען און מען קען אַליין זאָגען, זיצענדיג בּיי רבֿ ליבֿ פישל׳ס בּיים טיש. דערצו האָט ער גלאַט ליעבּ געהאַט צו האַלטען שבּת אין אַזאַ שטעדטיל, אין װעלכער עס זענען דאָ מעהר לומדים, מעהר בּרי דעת׳ן, מעהר בּני אָדם׳ס. קאָמקאָװע איז געװען דאָס רייכסטע שטעדטיל אין דער גאַנצער סבֿיבה און ממילא זענען די בּעלי בּתּים דאָרט געהויבּענערע, װי אין די איבּעריגע אַרומיגע שטעדטלעך. די דאָזיגע חזקה האָט זיך איהם אַלע מאָל גרינג איינגעגעבּען און אויך דאָס מאָל האָט ער שוין מיטוואָך געענדיגט מיט חאָדאָטאָװע. אין דעם זעלבּען טאָג גופא האָט ער גערעכענט אָבּצופאָהרען פון חאָדאָטאָװע קיין טאַטאַרשצינע; אין טאַטאַרשצינע האָט ער גערעכענט מעהר ניט װי איבּער־צונעכטיגען, װאָרום װאָס האָט ער דאָרט אַזוי װאָס צו פערזאַמען װיךְ? אין שוהל אין דערפריה נאָכ׳ן דאַװנען װעט ער דאָרטען צו־

ג"פ לײַבען די עטליכע צעהנערס פון די, װעלכע זײַ גיבען איהם יעהרליך, ער װעט נעהמען בײַ דעם רב זײַנע פופציג קאָפּיקעס, װעלכען טאַטאַרשציגע גיט איהם אַלע יאָהר פון לחם אביונים, און ער איז פאַרטיג מיט טאַטאַרשציגע. און טאַקי דאָנערשטאָג, באַלד נאָכ'ן דאַװנען גלײַך אין קאַמקאָװע אויף שבת. האָט זיך אָבער מיטװאָך אַ גאַנצען טאָג קיין פוהר ניט געמאַכט קיין טאַטאַרשציגע. ערשט בײַ נאַכט צו מעריב אין בית המדרש האָט ער זיך דער־װאוסט, אַז מאָרגען, דאָנערשטאָג הײַסט דאָס, גאַנץ פריה איז יאָ פאַרהאַן, מיט װעמען אַהין צו פאָהרען. און במילא װעט איהם אויסקומען צו האַלטען שבת אין דער פערװאָרפענער, אָרימ־סטער קלײַן־שטעדטעלע פון דער גאַנצער געגענד — טאַטאַרשציגע. ער האָט פון דעם געהאַט גרוים עגמת נפש.

אַ טרויעריגער און מיט גרוים שברת הלב האָט ער זיך גע־לעגט שלאָפען. אויף מאָרגען פריה, אײדער עס האָט נאָך אָנגע־הויבען טאָג צו װערען, איז געקומען נאָך איהם די פוהר. איהם האָט זיך נאָך שטאַרק געװאָלט שלאָפען, זײַן קאָפּ איז איהם נאָך אַזוי שװער געװען, אַט גלײַך װי צוגעשמידט איז זי געװען צום קישען, און שװער, זעהר שװער איז איהם געװען אויפצוהויבען פון געלעגער זײַן אַלטען, אויסגעדאַרטען קערפער. זעהר ניט גערן האָט ער זיך אָנגעטאָן; ער האָט אָפּגעגאָסען נעגעל־װאַסער, האָט אָפּגעזאָגט ברכות, האָט אויסגעקאָמט זײַן אַלטע, גרויע, שיטערע באָרד, און האָט זיך געקלאָגט פאַר'ן רב, — ער פלעגט אײַנשטעהן אין די שטעדט און שטעדטלעך בײַ די רבנים — װעלכער איז שוין אויפגעשטאַנען פון שלאָף און האָט זיך מכין געװען טרינקען טײַ און נעהמען זיך דערבײַ פאַר זײַן אַלטעגליכען שיעור גמרא פאַר'ן דאַװנען:

— אין מײַנע יאָהרען, אויף דער עלטער הײַסט דאָס, לע־בען שוין אַלע רוהיג. װי דאָס לעבען איז, גוט אָדער חלילה שלעכט. אָבער מען איז ניט נע ונד. עט — עס איז ניט קײַן לעבען.

בײַם אָבזעגענען זיך מיט'ן רב האָט איהם דער רב געגעבען הײַ־יאָר ניט אַ גאַנצען רובעל פון לחם אביונים, װי אַלע יאָהר, נאָר אַכציג קאָפּיקעס.

— אײַגענע אָרימע לײַט זענען אַזוי נתרבה געװאָרען —

האָט דער רב גענעבּן אויף דעם אַ טעם.

דאָס אייניקעל איז געוואָרען אויפגערעגט:

— ס'טייטש! שוין צוואַנציג יאָהר אַז חאָדאָטאָווע גיט מיר יעהרליך אַ גאַנצען רובל! עס איז שוין אַ חזקה.

— אַז איהר וואָלט וויסען — האָט דער רב גע'טענה'ט — וואָס עס טוט זיך היינט אין חאָדאָטאָווע; ניט קיין הינגער קען דאָס גאָר ניט גלויבען. אַ סך, אַ סך אָט גאָר ניט לאַנג געוועזענע בעלי בתים און תקיפ'ע בעלי בתים, מוז מען היינט געבען קיצבה פון לחם אביונים. מעהר ווי אַכציג קאָפּיקעס טאָר איך אייך ניט געבען.

— עס איז דאָך אָבער אַ חזקה — האָט דער „אייניקעל" געפּאָדערט זיינס — איך וויל ניט זאָגען אַזאַ האַרבען וואָרט אויף אַ רב בישראל, אָבער.... אָבער.... עס איז דאָך גזלה.... די צוואַנציג קאָפּיקעס זענען מיינע.... מיינע.... עס איז אַ חזקה, אמת'ע גזלה...

דער רב האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און האָט גע'טענה'ט:

— איך טאָר אייך מעהר נישט געבען, איך טאָר ניט.

מיט אַ שווער הארץ אי פון דעם, וואָס חאָדאָטאָווע האָט ביי איהם גע'גזל'ט היי־יאָהר צוואַנציג קאָפּיקעס, אי פון דעם, וואָס ער וועט ניט גרייכען אויף שבת אין קאַמקאָווע, איז דאָס אייניקעל אַרויס פון רב'ס שטוב צו זעצען זיך אין פוהר. ביים אַריינזעצען זיך אין וואָגען האָט ער בעמערקט, אַז די פוהר איז זעהר אַ שלעכטע; אין וואָגען איז ווינציג שטרוי, כמעט אַ הוילער וואָגען, און אַזוי הארט וועט זיין צו זיצען אין איהם, און דאָס פערדעל איז אַ מאָגערס, אַ דארס, קוים וואָס עס וועט שלעפּען דעם וואָגען.

— און וואו וועלען מיר דאַוונען? — האָט דאָס „אייניקעל" אומצופרידען געפרעגט דעם פוהרמאַן, אַריינזעצענדיג זיך אין דעם הוילען וואָגען.

— אין סוחאָווקע, ביים קרעטשמער, אַ וויאָרסט זיבּען פון דאַנען — האָט דער פוהרמאַן געענטפערט, אַ שלעפּטוענדיג דעם פערד פאַר די לייצעס, אויף וואָס דאָס פערד האָט זיך זעהר פויל אָבגערופען.

עס איז געווען עטליכע טעג נאָך סוכות. אַ קאַלטער, ביטער-קאַלטער טאָג האָט אנגעהויבען געבוירען צו ווערען פון דער פינסטערער קאַלטער נאַכט. דער הימעל איז געווען פערצויגען מיט גרויע וואָלקענס, וועלכע האָבען אָנגעזאָגט אַ קאַלטען, טעמפען רעגען. די אָרימע, אַלטע און האַלב צוקרימטע הייזעלעך פון חאָדאָטאָווע זענען טרויעריג געווען און ווי געליטען האָבען זיי פון דער ביטערער קעלט פון דעם טעמפען פריהמאָרגען. די פוהר האָט זיך געשלעפּט פויל איבער די קויט פון דעם שטעדטעלע, שאָקלענדיג דעם אייניקעל פון איין זייט אין צווייטען. עס האָט זיך געהערט, ווי וואו עפּענט ווער פערשלאָפענערהייד אַ הילצערנע זאַוואַלע פון אַ טיר און נאָכדעם די טהיר אַליין. אויף אַנ׳אַלטען חורבה׳דיגען גאַניק איז געשטאַנען, נאָר אין הייבעל אויפ׳ן קאָפּ און איינגעוויקעלט און אַנ׳אַלטען צוריסענעם מאַנסבילשען מאַנטעל, אַ בעיאָהרענטע פרוי. איהר קערפּער האָט זיך געטרייסעלט פון קעלט, און זי האָט מיט אַ טעמפּען בליק בעטראַכט פאָראויס זיך די טעמפּע וועלט, און גלייך ווי געפרעגט האָט זי שטום: „כדאי אויפצושטעהן צוליעב אַזאַ טאָג?” ערגעץ וואו האָט קאַלט און טרויעריג אַ האָן אַ קריי געטאָן, און דאָס אייניקעל איז געזעסען מיט זיין אַלטען, מאָגערען קערפּער אין דעם הוילען, האַרטען וואָגען, און אין זיין אַלטען, האַלב פערשלאָפענעם מוח האָבען זיך געוועבט שווערע און טרויעריגע מחשבות. געקלערט האָט זיך איהם וועגען דעם, ווי גוט עס וואָלט איצט געווען צו ליגען אויף אַ ווייכען, וואַרעמען געלעגער, ווי שלעכט עס איז, אַז מען מוז אויף דער עלטער נע ונד זיין. און אויך טרויעריג האָט ער געקלערט וועגען דעם, אַז וואָס ווייטער, ווייטער, פון יאָהר צו יאָהר, אַלץ מעהר און מעהר הויבען איהם אָן ניט צו געפעלען ווערען זיינע שטעדט און שטעדטלעך. אָרימער ווערען זיי, און טרויעריג פיהלסטו זיך אין זיי. היינט די יודישקייט, דער לערנען אין זיי, די מענשען — ניט דאָס, וואָס אַמאָל.

אויפ׳ן סוף שטעדטעל, ביי דער צובראָכענער בריק, האָט זיך דער וואָגען אַזוי אַ קעהר געטאָן אָן אַ זייט, אַז דאָס אייניקעל איז שיער ניט אַרויסגעפאַלען פון איהם. ער האָט שטאַרק צוקלאַפּט זיין זייט אָן האַרטען וואָגען.

— איך בין שיער ניט אַרויסגעפאַלען — האָט זיך דער

אײניקעל ביטער געקלאָגט.

דער פוהרמאַן האָט כעס׳דיג אַ שמיץ געגעבען מיט זײַן בײַטש דעם פערד און האָט אַ ברום געטאָן ווי פאַר זיך עפּעס אָהן ווערטער.

מען איז אַרויסגעפאָהרען אויפ׳ן פעלד. עס איז שוין געווען טאָג. די וואָלקענס אויפ׳ן הימעל זענען נאָך ווי טעמפּער און שווערער געוואָרען. אַ קאַלטער, קאַלטער ווינט האָט געבלאָזען איבער די פּוסטע צוויאַניעטע פעלדער. נעבען יעדען בוים פון די, וועלכע זענען געשטאַנען הוילע און אײַנזאַמע בײַ בײדע זײַטען וועג, איז געלעגען אַ הויפען געלע, צופוילטע בלעטער. און קאַלט און אַלט איז געווען גאָטס וועלט, אָט אַזוי ווי קאַלט און אַלט עס איז געווען דעם אײניקעלס אויסגעדאַרטער קערפּער. דאָס פערד האָט זיך געשלעפּט טריט בײַ טריט, און ביטער, טרויעריג ביטער האָט געטראַכט דאָס אײניקעל:

— עס איז ניט קײַן לעבען, ניט קײַן לעבען.

אַ זײגער צעהן אין דערפריה איז מען געקומען אין סולאָוועקע. מען האָט אָבגעדאַוועגט. דאָס פערד האָט אויסגערוהט, און אַ זײגער צוועלף איז מען אַרויסגעפאָהרען פון סולאָוועקע ווײַטער. אַז מען איז אָבגעפאָהרען אַ פּאָר וויאָרסט נאָך סולאָוועקע, האָבען זיך די הימלען אויף אַ ווײַלע אויסגעלײַטערט, די פעלדער זענען ווי פריילעכער געוואָרען, און די אײַנזאַמע, הוילע בוימער בײַ בײדע זײַטען וועג זענען בײַ זיך ווי שטאָלצער געוואָרען. גלײַך ווי גאָטס וועלט האָט זיך אויף אַ ווײַלע דערמאָהנט, אַז גאָר ניט לאַנג איז זומער געווען, אַז גאָר ניט לאַנג האָבען די פעלדער געלאַכט, די גרעזעלעך האָבען געלעבט, די בוימער זענען געווען גרין און שמעקענדיג און אין די הימלען האָט געשײַנט אַ ליבע, יונגע און פרישע זון. דאָס פערד האָט אויפגעהויבען עטוואָס לעבעדיגער זײַן קאָפּ, האָט אָנגעשטעלט גאוה׳דיג זײַנע פערדישע אויערען און האָט פערדיש אַ הירזשע געטאָן.

דאָס אײניקעל האָט אָבגעשפּיליעט זײַן אַלטען, צוריסענעם מאַנטעל, האָט אַרויסגענומען פון בוזים-קעשענע אין קאַפּאָטע די טאַבאַק-פּושקע און האָט מיט גרויס הנאה גענומען אַ שמעק טאַבאַק.

— נו, און אַ שמעק טאַבאַק ווילט איהר? — האָט ער זיך

געװענדעט צום פורהמאַן.

— עס איז אַפילו אַזוי אויך בּיטער — האָט דער פוהרמאַן געשמײכעלט, אַרײַנשטעקענדיג זײַנע גראָבּע צװײ פינגער אין דעם אײניקעלס טאַבּאַק־פּושקע.

דאָס אײניקעל האָט נאָך אַמאָל אַ שמעק טאַבּאַק געטאָן, האָט מיט גרוים בּײנקעניש אַ קוק געגעבּען אויף גאָטס װעלט און האָט זיך פערטיפעט אין זכרונות. עס האָט זיך איהם דערמאָהנט, װי אַזוי ער איז געװאָרען אַ אַרומפאָהרער. דאַן איז געװען די גרויסע מחלוקת אין זײער משפּחה נאָך זײַן זײדענס טויט װעגען ירושה־זאַכען. זײַן זײדע איז געװען אַ רב אין קאָליקאָװע. ער איז געװען אַ גרויסער מפורסם אין קבּלה און פון אַ גאַנצענער סביבה פלעגט מען פאָהרען צו איהם. געשטאָרבּען איז ער פלוצלונג, ניט לאָזענדיג נאָך זיך קײַן צװאה, און נאָך זײַן טויט האָט מען זיך געקריגט װעגען זײַן האָב און גוטס, װעגען דעם, יוער פון זײַנע זיהן און אײדימס זענען ראוי צו פערנעהמען זײַן אָרט. שװער איז איהם געװען צו לײַדען די ראָזיגע גרויסע מחלוקת. אויך זײַן שװער איז געװען אַ האַרטער יוד און אַ בּעל קפּדן. דערצו איז זײַן װײַבּ צײַטענװײַז משוגע געװאָרען, און ער האָט בּײַ זיך בּעשלאָסען אַװעקצולאָזען דאָס אַלץ און פאָהרען זוכען זיך אויף דער װעלט עפּעס אַ מקום־מנוחה. אפשר װעט זיך איהם מאַכען װאו אין אַ שטאָדט אָדער אַ שטעדטעלע אַ געהויבּענע קנעלונג, אפשר װאו אַ דײן װערען. ער האָט אָנגעהויבּען צו פאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט, פון שטעדטעלע צו שטעדטיל. מאַכען האָט זיך גאָר נישט געמאַכט אַזוינס, אַז ער זאָל קענען פערבּלײַבּען אויף אײן אָרט. און שטאַרק האָט דאָס איהם ניט געאַרט. אדרבּה, װען מען זיצט ניט אויף אײַן אָרט, װען מען פאָהרט אַרום פון אײַן אומבּעקאַנטער שטאָדט אין דער צװײטער, פון אײַן נײַעם שטעדטעלע אין נאָך אײנעם, פערגעסט מען זיך דאַן אָן אַ סך אַזוינס, װאָס פרעסט אַזוי דאָס האַרץ, אַז דער גאַנצע קאָפּ הויבּט אָן װעה צו טאָן. אויך איז דאַן אין יודישע שטעדט און שטעדטלעך פרעהליך געװען. יודען האָט זיך דאַן געלעבּט בּעסער, װי איצט. רײַכער איז מען געװען; מעהר אמונה און בּטחון איז געװען אין די יודישע הערצער. אין די בּתי־מדרשים האָט מען געלערענט, און אין די שטיבּלעך האָט מען געחזר׳ט חסידיש. און פון דעם יעצם

פאָהרען אַליין, פון דעם זיצען אויפ'ן וואָגען און פאָהרען איבער גאָטס גרויסער, ברייטער וועלט, איבער גרינע זומער-פעלדער און געדיכטע זומער-וועלדער — האָט ער גרויס הנאה געהאַט. יונג איז ער דאַן געווען און געזונד, און ער פלעגט אַזוי ליעב האָבען דאָס פאָהרען. אָפט פאָהרענדיג פלעגט איהם אָנחאַפּען אַ משונה'-דיגע תשוקה לוסטיג צו זיין, עפּעס אַ מין פרעהליכעס פלעגט זיך פערדרעהען אין זיין האַרצען, און עס פלעגט זיך איהם אַזוי וועלען אַ שטיף צו טאָן. ער פלעגט דאַן צונעהמען ביים פוהרמאַן די לייצעס מיט דער בייטש און פלעגט אַליין אָנטרייבען דעם פערד. מיט דער צייט איז געשטאָרבען זיין ווייב. דער שווער איז אויך געוואָרען אַ שוכן עפר, פון זיין גאַנצער משפחה האָט ער זיך דערוויטערט. ער האָט ניט געהאַט קיין היים, ניט קיין נאָהענטע, פריינדליכע קרובים. נאָר דאָס האָט איהם ניט לאַנג געקימערט. פערקעהרט. עס איז איהם נאָך געוואָרען ווי גרינגער אויפ'ן האַרצען, עפּעס פרייער. און ווי פריהער איז ער זיך אַרום-געפאָהרען איבער די שטעדט און שטעדטלעך. מעהר נישט וואָס ווייטער, ווייטער, פלעגט זיך איהם אַלץ וועלען מאַכען גרעסער זיין געגענד און פאָהרען אין אַזעלכע מקומות, וואו ער איז נאָך נישט געווען. און זיין סביבה פלעגט טאַקי פון טאָג צו טאָג ווערען גרע-סער, מעהר שטעדט און שטעדטלעך פלעגען צוקומען ביי איהם. ער האָט זיך איצט דערמאָנט וועגען זיין שטאַרקען רצון, וועלכען ער האָט געהאַט אין דער יוגענד, צו זיין אין „ראַסיע". אַלע מאָל, כמעט זינט ער פאָהרט אַרום, האָט זיך איהם שטאַרק געוואָלט זיין אין סמאָלענסק, אין חאַרקאָוו און נאָך אין אַזוינע „ראַסיער" שטעדט, נאָר אַזוינס האָט זיך איהם קיינמאָל ניט איינגעגעבען.

אַ כעס'דיגער „נאָ" און דערביי אַ שטאַרקער יאוש'דיגער קלאַפּ מיט'ן בייטש-שטעקעל איבער'ן פערדס רוקען האָט אויפגע-וועקט דעם איניקעל פון זיינע מהשבות. דער הימעל איז ווידער געווען בעצויגען מיט קאַלטע טעמפּע וואָלקענס; אַ קאַלטער, נאַ-יישער ווינט האָט ווידער שאַרף געבלאָזען אין פּנים אַריין; דער וואָגען האָט געוואָרפען פון איין זייט צום צווייטען און האָט גע-קלאַפּט דעם איניקעל אין זיינע אַלטע מאָגערע זייטען.

דאָס איניקעל האָט פערשפּיליעט זיין אַלטען צוריסענעם מאַנטעל, האָט אַריינגעשפּאַרט זיינע הענד אין די אַרבעל פון

מאַנטעל, און אין זײַן האַרצען האָט זיך װידער אויפגעװעקט עטוואָס קאַלטעס און טרויעריגעס. געטראַכט האָט זיך איהם בִּיטער װעגען דעם, װי גוט עס װאָלט איצט געװען פאַר איהם, װען ער װאָלט זיך בעזעצען אין אַ שטערטעלע אין אַ בית־המדרש אויף שטענדיג. ער װאָלט געזעסען און װאָלט געלערענט, און אַ סוף צו זײַן נע ונד־לעבען. ער האָט אויסגערעכענט אין קאָפּ אַלע זײַנע שטעדט און שטעדטלעך, נאָר ניט איינע האָט געטויגט אויף דעם. עפּעס אַלע האָבען איהם װי געטריבען פון זיך. פריהער, אַמאָל סײַדען, אפשר יאָ, אפשר װאָלט ער דאַן יאָ קענען אין װעלכע עס איז פון זיי בעזעצען זיך אויף שטענדיג, איצט אָבער געװיס ניט. ער װעט ניט קענען אין זיי אײַנזיצען. עס זענען ניטאָ אַפילו אַמאָליגע בעלי־בתים, דאָס אַמאָליגע פרעה־ליך זײַן, ניטאָ אַמאָליגער לערנען, אַמאָליגע יודישקייט — ניין... סײַדען, אָנהויבען פאָהרען אין אַנ׳אַנדער קאַנט, אין גאָר אַ נײַער געגענד. אפשר װעט ער דאָרטען געפינען פאַר זיך אַ שטעדטעלע, װאו צו בעזעצען זיך.

— אין מײַנע יאָהרען — האָט ער זיך בִּיטער געװענדעט צום פוהרמאַן — לעבט זיך איטליכער אויף אַנ׳אָרט. װי דאָס לעבען איז, גוט אָדער שלעכט, אָבער ניט נע ונד. עס איז ניט קיין לעבען, ניט קיין לעבען.

— און װער הייסט אייך זיין נע ונד? — האָט דער פוהרמאַן גערעדט, װי צו זיך אַליין, געבענדיג דערבײַ אַ שטאַרקען שמיץ דעם פערד — װער הייסט אייך?

— װער הייסט מיר? — האָט דאָס איינִיקעל בִּיטער און כעס׳דיג איבערגעפרעגט — ניטאָ װאו צו בעזעצען זיך. אין אײַערע שטעדט און שטעדטעלעך קען איך ניט זײַן. איך קען ניט; ניטאָ װאו צו בעזעצען זיך.

— סײַדען אין „ראַסיע״, אָדער אפשר אָנהויבען פאָהרען אין אַ נײַעם קאַנט — האָט אין אַ װײַלע אַרום בִּיטער געשעפּטשעט פאַר זיך שטיל דאָס איינִיקעל — אין אַ נײַעם קאַנט. דאָרטען, דאָרטען...

און דער װינט איז פון װײַלע צו װײַלע אַלץ קעלטער און שאַרפער געװאָרען. און דאָס פערד האָט זיך אַלץ פוילער און שװע־רער געשלעפּט איבער די שװאַרצע, געדיכטע קויט פון װעג.

שפּעט פאַרנאַכט האָט זיך דערזעהן פון ווייטען טאַטאַרשציִ־נע. אַ טעמפּע טרויעריגקייט האָט אַ בלאָז געטאָן אין דעם איינִי־קעלס האַרצען. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם קומענדיגען שבת אין דאָס אָרימע, פאַרוואָרפענע, פאַרביטערטע קליין־שטעדטעלע טאַטאַרשציִנע, און אַזוי קאַלט איז איהם געוואָרען אויפ'ן האַרצען. אין אַ ווײַלע אַרום איז מען שוין געווען נעבען בית־עלמין, וועלכער איז געווען האַרט בײַם וועג, וואָס פיהרט קיין טאַטאַרשציִנע, און אַ קאַלטע און טרויעריגע מחשבה האָט גענומען דריקען דעם איינִיקעלס האַרץ:

— און ווער ווייס, וואו דו וועסט קומען צו קבר־ישראל. אַז מען לעבּט נע ונד, שטאַרבּט מען אויך ווי אַ נע־ונד'ניק. ניט דו האָסט נעהאַט, וואו צו לעבען אויף דער וועלט, און ניט דו ווייסט, וואו דײַנע בײנער וועלן ליגען.

שוין היבש אין דער נאַכט האָט זיך דער וואָגען גע־שלעפּט איבער דער קויטיגער אומעטיגער גאַס פון טאַטאַרשציִ־נע, צווישען די אָרימע, האַלב אײַנגעפאַלענע, עלענדע הײַזער. דעם איינִיקעלס אַלטער, אויסגעדאַרטער קערפּער האָט זיך געשאָקעלט פון איין זײַט אויף דער צווייטער, און דער הוילער וואָגען האָט געקלאַפּט, געקלאַפּט זײַנע מאָגערע, אַלטע זײַטען.

# אִין אַ קוּמִיס־אָרט.

אַײן דאָקטאָר האָט זײ בײדען געגעבען די עצה צו פאָהרען אויף קומיס אין ב., אײן דאַמפּפער האָט זײ געבראַכט אַהער און אין אײן זומער־וואוינונג האָבען זײ צימערן פאַר זיך געדונגען. אויך בײ בײדען זענען שוין געװעזען אויסגעגעסענע לונגען; און בײדען האָט דער ליעבער, ליכטיגער פריהלינג געגאַרט מיט אײן האָפנונג, אַז זײ װעלען צוריק געזונד װערען, װעלען װיעדער פיהלען זיך געזונד, שטאַרק און פריש און, לויבענדיג דער ליכטיגער, גוטער זון, װעלען זײ לעבען אויף גאָטס װעלט װי אַלע געזונטע, געזונטע מענשען. בעקאַנט זענען זײ געװאָרען אויף מאָרגען נאָך זײער קומען אין ב.

פאַרנאַכט איז עס געװען. ב. איז נאָך פּוסט געװען פון מענשען. אַ פערשלאָפענע, רוהיגע שטילקײט האָט נאָך פערהילט גאַנץ ב., און לײדיג און פּוסט זענען נאָך געװען אַלע זומער־װאוינונגען, פערטרונקענע דאָ און דאָרט אין דעם געדיכטען, מיט שאָטענס פולען סאָסנע־װאַלד. נאָר דאָך האָט זיך געפיהלט, אַז אי דער שטילער װאַלד, אי די לײדיגע, פּוסטע זומער־װאוינונגען אין איהם, אויך די פערשלאָפענע, רוהיגע שטילקײט, װעלכע פערהילט גאַנץ ב., — אַלץ װאַרט און ריכט זיך אויף אַ גאַנצען לעבען, װאָס װעט באַלד אָנקומען אהער; די װעגען און שטעגען אין װאַלד זענען רײן אויסגעקעהרט און ליכטיג־געל זענען זײ, די בײנקעלעך אין איהם זענען נײ אָבגעפאַרבט; די בימה פאַר מוזיק בײם אָנפאַנג װאַלד, װאו אַלע װעגען און שטעגען געהען זיך צונויף, איז שוין אינגאַנצען גרײט; נײ אָבגעפאַרבט איז זי, און עס זענען שוין דאָ אין איהר טישלעך, אַרום איהרע רונדע װענט,

פאַר די נאָטען־בילעך. פון צייַט צו צייַט ווייַזט זיך אין וואַלד, אויף דעם וועג, וועלכער פיהרט צום ברעג טייַך, אַ איינוואוינער פון ב.. זייַן פנים איז פול מיט האָפנונג, זייַן גאַנג איז דורכגע־דרונגען מיט בטחון און זייַנע אויגען זוכען זיכער אָנגעקומענע מיט'ן דאַמפפער אורחים, נייַע קראַנקע, אויף פאָרצולעגען זיי זייַן „שענע גוטע וואוינונג" אָדער „געשמאַקע און פרישע מיטאָ־גען". עס הערען זיך אין וואַלד איינזאַמע נאָר הילכיגע, גיכע און פרעהליכע קלעפ פון אַ האַק, ווי אין אַ פראָווינץ־טעאַטער איידער עס הויבט זיך אויף דער פאָרהאַנג — מען מאַכט דאָס לעצטע צורעכט אין אַ זומער־וואוינונג, — אַלץ, אַלץ דערצעהלט, אַז מען ריכט זיך אויף וואָס, מען ריכט זיך אויף אַ באַלד קומענ־דען לעבעדיגען זומער, אויף אַ זומער מיט מוזיק פאַרנאַכט און מיט אַ סך, אַ סך פרנסה פאַר די איינוואוינער. זיי זענען געשטאַ־נען ביידע ניט וויַט איינער פון דעם צווייטען אין וואַלד נעבען דעם גרויסען און ברייטען טייַך, וועלכער האָט געפליסט רוהיג, שטיל און וויך דאָרטען אין טאָל אַראָב און האָט זיך געצויגען ערגעץ זיכער וויַט, וויַט אין גאָטס וועלט אַרייַן, און זיי האָבען געקוקט, ווי די ליעבע, ליכטיגע און גוטע זון ווערט דערטרונקען אין דעם וועלכען, שטומען, זיכערען און בלינדען טייַך... זייערע הערצער זענען געווען פערנומען מיט מחשבות וועגען דעם, ווי גוט עס איז, אַז מען איז געזונד און ווי טיעף, גוט און שען עס איז צו לעבען אויף דער שענער, ליעבער וועלט. און אַ קוק געבענדיג, פון צייַט צו צייַט איינער אויף דעם צווייטען, פלעגט דורכלויפען אַ טרויעריגע מחשבה אין יעדערענס הארצען וועגען דעם אַנדערען: „דער טויט האַלט איהם שוין אַזוי פעסט אונטער זייַנע פליגעל".

עס האָט זיך פערפיהרט צווישען זיי אַ שמועס. דער ער־שטער האָט אָנגעפאַנגען אייַדילסאָן:

-- אויף קומיס אַהער? — האָט ער געפרעגט.

— און איהר אויך? — האָט שניאורסאָן געפרעגט.

אַ צייַט זענען זיי געשטאַנען ביידע און האָבען געשמועסט. זיי האָבען זיך דערוואוסט, אַז זיי זענען ביידע פון איין שטאָדט, אַז איין דאָקטאָר האָט זיי געגעבען די עצה צו פאָהרען אַהער אין ב. אויף קומיס און אַז צופעליגערווייַז האָבען זיי געדונגען

פאַר זיך צימערען אין איין זומער-וואוינונג.

צוריק, פון טייך צו זייערע וואוינונגען, זענען זיי שוין געגאַנגען ביידע צוזאַמען, און דער שטילער, רוהיגער און שטומער סאָסנע-וואַלד, דורך וועלכען זיי זענען געזעגאַנגען, האָט שטום און רוהיג פערנומען זייערע ביידענס קריפּעדיגע, צובראָכענע און מיט'ן טויט דורכגעדרונגענע שטימען.

---

פון דעם דאָזיגען פאַרנאַכט אָן זענען זיי געוואָרען צווישען זיך הייסע און איבערגעגעבענע גוטע פריינד. ביידענס צוזאַמען קריינק און אויך ביידענס צוזאַמען עלענדקייט — זיי זענען ביידע געוועזען אָרימע יודישע לעהרער, מענשען פון דער נאַטור איינזאַמע, פערשפּאַרטע אין זיך און אויך געזונטערהייד האָבען זיי עלענד געלעבט אויף דער וועלט — האָט זיי נאָהענט געמאַכט און פעסט בעהעפט איינעם מיט דעם צווייטען.

ווי ביי אַלע קראַנקע מענשען, איז אויך אין זייערע הערצער אויפגעוועקט און וואַך געווען די גאַנצע צערטליכקייט, וואָס עס איז פאַראַן אין דער מענשליכער נשמה, און טיעף פערשטאַנען און געפיהלט האָט איינער דעם צווייטענס אומגליק.

איידילסאָן איז אַלט געווען אַ יאָהר צוויי און צוואַנציג. זיין קערפּער איז נאָך געווען יונג. ער איז אַפילו געווען אַ הויכער, אַ דינער, נאָר פעסט איז ער געווען געבויט פון דער נאַטור און פעסט געהאָפט האָט ער, אַז אין זיינע יונגע יאָהרען וועט ער געוויס מנצח זיין דעם טויט, און קוקענדיג אויף דעם בלאַסען, בלאַסען פנים פון שניאורסאָנ'ען, אויף וועלכען דער טויט האָט זיך פערשפּרייט אַלץ מעהר און מעהר פון טאָג צו טאָג, פון שעה צו שעה מיט זיינע קאַלטע, טויטע פליגעל, האָט ער אַזוי טרויעריג געטראַכט וועגען איהם; און שניאורסאָן, האָפענדיג אויף דעם וואָס אין זיינע דרייסיג יאָהר לעבען אויף דער וועלט איז ער שוין ניט איין מאָל קראַנק געווען און דאָך איז ער ווידער געזונד געוואָרען, וואָס זיין נישט הויכער און ברייט געבויטער קערפּער איז שוין געוועהנט געוואָרען אַריבערצוטראָגען קעלט, הונגער און ליידען און וועט געוויס די קריינק אויך אַריבערטראָגען, — האָט

בעשטימט געוואוסט, אז איידילסאן וועט נישט אויסלעבען דעם גאנצען זומער.

איטליכער פון זיי האט געפיהלט נעבען זיך דעם קאלטען אכזריות'דיגען טויט און האט שטארק רחמנות געהאט אויף דעם צווייטען. אויך פלעגט טרעפען מינוטען, ווען יעדערער פון זיי פלעגט טיעף, טיעף ביי זיך אין הארצען שעמען זיך פאר זיין פעסטען בעוואוסטזיין, וועלכער האט געוועלטיגט ביי איהם אין דער נשמה, אז זיין עלענדער, קראנקער גוטער-פריינד שטארבט, און פאר איהם, פאר איהם שטעהט נאך פאר א ליכטיגעס, ליעבעס, א שענעס, געזונטעס לעבען...

און יעדערער פלעגט זיך סטארען צו בעהאלטען פון דעם צווייטען זיינע טרויעריגע מחשבות וועגען איהם, און פלעגט צינדען דעם צווייטענס קראנקע פאנטאזיע מיט האפנונג אויף לעבען.

און זעלטען, זעהר זעלטען פלעגט טרעפען, ווען יעדערער פון זיי פלעגט דערפיהלען זיין אמת'ען, אייגענעם אומגליק. עס פלעגט טרעפען, ווען די זון פלעגט אזוי ליעב און ליכטיג שיינען, דער וואלד האט אזוי פריש און ווייך געאטעמט, אזא ליכטיגע זיידענס האט געשוועבט אויף גאטס וועלט, — און זיי פלעגען זיצען ביידע, מיעדע און שוואכע, אויף א בענקעל אין א פערווארפענעם ווינקעל פון וואלד, פלעגט ווער זאגען ביטער און טרויעריג:

— וואס וואלט הארען דער ליעבער ליכט פון דער זון, דעם פרישען און ווייכען וואלד, די הימלען, דער ערד — וואס וואלט זיי הארען, ווען מיר וואלטען געזונד געוועזען?

און ווי א עכא פלעגט דער צווייטער ביטער און טרויעריג איבערזאגען דאס זעלבע:

— וואס וואלט הארען דער ליעבער ליכט פון דעם פרישען און ווייכען וואלד, די הימלען, דער ערד — וואס וואלט זיי הארען, ווען מיר וואלטען געזונד געוועזען?

און אויך דאן איז מעהר ערנסטער און פעסטער געוועזען דער טרויער ביי יעדערען פון זיי אין הארצען פון דעם פעסטען בעוואוסטזיין וועגען דעם צווייטענס בעשטימטען טויט.

———

עס איז געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ גאַנצען טאָג האָבען קריפּענדיגע, צובראָכענע, קראַנקע שטימען פערהילכט דעם גאַנצען וואַלד, פאַרנאַכט פלעגט שפּילען מוזיק, און די איינוואוינער פון ב. האָבען געהאַט אַ סך, אַ סך פּרנסה. און דער טויט האָט רוהיג, שטיל, אָבער פעסט אַלץ מעהר און מעהר אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס איידילסאָנען און שניאורסאָנען; ער האָט זיי ביידען אַלץ שוואַכער און שוואַכער געמאַכט, האָט געוועבט אויף זייערע פּנים'ער זיינע דינגע, שוואַרצע און טויטע וועבונגען, און יעדערער האָט עס פערשטאַנען, האָט עס אַזוי גוט געזעהן אויף דעם צווייטענס פּנים און איטליכער האָט זיך געסטאַרעט מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט צו פערטרייבען פון דעם צווייטענס האַרצען טרויעריגע מחשבות וועגען זיך; זיי פלעגען זיך סטאַרען זיין שטענדיג איינער נעבען דעם צווייטען, פלעגען איינער דעם אַנדערען ניש לאָזען אַ סך טראַכטען וועגען זיך, פלעגען דערצעהלען אויסגעטראַכטע מעשיות וועגען קראַנקע, וועלכע זענען אויך קראַנק געווען אויף דער זעלבער קרענק, און זענען דאָך אין גאַנצען געזונד געוואָרען, מיט אַלע מעגליכקייטען האָבען זיי געזעהן, אַז דער צווייטער זאָל זיין פרעהליך און זאָל האָפען.

און די דינגע, שוואַרצע און טויטע וועבונגען האָבען זיך פון טאָג צו טאָג אַלץ מעהר און מעהר געוועבט און געוועבט צו גלייך אויף זייערע ביידענס פּנים'ער.

איינמאָל אַ פאַרנאַכט זענען זיי שפּעטער ווי אַלע מאָל פערבליבען אין וואַלד. די נאַכט איז געווען אַ קאַלטליכע, — פייכט און נעבעלדיג איז זי געווען. אויף מאָרגען האָבען זיי זיך ביידע געפיהלט זעהר שוואַך. פון דער דאָזיגער נאַכט אָן האָבען זיי אויפגעהערט אַרומצוגעהן אין וואַלד און זענען ביידע אָדער אין זייערע בעטלעך געלעגען אָדער געזעסען אויף אַ ביינקעל נעבען זייער זומער-וואוינונג.

אין דער צייט פון זייער קרענק איז ביי זיי ביידען אַזאַ שוואַכקייט ניט זעלטען געווען. ניט איין מאָל האָט זיי אַזוינס געטראָפען אין הערבסט, אויך ווען אין שלעכטע ווינטער-וועטערען. דאָס פלעגט דויערען אַביסעל צייט און זיי פלעגען זיך אָנהויבען צו פיהלען בעסער. זיי זענען שוין צו אַזוינס געוועהנט געווען, און אויך איצט האָט זיי דאָס ניט געשראָקען, און די ליכטיגע גוטע

זון, די ליכטיגע זײַדענס, װעלכע האָט געשװעבּט אויף דער ערד, און דער גרינער, שײַנער, פרישער סאָסנע־װאַלד נעבּען זײַער זומער־װאױנונג האָט זײַ גענאַרט, און די האָפנונג פון לעבּען איז שטאַרק געװען אין יעדענס האַרץ.

און אין אַ געװיסען טאָג, װען בײַ איטליכען אין האַרצען איז אַזױ שטאַרק געװען די האָפנונג, אַז ער װעט נאָך געזונד װערען, אַז ער װעט נאָך אַ סך, אַ סך הנאה האָבּען פון דער ליעבּער, ליכטיגער גאָטס װעלט, — האָט יעטװידער דערזעהן אויפ׳ן צװײ־טענס פנים, װי דער גאַנצער טויט רוהט שוין דאָרט. אַזױ בּע־שטימט האָט יעדערער געװאוסט, אַז זײַן פרײַנד איז געבּליבּען צו לעבּען אויף דער װעלט נאָר עטליכע טעג, און אַזױ געריסען האָט איטליכענס האַרץ דעם צװײַטענס אומגליק, אַז א רחמנות האָט איט־ליכער פון זײַ געפיהלט צום צװײַטען.

און בײַ נאַכט, װען יעדערער איז געלעגען אָהן כחות בּײַ זיך אין בּעטעל, האָט מלחמה געהאַלטען מיט דעם אָנגעקומענעם טויט און האָט אַזױ געהאָפט, אַז מאָרגען װעט ער זיך פיהלען בּעסער, אַז זײַן איצטיגער צושטאַנד איז אַ צופעליגע זאַך, אַז אויף דעם דאָזיגען זײַדענס־בּלאָהען נאַכט־הימעל מיט זײַנע נײַאינקע, ליכטיגע שטערען, װעלכע זעהען זיך אַרויס דורכ׳ן פענסטער פון זײַן צימער, װעט ער נאָך קוקען געזונטערהײַד, ער װעט נאָך פרעהליך הנאה האָבּען פון די ליעבּע, גוטע זומער־נעכט אויף גאָטס־װעלט, — אין דער זעלבּער צײַט האָט אין האַרצען בּײַ יע־דערען אַזױ געפרעסט דאָס פעסטע בּעװאוסטזײַן פון זײַן פרײַנדס טויט, איטליכען האָט אַזױ געשראָקען און אַזױ געריסען דאָס האַרץ פון דעם, װאָס דאָ ניט װײַט פון איהם אין דער זעלבּער זומער־װאױנונג װאו ער געפינט זיך, ראַנגעלט זיך איצט זײַן פרײַנד מיט דעם קאַלטען, שטומען אכזריות׳דיגען טויט. און אַזױ גרויס איז געװען דער רחמנות בּײַ יעדען אין האַרצען צו זײַן אומגליקליכען פרײַנד, װענען װעלכען ער האָט אַזױ בּעשטימט געװאוסט, אַז ער שטאַרבּט; און געפיהלט האָט יעדערער, אַז דער טויט רוהט אין זײַער זומער־װאױנונג — זײַן פרײַנד שטאַרבּט... שטאַרבּט...

און דער טויט האָט זיך געטאָן זײַנס — אין אײַן װאָך צײַט זענען אין ב. אויפ׳ן בּית־עלמן צוגעקומען צװײַ נײַאינקע, געלינקע קברים.

# נְקָמָה.

מײַן בעקאַנטער האָט אַזוי אָנגעהויבען:

איך האָב אַ מײדעל געליִעבט. איך האָב זי לאַנג געליִעבט, זי מיִך — ניִט.

— מײַן בעסטער פרײַנד זענט איהר — פלעגט זי מיִר זאָגען — מײַן עהרליִכסטער, מײַן געשעצטער פרײַנד. יעדער מענש איז אײנזאַם. און װען מען האָט אַזאַ פרײַנד װיִ איהר, פיִהלט מען זיִך שוין ניִשט מעהר אַלײן. און איִך בּיִן אײַך אַ איִבּערגעגעבּענער פרײַנד. אָבּער די געפיִהלען, װאָס אַ פרוי פיִהלט צו אַ מאַנסבּיִל, װען זי ליִעבּט איהם — אַזוינס פיִהל איִך צו אײַך נ יִ ש ט.

װײסען זײ, די פרויען, װיִ קאַלט, פּוסט און נאַריִש עס קליִנגט זײער װאָרט „פרײַנד" פאַר דעם מאַנסבּיִל, װעלכער דורשט נאָך זײער ליִעבּע?...

— „איִך בּיִן אײַך אַ בּעסטע, אַ איִבּערגעגעבּענע פרײַנדיִן, מײַן עהרליִכסטער, מײַן געשעצטער פרײַנד". — װיִ טעמפּ, װיִ טײַװעלש לעכערליִך איִהרע װערטער פלעגען מיִר קליִנגען.

האָב איִך געליִטען. לאַנג געליִטען, שטאַרק געליִטען. געליִטען אַלץ, װאָס עס קומט-פאַר צו לײַדען בּײַ אַזוינע איִבּערלעבּונגען. אַלץ, װאָס עס קומט-פאַר צו לײַדען פון אַ פרוי, װען זי פיִהלט זיִך שטאַרקער פון דיִר... און געמײנט האָט דאָס מײדעל, אַז גריִנג קומט מיִר אָן מײַן ליִעבּען זי. אַז גערן, זעהר גערן געה איִך נאָך װיִ אַ שאָטען נאָך איִהר; טו אַלץ, װאָס זי פערלאַנגט פון מיִר, און טו עס נאָך אײדער דער פערלאַנג װערט געבּוירען אין איִהר פרויען-מח; בּיִן פרעהליִך, װען זי לאַכט

און טרויעריג ווען דער קאפ טוט איהר וועה. אליין ניט בעמערקענדיג דאס, האב איך שוין אנגעהויבען נאכמאכען אפילו איהרע בעוועגונגען. מיין געליעבטע איז א שען מיידעל געוועזען. האט געהאט א רייצענדע, שלאנקע פיגור, שענע, בלאנדע, לאנגע האר, מיט א פאר שענע, שטיפערישע אויגען. און ווען זי פלעגט שמועסען מיט וועמען, פלעגט זי ארויסשטעלען איהר שענע, ווייסע פרויען־האנד און שטיפעריש זיך שפיעלען מיט איהרע שענע, לאנגע פינגער. האב איך שוין איינגעוועהנט זיך, אויך אזוי צו טאן; רעדענדיג, שפיעלען זיך מיט מיינע ניט־שענע, ניט־לאנגע פינגער. איך האב שוין אפילו אנגעהויבען דענקען, ווי זי... און זי האט געמיינט, אז איך טו עס אלץ מיט א פרעהליך געמיט, מיט א רוהיג הארץ, אז גוט איז עס מיר פון דעם — איך ליעב דאך זי...

יא. געוויס האב איך זי געליעבט. שטארק געליעבט. אבער ווען מיר פלעגען זיצען אמאל ביידע צוזאמען ביי איהר אין צימער. מיין הארץ פלעגט זיין איבערפולט מיט ליעבע צו איהר, איך פלעג זיך פערגעסען א ווייליע ווענען איהרע בעציהונגען צו מיר, פלעג צוגעהן צו איהר נאהנט, פלעג נעהמען איהר שענעם, קליינעם קאפ אין מיינע הענד, פלעג וועלען א קוש טאן איהר אין שטערן, אין קאפ אדער חאטש פיהלען דעם ריח פון איהרע שענע האר... מיין הארץ איז דאן אזוי פול געוועזען מיט ליעבע צו איהר... פלעגט זי דאן אזוי געשווינד ארויסדרעהען איהר קאפ פון מיינע הענד. א שוידער—מיר פלעגט זיך דוכטען: א פאלשער, א געמאכטער — פון מאוס'קייט פלעגט דורכלויפען איהר פנים, ווי א מענש, וועלכען ס'עקעלט פון וואס העסליכעס. זי פלעגט אויף מיר אויסשטעלען א פאר תמ'עוואטע אויגען און פלעגט דערביי אזוי זיס זאגען:

— ליעבער פריינד... מיין געשעצטער, מיין בעסטער פריינד... איהר ווייסט דאך...

און איך האב געליטען, שטארק געליטען.

און עס זענען געגאנגען טעג און נעכט. מיין גאנצער „איך" איז געווען פערנומען מיט די דאזיגע מחשבות: פארוואס ליעבען מיך פרויען ניט? מיט וואס אזוינס קאן מען זייער הארץ געווינען?... מיינע בעציהונגען צו זיי זענען דאך אזוינע ערנסטע,

עהרליכע, ריינע... וואס אַזוינס קומט־פאַר אָט אין די דאָזיגע שענע, קליינע קעפּ, וועלכע זענען בעשענט מיט אַזוינע שענע האָר? וואו איז דער שליסעל צו די דאָזיגע נשמות, וועלכע קוועלען אין אַזוינע שענע, רייצענדע קערפּערס? פאַרוואָס ליבען מיך פרויען ניט, מיט וואָס קאָן מען זייער האַרץ געווינען? האָב איך זיי געגליכען צו אַ ווינט אין אַ פרייען גרויסען פעלד. האָב איך זיי געגליכען צו דעם געהיימען סוד אין אַ זומער־נאַכט אין אַ טיפען געדיכטען וואלד, וואס דו ווייסט ניט זיין בעגעהר, זיין ווען, זיין זין... און עס זענען געגאַנגען טעג און נעכט. נעכט אָהן שלאָפען, טעג — פינסטערע ווי נעכט.

געווען זענען מיר ביידע, איך און מיין געליבטע, לעהרער אין אַ גרויסער פּראָפעסיאָנעלער שול. אין דער דאָזיגער שול איז געווען נאָך אַ לעהרער, וויינשטיין. דאָס רוב נעכט — ווינטער איז עס געווען — פלעגען מיר פערברייינגען ביי מיין געליבטער. פון וויינשטיינען האָט מיין געליבטע ניט געהאַלטען — אַזוי האָט זי גע־זאָגט. זי האַלט פון איהם ניט איבער זיינע לייכטזיניגע בעציהונ־גען צו פרויען. מיר אייגענטליך איז אַלץ איינס געווען, פאַרוואָס זי האַלט ניט פון וויינשטיינען, נאָר דאָס, וואָס וויינשטיין געפעלט איהר ניט, האָט מיך געפרעהט...

און איינמאָל, אַ ביי־נאַכט, זענען מיר, איך און וויינשטיין, געזעסען ביי מיין געליבטער. און זי איז דאַן אין גוטען הומאָר געווען. היימליך, פרעהליך. עס פערשטעהט זיך, איך האָב מיט־געשטימט מיט איהר. זי איז פרעהליך, בין איך אויך פרעהליך, זי האָט געלאַכט, האָב איך אויך געלאַכט. חאָטש אין דער אמת'ן בין איך געזעסען ביי איהר אַ דערשלאָגענער, אַ קראַנקער — קראַנק פון ליבע צו איהר. און זי האָט געלאַכט און געשטיפט, גע־לאַכט און געשטיפט. און שטיפענדיג האָט זי געכאַפּט וויינשטיינ'ס קאָפּ אין איהרע שענע, ווייסע פרויען־הענד און האָט שטיפעריש אַזוי הייס איינגעטוליעט עס אין איהר שוים אַריין... און דאָ האָט פּלוצלונג געפּלאַצט מיין געשפּאַנטע געדולד... איך האָב דער־פיהלט צו איהר אַ הייסע, אַ הייסע שנאה..

— גראָב... ניט עהרליך איז אַזוינס פון איהר — האָב איך מיט אַ הייסער שנאה צו איהר געטראַכט — דו ליבסט מיך ניט, דו קאָנסט מיך ניט ליבען. נו — דיין האַרץ איז דיינס.

אָבער אַזוי בין רייצען זיך מיט מיין קראַנקער נשמה, מיט מיין קראַנקער פאַנטאַזיע, אַזוינס איז אומגעלומפּערט גראָב... טײַ־וועלש בין..

איך בין אַוועק פון איהר מיט אַ פעסטען בעשלוס מעהר ניט צו קומען צו איהר, מעהר ניט זעהן זי. און די שנאה צו איהר איז געוואַקסען אין מיין האַרץ. עס האָט דערגרייכט ביז נקמה, נקמה... און ניט נאָר צו איהר אַליין. איך האָב שאַרף דערפיהלט, אַז איך האָב אין לעבען אַ שונא — אַ פרוי... אַ פרוי אין אַלגעמיין. איך בין געווען פול מיט האַס צו פרויען, — אַ האַס, וועלכער דערגרייכט ביז נקמה...

אין דערזעלבער צייט איז אַ מיידעל געקומען צופאָהרען אין געסט צו וויינשטיין'ען. איך האָב געוואוסט: דאָס מיידעל ליעבט וויינשטיין'ען. ער זי ליעבט ניט... אַ מאָדנע מיידעל איז עס געווען. אַ שווייגענדיגע, אָבער איהר שווייגען האָט דיך געריהרט, געוועקט צו טראַכטען. ניט קיין שענע, אָבער אַ היץ בלוט האָט געפּליסט אין איהרע אָדערן. זי איז אַלט געווען אַ יאָהר צוויי און צוואַנציג. אַ מילדע, אַ ליכט־בעוועגענליכע פיגור האָט זי געהאַט. שוואַרצע, ווי סמאָלע, האָר. איהר פּנים איז געווען בעדעקט מיט עטוואָס קליינע זומער־שפּרייגקלעך, אָבער אַזוינס ווילדעס, חנו'דיג־ווילדעס האָט פון איהם אַרויסגעלאָכט. און איהרע שוואַר־צע, לעבעדיגע אויגען האָבען מיט אַזאַ עקשנות, מיט אַזאַ היץ געקוקט אויף גאָט'ס וועלט, און זי האָט שטענדיג געשוויגען, גע־שוויגען.

איך פלעג קומען צו וויינשטיין'ען. זי פלעג איך געפינען זיצט שווייגענדיג און קוקט וואו אין אַ פּינטעל אויף דער וואַנט. זיצט און קוקט שטומערהייד מיט איהרע עקשנות'דיגע אויגען. וויינשטיין פלעגט זי בעהאַנדלען זעהר גראָב. און דאָס רוב פלעגט ער זיך פערהאַלטען צו איהר גלייך, ווי ער בעמערקט זי גאָר ניט. איך האָב געזעהן דאָס מיידעל ליידט, ליידט טיעף, ליידט היים.

אין עטליכע טעג אַרום נאָך איהר קומען צו וויינשטיין'ען איז דאָס מיידעל, איינמאָל אַ ביי־נאַכט, געקומען צו מיר. דאָס איז געווען פאַר מיר אומגעריכט. איך בין געזעסען ביי זיך אין צימער אַ דערצאָרנטער, אַ פעראומערטער. דאָס מיידעל איז אַריין מיר אַ שטילע, אַ טרויעריגע, נאָר איהרע אויגען האָבען מיט

אזוי פיעל עקשנות געבראַכט. אַ מחשבה, ניט קיין גוטע, ניט קיין עהרליכע איז מיין מח דורך... און מיר האָט זיך עפּיס דערביי אויסגעגעבען, אז דאָס מיידעל איז ניט אומזיסט געקומען צו מיר...

און איך בין זיך מודה: איך בין זיך מיט איהר ניט עהר-ליך בעגאנגען. איך האָב זי גענאַרט. איך בין דאַן אזוי ווייט גע-ווען פון איהר. מיין גאנצער „איך" איז דאַן געווען פערנומען מיט מיין געליבטער, מיט מיין הייסער שנאה צו איהר. און דאָך בין איך מיט דעם מיידעל, וואָס איז געווען פאַר מיר, אזוי ליעב גע-ווען, אזוי היים... מיר האָט זיך געדוכט, אַז אָס-אָט חאַפּ איך דעם וועזען פון פרויען, אָט טאַפּ איך אָן זייער מהות... איך האָב זיך געזעצט נעבען איהר, האָב מיט איהר אזוי גוט, אזוי חיין גערעדט. איך האָב געוואוסט, אז איהר איז אויך ביטער אויפ'ן האַרצען, אז ווייַנשטיין לאַכט פון איהרע בעסטע געפיהלען. האָב איך זי געטרייסט, גערעדט פון דעם, אַז אמת'קייט, גוטס-קייט, ליעבע אָהן שום בעלוינונגען, איז דאָס שענסטע, וואָס בע-לייכט אונזער לעבען... איך האָב זי געטרייסט, האָב געגלעט איהרע האָר, נאָכדעם געקושט איהר קאָפּ, איהר שטערן. דאָס מיידעל איז געווען שטיל, שטום, האָט זיך געטוליעט צו מיר, נעקלעפּט צו מיין ברוסט. און איך האָב געטראַכט:

— אָט דאָס איז דער סוד פון אייער וועזען?... פרויען, קליינע, קליינע נשמות, מיט וואָס נעהמט מען אייך?... מיט צוויי-דריי ווייכע, גוטע ווערטער... דו ליעבסט דאָך אַ צווייטען און מיט מיר ביזטו אזוי נאָהנט...

אין מיין האַרצען האָט דאָס נקמה-געפיהל געקוועלט. איך האָב בעשאָטען דאָס מיידעל מיט פאַלשע, פאַלשע קושען—איהרע ליפּען, איהר האַלז, איהר פּלייצע. און האָב געטראַכט דערביי:

— פרויען, געמיינע, מאוס'ע נשמות. איז מען מיט אייך עהרליך און ערנסט, זענט איהר לייכטזיניג און פאַלש. און ווען מען איז מיט אייך לייכטזיניג און פאַלש, געפעלט עס אייך און איהר זענט דאַן אזוי ערנסט, אזוי עהרליך... דאַכט זיך, אזוי שווער איז צו געווינען אייער האַרץ — איהר זענט ליגענד און זינדיג...

און דאָס מיידעל האָט זיך אזוי שטום געטוליעט צו מיר,

אַזוי עקשנות׳דיג געקלעפּט זיך אָן מיר.

יאָ. אַ שטיק נאַכט זענען מיר אַזוי גוט געווען אײנס מיט׳ן צווייטען, אַזוי נאָהנט. און פיהלענדיג געבען זיך אָט דאָס ווילדע, הייסע בעשעפעניש, בין איך מיט אײן מחשבה געווען פערנומען:

— פרויען, איצט קען איך אײך שוין. איך זעה שוין אײך דורך און דורך... נידעריגע, נידעריגע בעשעפענישען...

פּאָר מײנע אויגען איז די גאַנצע צייט מײן געליעבטע גע־שטאַנען, און איך האָב זיך געריצט מיט איהר מיט מײן נצחון האָב זיך געזעטיגט מיט נקמה... און זענענדיג שכור פון דעם נקמה־געפיהל, בין איך אַזוי פעסט, אַזוי זיכער געווען אין מײן נצחון. איך בין אַזוי זיכער געווען, אַז דאָס מײדעל וועט זײן אײנגאַנצען מײנע... אויב זי וועט עס מיר ניט זאָגען מיט ווער־טער, וועט עס מיר דערצעהלען שטומערהייד איהר הייסער פרוי־ען־קערפּער... יאָ. דאָס וועט געשעהן. און טאַקע, אָט אין דער דאָזיגער לאַנגער, שטומער, ווינטער־נאַכט...

אָבער פּלוצלונג — אין דעמזעלבען מאָמענט, ווען איך בין אַזוי זיכער געווען אין מײן נצחון, האָט זיך דאָס מײדעל אַזוי גע־נעשוויגד אַרויסגעדרעהט פון מײנע צוריצטע אָרעמס און האָט זיך אַוועקגעשטעלט געגען מיר אַ שטאָלצע, אַ קאַלטע. זי האָט געוואָר־פען אויף מיר איהר עקשנות׳דיגען בליק, איהרע אויגען האָבען אַזוי ווילד געלאַכט פון מיר, און זי האָט אויסגעשריען:

— געמיינער מענש, איך האָב עס געלאַכט פון אײך... שפּל׳ער מענש, שעמט זיך... מיט וואָס האָב איך אײער האַרץ פערדריענט? איך האָב זיך צוגעטוליעט צו אײך, האָב אײער מאוס בלוט דערוואַרימט, האָט איהר מיך מיט הייסע קושען בעשאָטען... האָט איהר מיר געערדט ווענן אמת, ווענן ליעבע, ווענן מענש־הייט... און האָט צו מיר אײערע אָרעמס אויסגעשטרעקט... אין איהר ליעבט דאָך אַ צווייטע...

איהרע אויגען האָבען מיט אַזאַ האַס געקוקט אויף מיר און האָבען אַזוי טײַוועלש געלאַכט פון מיר, געלאַכט...

ווען זי האָט זיך שוין געהאַט אָנגעטאָן אויף אַוועקצוגעהן, האָט זי זיך ווידער צו מיר געווענדט:

— איהר קאָנט עס דערצעהלען ווײנשטײנ׳ען... דערצעהלט איהם אַלץ. אַ פרוי איז דאָך אַזוי שווער אויסצובעטען בײַ אײך אַ

שטיקעל ליעבע פאַר זיך, אַ גוט וואָרט, אַ ליעבען בליק...
דערצעהלט עס איהם, דערצעהלט... און זאָגט איהם, איך קען
שוין אייך גוט, איך האָב שוין אָנגעטאַפּט די גאַנצע טומאה פון
אייערע געמיינע נשמות... געמיינע, מאוס'ע מענער...

איך האָב געקוקט אויף איהר מיט אויסגעשטעלטע אויגען,
און אַ ביטערע מחשבה איז געבוירען געוואָרען אין מיין מוח:

— זי אויך אויס נקמה... זי האָט געלאַכט פון מיר אויס
נקמה... נקמה...

און איהרע אויגען האָבען אַזוי טייוועלש געלאַכט פון מיר —
צוזאַמען מיט איהר גאַנצען פנים. ווען זי איז אַוועק און איך בין
אַליין געבליבען, האָט זיך מיר געדוכט, אַז די ווענט פון מיין צי־
מער לאַכען פון מיר...

און אפשר איז ווער געשטאַנען אין דער דאָזיגער שטומער
ווינטער־נאַכט, אויף דעם קאַלטען שניי אויפ'ן גאַס, נעבען פענ־
סטער פון מיין צימער. געשטאַנען און האָט געקוקט אין מיין צי־
מער אַריין און האָט פון אונז ביידען געלאַכט — געלאַכט בייז,
געלאַכט טייוועלש... געלאַכט... געלאַכט..

# דריטע אבטיילונג

אויף דעם ברייטען, לאַנגען שליאך, וועלכער פיהרט פון סלאַוואַטע קיין טראָקסק, אַראָב א הויכען באַרג, אויפ'ן מיטען וועג צווישען די ביידע שטעדט, ליגט זיך אַליין א קליין שטעדטעלע זאַכאַסע. זיינע אָרימע, קרומליכע, אַלטינקע הייזעלעך שטעהען זיך צוואָרפען איינס פון דעם אַנדערען, און פערטרונקען זענען זיי אין אַזאַ ווילדער עלענקייט, אַז עס כאַפּט א רחמנות ביים האַרצען. די ברייטע, לאַנגע פעלדער, וועלכע רינגלען עס אַרום און פערשפּרייטען זיך אין גאַנץ וועלט אַריין אַזוי פריי און אָפען, מאַכען דאָס שטעדטעלע נאָך מעהר עלענד און ווילד, מעהר רחמנות'דיג...

און אין דעם דאָזיגען שטעדטעלע זאַמאַסע האָט געוואוינט א שוחט. זיין נאָמען איז געווען אליהו. ער איז געווען א ייד א יאָהר דרייסיג. מאָדנע הויך געוואַקסיג און מאָדנע דין, מיט א משונה יונגען פּנים, פון וועלכען עס האָט אַרויסגעשטעקט א שיטער קליין צינגעשע, ווייס-געלבליך בערדיל, מיט גראָהע אַרויס-געשטאַרטשעטע תמ'עוואַטע אויגען. נעבען ווינקעל פון זיין רעכ-טען זייט מויל איז שטענדיג געלעגען א קליינער, ביטערער, אונגעלומפּערטער קנייטשיל.

מענשען לעבען דאָך; מען ווערט געבוירען, מען שטאַרבט,— און ווער ווייס, צוליעב וואָס מען ווערט געבוירען און פאַר וואָס מען שטאַרבט?... איין גאָט אין הימעל ווייס, און אפשר ער אויך ניט... מען האָט הנאה צו זעהן, ווי די זון געהט-אויף און פער-געהט אין א ליעבען זומערטאָג,— און ווער ווייס, פון וואַנען די הנאה קומט?... מענשען לעבען דאָך; מען האָט ליעב די אויגען פון שענע פרויען און מען פערדראָסט א מיאוס נאַריש פּנים, מען האָט ליעב דעם, פיינט יענעם,—און ווער ווייס די סבות פון אַלץ, וואָס קומט פאָר אין לעבען און אין מענשענ'ס האַרצען? ווער ווייס?... אליהו דעם שוחט האָט מען אין שטעדטיל ניט ליעב געהאַט. פאַר וואָס האָט מען איהם ניט ליעב, האָט קיינער ניט געוואוסט אויף קלאָר.

ער איז געווען ווערר אן ארענטלעכער מענש, אן אמתער מענש, גרייט צו טאן יעדערן א טובה און א גרויסער „אומן" אין דער שחיטה, נאר . . . „א נאר" — האבען אלע געשאקעלט מיט'ן קאפ איף אידם. „און בעסער מיט א קלוגען ז. ן גיהנום, איידער מיט א נאר אין גן־עדן".

און וואס איז בעשטאנען זיין נארישקייט, האט איך כמעט קיינער ניט געוואוסט אויף קלאר. אט אזוי ווי ער אליין, וועלכער האט אפט געקלערט וועגען דעם, וואס דאס שטעדטיל האט אידם ניט ליעב, האלט אידם פאר א נאר און האט אויך ניט געוואוסט פאר וואס און פאר ווען.

— וואס איז דא פארהאן א סך וואס צו שמועסען — פלעגט בעריל דער קצב, א דויכער, א מגושמ'דיגער ייד מיט א ווילדען ארומגעוואקסענעם שווארצען פנים, אויסשרייען כעס'דיג מיט זיין מגושמ'דיגער שטים, ווען מען פלעגט רעדען וועגען אליה דעם שוחט — א נאר און א סוף מיט די בעבעכעס!

און עפיס טאקי דוקא מיט אידם פלעגען זיך טרעפען מאדנע סיבות, אזוינע, פון וועלכע דאס שטעדטיל פלעגט תמיד האבען וועגען וואס צו רעדען און פון וואס צו לאכען. למשל: נעהט זיך אליה דער שוחט אויף א סורדוק. ער סטארעט זיך צו נעהמען די שענסטע סחורה און נעהען נעדט ער דעם סורדוק ביי היים דעם סאלדאט. דעם בעסטען שניידער אין שטעדטיל. ווארום ליעב האט ער, אז א בגד זאל זיין שען און פיין און גוט אבגענעהט. און דאך צום סוף קומט ארויס, אז אין דעם סורדוק איז אדער די טאליע אין אידם אזוי הויך, אדער דער קאלנער אין אידם זיצט אזוי נידעריג, אז אלע קוקען און שמייכלען און המצאה'ן זיך . . . אדער נעהט ער זיך ווען אן איבער־בגד. דער קאלנער און די טאליע אין אידם ליגען זיך שוין יא אויף זייערע ערטער ווי עס בעדארף צו זיין, זענען אבער די ארבעל אזוי לעכערליך קורץ. און ווען ער נעהט זיך אויף זומער א פאר גרינגע הויזען. דערצו בעשליסט ער ביי זיך פעסט אויפצונעהען זיך א פאר גוטע שענע שיך פון אמת'ען האמבורג־לעדער, און ער הלומט ביי זיך אין הארצען, בעהאלטען פון אלעמען, ווי אזוי ער וועט דאס ארומגעהן מיט די ארבעגלאזענע הויזען — ער האט זעהר ליעב געהאט געהן מיט ארבעגלאזענע הויזען — אויף די שען־אויסגעפוצטע שיך. ער וועט זיך פיהלען דאן אזוי לייכט, איפ'ן הארצען וועט זיין אזוי פרעהליך, גוט. בין מנחה למעריב א גאנצע וואך אדער שבת פאר מנחה, ווען ער וועט זיך דורכגעהן שפאצירען איבער דער

איין־איינציגער גאס פון וואמאסע, איבער דעם גאנצען שטעדטיל און נאך ווייטער, הויז שטעדטיל אין שליאך אריין, וועט ער דאן אזוי הנאה האבען פון די הויזען מיט די שיך... איז אבער הען ער מעסט אן די הויזען, זענען זיי אויף איהם אזוי קורץ, אזוי קורץ... און וואס נאך? — זאגט ער דעם גולם, היים דעם סאלדאט:

— אזוי קורץ!...

שטעלט אויף איהם ארויס היים דער סאלדאט א פאר אונ־געלומפערטע אויגען און מאכט זיך תמ׳האטע:

— וואסי, וואס?... א ריסטוקראט זענט איהר?... איהר זענט דאך א שוהט און טראגט דאך שטיוועל...

און אין שטעדטיל, אויף מארגען, טראגען זיך שוין ארום געלייכטערטלעך און המצאות מכה איהם און זיינע קורצע הויזען. לסוף דערוועדט מען זיך אויך, אין שטעדטיל, צו זיין בעדאלטענעם סוד אין הארצען, אז איהם האט זיך געוואלט טראגען די הויזען מיט אראבגעלאזענע קאלאסעס, און מען שמייכעלט, און מען לאכט פון איהם.

און ניט דוקא בנוגע צו זיינע בגדים פלעגט ער האבען עגמת־נפש — עפיס אין אלץ, אין אלע זיינע מעשים, וואו ער זאל זיך ניט קעהרען און ווענדען. וואלט ער כאטש אין גאר נישט ניט געמישט זיך, וואלט ער כאטש זיך ניט מתעסק געווען אין שטעדטיל־זאכען, פלעגט אבער טרעפען, אז ניט וועלענדיג, ניט וועלענדיג, און ער כאפט זיך אריין אין א שטעדטילדיגען עסק׳ל. און מתעסק זיין זיך אין וואס פאר א זאך דאס זאל ניט זיין פלעגט ער תמיד מיט השק, מיט היטץ און התלהבות. אין שטעדטיל פלעגט מען אנרופען אלע זיינע עסקים „נארישע“, און דער סוף פון אלע זיינע עסקים איז געווען, אז תמיד פלעגט עפיס טרעפען אזא זאך, פאר וואס מען פלעגט שרייען און זידלען איהם. ער אליין פלעגט טיעף אין הארצען ניט פערשטעהן, וואס ווילען זיי פון איהם. וואס שרייען זיי? דאכט זיך, ער איז גערעכט... למשל: אין בית המדרש איז ניטא קיין זייגער. איז דאס הען טאקי א כבוד פאר א בית המדרש אהן א זייגער? אמת טאקי, דאס שטעדטיל איז זעהר ארים, אבער... מען ווייס דאך ניט, אויף וואס פאר א וועלט מען איז, און מען ווייס ניט, ווען צו שטעלען זיך דאווענען אין דער פריה. און עס איז גלאט קיין צורה ניט א בית המדרש אהן א זייגער. מאכט ער א וואכער און צושטעלט די בעלי־בתים

פֿון שטעדטיל צוקאָפּיקע אַוועק פֿון יעדערען, און דער חשבּון טראָגט אויס אַזוי, אַז אין אַ משך פֿון אַ האַלבּען יאָהר וועט שוין אָנקלייבּען זיך דאָס גאַנצע געלד. און טאָמער וועט אפֿילו ניט דערגעהן בּיי אַ רובל אַנ׳ערך, וועט שוין איהם דער טראָקסקער זייגערמייסטער דערבּאָרגען — פֿאָרט זאַמאָסער שוחט! קלייבּט ער אַליין דעם וואָכער אַלע פֿרייטאָג בּיי טאָג און חלומ׳ט שוין, ווי ער וועט זיך אין איינעם אַ גוטען זומער-טאָג אין דער פֿריה אַוועקפֿאָהרען קיין טראָקסק קויפֿען דעם זייגער. אין קריטע, צוואַנציג וויאָרסט פֿון זאַמאָסע, בּיי ר׳ חיים דעם קרעטשמער, מיט וועלכען ער איז בּעקאַנט, וועט ער פֿערבּרענגען אַ פּאָר שעה. מען וועט איהם דאָרטען צונעהמען בּכבוד גדול, וואָרום ר׳ חיים דער קרעטשמער איז אַ גרויסער מוקיר רבנן און אַנ׳איידעלער מענש. ער וועט זיך מיט איהם דורכשמועסען אַבּיסעל אין וועלט-זאַכען און וועט פֿאָהרען ווייטער. און זומער פֿאָהרען אין וועג צווישען אַ געדיכטען וואַלד אָדער אין פֿראַנקע און פֿרייע פֿעלדער!... מען פֿאָהרט און מען קוקט פֿאָראויס אויף די וועלדער און פֿעלדער, וועלכע מען פֿאָהרט פֿאַרבּיי... אויפ׳ן האַרצען קיין עגמת נפֿש׳ן איז ניטאָ, און מען פֿאָהרט... אין טראָקסק וועט ער נעכטיגען. ער וועט זיך דאָרט דורכשמועסען מיט ישראל דעם זייגערמייסטער, וועלכען ער האָט געזעהן אַמאָל אין זאַמאָסע און וועלכער הערט זיך פֿאַר אַ קלוגען יודען. ער וועט בּיי איהם אַרומפֿרעגען, וואָס הערט זיך אין טראָקסק, און וועט זיך אָנהערען פֿון איהם נייעס, דערוויסען זיך, וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַנצער וועלט... אויך וועט ער אפֿשר פֿערגעהן צום שוחט אין טראָקסק. ער וועט זיך עפּיס גאָר אָבּפֿרישען מיט דער נסיעה, אָבּלעבּען זיך. וואָרום טאַקי מען ליגט פֿערוואָרפֿען שטענדיג אויף איין אָרט אין דער קליינינקער זאַמאָסע... און איבּערהויפּט ער האָט פֿאָהרען... פֿאָהרען... ער וועט פֿאָהרען דורך געדיכטע וועלדער און אָפֿענע, פֿרייע פֿעלדער... ער ווערט אינגאַנצען צורייצט און צוהיצט, קלערענדיג וועגען דער נסיעה. אַ פּאָר וואָכען פֿאַר דער נסיעה רעדט ער שוין אַ סך און מיט היץ מכּה זיין פֿאָהרען קיין טראָקסק. דינגט זיך שוין מיט די בּעלי עגלות און סטאַרעט זיך, אַז די נסיעה זיינע זאָל קאָסטען וואָס וועלוועלער — קהל׳שע געלד!.. איז אָבּער גראָד אַ פּאָר טעג פֿאַר דער נסיעה, ווען ער געהט אַריין אין שול צו מנחה, דערזעהט ער ישראל דעם טראָקסקער זייגערמייסטער פֿאַר די אויגען, און ער הערט, ווי יענער זאָגט, אַז מען דאַרף גאָר ניט פֿאָהרען נאָכ׳ן זייגער. זאָל מען איהם,

נאר געבען דאס געלד, וועט ער דעם זייגער אליין צושיקען מיט וועמען עס איז. ביי איהם אין הארצען רייסט זיך עפּיס אפּ, און גאר פיהלט, ווי זיין פּנים פלאקערט עפּיס משונה. ער סטארעט זיך זיין איינגעהאלטען, זיין רוהיג. געדענקט צו צו דעם רעדעל מעניטען, וועלכע רינגלען ארום ישראל דעם זייגער־מייסטער, גיט איהם אפּ „שלום“ און זאגט, דאכט זיך, שטיל, געלאסען, איינגעהאלטען:

— פונדעסטוועגען איז דאך דאס א זייגער... מען קען נישט מיט אבי וועמען שיקען איהם. מען דארף אליין פאהרען...

פאלען אן אויף איהם אלע מיט א כעס און מען שרייט:

— זעה, ווי ער האט זיך צוקאכט און צוהיצט... פאהרען ווילט זיך איהם, ווי א קליין קינד... איהר ווילט ארויסווארפען געלד אין בלאטע, דינגט אייך א פוהר, פאר אייערע איינענע געלד און פאהרט אייך כאטש קיין האצעפלאץ...

און אויף מארגען פריה צום דאווענען, ווען דאס גאנצע שטעדטיל קומט זיך צונויף אין שול, איז ניטא קיין סוף פון דעם לאכען און שמייכלען פון איהם.

אדער, מען דערהערט אין שטעדטיל, אז נעבען זאמאסע, א ווייארסט צעהן, האבען יודישע וואלד־סוחרים געהאנדעלט א וואלד און האבען זיך דארטען שוין בעזעצט אויסצוהאקען דעם גע־קויפטען וואלד. קומט אויס ביי איהם, אז אזוי ווי פון די סוחרים וועט מען דאך אין שטעדטיל גאר נישט פערדינען, און דעם וואלד האבען זיי דאך געהאנדעלט ביי דעם זאמאסער פריץ, איז א יושר, אז זיי זאלען מנדב זיין האלץ אויף ווינטער פאר דעם בית־המדרש. און ער רעכענט, אז זיי וועלען עס געוויס טון. מען דארף מעהר נישט פאהרען צו זיי און בעטען. לעגט ער פאר דעם פלאן אין איינעם א פריה־מארגען אין שול ביים דאווענען. געפינען דאס אלע פאר א גלייכע זאך. נו, און פאהרען, פערשטעהט זיך, דארף ער פאהרען. ווארום ווער דען? דער רב זאל פאהרען—איז דאך דאס פאר איהם צו פיעל טרחה. נו, בלייבט דאס אזוי. הלמ״ט ער שוין ווידער מכה דער נסיעה, מכה נייעס הערען, מכה זיינע שמועסען מיט די סוחרים, מכה די אפענע פעלדער און די געדיכטע וועלדער... אבער זאגט איי־נער א סברה, און טאקי אט א טאג פאר דער נסיעה, אז ביי איי־נעם פון די סוחרים איז די טעג יאהרצייט, און ער האט געהערט, אז ער רעכענט צו קומען קיין זאמאסע אויף יאהרצייט. רייסט זיך איהם ווידער עפּיס אפּ אין הארצען, דער פּנים, פיהלט ער,

פֿלאַקערט ווידער משוגה, און ער זאָגט, דאַכט זיך, ווידער איינגעהאַלטען, געלאַסען:

— דאָס איז דאָך ניט אַ געוויסע זאַך, און טאָמער קומט ער ניט?...

פֿאַלט מען אויף איהם ווידער אָן מיט כעס און געשריי:

— וועה, ווי ער האָט זיך צוקאָכט און צוהיצט... פֿאָהרען ווילט זיך איהם ווי אַ קליין קינד...

און בעריל דער קצב, וועלכער איז גראָד דערביי אין בית־המדרש, טענה׳ט אויפ׳ן קול:

— וואָס איז דאָ פֿאַרהאַן אַ סך וואָס צו שמועסען — אַ נאַר איז אַ נאַר, און אַ סוף מיט די בעבעכעס!

———

פֿאַר אַ שוחט אין זאַמאָסטע איז אליהו אָנגעקומען אַ יאָהר דריי נאָך זיין התונה. ער איז דאַן אַלט געוועזען אַ יאָהר צוויי און־צוואַנציג. תיכּף ווי נאָר ער איז אַריינגעפֿאָהרען אין זאַמאָסטע, האָט ער אָנגעהויבען צו פֿיהלען, אַז איהם לעבט זיך עפּיס ניט ווי עס בעדאַרף צו זיין... שווער... פֿאַר וואָס איז דאָס אַזוי?.. ווער איז אין דעם שולדיג?... ווי קאָן ער עפּיס מאַכען, אַז ס׳זאָל זיך איהם לעבען אַנדערש, און אין וואָס בעשטעהט די שווערקייט פֿון זיין לעבען? דאָס אַלץ האָט ער אויף קלאָר אַליין אויך ניט געוואוסט. נאָר עפּיס שטענדיג, שטענדיג דריקט איהם אויפ׳ן האַרצען. אין דעם ערשטען האַלב יאָהר פֿון זיין בעזעצען זיך אין זאַמאָסטע. האָט ער שוין בעמערקט, אַז דאָס גאַנצע שטעדטעלע, וואָס איז בעזעצט מיט עמי־הארצים און גראָבע מענשען, האָבען איהם ניט ליעב. זיי יאַמערען זיך נאָך!... און בעריל דער קצב רופֿט איהם אָן אין די אויגען „נאַר“... מעהר נישט דער רב אַליין האָט זיך משתדל געוועזען יאָ צו מקרב זיין איהם, האָט געפּרובט ריידען גוטעס וועגען איהם און איינרעדען אַלעמען אין שטעדטיל, אַז מען זאָל זיך מיט איהם גוט בעגעהן. נאָר ניט זיינע רייד האָבען וואָס געהאָלפֿען און ניט זיין התקרבות האָט איהם געמאַכט גרינגער אויפ׳ן האַרצען. עפּיס דעם רב׳ס התקרבות צו איהם האָט איהם גאָר נישט געגעבען. האָט איהם גאָר נישט געמאַכט בעסער, פֿרעהליכער אויפ׳ן האַר־

צען... פאר וואס האט מען איהם ניט ליעב אין שטעדטיל, פאר וואס האלטען איהם אלע פאר א נאר און פאר וואס האט דאס בעריל דער קצב די העזה רופען איהם אין די אויגען נאר? — האט ער ניט געוואוסט, ניט פערשטאנען. און עס פלעגט טרעפען, אז ער פלעגט ווערען ביי זיך שטארק ברוגז און אין כעס אויף אלעמען און פלעגט בשום אופן ניט פערשטעהן, וואס איז דאס אזוינס. ער, וועלכער קאן כמעט אויף אויסווייניג דעם צהר התיבה, וואס ניט נאר א שוחט, אפילו גרויסע קענערס ווייסען איהם אויך ניט אזוי קלאר ווי ער. ער, וועלכער איז אזא פיינער בעל־קריאה, מיט דקדוק... און וועלכער איז בהבינ'ט אין פאליטיק און אין וועלט־זאכען און קאן דורכשמועסען זיך מיט א מענשען אויך און דוקא גאר פיין! וועלכער האט אזוי פיעל מענשען אנגעזעהן, ווען ער איז געווען א „זיצער" ביים רבי'ן, איידער ער איז אריינגעפאהרען אין זאמאסטע, און אויך בשעת ער האט זיך געלערנט שחיטה אין דענעבורג. היינט אזא „אומן" אין דער שחיטה און אין שטעלען א חלף, — איז ער ווי, די שוטים און פראסטע מענשען, ניט געפעלען... זיי יאכמערען זיך נאך!... און ער איז אזוי עלענד אין שטעדטיל, אפילו אן'אמת'ן גוטען פריינד האט ער ניט... היינט א חוץ דעם וואס מען האט איהם ניט ליעב אין שטעדטיל, וואס מען האלט איהם פאר א נאר — זיין אייגענעם לעבען: זיין ווייב די „בריאה משונה" און די אבגעלאזענע. אין שטוב איז שטענדיג ניט ריין, אויף דער נשמה איז שטענדיג ניט גוט און דאס הארץ דריקט, דריקט און שטיקט עפיס... און אט אזוי איז א טאג נאך א טאג געלאפען, א יאהר נאך א יאהר געגאנגען. די בגדים זיינע, וועלכע ער פלעגט זיך אויפנעהמען, פלעגען תמיד ארויסרופען ביי אלעמען געשפעט און המצאות, און פאר וואס ער זאל זיך ניט נעהמען זיך מתעסק זיין נאך אלע זיינע קאכען זיך, היצען זיך, ווערט צום סוף פון דעם גאר ניטש, און מען שרייט נאך אויף איהם און מען זידעלט איהם און מען לאכט פון איהם. דאס ווייב זיינס האט דריי מאל נאכאנאנד מפיל געווען, און דאס קינד, וואס זי האט יא געהאט א לעבעדיגעס צום פיערטען מאל, איז אויך א שלאפינקעס, א קרענקליכעס און שרייט תמיד. און זי אליין פון טאג צו טאג ווערט מיאוס'ער און מיאוס'ער, מעהר אבגעלאזען, און אין שטוב איז ניט אריינצוגעהן פון ניט ריינקייט און פון דעם פערשטיקטען אויר...

און אויפ'ן הארצען דריקט, דריקט, און פון טאג צו טאג אלץ מעהר און מעהר. עס טוט אזוי וועה דאס הארץ, אז עפיס

אויסדערצעהלען דאס הארץ פאר וועמען עס איז ווילט זיך...
ווילט זיך... און עפּיס ווילט זיך איהם, אז כאטש אויף א ווײַלע,
אויף איין ווײַלע, זאל איהם זײַן לײַכטער און גרינגער אויפ'ן
הארצען... איין ווײַלע... נאר עפּיס ווי א בייזער שונא שטעהט
הינטער זײַנע פּלייצעס און לאזט ניט צו צו דעם.

עס פלעגט טרעפען, ער כאפט זיך אויף פון שלאף זומער
אין דער פריה. דורכ'ן טיר פון זײַן פינסטערען שלאף-צימער
זעהט ער, ווי די זון צוגיסט זיך דורך די פענסטער אין עס-צימער
ארײַן, — זײַן וואוינונג איז בעשטאנען פון צוויי צימערן: א עס-צימער
און א פינסטער שלאף-צימער, — און זי בעלײַכט דאס צימער מיט
אזא קלארער, בלישטשענדיגער, פרישער ליכטיגקײַט און מאכט דאס
צימער אזוי לעבעדיג און ריין. איהם טוט א שלעפּ אין דעם
דאזיגען ליכטיגען, ריינעם צימער. ער טוט זיך אן, גיסט אב נעגעל-
וואסער, געהט ארויס אין עס-צימער און עפענט פונאנדער א פענ-
סטער. זײַן פנים בעגעגענט א שטראם פון א ריינעם, פרישען
פעלד-ווינטעלע, און א זשוק א שווארץ גלאנצענדיגער פליהט דורך
זשוזשענדיג פארבײַ זײַן פנים. ער שטעקט ארויס דורכ'ן פענ-
סטער זײַן פנים אין גאס ארײַן. דאס שטעדטעלע שלאפט נאך.
נאר דארט, אויפ'ן סוף שטעדטעלע פאהרען זיך פאמעליך, זי
נאר דארט, אויפ'ן סוף שטעדטעלע פאהרען זיך פאמעליך, ווי
פערשלאפענע, א פאר ציגײַנער. די פערד געהען זיך טראט בײַ
טראט, פערדרעמעלט, און די רעדער פון זייערע וועגען סקריפּען
זיך, סקריפּען טרוקען, פערשלאפען... זיי פאהרען זיך אהין,
ווײַט, ווײַט אין בריטען, לאנגען שליאך ארײַן. און אלץ — דאס
שטעדטעלע, דער שליאך מיט די ציגײַנער און די פרײַע פעלדער
ארום, אלץ ווערט פערטרונקען אין קלארער, פרישער, אנגע-
זאפּט מיט טוי, ליכטיגקײַט, און א ריח פון טוי שמעקט פון אלץ...
ער קוקט א ווײַלע אין פענסטער און א שטילע ליכטיגע הנאה
הויבט אן צו וועבען זיך בײַ איהם אין הארצען. ער עפענט פונ-
אנדער אלע פענסטער פון צימער, געהט צו צום סאמאוואר,
שטעלט איהם אן און וואשט אויס ריין, זעהר ריין א גלאז מיט
א כעסיל. אז דער סאמאוואר ווערט פארטיג, שטעלט ער איהם
אהעק אויפ'ן טיש, גיסט אן א גלאז טיי, נעהמט אראב פון א
פּאָליטשקע, אין דער הויך, אין ווינקעל פון צימער נעבען טיש,
זײַן געליעבטען צדר התיבה און זעצט זיך נעבען טיש טרינקען
טיי און מעיין זײַן אין דעם איינציגען פרײַען און קלוגען ביכעל,
וואס ער האט. און ער הויבט זיך אן צו פיהלען לײַכט, גוט

און גאוהדיג... דאָס צימער איז פֿול מיט ריינע, פֿרישע ליכט, אויפ'ן גאַס איז אַזוי פֿריש, און אַ ווינטעלע מיט ריחות פֿון זומערדיגע פֿעלדער, בלומען און בוימער, אָנגעזאַפּטיגט מיט טוי, שפּילט זיך מיט זיין פּנים... דער סאַמאָוואר זידט, קאָכט פֿרעהליך, דאָס גלאָז איז אַזוי ריין, דער טיי אין איהם איז אַזוי קלאָר, אַז זיין פּנים שפּיגעלט זיך אין איהם אַרויס... און דער צהר התיבֿה איז אַזוי שכל'דיג טיעף און גרינג פֿערשטענדיג... וואָרום טאַקי: צוויי שׂוּאָ'ען קאָנען ניט קומען אין אָנהויב פֿון אַ וואָרט איינער נאָך דעם אַנדערן, וואָרום ווי אַזוי וועט מען עס לייענען?.. בכן מוז קומען אַ נקודה אונטער איינעם פֿון די צוויי שׂוּאָ'ען... אַזוי גרינג און שכל'דיג!... און אָט אַזוי זיצט ער זיך אַליין ביים טיש און ביי איהם וועבט זיך, וועבט זיך אין הארצען אַ הנאה, פֿון דער ליכטיגקייט, פֿון דעם ריינעם גלאָז טיי, פֿון דעם צהר התיבֿה, פֿון דעם לעבען... ער נעהמט אַרויס פֿון קעשענע זיין טאַבאַק-פּושקע, מאַכט געלאַסען מיט אַ הרחבֿה אַ פּאַפּיראָס, צינדט איהם אָן, ציהט אין זיך אַריין מיט גרויס געשמאַק דעם ריח און לאָזט איהם אַרויס פֿון מויל שטיל, לאַנגזאַם און פֿערקלערט זיך. עס קלערט זיך איהם, אַז ער איז אַ שוחט אין אַ גרויסער שטאָדט, גאָר אין אַ גרויסער, אָט אין סלאַוואוטע, למשל... דאָס שעכט-הויז איז אַ הויך שטאָדט, אָט ווי אין דענעבורג למשל, און אַלע אין דער פֿריה קומט נאָך איהם אַ גוטע בריטשקע. אויף רעסאָרען, איינגעשפּאַנט אין אַ גוטען שענעם פֿערד, נעהמען איהם אין שעכט-הויז. דער וואָס קומט נאָך איהם, געהט אַריין אין שטוב מיט אַ בכבֿוד'יגען ברייטען „גוט-מאָרגען“ און מאַכט צו איהם: „נו, ר' אליה, קומט, זייט זיך מטריח, מיר וועלען פֿאָהרען“. ער געהט אַרויס, זעצט זיך אַרויף אין בריטשקע און פֿאָהרט אין שעכט-הויז. און דאָס שעכט-הויז איז ווייט, ווייט פֿון שטאָדט... מען פֿאָהרט אַרויס פֿון שטאָדט און מען פֿאָהרט דורך פֿעלדער און וועלדער, איבער בערג מיט געלען פֿייכטען זאַמד, און דורך טאָלען, פֿערוואַקסענע מיט פֿרישען גרינעם גראָז, און ער פֿאָהרט דורך די פֿעלדער און וועלדער, איבער די בערג און טאָלען... ער פֿאָהרט... פֿאָהרט...

אין דערינען געהט אַרויס די שוחט'קע פֿון דעם פֿינסטערן שלאָף-צימער מיט איהר, ווי תמיד, אָנגעשוואָלענעם פּנים, מיט די קרומע, קעצישע אויגען. דער קאָפּ איהרער איז בעדעקט מיט ניט אַ ריינעם היטל, וועלכער ליגט אויפ'ן קאָפּ צודרעהט, ניט אויף אָנ'אָרט, דאָס קלייד איז הינטען ניט פֿערשפּילעט, און אַ

שמוציג העמד זעהט זיך ארויס. די קאפטקע איז נאר האלב פערשפילעט, און עס טארטשעט ארויס פון איהר א ברודנע, הענגענדיגע נארישע ברוסט... און אידם אויפ'ן הארצען ווערט עפיס אזוי ניט גוט...

— וואלסט זיך, כאטש, אנגעטאן ווי א מענש — ווענדט ער זיך, צו איהר מיט הארץ־וועהטאג.

— דא?... — זינגט זי אידם מיט'ן נאז האלב פערשלאפען — וואס זאגסטו?

— דאס קלייד שלעפט זיך, ניערעכע! — מאכט ער צו איהר מיט כעס.

— זעה, האס שרייסטו אזוי? — שרייט זי אויס מיט א ווילדען פערשלאפענעם קול — שא, דיר געפעלט ניט, דארף מען ניט! עך, ס'ארא שרייען!

און אידם ווערט נמאס דאס לעבען.

און דאמאלסט לאזט ער אוועק דעם טיש, דעם טיי, דאס ריינע גלאז און דעם צהר התיבה, שטעלט זיך אוועק נעבען פענסטער און קוקט אין גאס אריין. דאס שטעדטיל איז שוין וואך. מלכה די קרעמערקע, א הויכע יודענע, וועלכע וואוינט געגענאיבער זיין וואוינונג, שטעהט שוין נעבען דער אפענער קראם, וואס איז צוזאמענגעבויט מיט'ן הויז, אין א הייביל אויפ'ן קאפ, אין א פערשמאלצענעם קליידיל אהן א קאפטקע, און שיילט קארטאפעל אויף ווארמעס, און שרייט און שילט אגב דעם מאן, וועלכער איז אין שטוב, פאר וואס ער האט געלאזען הים'קען, איהר זעקס־יאהריגען זוהן, א הוילינקען, אין איין העמדעלע, אויפ'ן גאס. צו הים'קען ווענדעט זי זיך מיט א ווייבער גוטער שטימע, אז ער זאל אריין אין שטוב אנטוהן זיך. הים'קע מאכט זיך ניט הערענדיג און זיצט זיך. אויף די הוילע פיסלעך איינגעבויגען צום גרינעם גראז, וואס וואקסט ארום זייער שטוב. ער כאפט פאר די פליגעלעך א ווייסינקע, מעהלעדיגע באבאטשקע, און, האבענדיג פחד פאר איהר אויפצוהויבען זי ביז זיין פנים, האלט ער זי אויפ'ן גרינעם גראז און קוקט עטוואס פחד'דיג אויף איהר און האט הנאה, פון איהר צאפלען זיך... פון אייניגע הייזער דערביי הערט זיך א געוויין פון קליינע קינדער, וועלכע זענען אויפגעשטאנען אויף דער לינקער זייט. און אין דער קלארער, שטילער, שטעהענדיגער ליכטיגקייט איז זייער געוויין אזוי מאדנע, אזוי ווילד, אט ווי דאס גאנצע קליינע ארימע שטעדטעלע אין די ברייטע,

פֿרײַע פֿעלדער, װעלכע רינגלען עס אַרום. הײם דער שמידער, װעלכער װאױנט נעבען מלכּה דער קרעמערקע, שמירט שױן די רעדער פֿון זײַן גרױסען װאָגען, אױף װעלכען עס ליגט אַ גרױסע פֿאַס דיעגעכטס, און קלײַבּט זיך שױן צו פֿאָהרען מיט די דיעגעכטס אין דאָרף אַרײַן. פּינע דער בּלינדער, שאָסע דעם קרעטשמערס אײנציגער זוהן, װעלכער איז נאָך קינדװײַז בּלינד געװאָרען פֿון דעם װײַן, און װעלכען מען האָט איהם געבּאָדען פֿאַר אַ סגולה װעגען, געהט שױן אין בּית המדרש אַרײַן. זײַנע בּײדע הענד זענען בּלינד פֿערשפּרײט פֿאָראױס זיך אין לופֿטען. זײ זוכען פֿאַר איהם דאָס לײדיגעס, דאָס פּוסטעס אין גאָטס װעלט. זײַנע פֿיס זענען פֿונאַנדערגערוקט אײנס פֿון דעם אַנדערן, און זײערע שװערע, ניט זיכערע טריט טאַפּען פֿעסט די ערד, אױף װעלכער ער טרעט. הײמ'קע, דערזעהענדיג פּינע דעם בּלינדען, לאָזט אַװעק די בּאַבּעטשקע און כאַפּט רײצען זיך מיט פּינען:

— פּינע, פּינע — שרײַט ער אױס — אַ פֿוהר פֿאָהרט, אַ פֿוהר פֿאָהרט.

פּינע דערשרעקט זיך און קערט זיך אָב, ספקות'דיג און שװער, אָן אַ זײַט און שרײַט מיט זײַן װילדען קול:

— װאו אַ פֿוהר? דו לײַגסט, װאו אַ פֿוהר?— גװאַלד!!!...

הײמ'קע דערשרעקט זיך פֿאַר פּינעס װילדען קול און ענטלױפֿט אין שטוב אַרײַן. אױפֿ'ן װעג זאָגט איהם אַ שטיק מוסר די מאַמע דערפֿאַר, װאָס ער רײצט זיך מיט אַ בּלינדען. צו פּינען װענדעט זי זיך מיט אַ װײכען בּערוהיגענדען קול:

— געה, געה, ניט שרײַ. ער לײַגט, ער לײַגט: ניטאָ קײן פֿוהר, געה...

און אליה דער שוחט קוקט און קוקט אין דער װעלט אַרײַן, און אױפֿ'ן האַרצען דריקט עפּיס, דריקט, און פֿערשידענע מחשבות טומלען זיך אין קאָפּ בּײַ איהם. אָפֿט אין אַזױנע צײַטען פֿלעגט זיך איהם דערמאָנען זײַנער אַ חבר פֿון חדר, װעלכער איז אַן אַפּיקורס געװאָרען, — עסט טרפֿות און לײקענט אין אַלץ... איהם פֿלעגט זיך דאַמאָלסט אַזױ קלאָר הערען די װערטער, װעלכע זײַן חבר האָט איהם אַמאָל געזאָגט. און עפּיס גלײַך װי אָט, אָט הענגט פֿאַר זײַנע אױגען זײַן חבר'ס שטים. ער זאָגט:

— ניטאָ קײן גאָט...

דער גאַנצער שטח פֿון דער ערד בּיז'ן הימעל, און אַלץ,

וואס אין דעם שטה איז פאראן, פלעגט עפּיס ווערען אזוי ווייס... ווייס... ווייס און מטושטש... און א גרויסער פחד פלעגט איהם אנכאפּען פאר אלץ, וואס ער זעהט פאר זיך — פאר דער ערד, הימלען, הייזער, מענשען... עפּיס אלץ הענגט אין דער ליפטען, אלץ איז ווייס... ווייס און מטושטש... און עס איז אזא פחד!..

ער פלעגט זיך אנכאפּען ביים פענסטער, גלייך, ווי ער וואלט וועלען אנכאפּען זיך ביי עפּיס א זאך, וואס עס האט עפּיס א ממשות, וואס מען קאן דאס אנטאפּען, און צו דערפיהלען זיך, צי שטעהט ער אויף עפּיס, צי שטעהט ער נאך נעבען פענסטער, צי ניט... און ער פלעגט זיך אומקעהרען נאריש, אומגעלומפּערט פארקלערט צום טיש.

און עס פלעגט טרעפען, אז ווען ער זיצט אזוי אומגעלומפּערט פערקלערט, פלעגט אריינלויפען בעריל דער קצב מיט א גוואלד אין שטוב אריין:

— ען!... איך וועל אייך דאס ניט שווייגען! דאס קאלב ליגט און שרייט, און ער זיצט זיך און טרינקט טיי. איך האב אייך נעכטען געזאגט, אז איהר זאלט קומען פריה פאר'ן האזנגען קוילענען דאס קאלב, צי ניט?! ען! דאס קאלב שרייט, אז מען קאן אין שטוב ניט איינזיצען.

אריינגעהן צו וועמען זיצען, פערברענגען פלעגט אליה דער שוחט צו קיינעם ניט, מעהר נישט צום רב פלעגט ער יא קומען ווען, נאר אויף א קליינע ווילע. ער פלעגט אפילו אריין מיט דער מחשבה צו פערברענגען, נאר איהם פלעגט עפּיס באלד ווערען אומעטיג. אויפ'ן הארצען הויבט אן צו הדיקען וואס, און ער הויבט זיך אויף און געהט אוועק. עס פלעגט טרעפען, אז נאכדעם פלעגט ער א צייט, א צייט ניט אריין צום רב. אט אזוי פלעגט זיין זיינטער. נאר זומער, ווי עס פלעגען זיך נאר אנהויבען די הייסע טעג, פלעגט ער אלע שבת־צו־נאכט קומען צום רב. ווייל שבת־צו־נאכט אין די הייסע טעג איז שוין געווען א חזקה, אז מען געהט זיך באדען, און צו באדען זיך האט אליה דער שוחט געהאט א משונה'ם השק, אט ווי צו פארהרען... איבערהויפּט איז זיין השק געווען גרויס צו דעם ביינאכטיגען באדען זיך. שוין פון פרייטאג אן פלעגען זיינע מחשבות זיין פערנומען מיט דעם שבת־צו־נאכט. עס פלעגט איהם עפּיס שרעקען דאס הארץ, טאמער וועט מארגען זיין א רעגענדיגער טאג, אדער אנדערע סבות וועלען זיך מאכען, און דאס

באדען זיך וועט ווערען צושטערט. אויף מארגען, שבת, פלעגט ער א גאנצענעם טאג זיין צוהיצט און צורייצט, ווארטענדיג אויף דער מינוט, ווען מען וועט שוין אוועקגעהן באדען זיך. אין שטער־מיל האבען אלע געוואוסט פון זיין דאזיגער תאוה און מען פלעגט לאכען פון איהם דערפאר און המצאה'ען זיך איבער איהם. ער פלעגט זיך סטארען בעהאלטען זיין תאוה טיעף, טיעף אין הארצען פון אלעמען, זעהן זיין איינגעהאלטען, רעדען מכח דעם באדען זיך שטיל, רוהיג, נאר דאך עפים האבען אלע געלאכט פון זיין חשק צו באדען זיך. אבזאגען זיך אינגאנצען פון דעם באדען זיך האט ער ניט געקאנט. עס שלעפט איהם.

און באלד נאך מעריב, תיכף ווי ער פלעגט אבמאכען אין דער היים איף א גלאז מילך הבדלה, פלעגט ער קומען צום רב. ביים רב איז שוין דער סאמאוואר זידענדיג געשטאנען אויפ'ן טיש, און אבא דער מלמד מיט מאטע דעם קרעמערס יונגען איידעם זיצען שוין ביים טיש און אנגעגאסענע גלעזער טיי נעבען זיי. ער פלעגט זיך אויך אוועקזעצען נעבען טיש. די פענסטער פון צימער ווענען אפען, און די זומער־נאכט, וועלכע שוועבט אויפ'ן שטעדטעלע און איף די פעלדער ארום איהר, ווילט זיך אריינשטעבען דורך די אפענע פענסטער אויך אין צימער אריין... דער רב געהט ארום אהין און צוריק, צונויפלעגענדיג דעם טלית, וועלכען מען האט אום שבת ניט געטארט צונויפלעגען, און זינגט אויפ'ן קול היימליך „ויתן לך”. מאטע דעם קרעמערס איידעם העלפט איהם אונטער ברומלענדיג. די רביצען, גאווה'דיג, נאך אין שבת'דיגען צעפטשיק, גיסט אן טיי פאר'ן רב, פאר'ן שוחט, פאר זיך. א צומישונג פון אלערליי גרינגע רייצענדיגע ריחות, איינגעוויקעלט אין דער נאכטיגער שטילקייט, בלאזען זיך דורך די פענסטער אין שטוב אריין און גלעטען און פערשכור'ן דאס הארץ, דעם מה... עס הערט זיך פון גאס, ווי דאס שטעדטיל לויפט צום ברונען, וועלכער איז געווען נעבען רב'ס הויז, לאפען וואסער פון מרים'ס קוואל, וואס שבת־צו־נאכט נאך הבדלה קייקעלט ער זיך דורך איבער אלע ברינעמער פון דער גאנצער וועלט... עס הערט זיך, ווי עס ווערען פערשוואנדען אין דער שטומער זומערנאכט האלבע הערטער, האלבע געלעכטערס, וועלכע קומען פאר צווישען די שעפער וואסער, און דער אצעפ סקריפעט אזוי זומערדיג... און אליה דעם שוחט'ס פנים איז משונה, מעהר ווי אלע מאל, יונג, די אויגען מעהר, ווי אלע מאל, ארויסגעטארטשעט און אינגאנצען נאריש צוהיצט און ניט רוהיג, ווי עפים א מענש, וואסווארט אזוי אויף א בעגעדרעט

זאַך, וואָס מוז, מוז פֿאָרקומען, נאָר איין גאָט אין הימעל ווייס, צי דאָס וועט יאָ, אויף אַן אמת פֿאָרקומען...

נאָכדעם, אַז מען פֿלעגט אָבטרינקען טיי אין אַביסעל אָבקיהלען זיך, פֿלעגט מען אַוועקגעהן באָדען זיך. אין שטעדטעלע איז שוין שטיל, וואָס ניט וואָס איז נאָך אַלטען אַ פֿענסטער, וואָס ניט וואָס זיצט וועער אויף אַ פֿריזבע געבען שטוב אין די אינטערשטע ווייסע הויזען און אין אַרבע כנפֿות און דרעמילט. אויפֿ'ן הויף שטעדטיל פֿלעגען זיי עפּיס ווי דערזעהן ווייט פֿון זיך צום שליאַך צו אַ פּאָר שאָטענס פֿון מענשען, וועלכע האָבען זיך געאיילט אַוועקגעהן ווייטער, הייטער אַהין, אַהין אין שליאַך אַריין. ביי אַלעמען אין מוח פֿלעגט דורכלויפֿען, ווי אַ ווינטעלע, אַ מחשבה, אַז אפֿשר איז דאָס שמואל'קע דער שניידער מיט יאַכנע־האַשע דער בעדערינס מאַכטער, אויף וועלכע מען מורמעלט אין שטעדטיל, און מען פֿלעגט זיך אַוועקגעהן ווייטער. אליה דעם שוחט פֿלעגט אפֿילו די מחשבה ווי אָבשטעלען אויף אַן אָרט אין די שאָטענס פֿלעגען עפּיס ווי אַ שלעפּ טון איהם צו זיך, נאָר ער פֿלעגט אַוועקגעהן מיט אַלעמען גלייך. מען פֿלעגט אַרויסגעהן פֿון שטעדטיל, אַרויסגעהן אויף דעם פּריצ'ס לאָנקע, איבער וועלכער מען געהט צום טייך.

דעם פּריצ'ס לאָנקע האָט געהאַט פֿון איין זייט אַ געדיכטען שוואַרצען וואַלד און פֿון דער אַנדער זייט אַ פֿרייַ אָפֿענעם פֿעלד. די טיפֿע שטומע זומער־נאַכט פֿלעגט זיין פֿערזונקען אין סודות און מחשבות. דער הימעל איז ריין און טיף, די לבנה מיט די שטערן קוקען זיך אויף גאָט'ס וועלט אַזוי שטיל און נאַאיוו. אַלץ איז פֿערקלערט, אַלץ איז פֿערטראַכט... שטומע, אייביג שטומע מחשבות נעהמען אַרום די גאַנצע וועלט און ווערען געבוירען אין איהר פֿון רגע צו רגע אַלץ מעהר און מעהר. שטומע, אייביג שטומע מחשבות טראָגען זיך איבער די גרינע שטילע גראָזען, זענען בעהאַלטען אין דעם געדיכטען וואַלד, זיי הענגען אויף יעדען צווייג, צוגעטוליעט צו יעדען בוים, זענען פֿערשפּרייט און שוועבען איבער די פֿעלדער און זיי סוד'ען זיך שטום... שטומע, אייביג שטומע זומער־נאַכטיגע מחשבות!... ווער ווייס, וואָס סוד'ען זיי זיך?.. זומער־נאַכטיגע הימעל און ערד, וועלדער און פֿעלדער, ווער ווייס זייערע שטומע, אייביג שטומע מחשבות אין די ליעבע, טיפֿע האַרצבענקענישע שטומע זומער־נעכט?... ווער ווייס?....

און זיי, דער וואַסערער רב, אַבא דער מלמד, מאָטע דעם קרעמערס איידעם און אליה דער שוחט בראש געהען זיך איבער דער

לאנקע צום טייך צו. זייערע שאטענס פויגען זיך איבערן גראז הינטער זיי. דער ערשטער צום טייך קומט תמיד אליה דער שוחט. ער טוט א שטעק די האנד אין וואסער אריין און זאגט משונה פרעהליך:

— זעהר ווארים...

מען טוט זיך שטיל אויס. מאטעל דעם קרעמערס איידעם זאגט זיך דערביי א פאר גלייכווערטלעך, און מען לאזט זיך אין טייך אריין, וואו עס איז פערטרונקען א גאנצעס שטיק הימעל מיט שטערען. אריינלאזענדיג זיך אין טייך, טוט זיך דער פערטרונקענער הימעל מיט די שטערען אביסעל א דרעה אין וואסער אהין און אהער, און פיער חייסע, קלארע קערפער ווערען פערטרונקען אין דעם קלארען, אהן־קאלירדיגען וואסער פון טייך. אליה דעם שוחט, פון די חייסע, קלארע קערפער, וועלכע ווערען פערטרונקען אין דעם קלארען וואסער, פון דעם דרעהען זיך אהין און אהער אין וואסער, דער פערטרונקענער הימעל מיט די שטערען, הויבט אן אין זיין הארצען וואס צו רייצען זיך היימליך און פרעהליך. און ער הויבט אן שטיפענדיג, ווי א קינד, צו ווייזען אלערליי קונצען אין שווימעריי: אויפ'ן רוקען, אהן הענד, אזוי געדרעהט זיך אין וואסער אויף אלערליי אופנים... נאכדעם אז מען פלעגט ארויס פון טייך און מען האט שוין אנגעטאן זיך, פלעגען אלע פעררויכערען צו פאפיראסען און מען פלעגט געהן אהיים. געהן פלעגט מען שטיל, לאנגזאם, אט עפּיס גלייך ווי די שטומע, טיעפע מחשבות פון דער נאכט שלעפען צו זיך, און עס איז באנג צו שיידען זיך מיט זיי... נאר לאנגזאמער פון אלעמען, און פון דערהינטען, איינער אליין, פלעגט געהן זיך טיעף פערקלערט אליה דער שוחט. עפּיס דאס הארץ איז ביי איהם פול, פול. דערצעהלען וועמען ווילט זיך איהם, ציהט איהם וועגען א סך, א סך מעשות פון זיך... דערצעהלען וואלט זיך איהם שטארק וועלען וועגען דעם, ווי ער האט אמאל, זענענדיג א בחור, געלערנט מיט גרויס התמדה... אז דער מחותן איז געקומען זעהן איהם דאס ערשטע מאל, האט ער איהם א גלעט געטאן פאר'ן באק און האט געזאגט: „א שיינער בחור“... און אויך דערצעהלען וואלט זיך איהם וועלען וועגען דעם, וואס אין דעם ערשטען האלב יאהר נאך זיין חתונה האט ער זיין ווייב געוואלט גט'ן דערפאר, וואס זי איז א מיאוס'ע... אויך וועגען דעם ויכוח, וואס ער האט אמאל, זענענדיג אין דענעבורג, געהאט מיט אנ'אפיקורס, און וועגען דעם, ווי ער איז ביי זיין פאטער אלס יתום געוועזן און איז אנטלאפען פון איהם צו פוס

אין האַרצקע אין קלויז לערנען... איהם רייסט, איהם רייסט דאָס האַרץ צו דערצעהלען דאָס אַלץ, נאָר... וועמען?... וועמען?.. און ער גערט זיך הינטער אַלעמען איינער אַליין שטיל, לאַנגזאַם. די גראָז, אָנגעוואַקסט מיט טוי, בויגט זיך אונטער זיינע פיס. די זשאַבעס קוואַקצען; וואו ניט וואו טוט אַ שפּרונג אַ זשאַבע פון אונטער זיינע פיס און ווערט צוריק פערשוואונדען אין די גראָז. די הימלען אין די ערד, די פעלדער און די וועלדער זענען פערטרונקען אין שטומע, אייביג שטומע מחשבות... און זיין האַרץ דריקט און דריקט און איז פול און עס ווילט זיך איהם דערצעהלען כאָטש וועמען עס איז אַ סך מעשיות וועגען זיך... אָדער איבער'חזר'ן נאָך אַמאָל יענע, יענע, אַמאָליגע מעשיות; לערנען אין קלויז מיט התמדה... גט'ן זיין מיאוסע ווייב... אַנטלויפען צו פוס... לויפען איבער בערג און טאָלען, איבער וועלדער און ברייטע, פרייע פעלדער...

און צוגעהענדיג צו זיין וואוינונג, פלעגט איהם דריקען דאָס האַרץ און אַ פחד פלעגט איהם אָנגעהמען פאַר זיין וואוינונג, פאַר זיין ווייב, פאַר דעם פינסטערען שלאָף-צימער...

-----

אַט אַזוי האָט זיך אליה דעם שוחט שווער געלעבט אויף דער וועלט. און פון טאָג צו טאָג אַלץ שווערער און שווערער. אויך האָט שמואל דער גביר פון שטעדטיל אַנ'איידעם גענומען. אַ דאַרינקער, אַ קליינטשינקער יונגער-מאַנטשיק איז ער געווען, און ער פלעגט שטענדיג המצאה'ען זיך. און זאַמאַסע האָט מען איהם געהאַלטען פאַר דעם קליגסטען פון גאַנץ שטעדטעלע. ער פלעגט לאַכען פון אַלעמען אין שטעדטיל, נאָר דערהויפּט האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף איהם, אויף אליה דעם שוחט. ער פלעגט לאַכען פון זיינע בגדים, פון זיין תאוה צו פאָהרען, פון זיין חשק צו באָדען זיך. און לאַכען פלעגט ער פון איהם אַזוי קיילעכדיג, קלוג, אַזוי געלעכטערדיג, אַז אַלע, הערענדיג זיינע המצאות, פלעגען זיך האַלטען ביי די זייטען פון געלעכטער. און פון טאָג צו טאָג פלעגט ער אַלץ מעהר לאַכען פון איהם, און אַלץ שטאַרקער און אַלין קליגער, און אליה דעם שוחט פלעגט פון טאָג צו טאָג אַלין מעהר דריקען דאָס האַרץ, מעהר רייסען די נשמה, ער פלעגט אַלץ מעהר חלומ'ען וועגען אַ נביעה'לע וואוהין עס איז. זיין חבר פון

הדר, דער אפיקורוס, פלעגט זיך אידם אליך אפטער דערמאנען, און זיינע ווערטער פלעגען אידם אליך אפטער הערען זיך און הענגען פאר אידם אין איער פאר די אויגען:

— ניטא קיין גאט...

און אפטער פלעגט דער גאנצער שטה פון דער ערד ביז'ן הימעל און אליך, וואס אין דעם שטה איז פארהאן, עפיס ווערען ווייס... ווייס... ווייס און מטושטש... און א גרויסער פחד פלעגט אידם אנכאפען פאר אליך, וואס ער זעהט פאר זיך: פאר דער ערד, הימלען, הייזער, מענשען... עפיס אליך הענגט אין דער־לופטען, אליך איז ווייס... ווייס און מטושטש... און עס איז אזא פחד!... און כמעט שטענדיג, שטענדיג פלעגט אידם ליגען אין זכרון, ווי ער איז אמאל, אז ער איז א יונגעל געווען, אנטלאפען צו־פוס פון זיין פעטער. און נאך אמאל זיין א יונגעל פלעגט אידם רייסען דאס הארץ און נאך אמאל לויפען... לויפען איבער בערג און טהאלען, לויפען... לויפען איבער וועלדער און ברייטע, פרייע פעלדער...

און איינמאל איז ער געגאנגען א שבת־צו־נאכט פון באדען זיך, ווי אלע מאל הינטער פון אלעמען. ער איז דאן געוועזן זעהר, זעהר טיעף פערטראכט און דאס הארץ האט אידם זעהר, זעהר שטארק געדריקט, מעהר ווי אלע מאל. און די שלייפען פון קאפ עפיס ווי צושפאלטען זיך ווילען זיי. עס רייסט זיך עפיס פון דארטען. און פלוצלונג האט אידם משונה א קעהר געטאן דער מה נעבען די שלייפען און... דער הימעל איז אויף דער ערד אראבגעפאלען...

פון דאמאלסט אן האט ער עפיס אויפגעהערט צו געדענקען די טעג פון וואך. אויך ווייס ער ניט, אויף געטוי, וואו ער געפינט זיך. עס טוט אידם עפיס ווען א ברען שארף דער מה, און עפיס ער לויפט, לויפט האסטיג איבער פעלדער און וועלדער... ער לויפט... אויך זעהט ער שוין ניט פאר זיך, פון דאן אן, ניט שמואל דעם גבירס איידעם, ניט זיין מיאוסע ווייב, ניט בערל דעם קצב, ניט גאנץ זאמאסע מיט אידרע איינוואוינער. און ער פיהלט זיך אזוי פריי... אזוי גרינג אויפ'ן הארצען... וואס איז מיט אידם איצט אזוינס? פאר וואס פיהלט ער זיך אזוי פריי? וואו זענען עפיס אלע מיט אמאל פערשוואונדען געווארען פון אידם? קיין סך טראכט ער וועגען דעם ניט, דאס איז אידם אזוי פער־שטענדיג — דער הימעל איז אויף דר'ערד אראבגעפאלען!...

אין עס טרעפט ווען, אז ער דערהערט פלוצלונג א משונה'ס קלאפ, דאכט זיך איהם, ווי א גרויסער דונער וואלט א קלאפ געטאן, אין עפיס דאכט זיך איהם, אז ער געפינט זיך אין א געדיכטען וואלד. פאר זיינע אויגען זעהט ער נאר בוימער און בוימער, און א זומערדיגער שלאקסרעגען גיסט און גיסט.. . אויך טרעפט ווען, עפיס ער פיהל'ט, אז איהם איז משונה קאלט, אזוי קאלט, אז די צייהן טרייסלען זיך ביי איהם אין מויל, און ער דערזעהט עפיס פאר זיך א ווייסע וועלט, דורך איינגעוויקעלט אין שניי, און אומבעקאנטע מענשען געהען ארום מיט פערפרארענע פנימ'ער, און עפיס א מחשבה לויפט דורך אין מח: שוין לאנג, לאנג א הלף און די העט ניט געדאלטען...

1906

# חיים וואלטערמאן

חיים וואַלטערמאַן — אַ בחור אַ יאָהר אַלט און צוואַנציג, אַ הייליבער, מיט אַ פּנים, וואָס איז בעוואַקסען מיט אַ פּערלאָזענער שוואַרצער באָרד, און וואָס איז תמיד פערזאָרגט, פערדאגה׳ט, און מיט בלאַסע, קינדערשע כשר׳ע אויגען — האָט שוין אויף דעם דריטען חודש פון זיין זיין אין ק. אָנגעהויבען צו קלערען וועגען אַוועקפאָהרען פון דער דאָזיגער שטאָדט. אָט אַזוי ווי בשעת ער איז געווען אין ה., איידער ער איז אַוועקגעפאָהרען קיין ק., און ווען ער איז געווען אין א., איידער ער איז אַוועקגעפאָהרען קיין ה., אָט אַזוי איצט אויך האָט ער אָנגעהויבען ניט צופרידען זיין פון דעם מין לעבען, וועלכעס איהם לעבט זיך דאָ. ניט אויף אַזוינס איז ער געפאָהרען קיין ק. און ניט צוליעב אַזוינס האָט ער וואָס צו פערבלייבען דאָ אויף ווייטער.

און ניט צופרידען איז חיים וואַלטערמאַן געווען פון אַלץ, וואָס האָט נאָר אַ שייכות געהאַט צו איהם דאָ אין ק., אויך אַפילו פון זיין וואוינונג איז ער געווען ניט צופרידען. זיין צימער איז געווען אַזוי אומעדיג און אַזוי רחמנות׳דיג. זיין פינקטליכע פיערקאַנטיגקייט און זיין נידריגקייט האָט עפּיס געמאַכט אַלץ, וואָס אין איהם געפינט זיך: דאָס בעטיל, דאָס קליינע פיערקאַנטיגע טישעל און די פּאָר שטולען — ווי אַלץ שטעהט ניט אויפ׳ן אָרט, און אַלץ, אַלץ איז ביטער אומעדיג. און די ווענד זיינע מיט די אַלטע ווייס־געלע אַפּיצעס זענען עפּיס געווען אַזוי רחמנות׳דיג, אָט כאָטש נעהם און רייס דיין האַרץ און גיב זיי אָב — אַלץ ניט אַזוי ווי עס בעדאַרף צו זיין און אַלץ ניט דאָס, צוליעב וואָס ער איז אַוועקגעפאָהרען פון ה. אַהער קיין ק. און עס האָבען זיך ביי איהם אָנגעהויבען ווידער זיינע איבערלעבונגען, וועלכע זענען איהם אַזוי גוט בעקאַנט געווען פון דער לעצטער צייט.

זיין גאַנצער קערפּער איז עפּיס ווי איינגעדריקט געוואָרען און איינגעקאָרטשעט האָט ער זיך. ביי נאַכט פלעגט ער שלאָ-

פֿען אומרוהיג אין משונה נארישע חלומות פֿלעגען איהם פּלאָנ־
טענען זיך א גאנצע נאכט. אין דער פֿריה פֿלעגט ער אויפֿשטעהן
פֿון שלאָף מיט א נארישען קאָפּ־וועהטאָג און מיט א פּוסטען מח
און הארץ. אזא פּוסטקייט, פֿאר וועלכער מענשען שרעקען זיך
אזוי און וועלכע דריקט אזוי שטארק די נשמה... ער פֿלעגט זיך
פֿיהלען נערוועז, בייז. פֿון זיינע בעקאנטע פֿלעגט ער ווייכען,
פֿלעגט זיך סטארען ניט צו בעגעגענען זיך מיט זיי, א גאנצען
טאָג פֿלעגט ער קיין אָרט ניט געפֿינען פֿאר זיך און פֿלעגט
ארומשלעפּען זיך איינער אליין אין די גאסען פֿון ק., וועלכע ער
האָט אזוי ניט ליעב געהאט. וועלכע האָבען איהם גלייך ווי גע־
יאָגט, געטריבען וואָס גיכער פּטור ווערען פֿון זיי... און אין
זיין מח פֿלעגען פּלאָנטענען זיך האלבע, צוריסענע, ווילדע מחשבות
וועגען מענשען און לעבען און וועגען זיך, און ווילדע, נארישע
ווילדע פֿאנטאזיעס פֿון וואָס עס איז ניט געשטויגען און ניט גע־
פֿלויגען. אז ער פֿלעגט קומען ביי נאכט אנ'איינגעמאטערטער אין
אומעדיגען צימער מיט די רחמנות'דיגע ווענד, פֿלעגט איהם אָנ־
כאפּען אזא פּוסטקייט ביים הארצען און אזא רחמנות פֿאר זיך...
ער פֿלעגט זיך אוועקזעצען ביים טישעל, פֿלעגט פּרובען נעהמען
לייענען א וואסער עס איז בוך, נאר עפּיס אזוי וויט ניט נעהעריג
צו איהם פֿלעגט זיין אָט דאָס אלץ, וואָס ווערט געשריבען אין
געטראכט אין די ביכער, אזוי פּוסט און קאלט, טויט און אזוי
וויט פֿון איהם... און ער פֿלעגט ווידער זיך פֿערקלערען. ער
פֿלעגט קלערען איבער די טעמים, פֿאר וואָס ער מוז פֿון ק.
אוועקפֿאָהרען. און דער הויפּט־טעם, פֿלעגט זיך איהם דוכטען, איז
דאָס, וואָס זיין לעבען איז עפּיס דאָ אוועק ניט אזוי ווי עס בעדארף
צו זיין... און אויך איבער דעם, וואָס זיינע בעקאנטע דאָ זע־
נען צופֿעליגע, מענשען ניט פֿון זיינע, און ניט ער איז א מענש פֿון
זייערע... דאָס איז געוועזען א גאנצע חבורה פֿון יונגע מענשען,
וועלכע פֿלעגען אזוי ליעב האָבען און פֿלעגען אזוי בעגייסטערט
ווערען פֿון פֿרעמדע מחשבות, פֿון פֿרעמדע גבורות... און קלע־
רענדיג וועגען דעם, פֿלעגט ער אוועקלאָזען דעם טישעל, פֿלעגט
אָנהויבען ארומגעהן אין זיין צימער אהין און אהער, רויכענדיג
א פּאפּיראָס נאך א פּאפּיראָס, און פֿלעגט ווידער אומקעהרען זיך
צו זיינע פֿאנטאזיעס און האלבע אָהן־סדר'דיגע מחשבות. ער
פֿלעגט אפֿילו בשעת מעשה טיעף אין הארצען וויסען, פֿיהלען,
אז ניט די צוריסענע, האלבע מחשבות, ניט די ווילדע נארישע
פֿאנטאזיעס וועלען איהם געבען וואָס, וועלען מאכען קליגער און

בעסער דאָ זיין לעבען, נאָר דאָך פֿלעגט איהם אַזוי ציהען דוקא צו די האַלבע צוריסענע האַלבע מחשבות, צו די ווילדע, נאַרישע תּילדע פֿאַנטאַזיעס פֿון וואָס עס איז ניט געשטויגען און ניט געפֿלויגען. אַ צייט, אַ צייט פֿלעגט ער אַזוי אַרומגעהן אין זיין צימער, רויכערענדיג אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס, מיט פֿערהלומטע אויגען, האַלטענדיג פֿעסט איין האַנד אין דער הויזען-קעשענע און טרעטענדיג גרויסע טריט און הילכיג איבער'ן פּאָדלאָגע. דערנאָך, אַז ער פֿלעגט זיך לעגען שלאָפֿען, פֿלעגט ער, ליגענדיג אויף זיין אומעדיגען בעטעל געגען דער אַזוי רחמנות'דיגער וואַנד, איידער ער פֿלעגט נאָך פֿערלעשען דעם לאָמפּ, אַזוי געשמאַק פֿאַרטיעפֿען זיך וועגען זיינע נאָך אַלטע קינדערשע פֿאַנטאַזיעס; עס פֿלעגט זיך קלערען איהם, אַז אַלע מענשען וועלען פּלוצלינג מיט איין מאָל אויסגעשטאָרבען אויף דער וועלט... עס האָט געטראָפֿען אַזוינעס, פֿון וואָס אַלע מענשען זענען אויסגעשטאָרבען און זענען פֿערשוואונדען געוואָרען... אַלע... געבליבען איז נאָר ער אַליין... איינער אַליין... משונה פּוסט איז גאָטס וועלט און משונה טיעף איז זי... ווילדע וועלדער, משונה'דיגע בערג און טאָלען, — און פּוסט און טיעף איז אַלץ אַרום איהם, און ער איז איינער אַליין אויף גאָטס וועלט... איינער אַליין... ער פֿלעגט זיך אין מיטען אויפֿכאַפּען און פֿלעגט ווערען בייז אויף זיך פֿאַר זיינע נאַרישקייטען, פֿלעגט פֿערלעשען דעם לאָמפּ, פֿלעגט זיך נאָך מעהר איינקאָרטשענען און פֿלעגט אַזוי וועלען וואָס גיכער, וואָס גיכער אַוועקפֿאָהרען פֿון ק.. אויף מאָרגען פֿלעגט זיין בעל-הבית'טע, אַן אַלטע פֿערביטערטע יודענע, איהם געוועהנליך זאָגען מיט אַ האַלבען שמייכעל און מיט אַ האַלבען אויסרייד:

— אַ מאָדנער בחור זענט איהר. פֿריהער געהט איהר אַרום איבער'ן צימער און טאָפּעט מיט די פֿיס אַ גאַנצע נאַכט, אַז מען קאָן ניט שלאָפֿען, און דערנאָך, אַז איהר לעגט זיך שלאָפֿען, שרייט איהר פֿון שלאָף קולות, אַקוראַט ווי מען קוילעט אייך...

———

אָט אַזוי האָט היים וואָלטערמאַן אָפּגעלעבט אין ק. צוויי חדשים נאָכאַנאַנד, זינד ער האָט אָנגעהויבען צו קלערען וועגען אַוועקפֿאָהרען, ביז וואַנען ער האָט געקראָגען אַ בריעף פֿון וו., אַז פֿון וואָס צו לעבען וועט ער דאָרט ווי עס איז קריגען און ער קאָן

קומען צופֿאָהרען. ווי נאָר ער האָט בעקומען דעם בריעף, איז איהם וועהר לײַכט געוואָרען אויפֿ'ן הארצען. דער בעוואוסטזײַן, אַז ער פֿאָהרט אַוועק פֿון ק., האָט ווי אַרײַנגעבלאָזען אין זײַן הארצען אַ פֿרישקײַט און פֿרעהליכקײַט. זײַן קערפּער איז גלײַכער געוואָרען אין גלײַך ווי ער איז אין איין מינוט אויסגעוואַקסען העכער. זײַן תמיד אומעדיגער שטערן איז שטאָלצער געוואָרען און זײַנע בלאָהע, קינדערש כשר'ע אויגען האָבען אָנגעהויבען צו גלאַנצען. אויף גאָטס וועלט איז דאַן פֿריהלינג געוועזען, דער שטענדיג אַלע יאָהר נײַאינקער פֿריהלינג.

עס זענען הויך און ליכטיג געוואָרען די הימלען פֿון דער שטאָדט ק., זי איז בעלײַכט געוואָרען מיט אַ ווייכער פֿרישער ליכטיגקײַט, און עס האָט פֿערשמעקט איבער אַלץ פֿון אַ ליכטיגער פֿרעהליכקײַט און פֿון גרינגינקע קלאָרינקע האָפֿנונגען. די בוימעלעך און בוימער אין די גאַסען און אין גערטנער האָבען פֿרעהליך פֿערשמעקט מיט גרינע, זאַפֿטיגע בוימער־ריחות, און פֿרעהליך דערצעהלט האָבען זיי פֿון אַ האָפֿנונג, אַז היי־יאָהר, היי־יאָהר וועלען זיי פֿונאַנדערלאָזען זיך און אויסוואַקסען מיט זייער גאַנצען מוט און קראַפֿט. עס זענען מינטער און גרין געוואָרען אין די שטאָדט־גערטנער די גרעזעלעך, און צווישען זיי האָבען זיך בעלעך זענען אַזוי פֿריש און זייערע בלישצענדיגע אויגעלעך זוכען וואָס גאַסען האָט געבלאָזען און געשפּיעלט זיך מיט די מענשישע פּנים'ער, מיט די מאַנסבילשע בערד און מיט די פֿרויען־צעפּ און האָר אַ פֿריהלינגס־ווינטעלע, וואָס איז אָנגעקומען ווי פֿון הײַט, ווײַט, פֿון אַ חוצ'ן שטאָדט, פֿון די בעגרינטע פֿריהלינגס־פֿעלדער און וועלדער. און צווישען די סך מענשען אין די גאַסען האָבען זיך בעוויזען און געוואָרפֿען אין די אויגען, ווי די בלאָהע קאַראַס־קעס צווישען די זאַמען קאָרן אין די פֿעלדער, יונגינקע שעהנינקע מיידעלעך אין גרינגינקע ווײַסינקע קאָפּטעלעך. זייערע נאַיווע פּנימ־לעך זענען אַזוי פֿריש און זייערע בלישצענדיגע אויגעלעך זוכען וואָס און שפּיעלען זיך מיט אַלעמען. פֿון ערגיץ אַן אָפֿענעם פֿענסטער הערט זיך, שוועבענדיג אין גאַס אַרײַן און צוזאַמענמישענדיג מיט דעם פֿרעהליכען פֿריהלינג, אַן אַקאָרד פֿון אַ פּיאַנע. אַ פֿער'חלומ'טער, אַ בענקענדיגער, נאָר דאָך אַזוי פֿול איז ער מיט פֿריהלינג... און אַלץ, אַלץ, וואָס איז פֿערטרונקען אין דעם ליעבען ליכטיגען פֿרי־שען און ווײַסען פֿרעהליכען פֿריהלינגס־טאַנץ, אַלץ וואָס עס געפֿינט זיך אין דעם שטח פֿון די הימלען ביז דער ערד, אַלץ איז אַזוי פֿול מיט פֿריהלינג. און אַלץ פֿון גאָטס וועלט — יעדע זאַך און יעדע־

דער מענש, ווי אריבערשטייגען וויל ער דעם אנדערען אין פריהלינג, גלייך ווי ער וויל ווייזען, אז ער איז מעהר מונטער פאר דעם צווייטען, מעהר פרעהליך און גליקליך...

און אז היים וואלטערמאן איז ארויס אויף דער גאס מיט דער פרעהליכער מחשבה, אז ער פאהרט אוועק פון דאנען, און אז אלץ אט דאס, וואס האט איהם אזוי געדריקט דא זיין נשמה, האט שוין אויף איהם קיין שליטה ניט און אז אלץ איז שוין גאר ניט שייך מעהר צו איהם, איז איהם אזוי געפעלען געווארען גאנץ וועלט. אלץ, אלץ, אויך זיינע בעקאנטע, אויך זיין אומעדיג און רחמנות׳דיג צימער, אויך די גאנצע שטאדט מיט איהרע פיעלע נארישע געדיכטע מויערן איינע נעבען דער אנדערער, פון וועלכע ער האט זיך אזוי געריסען פון זיי פטור צו ווערען,— אט דאס אלץ איז הי פערשוואונדען געווארען עפיס וואו הינטער איהם, עפיס וואו אין א וועלט, וואס האט צו איהם קיין שום שייכות ניט, אין א וועלט, וועלכע איז לגמרי ניט זיינע... און ווי שען און ליעב איז גאנץ וועלט! א קוואל, גרויס ווי די וועלט, פון פרישען, ווייכען פריהלינגס־ליכט, א ווייכער, גרינגער שפיעלענדער פריהלינגס־ווינד מיט ליעבע גרינגע פריהלינגס־ריחות פון בוימער און בוימעלעך, פון גראזען און אלערליי בלימעלעך. יונגינקע בחורים און מיידעלעך מיט כשר׳ע פנימ׳לעך און שענינקע ליעבע אויגעלעך, פרישע זאפטיגע בליהענדע בוימער, גרינע גרעזעלעך און ליכטיגע, קלארווייסינקע בלימעלעך — א שענע ליעבע וועלט!

אויף מארגען, ווי ער האט בעקומען דעם בריעף, איז ער שוין געשטאנען, מיט בלישצעדיגע אויגען, נעבען פענסטער אין וואגאן, קוקענדיג פערקלערטערהייד אויף די וועלדער און פעלדער, וועלכע ווייזען זיך און ווערען תיכף פערשוואונדען, און איז געפאהרען קיין וו.. אויפ׳ן הארצען איז איהם געווען פריי און עפיס פרעהליכעס האט זיך געפלאנטערט ביי איהם אין מח. אויף קלאר אפילו, אויף בעשטימט, אין וואס פאר א אופן און ווי אזוי וועט זיך איהם לעבען אין וו., האט ער ניט געוואוסט. נאר גענוג איז פאר איהם דערווייל געווען, אז פון דעם לעבען און מענשען, וואס ער האט געוואוסט ביז איצט, פאהרט ער אוועק. און זיין נשמה איז געווען פריי, מונטער און פרעהליך...

אין וו. איז היים וואלטערמאן געקומען מיט דער זעלבער פרעהליכער נשמה, ווי בשעת ער איז אוועקגעפאהרען פון ק. אין זיינע אויגען האט נאך געבלישצעט נאר דאס פריהלינגס־ליכט, און אין די גאסען האבען זיך געווארפען פאר זיינע אויגען נאר די

יונגינקע בחורימלעך און מיידעלעך. ער האט שוין מונטער גענומען א צימער, אנגעהויבען פלייסיג צוזוכען פון וואס צו לעבען דא. און זענענדיג פער׳שכור׳ט פון דעם נייעם ארט, פון דער נייער שטאדט, האט זיך איהם דערווייל געלעבט פרעהליך און גרינג, גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, גאר נישט ניט געפאדערט, ניט פון זיך און ניט פון קיינעם, — אט עפיס גלייך ווי ער לעבט ערגיץ אין דער לופטען, ניט האבענדיג קיין שייכות צו גארנישט, וואס עס איז דא אויף דער וועלט. אויך האט ער זיך דערוואוסט, קומענדיג אין וו.., אז אין א פארשטעדטיל דא וואוינט איצט זיינע זעהר א גוטע בעקאנטע, ליזע, וועלכע ער האט שוין פיער יאהר ניט געזעהן. ער האט זי געדענקט פאר א מיידעל מיט א פאר ליעבע ברענענדיגע שווארצע אויגען, מיט א פנים פול מיט חן און א פערשעמטער ווילדקייט. אין די עטליכע טעג, ביז וואנען ער האט זיך איינגעארדענט מיט א צימער און האט זיך געקליבען געהן זעהן זיך מיט ליזען, איז זי ווי א לעבעדיגע געשטאנען פאר איהם. אט הערט ער, דאכט זיך, דעם מיידעלשען ריח פון איהרע שווארצע, ווי א זשוק, האר און אט זעהט ער, דאכט זיך, איהר לייכטען, לעבעדיגען קערפער מיט איהר מיידעלשער צניעה׳דיגער ברוסט. און חלומ׳ען האט זיך איהם גע׳חלומ׳ט די עטליכע טעג, אז ער וועט זיך נאר איינארדנען דא, וועט ער אפט זיין ביי איהר אט ווי אמאל, אמאל, ווען זיי האבען געלעבט ביידע אין מ. און אזוי ווי דעמאלסט וועט ער איצט אויך אויסדערצעהלען איהר פון אלץ, וואס זיין הארץ דריקט. אט ווי אמאל, וועט ער איצט אויך, פערקאמענדיג איהרע ליעבע, וויכע, לאנגע שווארצע האר, דערצעהלען איהר, ווי אומרוהיג איהם האט זיך געלעבט אין די פיער יאהר און ווי שווער זיי זענען ביי איהם אריבער. און דער דאזיגער חלום האט נאך געמאכט גרינגער און פרעהליכער זיין נשמה.

נאר עס איז אריבער א חדש פון היים וואלטערמאנס זיין אין וו.., און ערגיץ טיעף, טיעף אין הארצען האט ער אנגעהויבען פיהלען א פחד פאר עפיס ווידער אזוינס, וואס ער האט געפיהלט, זענענדיג אין ק.., איידער ער איז אוועקגעפאהרען פון דארטען. אבער ווי אזוי איז דאס געווארען? ווען האט זיך דאס אנגעהויבען?.. וואסער טאג? וועלכע מינוט? — האט ער אליין אויך ניט געוואוסט. ווי נור ער האט אנגעהויבען לעבען נארמאל, — ער האט שוין געהאט א שטענדיגע אלע־טאגעדיגע צימער, שטענדיגע, אלע־טאגעדיגע ארבייט און שטענדיגע אלע־טאגעדיגע בעקאנטע, — האט איהם אנגעהויבען צייטענווייז צו הערען שווער אויף זיין נשמה. די שכרות

פון דעם נייעם ארט האט אנגעהויבען אויסצואזעבען זיך פון איהם. דאס פריהלינגס־ליכט האט אנגעוואָרען איהר גלאַנץ, און אין די גאַסען האָבען זיך אָנגעהויבען צו וואַרפען פאַר זיינע אויגען וואַכעדיגע, פערביטערטע יודישע פנימ'ער מיט פערקנייטשטע שטערענס און אויגען פול מיט אַנגסט, וועלכע רעדען אַזוי פון גלות און פון אייביגע, אייביגע צרות... אויך דער חלום וועגען ליזען האט זיך צו גאַרנישט אויסגעלאָזען. ער האט זי געפונען ניט אַזאַ, ווי ער האט געהאָפט צו געפינען, און פון זיין חלום איז גאָרנישט געוואָרען. איהרע אויגען זענען נאָך אפילו איצט אויך געווען צייטענווייז ליעבע און ברענענדיגע, איהר פנים איז נאָך היינט אויך געהאַט פיל מיט חן, נאָר די פערשעמטע בעהאַלטענע ווילדקייט איז שוין ניט געווען אין איהם. פונקט ווי אַ גראָבע האַנד פון אַ גראָבען מענשען האט דאס אָבגעווישט, אָבגעוואַשען. אויך האָבען זיך בעוויזען אויף איהר פנים נעבען די ווינקלעך פון איהר מויל אַ פּאָר פראָסטע קנייטשלעך; קנייטשלעך, וועלכע רעדען פון לעבען, פון דער ערד, פון קאָפּוועדעטאָג און זאָרגקייט, און איהר גאַנצער קערפּער האט אָנגעוואָרען זיין לייכטקייט און ער איז געוואָרען ווי אָבגעלאָזען, פויל און מיעד... און צו דעם אַלץ האט ער זי נאָך געפונען זענענדיג זעהר נאָהענט מיט איינעם אַ בחור פּאָדאָלסקי. דאס איז געווען אַ בחור אַ יאָהר ניין־און־צוואַנציג, אַ לעהרער פון רוסישע שטונדען, מיט אַ נאַרישען זאַטען פנים און קערפּער. דאס איז געווען איינער פון די מענשען אויף דער וועלט, וואָס ניט דאס לעבען פּאָדערט פון זיי וואָס און ניט זיי פון לעבען... זיי זענען תמיד גלייכגילטיג און לאַניש, מוזען האָבען אַלע טאָג אַ בלאַט, האָבען עטליכע גוטע שטונדען און אַ שענע פרוי, צו וועלכער זיי זאָלען קאָנען צוקלעפּען זיך, ווי אַ פּיאַווקע צו מענשען, און האָבען הנאה פון דער וועלט... און אַזוי נאָהענט איז שוין ליזע געזעסען מיט פּאָדאָלסקי'ן, אַז זיי פּלעגען זיך שוין דערצעהלען איינער דעם אַנדערען וועגען קאָפּ־וועהטאָג, וועגען אַ וואָרימעס, וועלכער פלעגט ניט געפעלען זיין, און וועגען דעם מאָגען, אַז ער איז ניט אין אָרדענונג... און אַזוי האָט איהם גערופּעט זיין נשמה און פערדראָסען האָט איהם זיין האַרץ איבער ליזען.

און פון טאָג צו טאָג פלעגט דער פחד ביי איהם פאַר זיינע בעקאַנטע געפיהלען און איבערלעבונגען ווערען מעהר און מעהר, און זיין נשמה האָט דערפיהלט, ווי זיי קומען שוין אָן. און פון טאָג צו טאָג האָט זיך איהם אַלץ מעהר אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגען דעם לעבען און מענשען... וועגען אַמאָליגע זיינע בעקאַנטע,

צווישען וועלכע עס איז געווען אויך ליזע, וועגען זיך, וועגען ליזען. געקלערט האָט ער בּיטער וועגען אַלע זיינע בּעקאַנטע, וועלכע האָבּען געלעבּט צוזאַמען מיט פיער יאָהר צוריק אין מ., אַלע צוזאַמען פערבּונדען מיט ניט קלאָרע אַפילו, נאָר הייסע און ריינע חלומות וועגען דעם, ווי זיי וועלען לעבּען אויף דער וועלט שען און גרויס, ווי זיי וועלען מיטטראָגען מיט זיך אין לעבּען עפּיס אַזוינס נייעס, נייעס פון אַ שענעם, ריינעם און גרויסען לעבּען. געקלערט האָט ער וועגען דעם, וואָס פון זיי אַלעמען איז איצט געוואָרען ניט אָט דאָס, גאָר ניט אַזוינס, ווי מען האָט דאַמאָלסט געחלומט. איטליכען פון זיי האָט עפּיס דאָס לעבּען צוגעשטופּט, צוגעדריקט צו אַן אָרט, אַ ווינקעל, און אַזוי ווערען בּיי זיי פערלאָשען פון טאָג צו טאָג און אָבּגעווישט פון זייער הארצען די אַמאָליגע חלומות און מחשבות וועגען דעם לעבּען, מענשען און וועגען זיך... און ווען ער פלעגט קלערען וועגען דעם, פלעגט איהם אָנכאַפּען בּיים האַרצען אַזאַ בּענקעניש נאָך עפּיס אַזוינס אַנדערש וואָס, אַנדערש וואָס ער זעהט פאַר די אויגען און וואָס ער ווייס פון דעם לעבּען, און אַזאַ פּחד און אַ רחמנות פלעגט איהם אָננעהמען פאַר דאָס אַלץ, וואָס ער זעהט און ווייס...

און געקלערט האָט ער אַ סך, אַ סך וועגען זיך אַליין. וועגען דעם, וואָס פון דער גאַנצער חבורה דאַן אין מ. איז נאָר ער אַליין געבּליבּען אַזוי מאָדנע לעבּענדיג אויף דער וועלט און קאָן זיך ניט געפינען קיין שום אָרט, קיין שום ווינקעל אין לעבּען... עפּיס אין ערגיץ קאָן ער זיך ניט אָבּשטעלען און צו גאָרנישט טויג ער ניט... אַמאָל מיט אַרבּייטער האָט ער געהאַט אַ ניעסק. ער האָט געלעבּט מיט זיי, ער פלעגט מיט זיי שמועסען וועגען קנעכט און האַרען, וועגען שטענדיגע צרות און מענשענס האַרצען, פון דעם קויטיגען, שטענדיי פאַלשען לעבּען. פלעגען זיי עפּיס זיין ניט צופרידען פון איהם: „ער רעדט און רעדט, פלעגען זיי זאָגען אויף איהם, היצט זיך און היצט זיך, און קיין טאָלק קענען מיר פון איהם אַלץ ניט דערגעהן“. אויך ווען ער האָט אַמאָל געשריבּט אַוועקשיקען אַ זאַך אויף צו דרוקען, האָט מען איהם געענטפערט: „איהר דענקט, האָט אַ הייסעס האַרץ, נאָר די טעכנישע זייט פעהלט אייך“. און איין מאָל, האָט אַ מיידעל האָט איהם געליבּט, און ער זי אויך, און אין אַ נאַכט, ווען אַזוי טרויעריג איז זיין נשמה געווען און נאָך אַ נשמה דערבּיי האָט זיך געריסען זיין האַרץ צו דערפיהלען, און ער האָט דאַן זיין געליבּטע אַרומגענומען, האָט איהם עפּיס פּלוצלונג געכאַפּט אַזאַ פּחד פאַר איהר, פאַר איהם, פאַר'ן לעבּען... עפּיס

משוגה האָט איהם אויסגעזעהן אין זיינע אָרעמס אַט דער צאַפּעל־דיגער, הייסינקער קערפּער... די בלישטשענדיגע, משוגה־דיגע, אָהני־זינענדיגע אויגעלעך... וואָס איז דאָס אַזוינס?.. ווער איז ער?.. זי?.. די הימלען... די ערד... מענשען?.. ער האָט דאַן דער־פיהלט, אַז זיין מוח טאַפּט עפּיס אָן אַזוינע מחשבות, וואָס אַ פּחד כאַפּט פאַר זיי... און ער האָט פאַר איהר דאַן גערעדט, גערעדט פון אַזוינס, וואָס זי האָט געקוקט אויף איהם מיט משוגה־דיגע, ניט פערשטעהנדיגע און אומגעלומפּערטע אויגען...

אויך אַ סך, אַ סך פלעגט זיך איהם קלערען וועגען ליזען, וואָס דאָס לעבען האָט זי אַזוי גיך איבערגעבראָכען... אַט די אַמאָליגע צוואַנציג־יאָהריגע ליזע, וואָס אַלע האָבען דאַמאָלסט אין האַרצען געגלויבט אין איהר און געהאַסט פון איהר מעהר, מעהר, ווי פון אַלעמען... און אַזוי ביטער און האַרצרייסענדיג פלעגט ער קלערען איבער איהר...

און די דאָזיגע ביטערע מחשבות זענען פון טאָג צו טאָג געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר, און אַלץ ביטערער האָבען גענו־מען אויך דאָ אין וו. אַרומנעהמען זיין האַרץ זיינע אַלטע, גוט־בעקאַנטע איבערלעבונגען. ווידער עפּיס אַ נאַרישע אונצופריעדענ־קייט פון אַלץ, וואָס איז נאָר נוגע צו איהם דאָ און אַ ווילדער כעס עפּיס ניט אויף וועמען עס איז בעזונדערס אָדער אויף וואָס עס איז אַ דייטליכעס, נאָר אַזוי, סתם, גלאַט אין דער וועלט אַריין... ווידער די נאַרישע חלומות אַ גאַנצע נאַכט, ווידער דאָס אויפשטעהן מיט אַ פוסטקייט אין מוח און אין האַרצען, פון וועלכע עס הדיקט אַזוי די נשמה... ווידער די האַלבע, צוריסענע מחשבות און די נאַרישע, ווילדע נאַרישע פאַנטאַזיעס פון וואָס עס איז ניט געשטויגען און ניט געפלויגען און ווידער דאָס פערטיפען זיך פאַר'ן שלאָף אויפ'ן בעטיל אין די קינדערישע, נאַרישע מחשבות, אַז אַלע, אַלע מענשען פון דער גאַנצער וועלט זענען אויסגעשטאָרבען און זענען פערשוואונדען געוואָרען. און אויף דער פוסטער און ווילדער גאָטס וועלט איז נאָר ער איינער אַליין געבליבען... ער איינער אַליין... איינער אַליין...

און ווידער רייסט אַזוי די האַרץ אַוועקפאָהרען פון וו., אַוועקלוי־פען פון דעם אָרט, פון דער דאָזיגער שטאָדט, וואו ער געפינט זיך יעצט, גלייך ווי אויף אַנ'אָמת'ן אָט דאָ, אָט נאָר אין דער דאָזיגער שטאָדט איז בעהאַלטען דאָס גאַנצע אומגליק פון זיין שווערער נשמה...

ביי ליזען פלעגט ער אַפילו זיין גאַנץ אָפּט, נאָר ליזע פלעגט איהם גאָר ניט גרינגער מאַכען זיין האַרץ. פערקעהרט, נאָכ'ן אַוועקגעהן פון איהר, פלעגט אויף זיין נשמה ווערען נאָך

שוועֶרעֶר. אַז עֶר פֿלעֶגט קוּמעֶן צוּ איהר, פֿלעֶגט עֶר זי געֶפֿינעֶן לי־געֶנדיג אין בעֶטיל מיט פֿינאַנדערגעֶלאָזעֶנעֶ האָר און מיט אַ פֿוּלעֶן קערפּעֶר און נשמה, און פּאָראַלסקי פֿלעֶגט זיין נעֶבעֶן איהר, ניט אָפּטרעֶטעֶנדיג פֿון בעֶטיל ניט אויף איין מינוט. אַז זי פֿלעֶגט איהם דערזעֶהן, פֿלעֶגט זי עֶפּיס ווי פֿערשעֶמעֶן זיך פֿאַר איהם, און עֶס איז ניכּר געֶוועֶן פֿון דאָס טרויעֶריגעֶס, וועֶלכעֶס פֿלעֶגט דורכלויפֿעֶן איהר פּנים, ווען עֶר פֿלעֶגט אַריין, אַז עֶר שטערט איהר עֶפּיס אין וואָס אין מאַכט איהר שווער אויף איהר נשמה. נאָר דאָך פֿלעֶגט זי בלייבעֶן ליגעֶן אויפֿ'ן בעֶטיל די זעֶלביגעֶ, ווי איידעֶר עֶר פֿלעֶגט קוּמעֶן. אָפֿט, זעֶהר אָפֿט פֿלעֶגט זיך איהם וועֶלעֶן דורכשמוּעסעֶן זיך מיט איהר. עֶפּיס וואָס דערצעֶהלעֶן איהר, עֶפּיס וואָס זאָגעֶן איהר... נאָר זי פֿלעֶגט ווי סטאַרעֶן זיך ניט צו בלייבעֶן מיט איהם אַליין, גלייך ווי זי וואָלט מורא האָבעֶן פֿאַר איהם... פֿאַר זיינעֶ רעֶד... מעֶהר ניט איינמאָל האָט זיך געֶטראָפֿעֶן, אַז עֶר האָט מיט איהר אָנגעֶהויבעֶן צו רעֶדעֶן וועֶגעֶן זיין לעֶבעֶן, וועֶגעֶן זיך, נאָר באַלד האָט איהם אָנגעֶכאַפּט אַ פֿערדראָס פֿאַר זיינעֶ רעֶד, און עֶר איז אַנט־שוויגעֶן געֶוואָרעֶן. איהם האָט זיך אויסגעֶדוכט, אַז אומזיסט איז זיין ודוי פֿאַר איהר. ליזעֶ האָט אַפֿילו געֶהערט איהם מיט אַן אומעֶ־דיגעֶן פּנים און האָט דערביי אַ זיפֿץ געֶטאָן, נאָר איהם האָט זיך אויסגעֶדוכט, אַז דעֶמזעֶלבעֶן אומעֶדיגעֶן פּנים און דעֶמזעֶלבעֶן זיפֿץ האָט עֶר בעֶמערקט נעֶכטעֶן פֿון ליזעֶן, ווען פּאָראַלסקי האָט פֿאַר איהר זיך געֶקלאָגט, אַז זיין מאָגעֶן איז ניט אין אָרדנונג, — און עֶר איז אַנטשוויגעֶן געֶוואָרעֶן. ליזאַ איז בלייך געֶוואָרעֶן, גלייך ווי איהר האָט שטאַרק אָנגעֶריהרט זיין אַנטשוויגעֶן ווערעֶן מיט אַמאָל. נאָר עֶר איז אויפֿגעֶשטאַנעֶן און איז אַוועֶק. און אַ גרויסעֶר רחמנות האָט אָנגעֶנוּמעֶן זיין האַרץ פֿאַר דעֶם לעֶבעֶן, פֿאַר איהר און פֿאַר זייערעֶ ביידעֶ לעֶבעֶנס... און אַזוי אַוועֶקצופֿאָהרעֶן פֿון װ., וואָס ניכער פֿון װ. האָט געֶריסעֶן זיין האַרץ.

איינמאָל, אַ פֿאַרנאַכט, אין איינעֶם זעֶהר אַ שווערעֶן טאָג אויפֿ'ן האַרצעֶן ביי היים וואָלטערמאַן, איז עֶר געֶקוּמעֶן צו ליזעֶן. קיינעֶר איז דאָן ביי איהר ניט געֶוועֶן, און עֶר האָט זי געֶפֿונעֶן איינעֶ אַליין. אַ צייט זענעֶן זיי געֶזעֶסעֶן ביידעֶ און האָבעֶן געֶשוויגעֶן, און ביידעֶן איז געֶוועֶן, גלייך ווי עֶס טוּט זיך וואָס ביי זיי אין האַרצעֶן; עֶס ווילט זיך וואָס זאָגעֶן איינעֶר דעֶם אַנדערעֶן, נאָר עֶס רעֶדט זיך ניט.

— איירעֶ שיך זענעֶן עֶפּיס מאָדנעֶ צעֶריסעֶן — האָט לִזאָ

יזע געזאגט, קוקענדיג אויף זײַנע פיס, אט אזוי ווי קײַן אנדער אך האט זי ניט געפונען צו זאגען איהם.

ער האט א קוק געגעבען אויף זײַנע צוריסענע שיך און האט געזאגט שעמעדיג מיט אנ׳אומעדיגען שמייכעל:

— אט אזוי ווי מײַן נשמה...

ליזע האט אימעדיג א שמייכעל געטאן.

-- וואס זאל זײַן? — האט זי ליעבליך געשמייכעלט — איהר קאנט ניט לעבען אויף דער וועלט...

— איך ווייס ניט, צי איך קאן ניט לעבען — האט ער שטי־לערהייד געזאגט, קוקענדיג אויף זײַנע שיך — אדער אלע לעבען ניט אזוי, ווי עס בעדארף צו זײַן... איך ווייס ניט... איך ווייס ניט..

א ווײַסער וואלקען איז דורכגעלאפען ליזעס פנים, און טרויעריג ביז צו טרערען זענען איהרע אויגען געווארען, און זיי זענען ווידער אנטשוויגען געווארען. באלד איז געקומען פאדאלסקי מיט זײַן זאטען קערפער און פנים, און חיים וואלטערמאן איז אויפגעשטאנען און איז אוועק פון ליזען, ווי אלע מאל, אנ׳אומעדיגער, מיט א צופלאנטעטען מח און הארצען, און עפיס דאס מאל נאך מעהר ווי אלע מאל. דער דאזיגער קליינער שמועס מיט ליזען האט אזוי ביטער אויפגערעגט איהם.

ער איז ארויסגעגאנגען פון ליזעס דאטשע און איז אוועק צום שטאדט צו. עס איז שוין געווען שפעט פארנאכט און די זון איז שוין פערגאנגען. ווינטעלעך, גרינגע, ליעבע, סודות׳דיגע ווינטעלעך ליפען איינער צו דעם אנדערען אין דעם גאנצען שטח פון דער ערד ביז די הימלען, פלאנטערען זיך איינער מיט דעם אנדערען און וועבען, וועבען סודות׳דיג די פול מיט סודות שטילע, טיעפע זומער־נאכט. און זיי וועבען זי אזוי געשווינד און ערנסט. אלץ ארום — די בערגלעך, די טאלען, די וועלדעלעך, די עטליכע בוימדעלעך דארט אין דער זײַט, ווײַט, ווײַט. און די הײַזער שטילערהייד צעווארפענע דא און דארטען צווישען קופקעלעך ביימער, — אלץ, אלץ, יעדע זאך ווערט אויף א קליינע ווײַלע איינזאמער, ווי א בעזונדער וועלט פאר זיך... ווערט פון מינוט צו מינוט טונקעלער און ווערט פערוועבט און פערוויקעלט אין דער שטומער, שטילער, טיעפער נאכט. און א בילד נאך א בילד ווערט פערשוואונדען. און א שטערן נאך א שטערן בעווײַזען זיך אין די טיעפע קלארע שטומע הימלען. און פון מינוט צו מינוט ווערען די ארעמס פון דער נאכט אלץ גרעסער, טיעפער און סודות׳דיגער

אין לאָזען זיך אויף דער וועלט. אַלץ שטילער און פֿעסטער נעהמען זיי אַרום די וועלט און אַלץ וואָס אין איהר איז דאָ. היים וואַלטערמאַן איז געגאַנגען איינער אַליין פֿערקלערטערהייד, און זיינע פֿער־הלומ׳טע אויגען האָבען געקוקט, ווי די טיעפֿע זומער־נאַכט קומט אָן. שען איז צו קוקען אויף גאָטס וועלט. גרויס איז זי, טיעף איז זי און פֿול מיט שטומע מחשבות פֿון אייביגקייט... און זיין האַרץ האָט משונה ביטער געפּרעסט און געפּרעסט. ער איז צוגעגאַנגען צום שטאָדט. אַ לאַנגע אַ גרויסע גאַס האָט זיך געצויגען פֿאַר איהם וויט אין שטאָדט אַריין.

אַ שטיק פֿייער פֿון אַן עלעקטרישער לאַמטערנע דאָ ניט וויט פֿון איהם האָט אָנגעשטופּט ווי מיט גוואַלד די שוואַרצע טיעפֿע, סודות׳דיגע נאַכט און געהעלטיגט, ווי אויף צו להכעיס דער נאַכט, אויף אַ שטיק גאַס. עטליכע איזוואָשטשיקעס לויפֿען דורך איבער׳ן גאַס, דונערענדיג איבער דער ערד. אין דאָרטען אין מיטען גאַס געהען אַרום מענשען געשווינד, גיך אַהין און אַהער. ער האָט געקוקט אַ ווייַלע אין גאַס אַריין, און אַזוי טרויעריג און פּחדיג איז איהם געווען צו געהן איצט אין שטאָדט אַריין, אַהיים אין זיין צימער. ער האָט זיך אומגעקערט צוריק. ער איז געגאַנגען פֿערקלערטערהייד, ניט וויסענדיג, וואוהין ער געהט און נאָך וואָס ער געהט. ער איז אַרויף אויף אַ בערגיל נעבען די דאַטשעס און האָט זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט אַ קוק געגעבען אַהין, דאָרטען צום שטאָדט צו, און האָט געקוקט אויף דער שטאָדט, וועלכע איז געלעגען אויף דער שענער טיעפֿער גאָטס וועלט ווי אַ גרויסע מיאוסע לאַטע פֿון אַ סך, אַ סך פֿערשידענע מויערן, צוגעדריקט איינער נעבען דעם אַנדערן. און אַזוי מיאוס, ניט נויטיג האָט איהם אויסגעוויזען די דאָזיגע גרויסע מויערן־לאַטע...

ער האָט צוגענומען זיינע אויגען פֿון דער שטאָדט און האָט זיך פֿערטיעפֿט אין דער נאַכט, און די נאַכט איז אַזוי פֿול מיט אייביגקייט און אַזוי טיעף... און אַזוי געלוסט דיין נשמה כאַפּען. אַנטאַפּען דעם עיקר, דעם תוכן, די נשמה פֿון דער דאָזיגער גרויסער זאַך, וועלכע נעהמט אַרום די גאַנצע וועלט און דיך אויך, און די קוקסט אויף דעם, דאַכט זיך, מיט אָפֿענע זעהענדיגע אויגען... אין דאַכט זיך, אָט, אָט טאַפּט דיין נשמה אָן אָט דעם גרויסען סוד, אָט די טיעפֿע נשמה פֿון דער נאַכט. אָט, אָט נעהמט דיין נשמה אַרום דאָס אַלץ... און דאָך רייסט דיין האַרץ, און דו פֿיהלסט, אַז קיינמאָל, קיינמאָל וועסטו ניט אָנטאַפּען אָט דאָס, צו וואָס דיין נשמה ציהט אַזוי... קיינמאָל, קיינמאָל וועט דאָס דיין

האַרץ ניט אַרומגעהמען, אָט אַזוי ווי די ריחות פון בינטלעך יסמין־קענדיגע בלומען: דיין נשמה שמעקט זיי, און דאַכט זיך, נאָך אַ ווײַלע, נאָך אַ ווײַלע פיהלען זייערע ריחות, און אָט, אָט וועסטו כאַפּען דעם עצם ריח, דעם סוד פון די דאָזיגע איינשיכּור׳־נדיגע ריחות, — אוי דאָך פיהלסטו, אַז דאָס איז מעהר נישט ווי ווינ־טעלעך פון דעם דאָזיגען סוד, פון דעם אמת׳ן בלומען־ריח...

ער איז געזעסען פערטיעפּט אין דער שטומער נאַכט. און איבער זיין האַרץ האָבען זיך געצויגען נשמה־רייסענדיגע מחשבות... געריסען האָט איהם דאָס האַרץ איבער דעם, וואָס ער ווייס ניט, ווי צו לעבען אויף דער וועלט און קאָן ניט לעבען; איבער דעם, וואָס ער ווייס ניט, וואָס איז דאָס אַזוינס דאָס לעבען, מענשען און דאָס אַלץ, וואָס ער זעהט פאַר זיך און ווייס פון דעם לעבען... עפּיס אַלע, אַלע מענשען זענען אַזוי זיכער אין זייער לעבען, אין זייערע מחשבות און מעשים... און ער... ער ווייס ניט... ער ווייס ניט... ער ווייס ניט, ווי צו לעבען... ער ווייס ניט, ווי לעבען דאָס אַזוי אַלע אויף דער וועלט... וועגען גאָט רעדען אַלע אַזוי זיכער און געוויס... ווער ווייס?... פאַרהאַן אַ גאָט אויף דער וועלט?... פאַרהאַן אַ גאָט?... דאָרטען, דאָרטען אין די טיעפע, אייביג, אייביג שטילע הימלען... אין די שטומע הימלען... פאַר־האַן אַ גאָט?... אַ גאָט אַ פּראָסטער... אַן אמת׳ער גאָט... אַ גאָט... און וואָרים ווערט אויפ׳ן האַרצען, אויב יאָ... ווער ווייס?.. ער ווייס ניט... גאָרנישט ווייס ער ניט... גאָר נישט... און געבענקט האָט זיין האַרץ און ביטער געדריקט פון דעם, וואָס שוין לאַנג, לאַנג האָט ער ניט געפיהלט נעבען זיך אַ נשמה, וועלכע זאָל זיין היים צו איהם, וועלכע זאָל איהם כאָטש וועהן עס איז, כאָטש אויף אַ קליינע ווײַלע גרינגער מאַכען... שוין לאַנג לאַנג האָט ער ניט געהערט קיין היים וואָרט צו איהם פון וועמען עס איז... קיין ערנסטען הייסען דריק פאַר זיין האַנד... זיין נשמה האָט אַזוי משונה געדריקט און וועה געטאָן... און עפּיס ווי זיין האַרץ איז פיל געוועזען ווי מיט מוראַשקעס, וועלכע טאַטשען, טאַטשען און נאָגען זיין האַרץ און עפּיס גלייך ווי ניט נאָר אינווייניג אין האַרצען, אויך זיין העמד נעבען ברוסט איז פול מיט מוראַשקעס און עס טאַטשעט און נאָגט אַזוי זיין קערפּער און נשמה...

זיינע ביטערע מחשבות און האַרצדריקעניש האָבען איהם ניט געלאָזען איינזיצען אויף אַן אָרט. ער איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועק הייטער צו די דאַטשעס צו. ער איז געגאַנגען ווי אַ פאַר־שכּור׳־טער פון זיינע מחשבות, ניט ווייסענדיג און ניט פרעגענדיג ביי זיך,

וואוהין געהט ער און צוליעב וואס געהט ער. ער איז צוגעקומען צו ליזעס דאטשע, צוגעגאנגען צום הויז, וואו ליזע האט געוואוינט. די פענסטער פון ליזעס צימער זענען געוועזן אפען, און איהם האט געצויגען נעהענטער צו דער שטוב, צו דעם אפענעם פענסטער פון ליזעס צימער, נאר עפיס א ביטערע פראגע איז דורכגעלאפען זיין הארץ: וואס טו איך דא, וואס דארף איך דא און וואוהין בין איך געגאנגען?... ער איז געבליבען שטעהן אויף אן ארט און האט געקוקט, ווי א פערשטורטער, פאראויס זיך. עס האט שוין אנגעהויבען צו טאגען. אלץ ארום איהם — די אויסגעצויגענע בוימער, די שטוב, די גרעזעלעך ארום זענען געווען בעשפריצט מיט פרישען, קלארען, פערשלאפענעם טוי, און אזוי שטיל, אזוי טיעף פערשלאפען איז אלץ געווען ארום איהם... א צייט איז ער אזוי געשטאנען, קוקענדיג אויף אלץ, וואס ער זעהט פאר זיך, און אין הארצען האט זיך ביטער געריסען די פראגע: וואס דארף ער דא, און וואס טוט ער דא?.. און שטיל, לאנגזאם מיט א משונה'ם וועהטאג אין הארצען איז ער אוועק צוריק...

— וואלטערמאן, וואלטערמאן! — האט ער דערהערט ליזעס קול, אבגעהענדיג עטליכע טריט פון שטוב.

ער האט זיך אומגעקעהרט פערוואונדערט אויף הינטען און האט דערזעהן פאר זיך אין פענסטער ליזען מיט פונאנדערגעלאזענע האר. איהר פנים איז געווען אזוי מיעד און איהרע אויגען זענען געווען אזוי בענקענדיג...

— ווי אזוי קומט איהר אהער? האט זי משונה פערוואונדערט געפרעגט. און איהר פערמאטערטער ניט געשלאפענער פנים איז עטוואס ליכטיגער געווארען.

איך ווייס אויך ניט — האט ער שעמענדיג געענטפערט — איך בין א גאנצע נאכט דא אויף א בערגיל געזעסען...

ווארט -- האט זי איהם געבעטען — איך וועל באלד צו איך ארויס... מיר האט זיך אויך די נאכט ניט געשלאפען...

ליזע איז ארויס פון שטוב, און זיי האבען זיך געזעצט ביידע אויף א בענקיל נעבען שטוב.

-- וואלטערמאן — האט ליזע מיט אימעדיגע און בענקענדיגע אויגען געווענדט זיך צו איהם — וואס קלערט איהר וועגען מיר?..

ער האט געשוויגען.

-- איהר ווייסט, וואס טוט זיך אב ביי מיר אין הארצען?...

-- האט זי ווידער געפרעגט.

עפיס הוי א שטיק הארץ האט זיך אבגעריסען ביי איהם

אַ־נעֶװײַניג. אַזאַ רחמנות האָט איהם אָנגעֶנומעֶן פֿאַר איהר... זי... זי ווערט אויך אויסגעריסען—האָט געֶעֶגבעֶרט אין זײַן אײַנגעֶמאַ־טערטען מה. נאָך אַ העלט מיט צרות... זי אויך... זי אויך... ער האָט ניט געפֿינען, וואָס צו זאָגען איהר. שווער איז איהם געוועזען צו רעדען מיט איהר, און ער האָט געשוויגען. און זי האָט איהם דערצעהלט, אַז פֿון דאַן אָן, ווי ער איז אַהער געקומען, לאָזען איהר ניט רוהען איהרע אַמאָליגע מחשבות און חלומות, און שטענדיג, שטענדיג, ווי זי דערזעהט איהם, שעמט זי זיך אַזוי פֿאַר איהם... זי האָט איהם דערצעהלט פֿון נעכט אָהן שלאָפֿען, אָט ווי הײַנטיגע נאַכט, און פֿון האַרצרײַסעניש אויף אַ סך, אַ סך זאַכען פֿון איהר איצטיגען לעבען...

אַ צײַט זענען זיי געזעסען נעבען שטוב. נאָכדעם זענען זיי אַוועק בײַדע און האָבען אַרומגעוואַנדעלט אַ גאַנצען פֿריה־מאָרגען און אַ גאַנצען טאָג איבער די דאַטשעס און איבער די גאַסען פֿון וו.. די גאַנצע צײַט האָט ער געשוויגען. ער האָט גאָרנישט ניט גערעדט. זײַן מה האָט אַזוי געעֶגבערט און זײַן נשמה האָט איהם אַזוי געריסען... און זי האָט אַלץ גערעדט און גערעדט פֿאַר איהם... אויסגערעדט, דערצעהלט האָט זי פֿאַר איהם איהר גאַנצעס ביטער האַרץ... גערעדט האָט זי פֿון דעם, וואָס אין לעבען איז אַלץ צופֿעליג... גערעדט האָט זי איבער מאַנסבילען, וועלכע פֿערשטערן פֿרויען מיט זייערע זאַטען קערפּער... און אַז מען כאַפּט זיך נאָכדעם אויף פֿון דער דאָזיגער שכרות, ווערט אַזאַ רחמנות אויף זיך און אַזוי ביטער פֿערדריסט פֿאַר די אומזיסטע אַוועקגעגעבענע האַרץ און נשמה...! זי האָט גערעדט וועגען זיך, אַז זי קאָן שוין ניט נאָך אַמאָל אָנהויבען צו לעבען איבער אַ נײַס... אַנאַנדער לעבען... אַז עפּיס אַזוינעס איז פֿערלאָשען געוואָרען... אַוועקגעגאַנגען פֿון איהר אויף אייביג... אויף אייביג... זי האָט גערעדט וועגען דעם פּוסטען לעבען מיט אַ מענשען אַ זאַטען... און נאָך און נאָך וועגען אַזוינעס, וואָס היים וואַלטערמאַנ׳ס האַרץ האָט אַזוי געריסען און געגנאָגט פֿאַר איהר... און אַזוי ביטער האָט ער געקלערט וועגען מענשען אין לעבען... און קומענדיג פֿאַרנאַכט אַליין אַ היים מיט אַן אײַנגעמאַטערטען מה און מיט אַ צובראָכענעם קערפּער, האָט ער זיך אַוועקגעוואָרפֿען אויף זײַן בעטיל און האָט דאָס ערשטע מאָל, זינט ער וואוינט אין זײַן צימער, מיט אַ משונה׳־דיגען פּחד בעמערקט, אַז אין דערהויך אין באַלטען פֿון זײַן צי־מער איז פֿאַרהאַן אַ גרויסער שוואַרצער אײַזערנער קרוק... און

אַ ביטערע, אומעדיגע און ווילדע מחשבה איז דורכגעלאָפען זיין זיין איינגעמאַטערטען צובראָכענעם מח..

———

און פון דער דאָזיגער נאַכט אָן איז בײַ היים וואָלטערמאַ־נען בעשלאָסען געוואָרען איין בעשטימט וואָס גיכער אווערקצו־פאָהרען אויך פון וו. און זיין צימער מיט דעם קאַלטען שוואַרצען אײַזערנעם קרוק פלעגט אידם אָנכאַפען אַזאַ פחד צו פערבלייבען אַליין... און אַז אין אַ וואָך אַרום נאָך דער דאָזיגער נאַכט האָט ער בעקומען אַ בריעף פון זיינעם אַ בעקאַנטען פון ד., אַז ער קאָן קומען צו פאָהרען אַהין, האָט אידם אַפילו דער דאָזיגער בריעף קיין שום פרעהליכע האָפנונגען ניט אַריינגעבראַכט אין זיין האַר־צען. נאָר תיכף אין יענעם טאָג איז ער אָבגעפאָהרען פון וו.

פאָהרענדיג צום וואָקזאַל, איבער די גאַסען פון וו., איז זיין מח געווען פערנומען מיט אומעדיגע מחשבות. אַזוי פיסט פון האָפ־נונגען און פון עפּיס פרעהליכעס איז געווען זיין האַרץ... ביי־טער האָט זיך געפלאָנטערט אין זיין מח אַ מחשבה, אַז ניט נאָר אין די דאָזיגע שטעדט, אין וועלכע ער האָט געלעבט ביז איצט איז געווען בעהאַלטען דאָס אומגליק פון זיין שווערען לעבען... אַז ניט אין דעם, ניט אין דעם ליגט בעהאַלטען דער אמת׳ער סוד פון זיין שווערען לעבען... נאָר אַרויסגעהענדיג פון וואָקזאַל צום צוג צו און דערזעהענדיג פאַר זיך די לאַנגע, לאַנגע רעלסען, וועלכע ציהען זיך אַוועק אין ביידע זייטען ווייט, ווייט אין גאָטס וועלט אַריין, — גלייך ווי זיי זאָגען פרעהליך און ווילד: „מענש, אַ גרויסע, אַ גרויסע און אַ ברייטע וועלט איז ביי גאָט... פריי איז זי און אָפען... מענש, קום, רעכטס, לינקס — וואוהין דיין האַרץ גע־לוסט“...—איז אַ ווילדער פרעהליכער ווינד דורכגעלאָפען זיין האַרץ...

פרעהליך און ווילד, ווילד האָט וועהר זיין נשמה געשריען:

— מענש, אַ גרויסע, אַ גרויסע און אַ ווילדע וועלט איז ביי גאָט... פריי איז זי און אָפען... מענש, קום, רעכטס, לינקס — וואוהין דיין האַרץ געלוסט!...

1903

# מאַניע

I

א טאג, וועלכער לויפט אריבער אזוי גיך, געשווינד; פוסט איז ער און אזוי ארים מיט נייעס, מיט לעבען; אפשר מיט איהר תמיד קלאגען זיך אויף מענשען; גרינשטיין, וועלכער טרייבט אן שטענדיג אויפ'ן הארצען א פוסטע אומעטיגקייט — און אז דער טאג געהט אריבער, פאר'ן שלאף, ווערט אזא טומפער פערדראס אין הארצען פאר די טעג, וועלכע געהען אוועק ניט אין לעבען, ניט אין טון וואס, אויך אפילו ניט אין טראכטען וועגען וואס א סך אין ערנסט, — איז דען פארדאן צוליעב וואס צו אילען זיך, אין דערפריה אויפצושטעהן? מיט דעם דאזיגען חשבון פלעגט מאניע ליגען א צייט אין דערפריה אויף איהר געלעגער, ניט וויסענדיג, צוליעב וואס האט זי אויפצושטעהן פון איהר בעט. וועמען אויף דער וועלט וועט וואס פעהלען, ווען זי וואלט היינט גאר ניט אויפכאפען זיך אויף אייביג פון איהר שלאף, און וואס וואלט איהר אליין אין דעם געארט?...

קלערען אזוי הענגען זיך און וועגען איהר לעבען האט מאניע אנגעהויבען גאר ניט לאנג. ווען זי איז געפאהרען, אין א קליינער צייט ארום נאך איהר ענדיגען גימנאזיע, אין דער שטאדט מ., וואו זי לעבט שוין דריי יאהר, איז איהר נשמה מיט איהר קערפער פול דורכגעדרונגען געוועזען מיט האפנונג און שטרעבונג. זי איז דאן אלט געוועזען א יאהר צוואנציג. נחת האט זי דאן געקליבען פון איהר געזונדען און שענעם קערפער. מיט איהרע לאנגע ווייכע קאשטאנעווע האר, וועלכע זי האט ליעב געהאט אויסצופלעכטען אין א לאנגען, דיקען, ווייכען צאפ, האט זי געשטאלצירט. אויך האט זי געוואוסט, אז ביי איהר איז אן'אפענער שענער פנים און א פאר ניט געוועהנליכע פרישע, אפענע קארשען-אויגען. איהר נשמה איז געוועזען ריין, קלאר און ליכטיג, דאס הארץ פול מיט יוגענד, און געריסען האט זיך די נשמה צו בעוויזען זיך פאר מענשען, פאר דעם לעבען און אליין צו זעהן אט יענע קלוגע, גרויסע און שענע מענשען, וועלכע

דענקען טיעף און אמת, לערנען גוטעס און ליעבען מענשען, און מיט זיי צוזאמען לעבען, דענקען און ליעבען. קומענדיג אין מ., האט זיך איהר איינגעגעבען גלייך בעקאנט צו ווערען מיט א גאנצער חברה פון אזוינע, איבער וועלכע עס הערט זיך אזויפיעל גוטעס און וועלכע זי האט אזוי עהרליך געהאלטען, בעת זי האט געהערט פון זיי. איהר נשמה האט זיך אפילו, בעקאנט ווערענדיג מיט זיי, עפיס ווי אנגעשטויסען זיך שטילערהייט, שטום און ניט דייטליך פאר זיך אליין, אן אזוינס, וועלכעס עס האט בעדארפט, דוכט זיך, אנדערש זיין. נאר דאך האט איהר גאנצער מהות זי געצויגען צו זיי, צו די מענשען, וועגען וועלכע זי האט אזוי פיעל גוטעס געהערט. בעזונדערס וואס די טעג זענען זיך ביי איהר געגאנגען אט אזוי, ווי זיי געהען זיך ביי אלע מענשען — מען לעבט, עס שטארבט ווען א האפנונג. די נשמה טוט א ציטער א ווילע, — און א פרעהליכער ניגון, א מינוט פון א זונען־שיין מאכט עס פערגעסען. מען כאפט זיך ביי א טעות וועגען א מענשען, וועגען דעם, וועגען יענעם, -- און א ליעבליכעס ווארט, א גוטער קוק פון א צווייטען מענשען בערוהיגט... מען שטויסט זיך ווען אן אין לעבען אויף אזוינס, וואס רייסט ארויס פון הארצען א גאנצען בנין פון א נשמה׳שען חלום. עס בענקט. עס ציהט דאס הארץ, מען טוט א ווילע א קלער ביטער וועגען לעבען און מענשען, — ביז וואנען א נייער חלום הויבט זיך אן צו וועבען אויף די חרבות פון דעם פאריגען... מען לעבט!... אט אזוי האט זיך איהר לעבען געוועבט און געשפונען די גאנצע דריי יאהר. נאר עפיס די לעצטע צייט האבען זיך אנגעהויבען ביסלעכווייז, — און זי ווייס אליין ניט ווי אזוי — צו וועבען אין איהר מח קליינע, אפילו האלבע, ניט דערטראכטע ביז׳ן סוף געדאנקען, נאר אזוינע, וועלכע האבען צווישען זיך א נאהענטקייט, א שייכות, און וועלכע ווערען ניט פערשוואונדען אין גריבלען. און זיי האבען זיך געוועבט און געוועבט, ביז וואנען פון זיי אלעמען זענען אויסגעפלאכטען געווארען מחשבות גאנצע און נייע און וועלכע האבען אנגעהויבען איבערצואנדערן איהרע מיינונגען וועגען איהרע בעקאנטע, צווישען וועלכע זי לעבט, און וועגען איהר אייגענעם לעבען.

און ליגענדיג אזוי אין דערפריה אויף איהר בעט, און טראכטענדיג וועגען איהר לעבען און איהרע בעקאנטע, פלעגט זי זיך פערטראכטען בכלל איבערן לעבען, וועגען וועלכען זי האט נאך אזוי וויניג און ניט ערנסט געטראכט... עפיס משונה איז דאס לעבען... און משונה זענען א מאל די מחשבות וועגען איהם,

צוש דערצעהלען ווי וועמען שעמסטו זיך און לעכערליך איז עס... עפים מענשען לעבען, לעבען און מען שטארבט... אלע, אלע מענשען שטארבען אויף דער וועלט... און מען בעגראבט די מענשען אין דער ערד... משוגנה ווילד, ביז צום לאכען און וויינען צוזאמען... און איהר נעהמט אן אזא בענקעניש נאך דער וועלט, נאך דעם, וואס די מענשליכע אויגען זעהען אט גלייך ווי אין דער אמת'ן, אט באלד נעהמט זי אבשייד אויף אייביג, אויף אייביג פון די הימלען, לעבען און מענשען. און עס בענקט איהר הארין נאך די ברייטע טיפע פריהלינגס־הימלען, נאך דעם ליכטיגען, ליעבען זונען־שיין, נאך די פריהלינגס־ריחות פון אלערליי גרעזעלעך, נאך די ווייסינקע בלימעלעך, וועלכע זי האט אזוי ליעב... נאך דעם לעבען... און עס בענקט, און אזוי טרויעריג איז עס... און זענענדיג טיעף פערטראכט אין בענקעניש און טרויער, ליגט זי אזוי אין איהר בעט, ביז וואנען אין איהר צימער קומט אריין אספיר.

II

אספיר איז געווען א מיידעל א יאהר נײַן און צוואנציג מיט אן אויסגעמאיערטען קערפער און פנים, מיט אויגען שווארצע, אין וועלכע עס זענען נאך פערבליבען סמנים פון א מאל געווענע לעבעדיגקייט און פלינקייט, נאר איצט צייטענווייז טרוקען אויסגעלאשענע. איהר פנים פלעגט אפילו ווען עס איז אויפלעבען זיך און מיט א יודישען הן פלעגט ער בעלויכט ווערען, נאר אזוינס פלעגט טרעפען זעלטען, זעלטען, דאס־רוב איז ער געווען אזוי פערמאטערט, פון הונגער אויסגעצויגען. אין איהרע שווארצע, גלייך פערקאמטע האר אויפ'ן קאפ האבען זיך געוויזען וואו ניט וואו איינציגע, איינציגע גראהע האר. זי האט געוואוינט אין דעמזעלבען הויז וואו מאניע, אין א צווייטען צימער, און מיט איהר אריינקומען אין דערפריה, פלעגט זיך ביי מאניען אנהויבען דער טאג.

אז אספיר פלעגט אריין, פלעגט מאניע נעהמען אנטון זיך, און אין מה ביי איהר פלעגען דורכלויפען מהשבות וועגען דעם, וואס זינט זי איז מיט אספיר'ן בעקאנט, אט די גאנצע דריי יאהר, וואס זי לעבט דא אין מ., האט זי ניט בעמערקט אין איהר פנים דאס, וואס זי הויבט אן צו זעהן אין איהם איצט. אספיר'ס פנים איז צייטענווייז אזוי בייז און ערדיש... איהר שטערן איז דער־

פיה גלאָצט אַזוי טרוקען, אין די קליינע, האַלבע קנייטשעלעך
נעבען בײדע זײטען מויל רעדען אַזוי פון אומזיסטען האַרצקלעמע-
ניש און צאָרן... און ניט נאָר איהר פנים, עפּיס אַספּיר אינגאַנצען
מיט איהר נשמה איז איהר די לעצטע צייט אַזוי שווער... אַספּיר
פלעגט אָנהויבען צו שמועסען וועגען וועמען עס איז אַ בעקאַנטען,
און אין די רעד איז תמיד געלעגען אַ קלאָגען זיך אויף וועמען עס
איז, אַ גיפט, אפילו אַ פערבעהאַלטענער, נאָר אַזוי דײטליך די לעצ-
טע צייט פאַר מאַניען, און פיל פלעגט זײן איהר שמועס מיט פער-
שידענע דינגע, צײטענווײז טיעפע בעמערקונגען וועגען די שהאַבע
זײטען פון דער מענשליכער נשמה, וואָס נאָר שטאַרק פערביטערטע
הערצער, אָהן רחמנות דערשלאָגענע נשמות פון לעבען און מענ-
שען בעמערקען אַזוינס. מאַניע פלעגט זיך פיהלען בשעת אַזוינע
שמועסען אָט אַזוי, ווי עס פיהלט זיך, ווען מען מוז קוקען אויף
אַן אָפענער וואונד. רחמנות האָסטו אויף דעם מענשען, נאָר אַזוי
האַלט זיך דיר וועלען, אַז אי דער וואונד, אי דער קראַנקער מענש
זאָלען פון דײנע אויגען פערשוואונדען ווערען...

דערווײל פלעגט אַרײנקומען גרינשטײן, אַ שטענדיגער, אַלע-
טאָגיגער גאַסט. גרינשטײן איז געווען אַ בחור אַ יאָהר דרײסיג אין
מיטעלען געוואוקס, מיט אַ גרויסען טרוקענעם שטערן. אין די קנײטש-
לעך אַרום זײנע אײנגעמאַטערטע קאַרע אויגען איז געווען בעהאַל-
טען אַ ביטערער פערדראָס, ווי אויף וואָס געשטאָרבענעס אין זײן
האַרצען, אויף וואָס פערלאָשענעס אין זײן נשמה, און אַן אומגע-
וועהנליכע מידקײט איז געלעגען אויף זײן פערעלטערטען, געגאָלטען
פנים. ווי גרינשטײן פלעגט אַרײנקומען, פלעגט אַספּיר ווערען מיט
אַמאָל גאָר אַן אַנדערע. איהר קול פלעגט זיך פלוצלונג אומבײטען,
זי פלעגט ווערען זײן פרעהליך, מונטער, און זי פלעגט עפּיס אַרויס-
ווײזען אַזאַ ווײכקײט אין איהר נשמה, אַזאַ קינדערשע גוטסקײט.
און עפּיס אָט אַלץ אין איהר: איהר קול, איהרע לײכטע, אָט די
פערשעמטע בעוועגונגען פון איהר קערפּער, איהרע בליקען — אַלץ,
אַלץ אָט ווי עס בעט זיך קינדערש, נאַאיוו צו טון איהר גוטעס,
צו גלעטען זי און צו שטיפען מיט איהר ווי מיט אַ קלײן קינד...
ווען זיי זיצען אַלע דרײ בײם טײ-טרינקען, הויבט אַספּיר אָן רע-
דען אַ סך וועגען איהרע איבערלעבונגען; וועגען דעם, ווי שווער
עס איז אַ מענשען מיט אַ נשמה צו לעבען אין אַזאַ צײט, ווען
עס איז אַזאַ כאַאָס אין אַלעס — אין לעבען און אין די מחשבות;
וועגען דעם, האָט איצט איז אַפילו די סאַמע אינטערעסאַנטסטע
צײט אין לעבען, און אַז די קומענדיגע דורות וועלען אונז מקנא

זײַן, וואָס מיר האָבען געלעבט אין אזא קאָכעדיגער און רײַכער צײַט, נאָר ווי פֿיעל געזונד אזא לעבען קאָסט... און רעדען פֿלעגט זי א סך און נערוועז וועגען דעם, ווי פֿיעל געזונד איהר האָבען געקאָסט אָט די אַלע איבערגעהעניעשען פֿון איין גלויבען אין דעם אַנדערן: פֿריהער פֿון דעם טאַטען אין מאַמעס גלויבען, פֿון ניט א געוועהנליכען פֿרומען טאַטענס און מאַמעס וועלט אין א וועלט פֿון נײַע מהשבות. פֿון מהשבות וועגען דעם, אז דעם טאַטענס און מאַמעס לעבען איז א פּוסטעס און ניט א ריכטיגעס, דערנאָך פֿון ציוניזם צום בונד און פֿון בונד צו דער פּאַרטײ... גרינשטיין פֿלעגט הערען אָט דאָס אַלץ און פֿלעגט קוקען אויף אַספּיר'ן מיט א בליק פֿון א מענשען, וועלכער ווייס, וואָס דאָס אַלץ בעטײַט און פֿערשטעהט זי אַזוי גוט... און מאַניען פֿלעגט עפּיס אַזוי זײַן ניט געשמאַק אויפֿ'ן האַרצען אי פֿון דעם, וואָס אַספּיר ענדערט זיך אַזוי גיך אום און ווערט אַנ'אַנדערע צווישען מאַנסבילען און אי־בערהויפּט פֿאַר גרינשטיינען, אי פֿון דעם, וואָס אין איהרע רעד און איהרע דערצעהלונגען וועגען זיך, וועגען איהרע איבערלעבונגען פֿלעגט זיך איהר הערען א סך, א סך ניט אמת, א סך אַליין בע־שאַפֿענע פֿאַקטען און מעשׂיות פֿון וואָס עס איז ניט געשטויגען און ניט געפֿלויגען... א משונה'דיגער פֿערדראָס פֿלעגט זי אָננעה־מען פֿאַר אַספּיר'ן, און זי פֿלעגט זיצען און קוקען אָהן אַנ'אויפֿהער אויף וואָס עס איז אויפֿ'ן טיש, אָדער אין א פּינטעל אויפֿ'ן וואַנד, ווי פּחד האָבענדיג פֿאַר וואָס עס איז צו בעגעגענען זיך מיט אַספּיר'ס אָדער גרינשטיינס א בליק.

אויך האָט געטראָפֿען ווען, אז גרינשטיין פֿלעגט לייענען זײַנעם א פֿעליעטאָן — ער איז געוועזען א מיטאַרבײַטער אין אַנ'אָר־טיגען בלאַט — פֿלעגט אַספּיר אַזוי צוהערען זיך, אַז איהר פּנים איז דאַן געווען אַזוי נאַריש אָנגעשטרענגט. אז גרינשטיין פֿלעגט ענדיגען צו לייענען, פֿלעגט זי א צײַט זיצען ווי פֿערשטיינט, טיעף פֿערטראַכט אין מהשבות, גלײַך ווי דאָס אָנגעשריבענע האָט גע־מאַכט אזא איינדרוק אויף איהר, אז ווילענדיג, ניט ווילענדיג מוז זי דערטראַכטען אָט יענע מהשבות, וועלכע דאָס געשריבענע האָט אויפֿגעוועקט אין איהר. נאָכדעם פֿלעגט זי אויפֿהויבען זיך פֿון איהר אָרט, און קוקענדיג גרינשטיינען אין פּנים אַרײַן, מיט א ליכטיגער מינע אויף איהר פּנים און מיט א גרויסען דאַנק אין איהרע אויגען; פֿלעגט זי צוגעהן צו איהם, פֿלעגט אָנוועקלעגען איהרע בײדע הענד אויף זײַנע אַקסלען און ווי ניט געפֿינענדיג א רעכטס, פּאַסענדעס וואָרט, וואָס זאָל אויסדריקען אָט דאָס, וואָס זי וויל איצט זאָגען

אידם. און ווי שעמענדיג זיך צו זאגען אידם אט דעם ווארט, וועלכעס ער האט פערדיענט, פלעגט זי ווענדען זיך צו מאניען:

— דו האסט פערשטאנען?...

מאניע פלעגט פיהלען, אז זי אינגאנצען, פון קאפ ביז די פיס, ווערט רויט ווי א קליין קינד, ווען מען כאפט עס ביי א גנבה־זאך. זי פלעגט עפיס ניט וויסען, וואס איז דא פאראן וואס צו פערשטעהן און פון וואס איז דא נתפעל צו ווערען. ערטערווייז א געוועהנליכער פעליעטאן, זעהר א געוועהנליכער, וואס אזוינס ליינענסטו אין אלע געוועהנליכע בלעטער, און ערטערווייז עפיס דאכט זיך דיר אזוינס, וואס דו האסט שוין דאס געלייענט וואו אין אליין געטראכט וועגען דעם. און גרינשטיינ'ס פנים פלעגט דערווייל פון אספיר'ס התפעלות ווערען צוהיצט, און ער פלעגט אנהויבען צו רעדען מיט היץ און מיט א מאדנעם קינדערשען גלויבען צו אספירען און צו מאניען וועגען דעם לעבען, מענשען און וועגען זיין שרייבען, אויך וועגען דעם, אז ער רעכענט צונויפקלייבען אלע זיינע פעליעטאנען און אפדרוקען זיי אין א בעזונדער ביכעל מיט'ן נאמען „לעבען און געדאנקען". מאניע'ן פלעגט דאן גרינשטיין מיט זיין צרות'דיגען און צוהיצטען פנים אויסזייזען אזוי נאריש און אזוי אומעטיג. פערדראסיג, ניט וויסענדיג אליין פאר וואס און פאר ווען, פלעגט מאניע'ן ווערען אויפ'ן הארצען. שווער און שעמעדיג פלעגט איהר זיין צו זעהן, ווי גרינשטיין מיט אספיר'ן הלומ'ען אויפ'ן וואהר פון עפיס אזוינס פוסטעס, נארישעס און אזוי טומפ־אומעטיגעס...

שפעטער פלעגט זיך אנהויבען א גאנצע רייהע פון בעקאנטע, וועלכע פלעגען קומען צו מאניען, צו אספיר'ן, אפט אויך צו זוכען ביי זיי גרינשטיינען, און עס פלעגט זיך אנהויבען א טומעל, א היהא, און אט אזוי אין טימעל און אין הוהא פלעגט אריבער דער טאג.

ביינאכט פלעגט זיך ווידער צונויפקלייבען א גאנצע חבורה ביי מאניע'ן אין צימער. דאס רוב נעכט פלעגען אוועקגעהן אין וכוחים, אין וועלכע די הויפט־רעדנער פלעגען זיין גרינשטיין און אספיר. מאניע פלעגט זיצען אליין פאר זיך, הערענדיג די דאזיגע וכוחים, און עס פלעגט זיך איהר אמאל אזוי וועלען וויסען, וועגען פון זיי איז גערעדט, נאר די וכוחים פלעגען אזוי פערטעמפען דעם מח, דאס הארץ, אז עס איז איהר ניט מעגליך געווען אנצוטאפען, צו דערפיהלען דעם ערנסטען אמת.

אמאל פלעגט טרעפען, אז זיצענדיג אזוי און זיך צוהערענדיג

בּי זייערע רעד, פֿלעגט איהר נשמה פֿערחלומ׳ען זיך, און חלומ׳ען פֿלעגט זיך פֿון אַ נייער וועלט, וועלכע עס קומט אָן אויף דער ערד... עס וועט קומען אַ צייט, אין, הוכט זיך, באַלד, באַלד, גאָר ניט ווייט איז זי, אַ צייט פֿון אַן אַנדער לעבען... פֿון אַ נייעם לעבען... קלאָר, אַפֿילו דייטליך אין אַלע פּרטים, ווי אַזוי עס וועט דאַן זיין, ווייס זי ניט, קאָן זי זיך ניט פֿאָרשטעלען, אָבער דאַן, דאַן וועלען מענשען לעבען אַנדערש ווי איצט, ריינער, שענער און בעסער... אַלע, אַלע וועלען דאַן זיין פֿריי, גרויס; ריין און שען וועט זיין דאָס קומענדיגע לעבען... איהר נשמה פֿלעגט זיך וועלען אַריינדרינגען אין די שענע קומענדיגע צייט, וועלכע אָט־אַט הענגט זי נעבען איהר דאָרטען, דאָרטען אין דער הויך, ווי איבער איהר קאָפּ, און אָט, אָט קומט זי אָן... נאָך עטליכע הייכע ווענטער פֿאַר די פֿערפֿינסטערטע אומגליקליכע מענשען, נאָך עטליכע מענשען, מיט אויסגעריכט דערשלאָגענע, עפֿענען די אויגען, נאָך עטליכע אומגליקליכע קנעכט דערציעהלען, אַז קנעכט זענען זיי... נאָך אַ שטאַרקען קאַמפּף מיט די שלעכטע מענשען פֿון דער וועלט, – און אָט קומט עס אָן, אָט דאָס קלאָרע, ליכטיגע שענע לעבען, וועלכעס דו זעהסט נאָך אַפֿילו ניט דייטליך, קלאָר, נאָר אָט גלייך אַזוי, ווי ווען דו קוקסט אין די קלאָרע, בלאָהע, טיעפֿע הימלען אַרײַן... דאָרטען, דאָרטען, ווייט־ווייט ווערט שוין דיין בליק צומישט, ער קאָן ניט אַרומנעהמען דייטליך, וואָס דאָרטען איז אַזוינס און אַריינדרינגען אַהין, נאָר דו פֿיהלסט, אַז דיינע אויגען קוקען אין אַ וועלט אַ שענע, אַ טיעפֿע – אַ הימלישע וועלט... ליכטיגעס, ניט פֿון דער וועלט, אַ נחת צוגיסט זיך ביי איהר אין האַרצען און איבער איהר גאַנצען קערפּער. גרינג איז עס איהר קערפּער, איהר נשמה. די אויגען, ווי גרעסער ווערען זיי, זעהען ברייטער, און אַלץ, וואָס זי זעהט פֿאַר זיך, ווערט גרעסער, דייטליכער און ליכטיגער... שענער און ליכטיגער ווערען אַלע פּנימ׳ער, וועלכע זי זעהט פֿאַר זיך, זייערע אויגען בלישצענדיגער, מיט מעהר אינהאַלט און טיעפֿער... און דער חלום איז אַזוי אַנגענעדם: אָט דאָס אַלץ, וואָס איצט איז, וועט אַריבער, און עס וועט קומען אַ צייט... און ווען אַפֿילו דו וועסט מוזען שטאַרבען... דו וועסט שוין דאַן ניט זיין אויף דער וועלט, אָבער מענשען וועלען לעבען פֿריי, ריין, שען, גוט און גליקליך... אַ גאַנצע כוואַליע פֿון ליכטיגקייט פֿליסט אין איהר האַרצען. איהר וואָלט זיך וועלען טון איצט אַזוינס, פֿון וואָס עס זאָל ווערען אַלעמען, וועלכע עס געפֿינען זיך איצט דאָ, אַזוי גוט... אַזוי הימליך און ליכטיג זאָל

רעגרען אליימען אויפ'ן הארצען... און זי הויבט אן צוצוהערען זיך ווידער צו די רעד ארום איהר איצט, און עפּיס פון מינוט צו מינוט ווערט איהר הלום ווי פערלאשען, פערלאשען און אוועקגעטריבען פון איהר, און אויפ'ן הארצען ווערט אלץ אומעטיגער און טעמפּער... מען רעדט. מען איז זיך מתוכח, דער זאגט אזוי, דער אנדערש, און עס הויבט זיך, אז ווען דער רעדט, איז ער גערעכט, און ווען דער אנדערער רעדט, איז יענער גערעכט... מען קאן טראכטען אזוי און אזוי, גלייך ווי אין מה ליגט אונס, וועלכעס מען קאן ציהען אהער און אהין... און וואס מעהר דו הערסט, הערט דער כח מעהר פערדרעהט, דאס הארץ פערטעמפּט. און איהר וואלט זיך אזוי וועלען, אזוי וועלען דערגעהן אין דער אמת'ן, וועד פון זיי איז גערעכט... זי זיצט אזוי און הערט, ביז וואנען עפּיס בייזעס דערוועקט זיך ביי איהר אין הארצען אויף זיי אלעמען, און איהר וואלט זיך אזוי וועלען, אז וואס גיכער זאלען זיי אלע פון איהר אוועקגעהן און לאזען זי איינע אליין פערטיעפען זיך אין עפּיס אנדערש וואס און בעטראכטען עס טיעף און ערנסט... און אז מען פלעגט זיך שוין צוגעהן, שפּעט ביינאכט, פלעגט איהר הארץ אזוי טעמפּ פרעסען מיט א פערדראס אויף דעם פּוסטען טאג און נאכט, וועלכע זענען אין נארישט אריבער. פּוסט און נאריש.

III

און אט אזוי האט זיך ביי מאניע'ן אנגעהויבען צו וועבען אזוינס אין הארצען, וואס אויף קלאר, וואס דאס איז און פון וואס דאס האט זיך אנגעהויבען, האט זי אליין אויך ניט געוואוסט. און עס פלעגט טרעפען, אז גלייך ווי האבענדיג פּחד אט פאר דאס אלץ, וואס עס קומט פאר א גאנצען טאג ביי איהר אין צימער, פלעגט זי זיך איילען אוועקציגעהן, איידער עס פלעגט נאך קומען ווער צו איהר, און פלעגט ארומגעהן אליין אין די גאסען.

אנגעטאן אין איהר קורצען, פעסט פערשפּילעטען מאנטעל, פון וועלכען עס פלעגט זיך ארויסזעהן לעבעדיג די איידעל בולטדיגע שטריכען פון איהר לייכט בעוועגענדיגען קערפּער, פלעגט די ארומגעהן איינע אליין אין די גאסען גיך, ווי עס וואלט זי וואס שטופּען צו ענטלויפען ערגיץ, ענטלויפען פון אלץ און פון אלעמען... עס איז געהען שפּעט אין סוף זומער. די טראטוארען אוי

דער ברוק פון די גאַסען זענען געווען טרוקען, און טרוקען הילכיג איז געווען יעדער טראָט פון א מענשען, יעדער דונער פון א פוהר. א קאַלטער ווינד בלאָזט. פון די בוימער אין די זייטען פון די גאַבען פאַלען געלע טרוקענע בלעטער, זיי דרעהען זיך א ווײַלע אין אויר צווישען הימעל און ערד און פאַלען אַראָב נעבען טראָטואַר און אויפ'ן טראָטואַר. דער רעש פון די פוהרען איז אַזאַ טרוקענער. און עפּיס אַלין — די געפאַלענע געלע בלעטער, דער ריינער קאַלטער ווינד, דער טרוקענער, קאַלטער ברוק, — אַלין דערמאַנט אָן דעם ערשטען הייסינקען קלאָרען שניי, וואָס דאַרף באַלד אָנקומען. מיט א ווייכער, קאַלטער, קלאָרינקער ווייסקייט איז דאַן גאַנץ וועלט בעדעקט, און דײַן נשמה איז אַזוי העל, ריין איז זי און פעסט .. א גאַנצע כוואַליע פון עפּיס ריינעס, קלאָרעס און פעסטעס דריקט איהר האַרץ, און עס ווילט זיך איהר אַזוי געהן, געהן אַנטקעגען דעם ווינד, וואָס זיין די אויגען טראָגען... עס ווילט זיך זינגען, זינגען א פרעהליכען, לייכטען ניגון און געהן אַנטקעגען דעם ווינד אָט ווי אויף צו להכעיס איהם... געהן און שניידען דעם אויר, וועלכער איז פול מיט א טרוקענעם, פעסטען, פרישען, קאַלטען ווינד... אָט שטעהט נעבען א הויף א גרויסער וואָגען, אָנגעלאָדען מיט גרויסע קאַסטענס פול מיט שווערע משא. א הויכער, געזונדער יונג בויגט אָן זײַן פלייצע צום וואָגען, ער טוט א בויג אַרויף זײַן קאָפּ צום הימעל, א נויג דאָס קעסטיל צום פלייצע און מיט א לייכטען, פרייען הימלישען אויסגעשריי „האָפּ!" געהט ער זיך אַוועק לייכט מיט דעם קעסטיל אויף די פלייצעס, אָט ווי ניט איהם מיינט מען דאָס, גלייך אין גרויסען הויף אַרײַן און ווערט פערשוואונדען... פרעהליך לאַכען ווילט זיך איהר און עס בענקט איהר קערפּער, ער בענקט צו אויך עפּיס אַזוינס... — גוט איז פיהלען די קראַפט אין זיך!... און זי געהט אַוועק נאָך גיכער ווי פריהער, גיכער, גיכער...

איינמאָל, געהענדיג אַזוי און ניט האָבענדיג פאַר זיך קיין ציעל, איז זי אַרויסגעקומען צו א סוף שטאָדט. א ווילדעס, פרייעס בילד האָט זיך פּלוצלונג געעפענט פאַר איהרע אויגען. ניט ווייט, אַנטקעגען איהר, אין א טאָל אָהן א סוף, האָט זיך אַוועקגעצויגען א פוסטעס, ווילדעס פעלד. דאָ און דאָרט איינזאַמע ווילדע בוימער מיט קופּקעס ווילדע געלע בלעטער אַרום, און ברייטע, טיעפע לאַנגע הימלען. משונה ליכטיג איז געוואָרען איהר מח, און א פרייער, ווילדער ווינד האָט געבלאָזען פון דעם ווילדען פעלד אין איהר פנים און איז אין איהר האַרצען אַרײַן. זי איז געשטאַנען

קוקענדיג פאראויס זיך אויף דאס לאנג ניט געזעהענע, נייע בילד, און איהר הארץ ווערט אלץ ברייטער און ברייטער, די אויגען גלייך ווי זיי ווערען גרעסער, די נשמה ליכטיגער און גרינגער, און עפּיס בּרומלען זיך אין מח, אין הארצען שטימע מחשבות אהן ווערטער: איך בין געראכטעט... איך בין געראכטעט... פארהאן נאך א וועלט... א וועלט, אנ'אמת'ע, א פרייע, א ריינע, א ווילדע.... א וועלט מיט ברייטע, פרייע, ווילדע פעלדער און הימלען... איהר מח און הארץ ווערען ווי פער'שכור'ט, און זי זעצט זיך אויף דער קאלטער ערד. עס שטעהען אויף פאר איהר גאנצע רייהען בילדער פון איהר לעבען, ווען זי איז נאך אין דער היים געווען אין איהר קליינעם שטעדטיל, וואו זי איז געבארען. עס דערמאנט זיך איהר אט יענע זיסע, ליעבע זומער-פארנאכטען. פול איז עס דאן די גאנצע וועלט צווישען הימעל און ערד מיט פרישע ריחות פון אלערליי בלומען און גראזען, און א טיעפער, אידעלער ווינד, פול מיט כודות, שוועבט פון די ארומיגע אפענע פעלדער און פון די טיעפע איינזאמע וועלדער און פערהילט טיעף און מיט בענקשאפט דאס גאנצע שטעדטעלע, און דיין נשמה און דיין קערפער איז דאן גרינג און שפור פרעהליך... איינמאל א זומער זענען ציגיינער געזעהען ארום זייער שטעדטיל. צווישען די איז געווען א יונגע ציגיינערין. זי האט געהאט א שווארצען פנים אנגעזאפט מיט זונען-שיין, איהרע אויגען זענען געווען שווארצע, גרויסע, פרישע און בלישצענדיגע, און איהר קערפער איז געווען אזוי שען, לייכטבעוועגיג, ווי א פייכטער משערעט אין ווילדען פעלד, און אזוי פול איז ער געווען מיט ווילדען לעבען און פרייהייט... און עס געדענקט זיך איהר, ווי איינמאל,—א חתונה איז ביי די ציגיינער דאן געווען,—און דאס דאזיגע שען, ווילד מיידעל איז דורכגעלאפען אויף א שענעם, קאכענדיגען פערד, פול מיט לעבען, עטליכע מאל איבער דער גאס וואו זיי האבען געוואוינט, שרייענדיג מיט א ווילדען געשריי: „העפּ! דעם! העפּ!“ דאס פערד, דער וואגען מיט איהר זענען געוועזען ווי אויסגעגאסען אין א שטיק ווילדען, פרייען שטורמווינד, און דאס טראגט זיך אין דער וועלט אריין צווישען הימעל און ערד: „העפּ! העפּ!“ דאס פערד טראגט, די גלעקלעך ארום זיין שענעם האלז קלינגען שטורמדיג, דין און אידעל. מיטערס האפען זייערע קינדער פון דער גאס, דער ציגיינערינס אויגען בלישטשען ווי שווארצע בליצען, איהר פנים פלאקערט פון לעבען, און איהר ווילדער קול דערצעהלט פון א הדיגען, טיעפען הארץ, וועגען פרייהייט פון אהן-סופיגע ווילדע פעלדער, פון בעהאלטענע טיעפענישען פון דעם

מענשליכען האַרץ און פון אַ פרייער ווילדקייט טיעף, טיעף באַהאַלטען אין דער מענשליכער נשמה — „העפּ! העפּ! העפּ!“... אַ צייט איז זי געזעסען, און איהר גאַנצער מהות איז געוועזען פערנומען אַט מיט די פרייע, ברייטע הימלען, וועלכע זי זעהט פאַר זיך, מיט די ווילדע פעלדער אָהן אַ סוף און מיט דעם ווילדען, פרייען קול פון יענער שענער, ווילדער ציגײַנערין, און אַ משונה'דיגער צאָרן איז געוואַקסען אין איהר האַרצען צו איהר איצטיגען לעבען און צו אַלע איהרע בעקאַנטע, וועלכע האָבען זיך איהר אויסגעוויזען איצט אַזוי ווײַט פון איהר און אַזוי קליין, נידעריג און התמונות'דיג און וועלכע מאַכען ווי בלײַ איהר אַזוי שווער אויף דער נשמה...

קומענדיג אַהיים, שפּעט בײַנאַכט, האָט זי געפונען אַספּיר'ן, זיצענדיג בײַ איהר אין צימער. פון אַספּיר'ס פערביטערט צוהיצטען פּנים, פיל מיט האַרצקלעמעניש, און פון איהר ווי איינגעדריקטען און דערשלאָגענעם קערפּער האָט זי פערשטאַנען, אַז הײַנט איז עפּיס פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויסונג בײַ איהר מיט גרינשטיינען. צוזאַמענשטויסונגען בײַ אַספּיר'ן מיט גרינשטיינען פלעגען אָפט פאָרקומען, און תמיד פלעגען זיך מאַניען אויסווײַזען אַזוינע סצענעס אַזוי נאַריש און לעכערליך. פאַר גאָרנישט פלעגט מען זיך צואַמפּערן, זיך צוקריגען. גרינשטיין פלעגט אַרויסווײַזען דאַן אַזוי פיעל גיפט צו אַספּיר'ן, גלײַך ווי זי וואָלט אין דער אמת'ן זײַן שולדיג געגען איהם אין זעהר אַ וויכטיגער זאַך אין לעבען. אַספּיר פלעגט אַפילו אויך דאַן אָנרעדען איהם אַ סך גראָבע און שלעכטע ווערטער, נאָר תמיד פלעגט זיך הערען אין איהר קול, עס פלעגט זיך זעהן דערבײַ אין איהר פּנים עפּיס אַ פּחד פאַר דאָס אַלץ, וואָס זי רעדט, און עפּיס אַ באַלד אָנגעקומענע פערענטפערונג זיך פאַר איהם אויף אַלע איהרע איצטיגע רייד, פלעגט זיך פיהלען, איז בעהאַלטען און אָנגעגרייט ערגיץ וואו בײַ איהר פאָראויס, — און אָט־אָט הויבט זיך דאָס אָן... מאַניען איז אַזוי שווער געוואָרען אויפ'ן האַרצען, דערזעהענדיג אַספּיר'ן. אַזוי האָט זיך איהר ניט געוואָלט הערען אָט דאָס אַלץ, וואָס אַספּיר וועט באַלד אָנהויבען מיט איהר צו רעדען. און אַספּיר האָט טאַקי באַלד דערצעהלט איהר מיט אַ ביטערען פּעדראַס, וואָס עס איז פאָרגעקומען בײַ איהר מיט גרינשטיינען. אויך האָט זי גענומען קלאָגען זיך וועגען דעם, וואָס מענשען פערשטעהען אַזוי ניט איינער דעם צווייטען און זענען גרייט יעדע מינוט, ווען זיי גיט זיך דאָס נור אײַן, אַרײַנצוקריכען מיט גראָבע, איינגעריכטע הענד אין דעם צווייטענס האַרץ אַרײַן, אין דעם [illegible] צעוועהטאָגטען אָרט פון דער נשמה און גראַבלען זיך

דאָרט... איך האָט זי זיך ביטער געקלאָגט וועגען דעם, וואָס אין איהר גאַנצען לעבען, וואָס איז דורכגעגאַנגען מיט הונגער און הארצ־קלעמעניש, האָט זי שטענדיג, מיט וועמען זי זאָל זיך נים בעגעגענען אין לעבען, אַלעמען מעהר געגעבען, ווי מען פלעגט געבען איהר... תמיד איז זי צו אַלעמען געווען היים, גוט, און צו איהר פלעגט מען זיין קאַלט און אַכזריות׳דיג... און נערוועז און ביטער זענען געווען איהרע רעד וועגען מענער, וועלכע זענען ניט ווערט, אז א מיידעלשע נשמה זאָל זיי דערוואַרימען... און איהר קול פלעגט וואָס ווייטער ווערען נערוועזער, גיפטיגער, און עס האָט זיך געהערט אין איהם אַזאַ ביטערע פראַגע: צוליעב וואָס?.. צוליעב וואָס האָב איך געהונגערט, געליטען, אויסגעריסען געוואָרען אין מיין לעבען?... צוליעב וואָס און וועמען?... און ליגענדיג צוזאַמען מיט מאַניען איינגעטאָנענע אין בעט, האָט זי, ווי פער־שכור׳ט פון דער ביטערניש פון איהר נשמה, געחלומ׳ט אויפן וואָהר פאַר מאַניען פון ליעבע־מעשיות, וועלכע זענען פאָרגעקומען ביי איהר אַמאָל, און אַזאַ בענקשאַפט אָט צו די מעשיות, אַז זיי זאָלען פאָרקומען אויפן וואָהר אָט איצט, האָט געקלונגען אין איהרע רעד... און ווי פער־שכור׳ט צוהיצענדיג זיך, האָט זי געשמענה׳ט נערוועז און גיפטיג איבער דעם, וואָס פרויען זענען אַכזריות׳דיג בעשאַפען, און אַז ווען זי וואָלט א מאַנסביל געווען, האָלט זי דאַן געוועזען פון די ערשטע ניט כשר׳ע מאַנסבילען אויף דער וועלט... און אַראָבוואַרפענדיג די דעקע פון זיך, האָט זי אַזוי פער־שכור׳ט פון צרות געפרעגט ביי מאַניען:

— זאָג, מאַניע, זאָג, ביי מיר איז א מיאוס׳ער קערפער?...
זאָג, מען קען מיך ליעבען?.. זעה, ווי עֶר איז היים... וויפיעל אין איהם איז פאַרהאַן לעבען... מאַניע, זאָג... זעה... דו ווייסט ניט, ווי איך קאָן ליעבען... דו ווייסט ניט...

זי האָט ארומגענומען שטייף מיט איהרע הענד מאַניעס האַלז, זי האָט געדריקט מאַניען צו זיך אַזוי היים, אַזוי שטייף, זי האָט געקוּשט, אַזוי ווילד, איהר הוקען, איהר ברוסט—און איהר גאַנ־צער קערפער האָט זיך געטרייסעלט, ווי פון קעלט... מאַניען איז אַזוי שווער געווען צו קוקען גלייך אַספירען אין די אויגען אריין. עפּיס מיאוס, געשעמט האָט זי זיך צו הערען אָט דאָס אַלץ, וואָס אספיר האָט מיט איהר געשמועסט. און שטומערהייד, נים גאָר דייטליך פאַר זיך אַליין האָט געפיהלט איהר גאַנצער מהות, ווי מיאוס עס איז צו רעדען אַזוי וועגען זיך... מיאוס איז צו קלאָגען זיך אַזוי אויף די אייגענע קלעמענישען פון דיין הארצען

מיאוס, ניט שען איז אזוי צו עפענען די וואונדען פון דיין נשמה... און עפיס האט געמירמעלט זיך טיעף, טיעף אין איהר נשמה א שטומע מחשבה, אז מיאוס. מיאוס איז צו האבען אזוינע צרות... אט עפיס גלייך ווי אט דער מענש, וועלכער האט אזוינע צרות, איז אליין א מיאוס'ער, ניט קיין שענער מענש... ניט שען פאר זיך... ניט שען פאר דעם צווייטען צו בעווייזען אזוינס... ניט שען... ניט שען... זי האט געגלעט אספיר'ען איבער איהרע האר, איהר האט זיך געוואלט גריניער מאכען מיט וואס אספירן אויפ'ן הארצען, און אין איהר אייגענעם הארץ האט עפיס אזוינס געמורמולט בייז אויף אלץ און אויף אלעמען... מען האט זיך צונויפגעקליבען אלע צוזאמען אין איין ארט און מען דריקט און מען שטיקט איינער דעם אנדערען... און מען צופט און מ'דרייסט זיך אליין... דאס אייגענע הארץ, די אייגענע נשמה... און געבענקט האט זיך איהר אט נאך דער אנדער וועלט, אט נאך יענער וועלט מיט די טיעפע, פרייע, ברייטע הימלען און פעלדער...

IV

אין די מחשבות ביי מאניען אין הארצען וועגען דעם לעבען און וועגען די ארומיגע מענשען, וועלכע זי קאן, זענען אלץ געווארען גרעסער און ביטערער. אויך האט עפיס גרינשטיין אנגעהויבען צו צוקוקען זיך צו איהר, האט אנגעהויבען צו הערען מיט איהר נעהענטער ווי פריהער, און דאס האט איהר אזוי שווער געמאכט אויפ'ן הארצען. זי וואלט אזוי וועלען, אז גרינשטיין זאל זי ניט בעמערקען, אט אזוי ווי ביז איצט. צו דעם איז אויך עפיס אספיר, זינט גרינשטיין האט אנגעהויבען צו זיין נעהענטער צו איהר, אזוי געווארען צו איהר בייז און צארענדיג.

עס פלעגט טרעפען, אז גרינשטיין פלעגט א פרעגע טאן ביי איהר, וואס איז זי אזוי פערטראכט, פערקלערט. זי פלעגט איהם ענטפערען, אז עס איז גארנישט... אזוי זיך... און אספיר, וועלכע פלעגט דערביי זיין, פלעגט אזוי גיפטיג קוקען אויף איהר און אויף גרינשטיינען, בעמערקענדיג דערביי מיט א געמאכטען שמייכעל:

— וועגען וואס קאן זי טראכטען? מען טראכט...

און מאניע וואלט דאן אזוי וועלען, אז זיי ביידע, אי גריני-

שטיין, אַז אַספּיר וואָלט זי לאָזען צורוה. נאָר גרינשטיין פּלעגט אַלץ מעהר אין מעהר נאָכקוקען נאָך איהר און ווי היטען זי האָט ער אָנגעהויבען. ער האָט אָנגעהויבען צו זאָגען איהר, אַז ער זעהט אין איהר עפּיס אַ נייעס, אַז זי איז גאָר אַן אַנדער מיידעל געוואָרען, און איהם וואונדערט, ווי אַזוי האָט ער דאָס גאַנצע יאָהר, וואָס ער לעבט דאָ צוזאַמען מיט איהר, ניט בעמערקט זי ביז איצט. איינמאָל האָט ער אויך עפּיס ווי פערענטפערט זיך פאַר איהר, וואָס ער האָט זי ביז איצט ניט געקענט. ער האָט איהר דאַן געזאָגט, אַז די לעצטע צייט איז ביי איהר גאָר אַנאַנדער פּנים געוואָרען, אַ טיעפערער, מיט מעהר מחשבות דורכגעדרונגען, און אַז קיינער, קיינער פון די אַרומיגע איהרע מענשען קאָן זי ניט און פערשטעהט זי ניט, און ער האָט זיך עפּיס אַזוי געבעטען ביי איהר צו דערצעהלען איהם, וואָס דריקט איצט איהר האַרץ, איהר נשמה, און אַז זי זאָל ניט טראַכטען אַזוי פיעל. און בעת זיין קול האָט דאָס גערעדט, האָבען זיינע אויגען, מיט וועלכע ער האָט געקוקט אויף איהר, דערצעהלט איהר עפּיס וועגען אַזוינס, פון וואָס איהר גאַנצער מהות פלעגט אַ ציטער טהון. אַספּיר פלעגט פון טאָג צו טאָג ווערען בייזער אויף איהר און צאַרענדיגער. זי פלעגט אַ סך רעדען מיט כעס וועגען דעם, וואָס אַ מענש איז תמיד אַליין, וועגען דעם, אַז זי גלויבט ניט אין פריינדשאַפט, אַז קיין אמת'ע פריינד זענען ניטאָ, אַז צו איהר זענען אַלע מאָל איהרע פריינד פאַלש געווען, אַז מען פלעגט זיך בעגעגנען מיט איהר ניט מענשליך... און קיינמאָל, קיינמאָל, אפילו די נאָהענטסטע פריינד איהרע האָבען זיך ניט גערעכענט מיט איהרע איבערלעבונגען און אַז אַלע מאָל און איהר לעבען האָט געטראָפען אַזוי, אַז אַקוראַט דאַן, ווען איהר האָט זיך שוין יע אָנגעהויבען צו לעבען לייכטער און אין איהר צוקונפט האָט אָנגעהויבען ווי צו בלישטשען וואָס, פלעגט זיך אין מיטען אַריינמישען ווער עס איז און פלעגט אָהן רחמנות צושטעטערן אַלע איהרע הלומות... אויך פלעגט טרעפען, אַז אַספּיר פלעגט עפּיס פאַר גאָרנישט בייז ווערען זי. און מאַניע האָט אָנגעהויבען צו פיהלען, אַז אַ חוץ דעם, וואָס עס טוט זיך ביי איהר אינעווייניג אין האַרצען, הויבט זיך אָן צו וועבען נאָך וואָס אַזוינס אין איהר לעבען... אַרום איהר ווערט בעשאַפען אַזוינס אַ מינעלמפערט־פערפלאָנטעטעס און נאַרישעס.

און איין מאָל, שפּעט ביי נאַכט, מאַניע איז געלעגען פערזונקען אין מחשבות. זי איז געלעגען אַנאויסגעטאָנענע אין

איהר בעט. דער לאמפ האט נאך געברענט. זי איז געלעגען מיט א קלארער, ריינער דעקע איבערגעדעקט. זי האט געפיהלט איהר הייכען, געזונדען, שענעם און ווייבערען קערפער. איהר קערפער האט נאך וואס געבענקט. און דאס הארץ איהרס איז געווען אזוי פול. איהר נשמה האט געצויגען צו נאך א נשמה, צו א מענשען א נאהענטען, א טייערען, פאר וועלכען מען שעמט זיך ניט אויס־צוזערצעהלען אט דאס אלץ, פון וואס דאס הארץ דריקט; צו נאך א נשמה, פאר וועלכער עס איז טייער אלץ, וואס עס קומט פאר ביי דיר אין מח, אין הארצען — אלץ, אלץ איז פאר איהם טייער, און מען קאן זיין פאר איהם פריי... פריי... פריי מיט די מעשים. פריי זיין און געטריי זיין נאך א נשמה, געטריי זיין א מענשען, וועלכער איז דיר אויך אזוי טייער און נאהענט. און לעבען אין אמת... לעבען ריין, שען און פראסט... לעבען!...

מיט אמאל הערט זי אין טיר א קלאפ:

— מען קאן אריין?...

זי דערקענט גרינשטיינס קול. און הארצען רייסט זיך ביי איהר וואס אב. א ביטערער פערדראס פערקלעמט איהר הארץ. גלייך ווי אידער א בייזער שונא טרייבט פון איהר א נארישען, בייזען קאטאוועס... און זי פערלעשט גיך דעם לאמפ.

— ניין.

— איך דארף דא מעהר נישט א בוך נעהמען. איך האב איהם דא פערגעסען, — זאגט גרינשטיין מיט א משונה'ם געבעט.

זי ווערט אזוי בייז אויף איהם. גרינשטיין געהט אריין אין איהר צימער, און זי שפירט אין דער פינסטער, אז ער זוכט עפיס דאס בוך ניט ערנסט... און אזוי לאנגזאם,

— איך קאן עס ניט געפינען, — מורמעלט גרינשטיין אין א ווייטע ארום. און זיין קול ציטערט, ווי ביי א מענשען, וואס רעדט פון היץ — און געהן אהיים איז אזוי אומעדיג...

מאניע שווייגט. און איהר ווילט זיך, אז ער זאל וואס גיכער, וואס גיכער אוועקגעהן פון איהר צימער.

— איהר וועלענט טאקי שלאפען, מאניע?... — פרעגט גרינ־שטיין מיט א משונה'דיג, ווי ניט מיט זיין קול.

— יא... איך וויל שלאפען... — איילט זי זיך צו זאגען איהם.

און גרינשטיין שטעהט אזוי נאריש ביי איהר אין צימער, ווי ניט וויסענדיג, וואס ער זאל אנהויבען צו טון.

— נו, — זאָגט ער פֿאַרביטערט צוגעהענדיג נעהנטער צו איהר בעט — נאָט אַייך אַ האַנד... אַ גוטע נאַכט...

— איך בין שוין אַ אויסגעטאָנענע — איילט זי זיך צו פֿאַרענטפֿערען אויף דעם, וואָס זי גיט איהם די האַנד נים. און אַזוי הילט זיך איהר ניט, אַז ער זאָל צוגעהן נאָהענט צו איהר בעטיל. זי וויל נים. ער איז איהר אַזוי שווער...

זי פֿיהלט, אַז גרינשטיינס פּנים ווערט נאָך מעהר צוטומעלטער און נאַרישער. איהר פֿערדריסט אויף איהם און אַ רחמנות נאַפּט איהר אָן ביים האַרצען אויף איהם, נאָר זי וואָלט אַזוי וועלען, אַז וואָס גיכער, וואָס גיכער זאָל ער אַוועקגעהן פֿון איהר.

— מאַניע, וואָס זענט איהר אויף מיר אַזוי אָנגעשטויסען?... — בעט זיך גרינשטיין מיט אַ רחמנות׳דיגען קול.

— גרינשטיין, גרינשטיין, לאָזט מיך צורוה... איך וויל שלאָפֿען... איך וויל שלאָפֿען... — רייסט זיך ביי איהר נערוועז אַרויס.

גרינשטיין געהט אַוועק אַ צוטומעלטער, און איהר האַרץ דריקט, דריקט אַזוי ביז צום וויינען... וויינען... צודריקען דאָס קאָפּ אָט צו דעם קאַלטען, קאַלטען קישען... און וויינען... וויינען...

און אויף מאָרגען גאַנץ פֿריה, ווי נאָר זי כאַפּט זיך אויף פֿון שלאָף, קומט אָספּיר און הויבט אָן, ווי פֿון דער ווייט, און ווי, דאַכט זיך, נים צו איהר געהעריג איז דאָס, צו דערגעהן הע־גען דעם, צי גרינשטיין איז נעכטען ביי נאַכט, אַוועקגעהענדיג פֿון איהר, פֿערגאַנגען צו מאַניען אויך, וויפֿיעל איז ער ביי איהר געזעהן און העגען וואָס האָבען זיי גערעדט. און עס פֿלעגט אַזוי ניכער זיין פֿון אָספּירן, אַז אַלץ, וואָס מאַניע זאָגט איהר קעגען דעם, גלויבט די איהר אַזוי נים... און העגען אַפּילו זי זאָל זיך איהר שווערען מיט אַלץ, וואָס איהר איז נאָר טייער, וועט זי איהר גאָרנישט, גאָרנישט וועגען דעם גלויבען... און מאַניע פֿלעגט דערפֿיהלען, ווי איהר נשמה שטויסט זיך אָן מיט עפּיס אַזוינס קוטיגעס, ניט שיינעס און ניט ריינעס... און איהר פֿלעגט אַזוי דריקען איהר האַרץ.

V

און די צייט איז זיך געגאַנגען, אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך און אַ חודש נאָך אַ חודש. און גלייך ווי אַ פּאָדראַני.

וועלכער האט געהאט פֿערצויגען, פֿערבעהאלטען פֿון מאניען די מענשען, דאס לעבען, האט זיך פֿאר איהר אנגעהויבען אויפֿצוהייבען, אויפֿצועפֿענען זיך. און פֿון דעם אלץ, וואס זי הויבט אן צו דערזעהן, יזערט געהעכט ביי איהר אין מה, אין הארצען אזא זאך, וואס מאכט אזוי שוואך איהר נשמה, און עפּיס א טיעפֿע זאך, וועלכע ווערט אלץ גרעסער, גרעסער און טיעפֿער דריקט איהר גאנצען מהות. צווישען אספּיר׳ן מיט איהר איז אלץ פֿון טאג צו טאג געוואקסען מעהר נארישקייטען, ניט רייניגעס... און וואס מעהר זי פֿלעגט זעהן אויסצומיידען דאס, פֿלעגט דאס נאך מעהר וואקסען און גרעסער ווערען. גרינשטיין פֿלעגט אלץ בעטען זיך ביי איהר, וואס איז מיט איהר אזוינס, און ער פֿלעגט טענה׳ען, אז פֿון טאג צו טאג ווערט זי אלץ מעהר אומגעענדערט, און אין איהר פּנים בעווייזט זיך עפּיס קרענקליכעס.

זיצענדיג איינמאל מיט איהר אליין אין איהר צימער, האט ער אזוי רחמים געבעטען זיך ביי איהר:

— מאניע, וואס איז מיט אייך?...

— גארנישט... — האט זי קוים געענטפֿערט, ווי א מענש, וועלכען מען ריהרט אן זעהר א וועהטאגדיגען ארט.

גרינשטיין האט זיך מיט איהר ענטפֿער ניט בערוהיגט. און האט אלץ געבעטען זיך זאגען איהם, וואס איז מיט איהר.

— אפּשר זענט איהר ניט געזונד?...

— גאר נישט... איך ווייס אויך ניט... אפּשר בין איך ניט געזונד... עס קאן זיין... איך ווייס נישט...

— צו פֿיעל טראכט איהר די לעצטע צייט... ניט טראכט אזוי פֿיעל... — האט ער זיך געבעטען ביי איהר.

— עס טראכט זיך... עס טראכט זיך אליין, ניט מיט דיין ווילען... — האט זיך איהר ארויסגעריסען ביטער פֿון איהר הארצען.

— ועהט, מאניע, — האט גרינשטיין מאדנע ביטער געזאגט — איהר האט זיך אויף א ווייַלע פֿערטראכט, זענט איהר צוטומעלט געווארען — און איך טראכט שוין לאנג, לאנג... שוין א יאהר צוועלף... און דאך לעב איך נאך... צוועלף יאהר נאכאנאנד, מאניע, טראכטען וועגען מענשען און לעבען, טראכטען, טראכטען און טראכטען...

מאניע האט ביטער א קוק געגעבען אויף גרינשטיינס איינגעמאגערטען, טרוקענעם פּנים, וואס איז פֿול מיט צרות פֿון לעבען. זיינע אויגען האבען געבלישצעט אזוי טרויעריג און די קנייטשלאך ארום זיי האבען גערעדט פֿון אזא הארצקלעמעניש. איהר האט זיך

געוואַלט, אַז ער זאָל איהר דערצעהלען פֿון די ביטערנישען פֿון דעם מענשליכען לעבען, אַט גלייך ווי דערמיט וועט זי אָפּקיהלען איהר אייגענע ביטערע נשמה. גרינשטיין האָט דאָס דערפֿיהלט, און ווי אַ מענש, וועלכער האָט שוין אַזוי לאַנג געוואַרט אויף דעם, אויף דער מינוט, ווען ער וועט האָבען די מעגליכקייט צו בעווייזען איהר דעם גאַנצען גאַל, וועלכער פֿערביטערט זיין האַרץ, — האָט ער אָנגעהויבען ביטער צו דערצעהלען איהר וועגען הונגער און אַלערליי צרות פֿאַר עפּיס ליכטיגעס אין לעבען... ער האָט איהר דערצעהלט ביטער וועגען הלומות אין די לעצטע צוועלף יאָהר פֿון זיין לעבען, וועלכע זענען אַרויסגעריסען געוואָרען ביי איהם פֿון האַרצען מיט אַזוינע וועהטאָגען פֿון דער נשמה... און קיינער, קיינער ווייס פֿון דעם אַפֿילו ניט... געריסען די הלומות ביי איהם פֿון האַרצען האָבען מענשען, דאָס לעבען, און ניט מענשען, ניט דאָס לעבען וועלען אַפֿילו וויסען פֿון דעם... ער האָט גערעדט וועגען הלומות, אַז ער איז אַ גרויסער, גרייסער מענש, וועלכער דאַרף מציל זיין יודען פֿון זייער אומגליקליכען לעבען אויף דער וועלט... וועגען הלומות, אַז ער איז אַ נייער, נאָך אַ לאַסאַל אויף דער וועלט... און אַז לאַסאַל איז שוין געשטאָרבען ביי איהם אין האַרצען, האָט ער געחלומ'ט וועגען ניטשען, דערנאָך וועגען אַ נייעם יודישען מאַרקסען... און דערצעהלט האָט ער איהר פֿון זיין איצטיגען לעבען, אַ לעבען פֿון אַ געוועהנליכען, ניט נוציגען פּעליעטאָניסט, וואָס ניט די וועלט און מענשען דאַרפֿען איהם און ניט ער קאָן מיט דעם לעבען... ער האָט גערעדט וועגען דעם, ווי נאַריש און פּוסט עס איז צו דריקען, דריקען זיין מח, צו קוועטשען און קוועטשען פֿון איהם די לעצטע טראָפּענס פֿייכטקייט, כדי אָנצושרייבען אַ געוועהנליכען, ניט נוציגען פֿאַר קיינעם פּעליעטאָן... און מיט אַזוינס דאַרף ער איצט לעבען, מיט אַזוינס דאַרף ער לעבען און שטאַרבען נאָך די אַלע הונגער און צרות און נאָך די אַלע געשטאָרבענע, מיט געוואַלד אַרויסגעריסענע פֿון זיין האַרצען, גרויסע, שענע הלומות... מאַניע האָט צוגעהערט זיך צו די דאָזיגע ביטערע רעד — און ניט נאָר ניט געקיהלט האָבען זיי איהרע אייגענע ליידען פֿון איהר האַרצען, נאָר נאָך אַ סך ביטערקייט איז טיעף אין איהר האַרצען צוגעקומען, און עפּיס ווי נאָך אַ שטיק פֿאַרהאַנג פֿון דעם לעבען און מענשען האָט זיך פֿאַר איהר אויפֿגעהויבען... און זי האָט דערפֿיהלט, אַז פֿון דעם שמועס אין ווערט אַט די זאַך, וואָס עס דריקט אַזוי טיעף אין שווער איהר נשמה, גרעסער, און ביטערער ווערען איהרע מחשבות וועגען

מענשען אין זייער לעבען... און עפּיס ווי זי זינקט אין אַזוינס, וואָס האָט ניט קיין סוף, קיין אָפּגרונד און קיין דעק...

אין איינמאָל ביינאַכט, נאָך אַנ׳אומגעלומפּערטען, נאַרישען צו־זאַמענשטוים ביי מאַניען מיט אָספּירען, ווען אָספּיר האָט זיך פֿונאַנ־דערגעשריען מיט אַ ביטערער היסטעריקע ביי זיך אין צימער, און מאַניע האָט זיך אוועקגעלעגט ביי זיך אין איהר צימער, איינגעוויקלענ־דיג זיך אין אַ פּאַטשיילע, און איהר קערפּער האָט אַזוי געטרייסעלט פֿון האַרצוועהטאָג און ביטערניש, — איז גראָד געקומען צו איהר גרינשטיין. געפֿינענדיג זי מיט אַזאַ פֿערביטערטען בלייכען פּנים, האָט ער אָנגעהויבען, ווי געוועהנליך, צו בעטען זיך ביי איהר, אַז זי זאָל זיך בערוהיגען. ער האָט, ווי אַלע מאָל, גערעדט איהר וועגען דעם, אַז זי זאָל אויפֿהערען צו טראַכטען אַזוי פֿיעל, און צום סוף האָט ער געבעטען זיך ביי איהר:

— מאַניע, פֿאָהרט גאָר אַוועק פֿון דאַנען...

מאַניע האָט אַ קוק געגעבען אויף איהם מיט אַ ביטערן שמייכעל.

— וואוהין?...

— פֿאָהרט אַוועק... פֿאָהרט אַוועק פֿון דאַנען — האָט זיך גרינשטיין געבעטען — ביים איבער דעם אָרט... איהר זייט נאָך יונג, מאַניע... פֿאָהרט און בעגעגענט זיך מיט נייע, אַנדערע מענ־שען... אפשר מיט בעסערע, ווי די, וועלכע איהר האָט געוואוסט ביז איצט...

— אַ ליגען... ניט אמת... — האָט מאַניע גערעדט בלייך און טרייסלענדיג זיך מיט איהר גאַנצען קערפּער, ווי פֿון קעלט — ניט אמת... וואָס?... שלעכטע מענשען זענען אַט די אַלע, וועל־כע איך קען דאָ?... און איהר?... און אָספּיר... פֿאַרדאַן בעסערע פֿון אייך?... אַ ליגען... וואוהין פֿאָהרען?... וועמען זו־כען?... כדי צו נעהמען אַ באָמבע, אַ גרויסע, ווי דאָס לעבען אַליין, און אַ וואַרף טון אָט אין דאָס, וואָס דאָס געמאַכט אומגליקליך דעם לעבען און וואָס האָט אַזוי צובראָכען אייך, אָספּירען, און העט מיך אויך, אַזוי ווי אייך, צובראָכען, צושמעטערן... און וואָס איז דאָס אַזוינעס?... וואָס?... וואָס?... איהר ווייסט?..

מאַניע האָט דערפֿיהלט, אַז אין איהר האַרצען דריקט אַזוינעס, וואָס לאָזט זי ניט איינליגען אויף איהר בעטיל, אַזוינעס, וואָס צו־טומעלט אַלץ, וואָס זי זעהט פֿאַר זיך, און עס ווערט עפּיס אַלץ צוזאַמענגעגאָסען: דער סופיט, דער ווייסער אויוון אין איהר צימער, דער לאָמפּ, וועלכער שטעכט אַזוי איהרע אויגען, און גרינשטיינס

בנים, — אַלץ איז עפּיס צוזאַמענגעמישט און דריקט אַזוי איהר נשמה. און גרינשטיינס קול בעט זיך ביי איהר:

— מאַניע... איהר זייט ניט געזונד?... פֿאָהרט אַוועק פֿון דאַנען... פֿאָהרט אַוועק פֿון אונז... איך... אספּיר... מיר זע־נען צו אַלט פֿאַר אייך... פֿאָהרט אַוועק...

עפּיס האָט ביי איהר אין האַרצען האָט זי אויפֿגעהויבען פֿון איהר בעטיל. זי האָט אָנגעטאָן איהר אויבערשטען בגד און איז אַוועק אין גאַס, לאָזענדיג גרינשטיינען ביי זיך אין צימער. עס איז געווען אַן אומגעלומפּערטער, נאַרישער שטורמווינד. קאַלט איז געווען ביז דערפֿראָרען צו ווערען. אין די גאַסען איז געווען שטיל, מען האָט קיינעם ניט געזעהן. פֿינסטער איז געווען, און עס האָט עפּיס אַזוינס אומגעלומפּערט אַכזריות׳דיג געדרעהט זיך, פֿייפֿענדיג בייז, צווישען הימעל און ערד, און עס האָט פֿערשאָטען מיט אַ טרוקענעם שניי די גאַס און די טראָטואַרען. מאַניע איז געגאַנגען איינגעדרעמטער־הייד פֿון קעלט, ניט וויסענדיג אַליין, וואוהין און צוליעב וואָס געהט זי איצט אַרום אין גאַס, און אין איהר מח און אין האַרצען האָט עפּיס געדריקט שרעקליכעס... און אין אַלץ, וואָס זי האָט געזעהן פֿאַר זיך, האָט זיך איהר געזעהן און געפֿיהלט אַזאַ שרעקליכעס...: עפּיס אַן אייביגקייט האָט זיך איהר אַרום זיך געפֿיהלט... אייביג... אייביג וועט זיין אָט דער קאַלטער, אומגעלומפּערטער שטורמווינד... אייביג, אייביג וועט ער אַזוי אַכזריות׳דיג דרעהען זיך צווישען הימעל און ערד און וועט אַזוי בייז פֿייפֿען... אייביג, אייביג וועלען שטעהן אַזוי אָט די קאַלטע, קאַלטע מויערן... אייביג, אייביג וועט דריקען איהר האַרץ אָט אַזוי ווי איצטער, און אייביג, אייביג וועט צווישען הימעל און ערד און דעם אומגעלומפּערטען אַכזריות׳דיגען שטורמ־ווינד, צווישען די קאַלטע, קאַלטע מויערן, אַרומגעהן אַ מענש, אָט אַזוי ווי זי איצט, אַנאיינגעדרעמטער אין זיך פֿון קעלט און פֿון שרעקליכעס ביי זיך אין האַרצען... און עפּיס אַזוי האָט זיך איהר געוואָלט, ערגיץ וואו טיעף, טיעף אין האַרצען, טראַכטען וועגען דעם, וואָס וועט זיין נאָכ׳ן שטאַרבען... אויך עפּיס אַ בייזער כעס איז געווען וואו באַהאַלטען טיעף, טיעף אין איהר האַרצען איבער דעם, וואָס קיינמאָל, קיינמאָל האָט זי ניט געהערט רעדענדיג די גאַנצע צייט, וואָס זי לעבט אין מ., פֿון וועמען עס איז וועגען דעם, צי עס איז טאַקי פֿאַראַן נאָך אַ וועלט, אַ יענע וועלט... און אויך קיינמאָל, קיינמאָל האָט מען ניט גערעדט פֿון גאָט... און עפּיס וואו אין מח, אין האַרצען האָט זיך ביי איהר געבור־מעלט איהר מאַמעס שבת־צונאַכטיגע תפֿילה. גאָט פֿון אַברהם יצחק

ויעקב... גאָט פון אַברהם יצחק ויעקב... און אַזוי האָט זיך איהר געהאַלט הערען דאָס וואָרט — גאָט... גאָט... גאָט...

און אַז זי איז געקומען צוריק אין איהר צימער, האָט זי געפונען אין איהם גרינשטיינען, זיצענדיג אַזוי ביטער פערטראַכט, אויך אספירען האָט זי דאָרט געפינען זיצענדיג אין אַ זייט נעבען אויווען. אַזוי ביז האָט אספיר געקוקט אויף איהר. דערזעהענדיג זיי ביידען, האָט איהר האַרץ נאָך מעהר אָנגעהויבען צו דריקען. עפּיס וואָס שאַרפעס האָט געריסען זיך פון האַרצען אַרויס און האָט געוואָרגען איהר האַלז... אָט, אָט שרייט זי זיך פונאַנדער מיט אַזאַ ווילדען ביטערן קול... זי האָט זיך געזעצט אויף איהר בעטיל, און איהר מח האָט געטומעלט און געגריבעלט גרינשטיינס ווערטער: „מאַניע, וואָס איז מיט אייך?...“ און איהר שטענדיגער ענטפער איהם: „גאָרנישט“... „גאָרנישט“... האָס איז מיט איהר? וואָס טוט זיך דאָס מיט איהר? דאַכט זיך, גאָרנישט... גאָרנישט... דאָס לעצטע האַלב יאָהר איז, דאַכט זיך, קיין נייעס אין איהר לעבען ניט פאָרגעקומען... זי האָט געלעבט אָט אַזוי, ווי די גאַנצע דריי יאָהר, וואָס זי לעבט אין מ. דאַכט זיך, גאָרנישט... גאָרנישט... זי האָט זיך מעהר ניט פערטראַכט אַ ווייַלע... גאָרנישט... גאָרנישט... וואָס איז מיט איהר?... ביי איהר איז דורכגעלאָפען אין מח דאָס גאַנצע לעצטע האַלב־יאָהר פון איהר לעבען, פון דאַן אָן, ווי זי האָט דערפיהלט, אַז עפּיס נייעס וועבט זיך ביי איהר אין האַרצען, אַז עפּיס זינקט זי ערגיץ, זינקט זי אין אַזוינס, וועלכעס האָט ניט קיין סוף, קיין דעק... זי האָט געוואָלט עפּיס בעזונדערס, אַ ניט געוועהנליכעס, וואָס האָט מיט איהר געטראָפען, און זי האָט ניט געפונען... און עפּיס אַזוי לאַנג, אַזוי גרויס האָט איהר אויסגעוויזען דאָס דאָזיגע האַלב־יאָהר... אַזוי גרויס... און וואָס, וואָס האָט מיט איהר געטראָפען?... וואָס און ווען האָט זיך אַזוינעס געטראָפען אַרום איהר, אין איהר לעבען, וואָס האָט געמאַכט אַזאַ איבערקעהרעניש אין איהרע מחשבות?... דאַכט זיך, גאָרנישט פאָרגעקומען... גאָרנישט... און זי האָט געפיהלט, אַז דאָס, וואָס מיט איהר טוט זיך איצט, איז שוין אויף אייביג, אויף אייביג, ביז דעם טויט ביטערניש אין איהר האַרצען!... אייביג... אייביג... זי האָט געקוקט אויף גרינשטיינען מיט אספירען מיט פערטומעלטע אויגען, און אַזוי ביטער האָט געריסען איהר מח וועגען דעם לעבען... ביטער האָט געפרעגט איהר נשמה, פאַרוואָס, פאַרוואָס האָט דאָס לעבען גרינשטיינען אַזוי אומגליקליך געמאַכט?... צוליעב דעם, אַז מען זאָל זיין אַ געוועהנליכער, אומגליקליכער פעליעטאָניסט, ניט קיין נוציגער פאַר

מענשען אין לעבען, דארף מען דען פֿריהער אזוי פֿיעל צרות א־בערלעבען, און אזוי פֿיעל הלומות מוזען שטארבען מיט יועהטאגען אין הארצען?... פֿארוואס איז אספּיר צו ניין און צוואנציג יאהר אזוי אלט? פֿאר וואס האט זי אזוי בייז געמאכט דאס לעבען און זי האט שוין גראהע האר אין איהר קאפּ?... פֿאר וואס קאן איהר איצט קיינער ניט פֿון די, וואס זיצען דא, ניט גרינשטיין, ניט אספּיר, כאטש איך וויפֿיעל עס איז אויף אנ'אמת גרינגער מאכען אויפ'ן הארצען, ארויסטרייבען פֿון דארטען אט דאס, וואס דארט טוט זיך איצט?... פֿאר וואס איז אספּיר אויף איהר אזוי בייז, אז ווען אפּילו זי זאל פֿאלען איהר איצט אויפ'ן האלז, קושען זי און שווערען זיך איהר מיט טרערען, אז זי איז ניט שולדיג אין גארנישט קעגען איהר. וועט זי איהר ניט גלויבען?... געריסען האט איהר ביטער איהר הארץ איבער דעם, וואס מענשען זענען אויף דער וועלט אזוי אליין... אליין... ניט איינער קאן פֿערשטעהן דעם צווייטען, ניט ווער קאן העלפֿען... מיט אנ'אמת העלפֿען דעם צווייטען אין די שרעקליכע, שרעקליכע מינוטען פֿון לעבען... אליין... אליין... אין הילף האט זיך איהר געוואלט בעטען ביי די ווילדע ברייטע הימלען און פֿעלדער, ביי די זומערדיגע פֿארנאכטען פֿון איהר קליין שטעדטעלע, ביי די ווייסע, קלארע בלימעלעך, וועלכע זי האט אמאל אזוי ליעב געהאט... אבער עפּיס וואס האט שטומערהייד געזאגט איהר ביטער אין פֿעסט, אז דאס אלץ, אלץ איז ניט פֿון איהר וועלט, ניט פֿון דער מענשליכער וועלט און לעבען. און דאס אלץ וועט שטום זיין פֿאר איהר, שטום, אייביג שטום וועט דאס זיין פֿאר איהר. אייביג שטום — אט ווי דער אומגעלומפּערטער קאלטער שטורמ־ווינד איצט אין גאס און ווי די טויטע, קאלטע מויערן אין דרויסען... שטום, שטום, אייביג שטום...

אויף מארגען איז דער שטורמווינד אויפ'ן גאס געווען נאך גרעסער, ווי די פֿאריגע נאכט.

# גבריאל

# גַבְרִיאֵל.

.1

אויף אַנ'איינזאַמען, שווערען, אָבער גלייכען וועג איז זיך גבריאל ביז איצט — ער איז אַלט געווען זיבען און צוואַנציג יאָהר — גלייך געגאַנגען ביי דער זייט פֿון מענשען און זייער לעבען. דאָס לעבען האָט איהם פֿערטריבען פֿון זיך, און ער האָט אַליין אַנ'איינגענעם וועג פֿאַר זיך בעשאַפֿען ביי דער זייט פֿון איהם, צווישען הימעל און ערד. ער איז זיך געגאַנגען אויף איהם איינזאַם, זענענדיג פֿערנומען מיט זיינע איינענע מחשבות, ביז וואַנען ער האָט דערפֿיהלט, אַז ווייטער געהן איז ניטאָ וואוהין.

פֿון קינדרווייז אָן, ווי נור דער מוח האָט אָנגעהויבען צו אַרבייטען און דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבען צו פֿיהלען, האָט דאָס לעבען געוויזען גבריאל'ן אַזוינס, וועלכעס האָט געשאַפֿען אין זיין האַרצען וועהטאָגען און יסורים. אויך מענשען האָבען זיך פֿאַר איהם געוויזען אין אַזוינע געשטאַלטען, וועלכע זיין פֿערחלום'טע, איידעלע און ערנסטע נשמה האָט ניט געקאָנט פֿערליידען. נאָך פֿון זיינע קינדערשע יאָהרען אָן איז איהם געווען אַזוי אַנגענעהם אָט די דאָזיגע מחשבה, וועלכע ער פֿלעגט הערען פֿון זיין שטענדיג טרויעריגען פֿאָטער און פֿון דער תמיד, תמיד פֿערחלום'טער מוטער, אַז דאָס לעבען איז ניט אַזאַ, ווי עס בעדאַרף זיין, אַז דאָס אמת'ע לעבען איז דאָרטען, דאָרטען אויף יענער זייט הימעל און שטערען, און אַז מענשען זענען ניט אַזוינע, ווי זיי דאַרפֿען זיין; נור אַמאָל, אַמאָל זענען אמת'ע מענשען געווען, און עס וועט ערשט קומען אַזאַ צייט, ווען זיי וועלען ווידער ווערען אַזוינע, ווי זיי דאַרפֿען זיין. אַז ער איז עלטער געוואָרען, האָט ער מיט הנאה אַזוינס געלערנט אין די יודישע הייליגע ספֿרים. נאָכעם האָבען דאָסזעלבע, אַז דאָס אמת'ע לעבען און די אמת'ע מענשען דאַרפֿען נאָך אָנקומען, געלערנט איהם נאָך אַנדערע גרויסע, שענע ביכער. און זיין האַרץ און מוח איז אינגאַנצען פֿער.

נומען געוואָרען מיט דער מחשבה — דאָס לעבען איז ניט אַזאַ, ווי עס בעדאַרף זיין, און מענשען זענען ניט אַזוינע, ווי זיי דאַרפען זיין.

לעבענדיג פון זעכציעהן יאָהר אָן אַליין, אָהן קיין שום מענשליכע הילף און טרייסט ביי די אַלע אַכזריות׳דיגע צוזאַמענשטויסען מיט דעם לעבען און מענשען, האָט אַלץ מעהר און מעהר געוואַקסען אין זיין הארצען דאָס דאָזיגע בעוואוּסטזיין. און זענענדיג בעשאָנקען פון דער נאַטור מיט ניט אַ געוועהנליכען, שאַפענדען מוח, מיט ניט אַ געוועהנליכער, שענער פאַנטאַזיע, מיט אַ צאַרטען, הייסען הארץ און מיט אַ שטאָלצער נשמה, האָט מיט דער צייט געוועבט זיך און געוואַקסען אין זיין הארצען אַנ׳אַנדער וועלט, אַ צווייטע וועלט, אַ ווייטע פון יענער, פון וועלכער דאָס לעבען האָט איהם דערצעהלט. עס איז אויסגעוואַקסען ביי איהם אין הארצען אַ וועלט, וועלכע האָט אין זיך געהאַלטען די הויפּט-מחשבה, אַז די ערד און דאָס לעבען אויף איהר דאַרפען אויך זיין אַזוי ריין, אַזוי קלאָר און שען, ווי די הימלען מיט די שטערן אין דער הויך איבער אונזערע קעפּ, און אַז די מענשען אויף דער ערד דאַרפען זיין תמיד שטאַרק, תמיד ריין און שען, תמיד אמת — מענשען אין דער געשטאַלט פון יענעם גאָט, וועלכען די חלומות פון אונזערע עלטערן האָבען פאַר אונז אויסגעוועבט...

זיין נשמה איז געווען פול מיט אמונה און מיט הייליגקייט צו די דאָזיגע זיינע מחשבות, און געהענדיג איינזאַם אויף זיין שווערען וועג, איז ער דאָך געגאַנגען גלייך און פול מיט בטחון, וועבענדיג און בעשאַפענדיג זיין אייגענע וועלט.

אַז די דאָזיגע וועלט האָט זיך אינגאַנצען אויסגעוועבט ביי איהם און ער האָט געוואָלט אריינברענגען זי אין דאָס לעבען, אויף דער ערד, און ער האָט געוואָלט ווערען אַ נביא פון זיין אייגענער בעשאַפענער וועלט און מענשען, האָט דאָס לעבען אַכזריות׳דיג זיך אויסגעלאַכט פון איהם... אַ האַריזאָנט פון אַ פוסטען קאַלטען הימעל-ים האָט ער דערזעהן פאַר זיך, און אַ לאַנגער, לאַנגער וועג פול בעשאָטען מיט געוועלקטע חלומות פון זיין נשמה האָט זיך איהם געזעהען הינטער זיך, און זיין נשמה האָט ניט געהאַט מיט וואָס אָנצופיהלען אָט דעם פוסטען, קאַלטען הימעל-ים פאַר זיך, און האָט ניט געוואוּסט מיט וואָס צו פערענטפערן די גזילה פון זיינע חלומות. אויך קיין שום טרייסט האָט איהם דער גאָט פון לעבען ניט געגעבען פאַר זיין צוועהטאָגטע נשמה און האַרץ,

זיין הויכע, שטאלצע פיגור, אין וועלכער עס איז געווען אזוינס וואס האט דערמאהנט אן אמאליגע, אמאליגע מענשען, ווען צוויי־שען די ווילדע בערג און טהאלען פון גאטס ווילדער וועלט זענען ארומגעגאנגען מענשען־נביאים מיט נייע אייגענע בעשאפענע אמונות. איז ווי העכער און שטאלצער געווארען; זיינע שווארצע, ווי סמאלע שארפע אויגען האבען געבלישטשעט מיט ליידען און מיט קעלט פון טויט; אויף זיינע פעסט פערמאכטע און נערוועזע ליפען איז פערשטארט געווארען זיין תמיד ביטערער, ביטערער שמייכעל; אויף זיין גרויסען און איידעלען שטערן האט זיך ארא־געלאזען א משונה׳דיגער, יודישער, עפוואס ווילדער טרויער און א מחשבה, קאלט ווי פראסט, און אונבעוועגט ווי דער טויט אליין, פלעגט אפט דריקען זיין הארץ, פלעגט מאכען פרירען און פערגליווערן זיין מוח און נויטען אין איהרע שווארצע פליגלען זיין נשמה — אוועקצוגעהן אויף אייביג פון דעם לעבען און מענשען; אליין מיט דעם אייגענעם ווילען אבגעבען זיך אין די ארעמס פון דעם קאלטען, קאלטען טויט...

גבריאל האט זיך דאן בעזעצט אין דעם קליינעם פארשטעד־טעל ד. וואו ער איז געבארען געווארען, נעבען דער גרויסער און קאכעדיגער שטאדט נ.; און איינזאם, איינזאם איז ער געווען פער־נומען מיט זיין טרויער און ליידען, וועלכע האבען געוואקסען ביי איהם אין הארצען פון טאג צו טאג.

און גלייך עפיס ווי מיט א כונה, כדי צו מעהרען זיינע בי־טערע מחשבות וועגען מענשען און לעבען, האט זיך אזוי משונה צוגעקלעפט צו גבריאל׳ן אין דעם דאזיגען פארשטעדטעל ד. איי־נער א בחור שטיין. ער איז געווען אלט א יאהר צוויי און צוואנ־ציג. ער האט געהאט א געזונדען, אנ׳אפענעם פנים. זיין קערפער איז געווען געבויט זעהר פעסט און געזונד; פעסטע און געזונדע פלייצעס האט ער געהאט און א שטארקע פעסטע ברוסט. זיינע טיפע אויגען האבען אזוי אפען און קלאר געקוקט אויף גאט׳ס וועלט. נאר אונגעוועהנליך, משונה׳דיג זענען געווען שטיין׳ס הענד. זיי זענען געווען נערוועז, גיט געוועהנליך ברייט און לאנג און פון עפיס ניט געזונדעס, ניט נארמאלעס האבען זיי דערצעהלט. גבריאל׳ן האט עפיס דער דאזיגער שטיין מיט זיין געזונדען און פעסטען קערפער, מיט זיינע ניט געוועהנליכע משונה׳דיגע הענד, א ציה געטהון צו זיך. אויך שטיין האט זיך תיכף, ווי גבריאל איז געקומען אין ד., שטארק צוגעבונדען צו גבריאל׳ן. ער פלעגט

זעהר אָפֿט זיין ביי גבריאל'ן און זיצען ביי איהם אין צימער תמיד שווייגענדיג. און אין זיין שווייגען פֿלעגט זיך גבריאל'ן פֿיהלען עפּים-וואָס שווערעס. אָפֿט פֿלעגט שטיין אריינקומען צו איהם ביי נאכט. שטיל פֿלעגט זיין אין דעם ניט גרויסען גבריאל'ס צימער, און שטיל, שטיל פֿלעגט ברענען דער לאָמפּ. וועלכער פֿלעגט בעלויכטען דאָס צימער. גבריאל פֿלעגט ארומגעהן, ווי זיין שטיינער איז, אהין און צוריק, זענענדיג פֿערנומען מיט זיין טרויער און מיט זיינע מחשבות. שטיין פֿלעגט זיצען שטום און פֿלעגט קוקען מיט זיינע אָפֿענע אויגען פֿאַר זיך און, אזוי ווי אלע מאָל, ווען שטיין פֿלעגט זאָגען וואָס ערנסט, פֿלעגט ער עפּים משונה א קוק געבען אין דער זייט, א פֿינסטערער וואָלקען פֿלעגט ארויף אויף זיין שטערן, און ער פֿלעגט זיך ווענדען צו גבריאל'ן מיט זיין ערנסטער, גראָבער און קלאָרער שטים:

— טאַקי אייביג, אייביג וועלען מענשען פֿון דעם ניט וויסען? ... אייביג? ...

גבריאל פֿלעגט שווייגען. ער האָט געוואוסט די פֿראַגע, וועלכע האָט אזוי ניט געלאָזען רוהען דעם משונה'דיגען געזונדען מענשען. שטיין האָט איהם אמאָל דערצעהלט פֿון זיין לעבען, וועלכעס איז געווען אזא אומרוהיגעס און האָט אין זיך געהאַלטען א ציעל, צו וועלכען ער איז געגאַנגען גלייך: ער האָט געזוכט אַנ'ענטפֿער אויף די איין פֿראַגע. ער פֿלעגט ניט קאָנען איינזיצען אויף איין אָרט. ער איז שוין געווען אין זיין לעבען בעגייסטערט מיט פֿערשידענע גלויבענס און מענשליכע האָפֿנונגען וועגען דעם לעבען און מענשען, ער האָט געפּרובירט פֿערנעהמען זיך מיט פֿערשידענע ארבייטען; ער איז געווען א לעהרער, אומגעפֿאָהרען אויף קאָנדיציעס, געווען א צייט אַנ'ארבייטער און האָט געאַרבייט אין א פֿאַבריק, פֿערנומען זיך מיט שאַפֿען ליכטיגקייט אין די מוחות פֿון די אומגליקליכע, פֿערביטערטע, דערשלאָגענע קנעכט אויף דער וועלט און פֿלאַנצען אין זיי א רצון און א האָפֿענונג פֿון א בעסערען, ליכטיגערען, פֿרייערען לעבען ... נאָר גאָרנישט האָט איהם ניט בערוהיגט. וויסען וויל ער וועגען דעם, וואָס לאָזט איהם אזוי ניט רוהען.

— פֿאַרהאַן א גאָט, צי ניט? ... — פֿלעגט שטיין פֿרעגען מיט זיין ערנסטער, גראָבער און קלאָרער שטים — פֿאַרהאַן א גאָט? ...

גבריאל פֿלעגט ארומגעהן אין צימער אהין און צוריק און

פלעגט שוויינגען. ער האט געוואוסט, אז בערוהיגען אט דעם משונה'דיגען מענשען איז ניטא מיט וואס. עפיס-וואס אזוינס קלארעס און גלייכעס, וועלכעס קאן ניט ליידען קיין שום טונקעלעס, קיין שום נעבעל סיי אין לעבען, סיי אין זיינע מחשבות, איז געוועזן ביי דעם מענשען אין מוח, אין הארצען. עפיס-וואס אזוינס פון יענער זייט פון דער מענשליכער לאגיק. גבריאל האט געוואוסט, אז בערוהיגען קאן איהם נור אזא גלייכער, געוויסער און קלארער ענטפער, אט אזוי ווי גלייך, געוויס און קלאר איז זיין פראגע, וועלכע פערגליווערט אזוי זיין נשמה. גבריאל'ן פלעגט זיך אזוי ביטער קלערען וועגען דעם געזונדען, שטארקען מענשען, וואס ווי א מורא'דיגע וואנד, איבער וועלכער ער קאן בשום אופן ניט אריבער, שטעהט און טיילט פונאנדער צווישען איהם און צווישען דעם לעבען, מענשען, ערד און הימעל...

אז שטיין פלעגט אוועקגעהן און גבריאל פלעגט בלייבען אליין, פלעגט איהם אזוי פרעסען זיין מוח, זיין הארץ. און גלייך עפיס אט ווי שטיין מיט זיין משונה'דיגער נשמה פלעגט בעשטימען ביי גבריאל'ן אין הארצען זיינע ביטערע מחשבות וועגען דעם לעבען, און אזוי דריקען פלעגט דאן זיין נשמה זיין אייגענער טרויער און זיינע אייגענע וועהטאגען, און אזוי פערנומען פלעגט ער דאן זיין מיט דער ביטערער, בייזער און קאלטער מחשבה — אוועקצוגעהן אויף אייביג פון דעם לעבען און מענשען; איבערגעבען זיך אליין, מיט דעם אייגענעם ווילען, מיט זיינע אייגענע הענד דעם קאלטען, קאלטען טויט...

## II.

לעבענדיג אזוי איינזאם און זענענדיג אזוי פערנומען מיט זיינע טרויעריגע, קאלטע און בייזע מחשבות, האט גבריאל אנגעהויבען צו בעקומען בריעף פון זיינער אנ'אלטער בעקאנטער מינען. די בריעף זענען געווען אומגעריכט פאר איהם, און ניט געריכט זיך האט ער אויף דעם, וואס אין זיי איז געווען געשריבען. די בריעף האבען אנגעהויבען אויפצוּוועקען אין זיין הארצען אזוינע איבערלעבונגען, וועגען וועלכע איהם האט זיך געוואלט קלערען, אז זיין נשמה ווייס שוין איצט פון זיי ניט, און וועגען וועלכע איהם איז געווען ביטער צו דערמאהנען זיך איצט.

מינע איז געווען פון דעמזעלבען פארשטעדטעל ר., פון

וואַנען עס איז געווען גבריאל. ווען גבריאל איז אַלט געווען אַ יאָהר צוואַנציג און אין זיין האַרצען האָט שוין דאָס לעבען פערזיהט אַ סך טרויער און ביטערניש, און מינע איז אַלט געווען אַ יאָהר אַכטצעהן און האָט אָקאָרשט געענדיגט גימנאַזיע, האָט ער דערפיהלט אַזוינס צו איהר, וועלכעס האָט געשאַפען ליכטיגעס אין זיין נשמה, וואָס איז פול געווען מיט טרויער. זענענדיג פון דער נאַטור, ווי אַלע איינזאַמע, פערטרויערטע מענשען, אַנ׳איינגעשלאָסענער אין זיך, האָט ער געוואָלט, אַז מינע זאָל פון דעם ניט בעמערקען. מינע, גלייך ווי ער האָט איהר וועגען דעם געמאַכט וויסען, האָט ווי מיט אַ קלאָרער, בערעכענטער כונה פערהאַלטען זיך צו איהם ניט געוועהנליך קאַלט. און וואָס מעהר אין זיין האַרצען האָט געוואַקסען די דאָזיגע בעציהונג צו איהר, אַלץ קעלטער און פרעמדער איז זי געווען צו איהם. און ווען די דאָזיגע איבערלעבונג אין זיין האַרצען האָט אָנגעהויבען צו פאָדערן פון איהם, אַז ער זאָל זי אויפדעקען פאַר איהר, האָבען זיך דאַן זיינע אויגען ווי פלוצלונג ברייטער אויפגעעפענט, און זיין נשמה האָט דערפיהלט, אַז עס ווערט אין איהר בעשאַפען עפּיס אַזוינס, וועלכעס ער וויל עס אַזוי ניט, און ער מוז עס, ער מוז עס אַרויסרייסען איינגאַנצען פון זיין האַרצען. ער האָט פלוצלונג דערזעהן זיך צו פעסט שטעהענדיג אויף דער ערד, און ער האָט דערפיהלט. אַז אויב ער וועט לאָזען פריי וואַקסען אין זיין נשמה זיינע בעציהונגען צו מינען, וועט עס צו פיעל צושמידען איהם צו דעם לעבען און מענשען, וועלכע האָבען איהם אַזוי געשטויסען פון זיך, און וועלכע האָבען אין זיין נשמה געשאַפען נור איין מחשבה, אַז זיי דאַרפען זיין אַנדערש. אַ שווערע און אַ שטאַרקע מלחמה איז איהם דאַן אויסגעקומען צו האַלטען מיט זיך. און דאַן ווען ער האָט שוין געפיהלט זיך פריי פון מינען און פון דער נייער בליהונג אין זיין האַרצען, האָט ער איינמאָל געהענדיג מיט איהר צוזאַמען אויף אַ פרייען ברייטען פעלד אין איינעם אַ ליעבען זומערפאַרנאַכט, ווען עס ראַנגלען זיך אַזוי ווייך און ליעב די שאָטענס פון דער באַלד אָנגעקומענער נאַכט מיט דעם ליכט פון טאָג, דערצעהלט איהר, אַליין ניט וויסענדיג פאַר וואָס, וועגען דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין זיין האַרצען. אַז מינע האָט דאָס דערהערט פון איהם, איז זי פלוצלונג, אַזוי אומגעריכטערהייד פאַר איהם, ווי איינגאַנצען אומגעענדערט געוואָרען. איהם האָט דאַן אויסגעוויזען, אַז ער האָט מיט אַמאָל דערזעהן פאַר זיך גאַר

יענדערע, ניט אט די, וועלכע ער קען און וועלכע איז איהם אזוי טייער. ער האט דערזעהן פאר זיך ניט אט דאס וואוילע, ליכטיגע, כשר'ע, אכטצעהן־יאהריגע קינד, נאר שוין גאר איינגאנצען אנ'אויסגעוואקסענע פרוי. אויף זיין האלב שמייכעלדיגען, פרייען, לייכטען וידוי האט זי איהם אזוי ערנסט און בייז געמאכט וויסען, אז ער זאל זיך ניט דערוועגען צו טראכטען עפיס־וואס ניט געוועהנליכעס וועגען איהרע בעציהונגען צו איהם. ער האט זי דאן ניט פערשטאנען. אויך עפיס־וואס לעכערליכעס האט ער געזעהן אין איהרע שטרייגנע ווערטער און בייזען פנים. זיך האט ער דאן געפיהלט אזוי פריי און גלייך, ווי אט דאס, וואס עס איז פארגעקומען צווישען זיי, האט נאך מיט געהאלפען ארויסרייסען איצט פון זיין הארצען דאס לעצטע קערנדעל פון דער דאזיגער בליהונג, פון דאמאלסט אן האט מינע אנגעהויבען אזוי בייז צו בעגעהן זיך מיט גבריאל'ן, און איהר בייזקייט, אליין ניט וויסענדיג דייטליך פאר וואס, האט געוועקט אויך אין זיין הארצען אזא משונה'דיג בעציהונג צו איהר. עפיס א שנאה צו איהר, אנ'אונערקלערליכע פאר איהם אליין, האט וואו טיעף, טיעף אין זיין הארצען אנגעהויבען געבארען צו ווערען. עפיס־וואס אזוינס אומגעלומפערטעס האט זיך גענומען פלעכטען און האט געוואקסען צווישען זיי ביידען.

אין גבריאל'ס שווערען, טרויעריגען לעבען איז צוגעקומען פון דאן אן מינע מיט זייערע בעציהונגען צווישען זיך. און דער גאט פון לעבען, וועלכער האט תמיד ניט געלאזען איינרוהען זיי ביידען אויף איין ארט און זיי ביידען געווארפען פון איין שטאדט אין די צווייטע, פלעגט ווי מיט א טייוועלשען כיון אפט, זעהר אפט זיי ברייגנען צוזאמען. די בעציהונגען צווישען זיך ווען זיי פלעגען זיך טרעפען צוזאמען פלעגט זיין פערשידען, דאס רוב פלעגען זיי זיך בעגעגענען ווי צוויי גרויסע שונאים, אליין ניט וויסענדיג אויף קלאר, וואס האט ווער צום צווייטען. עס פלעגט אויך טרעפען זוען, אז איינעמס א ליכטיגער שמייכעל פלעגט אזוי גלעטען און בערוהיגען דעם צווייטענס הארץ און א מאל פלעגט רוהען א שטילע, רוהיגע, פריינדליכע בעציהונג צווישען ביידען פון אויסוועניג, און א ווילדען צארן, א ווילדע הנאה פון דעם צווייטענס טרויער, פון דעם צווייטענס וועהטאגען פלעגט יעדערער טראגען טיעף, טיעף בעהאלטען אין זיין הארצען. גבריאל'ן איז דאס אלעס אזוי שווער געוועזען צו ליידען. ער האט געפיהלט, אז

אין די דאָזיגע בעציהונגען צווישען איהם און מינען איז פֿערפֿלאָכטען אַזוי פֿיעל ניט ערנסטעס, פֿאַלשעס און ניט שענעס. און זיין נשמה פֿלעגט זיך נור בערוהיגען, פֿערטיעפֿענדיג זיך אין זיין מחשבה, וועלכע פֿלעגט ווי אַ היילונג זיין פֿאַר זיין ביטערע נשמה אין אַלע שווערע מינוטען פֿון זיין לעבען — אַנדערע מענשען דאַרפֿען זיין און אַנדערש דאַרפֿען מענשען לעבען.

אָט די אַלע איבערלעבונגען האָבען מינעס בריעף ביי גבריאל'ן אין האַרצען אַזוי לעבענדיג אויפֿגעוועקט. איצט ווען דאָס לעבען האָט אַזוי אַכזריות'דיג דערצעהלט גבריאל'ן, אַז דאָס וואָס האָט ביז איצט גענעהרט און געשפּייזט זיין ביטערע נשמה; דאָס צוליעב וואָס ער האָט געלעבט זיין שווערעס, איינזאַמעס לעבען ביז איצט און האָט געגרייט זיך לעבען צוליעב דעם אויף ווייטער, איז דאָס נור אַזוינס, וואָס דאָס לעבען און מענשען קאָנען פֿון דעם נור אַכזריות'דיג שמייכלען און לאַכען; איצט ווען גבריאל האָט פֿאַר זיך דערזעהן אַזאַ פּוסטען, פּוסטען, קאַלטען האָריזאָנט, איז אַזוי שווער געווען פֿאַר איהם צו דערמאָהנען זיך דאָס, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען צווישען איהם מיט מינעס זיין נשמה האָט איצט מעהר געפֿאָדערט אַנ'ענטפֿער אויף די דאָזיגע משונה'דיגעס, וואָס איז פֿאָרגעקומען צווישען זיי און נאָך מיט מעהר צאָרן ווי פֿריהער פֿלעגט ער טראַכטען וועגען די דאָזיגע איבערלעבונגען. נאָר צוזאַמען מיט דעם, ניט ווילענדיג פֿאַר זיך אַליין, האָבען די דאָזיגע בריעף געוועקט אין זיין האַרצען די ערינערונגען וועגען מינען און זייערע בעציהונגען צווישען זיך. ער פֿלעגט זעהר אָפֿט קלערען וועגען דעם, וואָס איז פֿאָרגעקומען צווישען זיי, וועגען איהר אַליין, און זעהר אָפֿט פֿלעגט ער זי זעהן, חלומ'ענדיג אויפֿ'ן וואָהר, ווי אָט, אָט שטעהט זי נעבען איהם אָט אַזאַ, אַ וועלכע ער האָט זי געזעהן דאָס לעצטע מאָל מיט אָנדערטהאַלבען יאָהר צוריק. זי האָט געהאַט אַ ליעבע, אַ לייכטע, שענע פֿיגור. איהר פּנים איז געווען ווייס ווי מילך און גערוהט האָט אויף איהם אַ ליעבע, צאַרטע, לייכטע מיעדקייט. עס פֿלעגט טרעפֿען, אַז ער פֿלעגט ווען ווערען בעוועגט מיט אַ חנ'עוודיגער, ליעבער, לייכטער ראָזער רויטקייט. און דאַן האָבען איהרע אויגען דערצעהלט פֿון עפּיס־וואָס ווילדעס אין איהר נשמה. האָר האָט זי געהאַט לאַנגע, שענע און ווייכע, עהנליך מיט זייער פֿאַרב צו קלאָרע, גוט אויסגעקלאַפּטע לײַן, און נאָך ווייסער פֿאַר זיי, און אַזוי קלאָר. ווייך. ווייך, זיידענס ווייך זענען זיי געווען. איהרע

אױגען ראָבען געהאַט אַ פאַרב פון די קלײנינקע, ליעבענקע בלאָ-
הע קאַראַסקעם אין פריהלינג, און אַזױ רוהיג, טיעף זענען זײ געַ-
װען. װען זי פלעגט לאַכען, פלעגען איהרע אױגען אַזױ בלישט-
שען, און װען זי פלעגט זײַן טרױעריג, פלעגען איהרע נערװעזע,
דינע נאָר פולע בלומ-ליפּען אַזױ בײז זײַן.

און מינעם בריעף צו גבריאל'ן זענען געװען דורכגעדרונגען
מיט אַ ביטערען קלאָגען-זיך אויף עפּיס-װאָס אַזױנס, װאָס זי האָט
פאַרבײַגעלאָזען אין איהר לעבען און װי מחילה האָט זי געבעטען
פון איהם, װאָס אומזיסט, אַלײן ניט װילענדיג, האָט זי װען גע-
מאַכט שװער אויף זײַן האַרצען, האָט געזײַהט װען װעהטאָגען
אין זײַן נשמה. אַ משונה'דיגע זיכערקײַט האָט זיך אין איהרע
בריעף געהערט, אין דעם, אַז זי איז איהם טײַער, נאָר צוזאַמען
מיט דעם איז אין זײ געװען אַזאַ װײנענדיגעס געבעט, װי נור
פרױען און קינדער זענען פעהיג אויף דעם, אַ געבעט פון איהם
אויף אַזױנס, װאָס נור בײ איהם אין האַנד איז עס. אויך געקלאָגט
האָט זי זיך פאַר איהם אויף אַ משונה'דיגע עלענדקײַט און אויף אַ
שרעקליכען בית-הקברות בײַ איהר אין האַרצען. מאָרגע פרײַ האָט
זי דערצעהלט איהם װעגען דעם, אַז זי האָט נאָך קײנעם ניט
ליעב געהאַט ביז איצט, אַז זי האָט ניט בעגעגענט אין לעבען
נאָך װעמען מיט אַזאַ רײנער נשמה װי ער, מיט אַזאַ שטאָלצען
גלױבען אין די אײגענע מחשבות; אַז זי בײַנקט אַזױ נאָך איהם,
און אַז ער איז דער אײנציגער מענש אין איהר לעבען, אין װעמען
זי גלױבט, און װען זי גלױבט אין איהם איז איהר דאַן אַזױ
גרינג, אַזױ גוט.

ענטפערן איהר עפּעס קלאָר און דײַטליך פון זײַן זײַט װעגען
דעם, װאָס ער האָט געפיהלט, אַז זי האָט איהם אַזױ קלאָר און
דײַטליך אַרױסגעזאָגט אין איהרע בריעף, האָט גבריאל ניט געהאַט
װאָס. צו פיעל ביטער איז געװען זײַן נשמה און צו פיעל מיט
צאָרן און מיט טרױער האָט זיך איהם געקלערט װעגען דעם, װאָס
איז פאָר-געקומען צװישען זײ בײדען ביז איצט. אויך איהר עלענד-
קײַט, אויף װעלכע זי האָט זיך אַזױ געקלאָגט אין איהרע בריעף,
און דער רחמנות, װעלכען זײ האָבען געװעקט בײַ איהם אין
האַרצען צו איהר, האָט עפּיס װי אָבגעטריבען איהם פון איהר
און האָט איהם אַזױ נעשראָקען אָט אַזױ, װי זײַן אײגענער פוסטער
הימעל-ים. װעלכער האָט זיך איהם געזעהן פאַר זיך, און װאָס
קעלטער זײַנע בריעף זענען געװען צו איהר אַלץ הײסער און מיט

מעהר געבעט אויף הייסקייט פון איהם זענען געווען איהרע בריעף. ביז וואנען זי האט איהם געשריבען , אז זי וועט קומען צו זיך אהיים. זי מוז זעהן זיך מיט איהם און דארף איהם דערצעהלען אזוינס , וואס שרייבען וועגען דעם קאן מען ניט

---

III.

מינעס קומען האט געשראקען גבריאל'ן . איהם האט זיך געדוכט , אז צו וויים איז ער שוין פון איהר , און אז ווען ער וועט זיך איצט מיט איהר בעגעגענען , וועט זי וועקען אין זיין הארצען אזוי פיעל ניט גוטעס צו זיך . נאר דאך איז ער געווען גרייט צו בעגעגענען זי ווארים און גוט . און וואס נעהנטער עס איז געווארען דער טאג פון איהר קומען , אלץ מעהר איז געוואקסען אין זיין הארצען א גוטעס, ווארימעס געפיהל צו איהר . ווען א מענש פיהלט זיך אזוי עלענד , אט ווי זי דערצעהלט וועגען זיך אין איהרע בריעף , ווען א מענש רעדט צו דיר מיט אזא שפראך, ווי זי רעדט צו איהם איצט , דאן דארפסט דו פערגעסען דיינע חשבונות מיט איהם און ריידען צו איהם מיט א מענשענשפראך און קוקען אויף איהם מיט מענשען-אויגען. אפילו עפים ווי א צו פרידענקייט האט אנגעהויבען צו געבארען ווערען אין זיין הארצען פון דעם , וואס זי קומט ; דאס ערשטע מאל , זינט זיי קאנען זיך וועלען זיי בעגעגענען זיך ווי מענשען , ווי ריינע , פרייע מענשען . אלץ צווישען זיי וועט זיין פריי, ריין און אהן א שפור פאלשקייט . און אזוי ווי זי רעדט און איהרע בריעף צו איהם פריי און אפען וועגען זיך און וועגען איהרע בעציהונגען צו איהם , אזוי פריי וועט ער זיין פאר איהר אין אלע זיינע איבערלעבונגען , וואס האבען נאר א שייכות צו איהר , און ער וועט איהר פריי און אפען ער-קלערען , פאר וואס ער קאן איצט ניט ענטפערן איהר פון זיין זייט דאסזעלבע . מיט וואס זי ווענדט זיך צו איהם .

עס איז געקומען מינע. באלד ווי זי איז געקומען, האבען זיי געזעהן זיך . און אזוי אומגעריכטערהייד פאר גבריאל'ן האט ער שוין פון דעם ערשטען מאל זעהן זיך מיט איהר אנגעשטויסען זיך אויף אזוינס , וואס אפילו ניט דאס ערשטע מאל קומט דאס פאר צווישען זיי, נאר אויף וואס ער האט זיך דאס מאל אזוי ניט גע-ריכט . ווען מינע האט איהם דערזעהן , האבען איהרע אויגען פרעה-ליך א שיין געטאן , איהר קערפער האט א ווילדע בעוועגונג גע-

מאַכט , און ווי אַ שטראָם פוןווילדקייט האָט איהם אינגאַנצען
דורכגעדרונגען . און גלייך ווי גרייט איז זי געוועזען אָט ווי אַ קליי־
נעס, נאַיוועס קינד צו וואַרפען זיך אינגאַנצען צו איהם . נאָר
עפּיס־וואָס , ווי אומגעריכטערהייד פאַר איהר אַליין , האָט זי אָב־
געהאַלטען פון דעם . זי האָט משונה אַ קוק געגעבען אויף איהם .
ער האָט דערפיהלט , ווי איהר בליק דרינגט אַריין אַזוי טיעף אין
זיין האַרצען , אָט גלייך ווי ביז'ן תהום פון זיין נשמה , און פּלוצ־
לינג האָט איהר פּנים אָנגעהויבען גלייך צו ווערען , און אַזוי קאַלט
האָט איהר האַנד געענטפערט אויף זיין הייסען און שטאַרקען דרי־
קען איהר האַנד . און פון מינוט צו מינוט וואָס אַלץ וויטער זיי
ווענען געזעסען צוזאַמען , אַלץ מעהר און מעהר האָט איהר קול ,
איהרע אויגען און איהר גאַנצער פּנים עפּיס גלייך ווי מיט אַ כונה
דערצעהלט איהם , אַז ער זאָל וויסען זיין , אַז זי בעגעגענט איצט
איהם אַזוי ווי אַלע מאָל , ווי אַלע מאָל ביז איצט . גבריאל האָט
זי ניט פערשטאַנען און האָט זיך עפּיס געפיהלט משונה פערלאָ־
רען . ער האָט געפיהלט , אַז וואָס מעהר זיי זיצען אַזוי ביידע צו־
זאַמען , קוקען אַזוי משונה איינער אויף דעם צווייטען און שמועסען
ביידע מיט אַזוינע שווערע אומגעלומפּערטע נשמות איינער געגען
דעם צווייטען , אַזוי נאַריש אומגעלומפּערט ווערט זייער שמועסען
און אַזוי קלעפּט זיך עס ניט אַ וואָרט צו אַ וואָרט , און אַזוי
שווער איז זיי ביידען , און אַלץ מעהר און מעהר הויבט אָן אויפ־
וועקען זיך אין זיין האַרצען אַ שאַרפער כעס אויף איהר , אַליין
ניט וויסענדיג פאַר וואָס . ער האָט אַפילו געפרעגט ביי זיך אַליין ,
וואָס וויל ער פון איהר ? זייערט ער האָט זי דערזעהן , האָט ער
דאָך אַזוי פעסט בעשלאָסען ביי זיך , אַז ער איז שוין ווייט פון איהר ,
ער האָט אויך בעשלאָסען ביי זיך צו זאָגען דאָס איהר אָפען און
פריי . און איצט , ווען אויך זי דערצעהלט איהם , אַז אויך זי איז
ווייט פון איהם , ווייט און פרעמד , שאַפט זי מיט דעם אַזאַ צאָרן
אין זיין האַרצען ... נאָר דער דאָזיגער חשבון האָט איהם גאָר ניט
בערוהיגט . און אַזוי האָט עפּיס־וואָס משונה געדריקט זיין האַרץ .
אויך האָט ער זיך עפּיס פּלוצלינג דערפיהלט אַזוי נאַריש , אַזוי
קליין און לעכערליך ... ער האָט דערפיהלט אין זיין האַרצען אַזוינס,
וועלכעס אַ מענש פיהלט , ווען ער איז גרייט , נאָך יענעמס לאַנ־
גען און שטאַרקען געבעט , צו טאָן אַ טובה איהם . דיין האַרץ
איז שוין פאַרזיס פול מיט דעם געפיהל , וועלכעס בערוהיגט און
בערוהיגט און גלעט אַזוי דאָס מענשליכע האַרץ , אַז דו טהוסט

וואָס גוטעס... און ווען דו ביסט שוין אָט, אָט גרייט צו טהון די גוטע זאַך פאַר דעם צווייטען, זאָגט מען דיר פּלוצלינג, אַז דיין גוטעס איז גאָר ניט נויטיג, מען האָט דאָס גאָר ניט געדאַרפט און מען בעט פון דיר אַזוינס ניט... און וואָס נאָך? — דו, דו אַליין דאַרפסט בעטען וואָס פון דעם צווייטען... און עס האָט טאַקי אָט ווי אָקאָרשט אַ נייַ געבאָרענעס געפיהל ביי איהם אין האַרצען אַזוי אַכזריות'דיג דערצעהלט איהם, אַז ער האָט אויף אַנ'אמת וואָס צו בעטען ביי איהר: אַזוי טיעף זענען געווען איהרע אויגען, איהר פּנים איז געווען אַזוי פול מיט אַזוינס, וועלכעס קאָן בערוהיגען אַ צווייטען, און אַזוי, דאַכט זיך איהם, וואָלט איצט איינשטילען זיין אומרוהיגע, ביטערע נשמה, אַ ווייבער בליק פון איהרע טיעפע, טיעפע אויגען, אַ ליעבער שמייכעל אויף איהר ליכטיגען, ליעב איינגעמאַטערטען פּנים. און אַ הייסער גוטער גלעט פון איהרע ווייסע, עטוואָס נערוועזע הענד מיט די לאַנגע, שענע פינגער איבער זיין קאָפּ, וועלכער איז אַזוי פול מיט ביטערע האַרצרייסענדע מחשבות.

און מינע האָט זיך געהאַלטען צו איהם אַזוי קאַלט און אַזוי וויַט פון איהם. אויך האָט זי עפּים ווי אין מיטען די רייד און מיט עטוואָס אַ שרעקענדיגען קול דערצעהלט איהם, אַז ביז דעם לעצטען טאָג פאַר איהר אַרויספאָהרען אַ היים, האָט זי ניט געוואוסט אויף בעשטימט, אַז זי וועט קומען אַהער. גיכער וואָלט זי בעשטימען ניט צו קומען איצט אַ היים, נאָר זי האָט ערהאַלטען אַ בריעף פון איהרע עלטערן, אין וועלכען זיי האָבען זי אַזוי געבעטען צו קומען, און זי האָט ניט געקאָנט אָבזאָגען זיי אין דעם, און אַז עס קאָן זיין, אַז באַלד וועט זי צוריק אַוועקפאָהרען.

פול מיט ביטערע מחשבות און ווי אַ פערשיכור'טער, אַליין ניט וויסענדיג קלאָר פון וואָס, איז גבריאל אַוועק פון מינען. ביי זיך אין צימער האָט ער געפונען שטיין'ען, זיצענדיג טיעף פערטראַכט אין מחשבות. גבריאל האָט זיך דערפרעהט, דערזעהענדיג איהם, — אַזאַ ביטערע עלענדקייט האָט געפרעסט זיין האַרץ, און אַז שטיין האָט איהם באַלד, ווי ער איז געקומען, דערצעהלט מיט אַ טרויריגען קול, אַז ער פאָהרט אַריבער אין שטאָדט האָט דאָס גבריאל'ן אַזוי פערדראָסען. גבריאל'ן האָט עפּים אַזוי נעשראָקען זיין איינזאַמקייט.

— צוליעב וואָס? — האָט גבריאל ביטער געפרעגט.

— איך ווייס אויך ניט, — האָט שטיין ערנסט געזאָגט — איך קאָן שוין אויך דאָ מעהר ניט איינזיצען. עס דריקט עפּיס אזוינס אין הארצען. עס ווערגט די נשמה...

— אלע, אלע לעבען דאָך ... און איך קאָן ניט... — האָט שטיין ביטער און ערנסט גערעדט נאָך א ווײַלע שווייגען. — איך בין געזונד. שטארק, איך קאָן א סך הונגערן, איך בין גרייט צו ליידען אלץ, איך קאָן אריבערטראָגען א סך, א סך מיט מיין געזונדען. שטארקען קערפּער. און איך בין אויף אלץ גרייט, נאָר...! עס ווערגט מיין נשמה צו וויסען אויף בעשטימט, קלאָר אָט אזוי, ווי בעשטימט און קלאָר עס איז פאַר מיר, אז איך בין דאָ אויף דער וועלט, אז איך געה ארום, אז איך זיץ, אז איך רייד, — צו פאַרהאַן א גאָט, צו ניט?... מענשען, די ערד, די הימלען, דאָס לעבען. — צוליעב וואָס איז דאָס אלין?... צוליעב וואָס איז אָט די מאוים׳דיגע בעוועגונג אין דער מאוים׳דיגער פּוס־טער אייביגקייט?... צוליעב וואָס בעוועגט זיך אלץ, צוליעב וואָס געהען ארום אלע, צוליעב וואָס ריידען אלע, צוליעב וואָס לעב איך, איהר. אָט דאָס דאָזיגע קליינע פאָרשטעטעל און די גרויסע קאָכעדיגע שטאָדט נעבען איהר, אלע, אלע. — צוליעב וואָס און וואָס איז דאָס אזוינס?... פּוסט, פּוסט ווערט דאָס אלץ פאַר מיך... פּוסט, אומבעוועגליך און טויט... טויט... צי פאַר־האַן א גאָט?... יאָ... יאָ... צי ניט?... מיך ווערגט אזוי די גאנצע אייביגקייט מיט אלץ, וואָס אין איהר געפינט זיך... עס ווערגט מיך... עס ווערגט...

גבריאל איז ארומגעגאַנגען איבער׳ן צימער, האָט ביטער געקוקט אויף שטיין׳ס געזונדען, שטאַרקען קערפּער, אויף זיין גע־זונדען אָפענעם פּנים און משונה־אָפּענע אויגען און האָט געשוויגען. שטיין מיט זיינע טענות האָט נאָך קעלטער און ביטערער געמאַכט זיינע קאַלטע און ביטערע מחשבות וועגען דעם לעבען און מענ־שען. אז שטיין איז אוועק, איז גבריאל ארויס אויפ׳ן גאַס און האָט זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן ביינקעל פאַר דעם הויז, אין וועלכען ער האָט געוואוינט. עס איז געווען שפּעט אין דער נאַכט. שטיל און שטום איז געווען ארום. א טיעפע נאַכט פון א באַלד אָנגע־קומענעם פריהלינג האָט געשוועבט אויף דעם קליינעם פאָרשטעד־טעל מיט זיינע הייזער, ווייט צוואָרפענע איינס פון דעם צווייטען. דער שניי האָט שוין אין גאַנצען פערלאָזען די ערד. וועלכע איז געווען פייכט און האָט וואַרים געאָטהעמט. די בוימער צוואָרפענע

צווישען די הײַזער און אויך צוזאַמענגעקליבענע עטליכע צעהנדליג צוזאַמען, אויף אַ הויכען בערגעל, ניט ווײַט פֿון גבריאל'ן, געגענאיבער דעם בײַנקעל, אויף וועלכען ער איז געזעסען, זענען פֿערהילט געווען אין דער שטומער, שוואַרצער נאַכט. זײערע משונה הײלקײַט האָט עפּיס ווי פֿון אַ ווילדער יוגענד דערצעהלט, און גלײַך ווי אינעווענינג אין זײערע פֿײַכטע הערצער האָבען זײ אַ סוד פֿון גליק פֿאַר זיך געטראָגען. אַ סוד, אַז באַלד, באַלד וועלען זײ זיך אָנטהאָן אין גרינע פֿרישע שמעקענדיגע בלעטלעך און זײ וועלען זיך באָדען אין דעם ליעבען, גוטען און שענעם פֿריהלינג. אויף דעם שטילען, שטומען הימעל האָבען לאַנגזאַם און שטום געבלאָנזשעט אָהן אַ ציעל און אָהן אַ וועג גרינגע, לײַכטע וואָלקענס. בלאָנזשענדיג איבער דעם גרויסען, גרויסען הימעל. פֿלעגען זײ אַרויפֿבלאָנזשען אויף דער שטומער בלאַסער לבנה, פֿלעגען פֿערבלײַבען אויף איהר אַ ווײַלע און פֿלעגען ווידער אַרײַנלאָזען זיך אין דעם גרויסען שוים פֿון דעם גרויסען, גרויסען הימעל. ניט ווײַט פֿון גבריאל'ן געגענאיבער אויפֿ'ן בערגעל נעבען אַ בוים האָט זיך געאײַלט אַ קלײנינקעס, ווײַסינקעס קאַראַסקעלע אַרויסצושפּראָצען אויף גאָטס וועלט, און פֿון אײן וואָלקען ביז דעם צווײַטען פֿלעגט עס וועלען בעגאָסען מיט דעם ליעבען, ווײַסען, קלאָרען לבנה-שײַן. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט זיך הערען אַרויסגיסענדיג זיך אין דער טיעפֿער, שטומער נאַכט, דאָרטען וואו עס הויבט זיך אַרויף אַ גרינגער און אַ וואַרימער נעבעל, ווי עפּיס אַ מוטערס אַ קוש — דאָס האָט זיך דער שטילער און קלאָרער טײַך געקושט דאָרט אין דער פֿינסטער מיט זײַנע ברעגען; פּפּ—קלאָ, פּפּ — קלאָ פֿלעגט זיך אַרויסגיסען אין דער נאַכט. עס האָט זיך געטראָגען דורך די נאַכט, צווישען הימעל און ערד, און עס האָט זיך סודות'דיג געשאַרט, ווײך און פּאַמעליך צווישען די הײַזער, די בוימער, איבער די דעכער, איבער דער ערד עפּיס אַזוינס פֿול מיט סוד, וועלכעס האָט ווי וואָס ערנסט געזוכט אין דער דאָזיגער טיעפֿער נאַכט, גלײַך ווי צוזאַמענגעקליבען האָט עס צוואָרפֿענע נאַכט סודות, פֿערוואַלגערטע שטיקלעך נאַכט מחשבות און האָט זײ אַוועקגעשלעפּט מיט זיך ערגיץ אין אַ טיעפֿען, טיעפֿען אָרט צו בעהאַלטען זײ...

גבריאל איז געזעסען און האָט געקוקט אויף גאָטס וועלט, און זײַן האַרץ איז געווען אַזוי פֿערשיכורט פֿון וועהטאָג און יסורים. איהם האָט וועה געטאָן זײַן האַרץ פֿאַר שטײַן'ען, וועלכער

איז היינט געוועזען אַזוי אויפגערעגט. אויך אַזוי ניט געלאָזען רוהען האָט זיין צוועהטאָגדיגע נשמה דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען היינט צווישען איהם מיט מינען. און אַזוי ביטער, ביז וועהטאָגען ביטער האָט איצט איהם וואָס דערמאָהנט און בעשטימט, אַז פון זיינע חלומות און מחשבות ביז אַהער האָבען דאָס לעבען און מענשען נור אַכזריות'דיג געלאַכט... אין לעבען איז ער ביז איצט געוועזען אַזוי איינזאַם, איינזאַם און עלענד... איהם האָט זיך ביטער געוועקט אַ מחשבה אין זיין האַרצען וועגען דעם, אַז ער מיט מינען זענען פון פערשידענע וועלטען, וואָס זענען וויים איינע פון דער צווייטער. מינע איז אַ מענש פון דעם לעבען, וואו איין טאָג איז אַזוי ניט ענליך אויף דעם צווייטען, וואו איין מחשבה איז אַזוי פערשידען פון דער, וועלכע קומט נאָך איהר, און יעדעס געפיהל האַלט אַזאַ מלחמה מיט דעם, וועלכעס איז געוועזען פאַר איהם און וועלכעס עס האָט אַט ערשט מנצח געוועזען... און ער — אַ מענש, וואָס איז אַזוי געלאָפען פון אַזאַ לעבען און האָט ביי זיך בעשאַפען אַנ'אַנדער לעבען פאַר מענשען, אַ לעבען, אין וועלכען אַלע מחשבות זייערע, אַלע טעג, אַלע געפיהלען, אַלץ דאַרף זיין אויסגעבונדען און דורכגעדרונגען מיט איין הויפט-מחשבה, מיט איין עיקר-געדאַנק... מינע איז אַ מענש פון דעם לעבען, וועלכעס האָט אין זיין האַרצען נור געשאַפען וועהטאָגען און יסורים און וועגען וועלכען ער האָט געפיהלט ביז איצט, אַז אַזוי פאַלש איז עס און אַזוי דורכגעדרונגען איז עס מיט נידריגקייט און פוסטקייט... איהם האָבען זיך ווי אַט נעכטען זיך געהערט מינעס ווערטער, טראָגענדיג זיך אין אויער: „ווען ניט די עלטערנס בריעף, וואָלט איך געוויס ניט געקומען איצט אַ היים"... ביי איהם אין האַרצען האָט וואָס ביטער געשריען: ניט אמת, ניט אמת... מינע, אין דיינע בריעף האָסטו מיר וועגען אַנדערש וואָס דערצעהלט... ניט אמת... אויך האָט עפּיס-וואָס ביי איהם אין נשמה אַזוי פעסט בעשטימט און דערצעהלט איהם, אַז דאָס מאָל זעהען זיך מיט מינען וועט ניט אריבער ווי אַלע מאָל, ווי ביז איצט... עפּיס-וואָס אַזוינס וועט פאָרקומען צווישען זיי. עס מוז פאָרקומען... און אַזוי ביטער, אַכזריות'דיג ביטער האָט גענאָגט זיין נשמה. און די שטומע וואָלקענס אין דער הויך, איבער דעם גרויסען, גרויסען הימעל האָבען געבלאָנזשעט איינזאַם, קאַלט, אָהן אַ ציעל און אָהן אַ וועג...

## IV.

און פֿון טאָג צו טאָג האָט מינע מיט זייערע בעציהונגען צווישען זיך אָנגעהויבען אַלץ מעהר צו פֿערנעהמען גבריאל׳ס מוח, הארץ און נשמה. ער פֿלעגט זייער אָפט זיין ביי איהר, און צווישען זיי איז געוואַקסען אַזאַ שטומע, שווערע, דריקענדע ניט פֿערשטעהעניש איינם דעם צווייטען. ער האָט געפֿיהלט, אַז ער איינגאַנצען איז פֿערנומען נור מיט מינען, און אַזוי ניט געלאָזען רירען האָט איהם די דאָזיגע שווערע שטומהייט צווישען זיי. ער פֿלעגט אַלץ פֿעסט בעשליסען ביי זיך, אַלע מאָל ווען ער פֿלעגט געהן צו איהר, צו ריידען מיט איהר אָפֿען, דייטליך און קלאָר וועגען דעם, וואָס עס איז פֿאָרגעקימען צווישען זיי ביז איצט. נאָר קיינמאָל, קיינמאָל, ווען ער פֿלעגט זיין מיט איהר צוזאַמען, פֿלעגט זיך איהם דאָס ניט איינגעבען. עפּיס־וואָס אַזוינס שטימעס פֿלעגט איהם ניט דערלאָזען דערצו. ווען זיי פֿלעגען זיין ביידע צוזאַמען פֿלעגען זיי זיך פֿיהלען אַזוי שווער. תמיד פֿלעגט צווישען זיי רוהען אַ שווערע שטומע שטילקייט, אַזאַ שטילקייט, פֿאַר וועלכער מענשען, ביי ווען עס קומט עפּיס פֿאַר צווישען זיך אַזוינס, וואָס יעדער וויל אַזוי ניט, אַז דער צווייטער זאָל פֿון דעם וויסען, שרעקען זיך אַזוי, ווען זיי בלייבען ביידע צוזאַמען... גבריאל׳ן האָט אָבער אַלץ אַזוי געריסען דאָס הארץ צו ריידען מיט איהר אָפֿען, קלאָר און פֿריי, און איינמאָל ווען זיי זענען געזעסען צוזאַמען, האָט גבריאל דערמאָהנט איהר איהרע בריעף צו איהם. מינע איז משונה בלייך געוואָרען און האָט מיט אַ משונה׳דיגען קול געזאָגט:

— זיי זענען ביי אייך אַלע פֿאַרהאַן?... איך געדיינק שוין ניט, וואָס איך האָב אין זיי געשריבען...

גבריאל האָט געפֿיהלט, אַז ער פֿערליערט זיך עפּיס מאָדנע, און עפּיס אַזוינס קאָכעדיגעס וועקט זיך אויף אין זיין הארצען.

— אין אַלגעמיין ווייזט אויס, — האָט מינע ווידער געזאָגט מיט מעהר שרעקענדעס אין איהר קול נאָך אַ קליין ווייַלע שווייַגען, אַז מענשען ווי איהר, גבריאל, פֿערשטעהען ניט קיין בריעף... איהר לייענט אין זיי אַ סך אייגענעם און אַ סך אַזוינס, וואָס אין זיי איז ניט געשריבען...

מינעס פנים, איהר קול און איהרע לעצטע ווערטער האָבען ווי פּלוצלינג אָנגעצונדען וואָס ביי גבריאל׳ן אין הארצען, און ער

האט דערפיהלט אזא שארפע, הייסע שנאה צו איהר. ער האט דערפיהלט, אז מינע האט איצט געזאגט אזוינס פאלשעס, און אזוי ניט שען איז דאס פון איהר זייט. איהם האט זיך געוואלט בעהאלטען פון מינען אט דאס, וואס קומט פאר איצט ביי איהם אין הארצען, נאר ער האט געפיהלט, אז דאס גיט זיך איהם נישט איין. זיינע אויגען, האט ער געפיהלט, זענען פול מיט אזא הייסער שנאה צו איהר. און מינע האט דאס בעמערקט. איהר פנים האט אויסגעוויזען גלייך, ווי זי וואלט זיך עפיס פלוצלינג אזוי דערשראקען פאר וואס, און אין איהרע אויגען האט אנגעהויבען צו בלישטשען אזא טרויעריג געבעט פאר עפיס־וואס, אין וואס זי איז אזוי שולדיג. זי האט ווי פערלארענערהייד צוגעקליבען זיך זאגען איהם וואס. נאר גבריאל איז אויפגעשטאנען און איז אוועק. און אוועקגעהענדיג פון איהר, האט ער פעסט בעשלאסען דערווייטערן זיך פון איהר אויף אלע מאל, ניט געדיינקען זי, ניט טראכטען וועגען איהר און ארויסרייסען מינען אינגאנצען פון זיין הארצען. צווישען זיי ביידען קאן פארקומען נור פאלשעס. ניט ערנסטעס און ניט שענעס.

גבריאל האט אויפגעהערט צו זיין ביי איהר, ער פלעגט זעהן זיך ניט צו בעגעגענען מיט איהר. איהם האט זיך אזוי געוואלט, אז די שנאה אין זיין הארצען צו איהר זאל וואקסען וואס מעהר און מעהר. ווען פאר איהם פלעגט אויפשטעהן ווי לעבעדיג איהר פנים, וועלכער איז געווען אזוי בלייך, ווען ער איז פון איהר אוועק דאס לעצטע מאל, און פול מיט א טרויער געבעט אין איהרע אויגען, דאן פלעגט איהם אזוי ריהרען זיין הארץ... נאר ער פלעגט דערפאר בייז ווערען אויף זיך. און פון טאג צו טאג פלעגט אלץ מעהר זעהן צו פערגעסען זי, פלעגט אלץ מעהר זעהן צו פערטיפען זיך אין דעם קאלטען ביטערען טרויער און אין די קאלטע, בייזע ביטערע מחשבות, מיט וועלכע ער איז געוועזן פערנומען, איידער מינע איז געקומען.

איינמאל, אומגערעכטערהייד פאר גבריאל'ן, איז מינע געקומען צו איהם. פאר די צייט, וואס ער האט זי ניט געזעהן, איז איהר פנים משונה בלייך געווארען, און איהרע רוהיגע טיעפע אויגען האבען פון פיעל ליידען דערצעהלט. קענטיג איז געוועזן פון איהר, אז זי איז געקומען זאגען איהם וואס א בעשטימטע, א בעשלאסענע זאך, נאר איהר גיט זיך דאס שווער ארויסצורייען. זי איז געזעסען ביי איהם גאר ניט לאנג. זיי האבען געשמו־

עֶסט צווישען זיך מיט האַלבע צוריסענע ווערטער, און נאָכדעם, אַז די דאָזיגע האַלבע צוריסענע ווערטער האָבען זיך אויך אויס־געגומען, זענען זיי זיך געזעסען אַ ווײַלע שטיל און שטום. און זי איז אַוועק אַ טרויעריגע, אָט ווי זי איז געקומען צו איהם. פֿון דאַן אָן האָט זי אָנגעהויבען אָפֿט צו קומען צו איהם. גבריאל פֿלעגט זיך האַלטען מיט איהר קאַלט און ווײַט פֿון איהר, און טרויעריג פֿלעגען איהרע אויגען קוקען אויף גבריאל'ן, ווען זי פֿלעגט אַוועקגעהן פֿון איהם. אין איינעם אַ פֿאַרנאַכט, ווען זי איז געקומען צו גבריאל'ן אַ טרויעריגע, ווי געוועהנליך, האָט זי נאָך אַ ווײַלע שטומער, שווערער שווײַגעניש טרויעריג געפֿרעגט:

— מיר ווילען אפשר געהן אַ ווײַלע אין גאַס? עס זיצט זיך עפּיס ניט איין אין שטוב.

מינעס טרויעריגע שטים האָט עפּיס דאָס מאָל אַזוי געריהרט גבריאל'ן בײַם האַרצען. זיי זענען בײַדע אַוועק שווײַגענדיג. זיי זענען דורכגעגאַנגען דאָס שטעדטעל און זענען אַרויס אויף אַ פֿרײַ־עם, ברייטעם פֿעלד. עס איז שוין געווען נאַכט. אויף דעם ברייטען, לאַנגען, פֿרײַען פֿעלד, אויף וועלכען עס איז געווען ווי פֿערלאָרענערהייד צוואָרפֿען וואו אַ בערגעל, אַ טהאָל, אַנ'איינ־זאַמער בוים און וואו יונגינקע, פֿרישינקע בוימעלעך, איז געווען פֿערגאָסען דער קלאָרער, בלאַסער, קאַלטער לבנה־שיין. שטיל איז געווען גאָטס וועלט און שטיל און שטום האָט זיך געגאָסען דער קאַלטער קלאָרער שיין פֿון דער לבנה און די שטערן אויף אַלץ, וואָס די נאַכט האָט אַרומגענומען מיט איהרע שטומע אָרעמס. און אַזוי פֿול מיט איביגקייט און פֿול מיט שטומע מחשבות, און טיעפֿע טיעפֿע סודות איז געווען גאָטס וועלט. יעדעס גראָז — אַ סוד, יעדעס בלומעלע — אַ מחשבה, יעדער בוים — אַנ'אוצר פֿון אַזוי פֿיעל שטומע סודות און פֿול מיט מחשבות... און דער קאַלטער קאַלטער שיין פֿון דער לבנה מיט די שטערן שאַפֿען אין דיין האַר־צען אַזאַ בענקשאַפֿט נאָך עפּיס וואַרעמעס, נאָך עפּיס טרייסטונג פֿאַר די איינזאַמע, עלענדע מענשליכע נשמה אויף דער וועלט, אַזאַ בענקשאַפֿט נאָך אַ צווייטער מענשליכער נשמה, נאָך ליעבע פֿון אַ מענשליכען האַרץ. עס איז געווען איינע פֿון די טיעפֿע, קלאָרע, ווייסע פֿריהלינגס־נעכט, וועלכע רייסען אַזוי דאָס האַרץ... די נשמה בײַ די איינזאַמע, עלענדע מענשען אויף דער וועלט, וועלכע האָבען גאָרנישט צווישען הימעל און ערד, קיינעם ניט און גאָרנישט, ניט קיין איינגענעם רוהיג בעטעל, וואו צו צושפּאַרען

דעם עלענדרען קאפּ, ניט אַ הייסעם מענשליכעס הארץ, צו וועלכעס צו צוטוליען זיך, און ניט קיין אָרט, וואו צו בעהאַלטען זיך פון דער האַרצרייסענדער ביינקשאַפט, וועלכע עס וועקען אין זייערע הערצער אַזוינע נעכט... און גבריאל מיט מינען זענען זיך געזעסען שטיל און שטום, איטליכער פערנומען מיט זיינע מחשבות.

— גבריאל... — האָט מינע מיט אַ ציטערדינער שטים גערופען.

גבריאל האָט געשוויגען. גלייך ווי זיי ביידע האָבען זיך וויעגען דעם צוזאַמענגערעדט, זענען זיי צוגעגאַנגען צו אַ בערגעל און האָבען זיך אויף איהם אַוועקגעזעצט.

— גבריאל ... — האָט זי ווידער גערופען.

גבריאל האָט זיך אַ קעהר געטאָן צו איהר:

— וואָס? — האָט ער שטיל און טרויעריג געפרעגט.

מינע האָט איהם גענומען פאַר'ן האַנד. דערפיהלענדיג איהר הייסע האַנד, וועלכע האָט לייכט געציטערט אין זיין האַנד האָט גבריאל דערפיהלט, אַז זי וועקט אין זיין האַרצען אַזוי פיעל וואַרעמקייט צו איהר.

— גבריאל... — האָט מינע ביינקענדיג און ווי אַ נאַיוועס קינד געזאָגט, — איהר ווילט טאַקי דערווייטערן זיך פון מיר?... פערגעסען אָן מיר?...

— מינע, — האָט גבריאל טרויעריג געזאָגט, — וואָס ווילט איהר?...

— מיר איז אַזוי גרינג, אַזוי גוט, אַז איך פיהל אייך נעבען מיר...

גבריאל האָט געשוויגען.

גבריאל... — האָט מינע ווידער גערופען.

— מינע, וואָס ווילט איהר?... — האָט גבריאל ביטער געפרעגט.

— איך וויל... איך וויל, אַז צווישען אונז זאָל זיין אַנדערש, אַנדערש ווי דאָס, וואָס קומט איצט פאַר צווישען אונז...

גבריאל האָט געפיהלט, אַז ביי איהם אין האַרצען וועקט זיך אויף אַזוי פיעל גוטעס, וואַרימעס צו איהר. עס האָט אָנגעהויבען צו פערשיכור'ן זיין גאַנצע נשמה אַ גוטע, אַן'אַנגענאַהמע האָפנונג, אַז פון דער נאַכט אָן, אָט נאָך דעם, וואָס עס וועט איצט פאָרקומען צווישען זיי. וועט אויסגעריסען ווערען דאָס אַלץ וואָס עס איז בעשאַפען געוואָרען צווישען זיי ביז איצט און וואָס

איהם איז דאָס אַזוי שווער אריבערצוטראָגען.

— ניט איך בין אין דעם שולדיג, — האָט גבריאל מיט טרויער געזאָגט.

— ווער?... איך?... — האָט מינע ביטער געפרעגט. — מיר איז אַזוי גרינג, ווען איך ווייס, אַז איך בין אייך טייער... אַזוי גוט איז מיר נעבען אייך...

— איהר זענט ריינער, אייער נשמה איז שענער פאַר די אַלע, מיט וועלכע איך האָב זיך געקענט אין לעבען, — האָט מינע מיט אַ קול פון אַ טרויעריגען ווידוי געריעדט צו איהם, — גבריאל, איהר ווייסט ווי איך האָב געלעבט און מיט וועמען איך בין געוועזען ביז איצט? אַלע מאָל, ווען מיר פלעגען זיך טרעפען צוזאַמען, פלעגט איהר געפינען נעבען מיר איינעם אָדער עטליכע, וועלכע פלעגען נאָכגעהן נאָך מיר און מיט וועלכע איך פלעג תמיד זיין צוזאַמען. עס פלעגט טרעפען, אַז איך פלעג זיי פון זיך ניט אָבלאָזען נור דערפאַר, כדי צו שאַפען דורכדעם וועהטאָגען און ניט גוטעס אין אייער הארצען... פאַר וואָס?... וואָס האָב איך געהאַט צו אייך? ווייס איך ניט... איך ווייס ניט...

מינע איז אויף אַ ווײַלע אנטשוויגען געוואָרען. קענטיג איז געוועזען פון איהר, אַז זעהר שווער איז איהר צו זאָגען דאָס, וואָס זי וויל איהם איצט זאָגען. איהר האַנד האָט געטריי-סעלט זיך אין זיין האַנד, און זי האָט מיט טרויער און ערנסט גערעדט ווידער:

— איך וועל זיך פאַר אייך מתודה זיין... מיין ווידוי וועט זיין אַ לאַנגער, אַ לאַנגער... גבריאל... אַ סך. אַ סך האָב איך געקענט אין מיין לעבען. איך בין געוועזען מיט זיי. איך האָב גע-לעבט מיט זיי צוזאַמען. נאָר שטענדיג, שטענדיג בין איך געוועזען פערנומען מיט אייך.. מיין נשמה האָט נור נאָך אייך געבענקט, אַז איך פלעג ווען דערפיהלען, אַז איהר געהט אַוועק פון מיר: פלעגט מיך אָנחאַפען אַזאַ פחד, אַזאַ פחד... דאָסזעלבע האָב איך דערפיהלט, ווען איך האָב אייך געשריבען די בריעף, איידער איך בין געקומען אַהער... איך האָב דערפיהלט, אַז איהר לאָזט מיך אַוועק, איהר געהט אַוועק פון מיר... איהר פערגעסט מיך און ווערט ווייט פון מיר... און מיך האָט אָנגעחאַפט אַזאַ פחד... גבריאל, מיט קיינעם, מיט קיינעם איז מיר ניט פאָרגעקומען אַזוינס, ווי מיט אייך... ווען איך האָב געשריבען די בריעף, האָט מיין נשמה אַזוי געבענקט נאָך אייך... אַזוי געבענקט...

און אז איך האב אייך דערזעהן דא דאס ערשטע מאל און איך האב דערפיהלט, אז איהר האט מיך נאך ניט פערגעסען, זיינט איהר זענט גרייט אויף דעם, וואס איך האב פון אייך געבעטען אין מיינע בריעף, איז מיר עפיס פלוצלונג אזוי משונה געווארען... אנ'אנדער מין פחד, ניט ווי יענער, ווען איך האב געפיהלט, אז איהר געהט אוועק פון מיר, אבער אויך א מין פחד האט אנגע-חאפט מיין נשמה... צו פיעל, גבריאל, פאדערט איהר פון מיר... אלע, אלע, מיט וועמען איך האב מיך געקענט, האבען ביי מיר א סך, א סך גענומען... זיי האבען געזויגען די הייליגקייט, די רייניקייט פון מיין פנים, נאר מעהר האבען זיי פון מיר ניט געפאדערט, מיין נשמה האבען זיי פון מיר ניט געפאדערט... זיי האבען מעהר נישט געבעטען פון מיר, אז מיר זאלען זיין פריינד... איך האב צו זיי קיין שום ליעבעסגעפיהל ניט געפיהלט. זיי צו מיר — איך ווייס ניט... זיי האבען געזאגט, אז יא. און זיי האבען זיך אלץ געבעטען ביי מיר, אז מיר זאלען זיין פריינד... פריינד... זיי בענוגענען זיך און בערוהיגען זיך, ווען איך זאל זיי נאר זיין א פריינד... אזוי האבען זיי געזאגט... פריינד... פריינד... און יעדערער, יעדערער האט געזויגען מיט זיין מויל אזוי פיעל ריינ-קייט פון מיין פנים... שמוציג פלעג איך מיך פיהלען נעבען זיי... גבריאל, אז איך פיהל אייך נעבען זיך, איז מיר אזוי גוט, ריין גרינג... אזוי שען און ריין זענט איהר, אייער נשמה. אייער קערפער... אזוי ווייט זענט איהר פון דעם לעבען..

גבריאל איז געזעסען און האט געשוויגען, ער האט געקוקט אין איהרע טיעפע, טיעפע בלומען-בלאהע אויגען, אויף איהר ליכטיגען, ליעב איינגעמאטערטען פנים, וועלכער איז איצט גע-ווען בעלויכטען מיט אזא ערנסטער, קלארער ליכטיגקייט, און אויף איהרע ווייסע זיידען-ווייסע און ווייכע האר, וועלכע די לבנה האט איצט בעגאסען מיט איהר בלאסען, קלארען שיין. ער האט פעסט געדריקט איהר האנד און האט געפיהלט, אז מינע שאפט איצט ביי איהם אין הארצען אזוי פיעל גוטעס צו איהר, און מינע האט דערצעהלט און אזוי ערנסט:

— ווען איך וואלט אייך דערצעהלען אלץ, וואס עס האבען ביי מיר צוגענומען אט די אלע, וועלכע האבען זיך אזוי געבעטען ביי מיר, אז איך זאל זיין זייער פריינד... זיי האבען זיך אזוי געבעטען ביי מיר... זיי האבען מיר געזאגט, אז איך בין ביי זיי די איינציגע זאך, וואס האלט זיי אב אויף דער וועלט, און אז

איך בין ביי זיי זייער גאט, זייער לעבען, — אלץ, אלץ... אז אהן מיין פריינדשאפט קאנען זיי ניט לעבען אויף דער וועלט.., זייער נשמה פאדערט דאס... און אזוי אכזריות'דיג האבען זיי געזויגען די ריינקייט פון טיין פנים... מיינע ליפען, גבריאל, זענען ביי מיר זעהר הייליג געוועזען... קיינעם האב איך ניט ערלויבט צוריהרען זיך צו זיי... קיינער האט זיי ניט געקושט... הייליג און ריין זענען זיי געוועזען... הייליג... ריין... ריין... און איינער, גאר ניט לאנג, ניט לאנג, דער לעצטער פון די, וואס האבען אזוי געבעטען מיין פריינדשאפט, איהם האט זיך געוואלט דיקא זיי קושען... איך האב צו איהם קיין שום ליעבעס-געפיהל ניט געפיהלט, אט אזוי ווי צו די איבעריגע... און ער האט זיי געקושט... געקושט... איך האב דאן נעבען זיך אחוץ איהם קיינעם ניט געהאט, און אבטרייבען איהם פון זיך האב איך ניט געוואלט... ניט געקאנט... אליין לעבען אויף דער וועלט, אהן קיינעם, קאן איך ניט... לעבען איינזאם איז מיר שווער... איך קאן ניט... פרויען האב איך ניט ליעב... איך דארף פון זיי גארנישט, זיי דארפען גארנישט פון מיר... און אפשר וויל צו פיעל קען איך זיי... איך האב זיי ניט ליעב... און אליין לעבען קאן איך ניט... אז איך חאפ זיך ווען אז איך בין אליין. אז קיינער איז ניטא נעבען מיר, אז מען זאגט מיר ניט, אז איך בין שען, אז מען בעט פון מיר גארנישט, חאפט מיך אן אזא פחד... איך האב קיינעם פון די, מיט וועלכע איך בין געוועזען צוזאמען, מיט וועלכע איך האב געלעבט אינאיינעם. קיינעם האב איך ניט ליעב געהאט, נאר אליין לעבען אהן זיי האב איך ניט געקאנט. און זיי האבען פון מיר מיין נשמה ניט געפאדערט. זיי האבען מעהר ניט מיין פנים געפאדערט, זויגען האט זיך זיי געוואלט דעם טוי פון מיינע אויגען, די קלארקייט פון מיין פנים, די ווייכקייט פון מיינע האר און דאס לעבען פון מיינע ליפען... דער איינציגער, וועלבער פאדערט מיין נשמה, זענט איהר... גבריאל. אהן אייך איז מיר אזא פחד, מיין נשמה בענקט און רייסט זיך אזוי צו אייך... נאר אז איך דערפיהל, אז איהר נעהט צו ארומצונעהמען זי, פערליר איך מיך דאן אינגאנצען... צו פיעל פאדערט איהר פון מיר... איך פיהל דאן, אז איך ווער פוסט... איך פיהל מיך אזוי ארים... אז איך דערזעה אין אייערע אויגען, אין אייער פנים, אין אייערע בעוועגונגען, און אז איך דערהער אין אייער שטים, מיט וועלכער איהר רעדט צו מיר, אז איהר זענט גרייט צו זאגען

מיר „דו ביסט מײַנע״,—ראַן וועקט זיך אויף בײַ מיר אין האַרצען אַ שׂנאָה צו אײַך. איך וויל דאַן מיט שׂנאָה מלחמה האַלטען מיט אײַך. איך דערפֿיהל דאַן, אַז איהר נעהמט צו פֿיעל צו פֿון מיר — מײַן נשמה נעהמט איהר פֿון מיר — בײַ מיר ווערט דאַן פּוסט אין מײַן מוח, אין האַרצען... פּוסט ווער איך און אַזוי אָרים... גבריאל, און מײַן נשמה בענקט דאָך אַזוי נאָך אײַך... אַזוי רײַסט זי זיך צו אײַך... אָהן אײַך איז מיר אַזאַ פּחד... גבריאל, אַזוי שען און רײַן זענט איהר, אײַער נשמה...

גבריאל האָט דערפֿיהלט, אַז אַ קוואַל פֿון עפּעס הײסעס און ליעבעס עפֿענט זיך אויף בײַ איהם אין האַרצען, און אַז זײַן נשמה ווערט פֿערשכור׳ט פֿון אַ שענעם, שענעם חלום...

— און פֿאַר וואָס, גבריאל, האָט מיך דאָס לעבען אַזוי אַרומגעוואָרפֿען?... — האָט מינע ביטער געפֿרעגט. — וואָס האָב איך געזוכט די גאַנצע צײַט, זינט איך האָב געענדיגט גימנאַזיע ביז איצט?... קײן סך פֿלעג איך זיך ניט קאָנען אײַנלעבען מיט מענשען... אַלץ כמעט וואָס זײ האָבען געלעבט, מיט וואָס זײ האָבען גענעהרט און געשפּײַזט זײער נשמה, — אַלץ, זײער שמועסען, זײערע מעשׂים, זײערע האָפֿנונגען און חלומות זענען אַזוי פּוסט געווען פֿאַר מיך... פּוסט... אָפּט, זעהר אָפּט פֿלעג איך דערפֿאַר אַזוי בײז זײַן אויף זיך... און עס פֿלעגט זיך מיר קלערען וועגען זיך, אַז איך בין אַ קלײנער מענש, אַ פּוסטע, אַזאַ נאַרישע... וואָס, וואָס האָב איך געוואָלט פֿון דעם לעבען און וואָס האָט דאָס לעבען געוואָלט פֿון מיר?... וואָס?...

מינע האָט זיך נעטוליעט, געטוליעט צו גבריאל׳ס ברוסט. אָט גלײַך ווי באַהאַלטען האָט זי זיך געוואָלט פֿון עפּיס־וואָס אַזוינס, וועלכעס האָט זי אַזוי נעשראָקען.

— גבריאל... — האָט זי זיך געבעטען בײַ איהם — קוקט זיך אײַן אין מײַנע אויגען... זײ זענען נאָך רײַן?... קלאָר?... רײַן... גבריאל!

מינע האָט אַלץ מעהר און מעהר זיך געטוליעט צו איהם. גבריאל האָט הײס געדריקט איהר האַנד און האָט שטאַרק געדריקט צו זײַן ברוסט איהר שענעם, קלײנעם קאָפּ. עס האָט עפּיס פּלוצלונג ווי אָנגעהויבען צו וועבען זיך בײַ גבריאל׳ן אין האַרצען אַ טײַוועלשער געדאַנק אָהן אַ פֿאָרם און אָהן ווערטער, און דורכגעדרונגען איז ער געווען מיט אַכזריות צו מינען. עס

האָט זיך ווי אָנגעהויבען צו וועבען בײַ גבריאל'ן אין האַרצען ווי מטושטש'ע ווערטער: און איך דריק דיך אויך צו מײַן ברוסט... אַ סך האָבען דיך צו זײַערער ברוסטען געדריקט... אַ סך.. מינע האָט עפּים פּלוצלונג ווי דערשראָקען זיך, האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען און האָט מיט אַזאַ בענקשאַפט אַ קוק געגעבען אויף איהם.

— גבריאל!... — האָט זי משונה בענקענדיג אויסגערופען.

די טײַוועלשע מחשבה איז פערשוואונדען געוואָרען אין מיטען אָהן אַנ'ענדע, און זײַערע בײדענס ליפּען האָבען זיך אַזוי פעסט בעהעפט. גבריאל האָט געפיהלט, ווי זײַנע ליפּען, מיט דער גאַנצער רײנקײט פון זײַן נשמה, מיט דער גאַנצקײט פון זײַן קערפער קלעפּען זיך אַזוי אײַן אין איהרע נערװעזע, קלעפּיזדיגע און פול מיט לעבען ליפּען... ער האָט געפיהלט דעם ריח פון איהרע האָר, די טיעפקײט פון איהרע אויגען, די ביטערניש און צופלאָנטערטקײט פון איהר נשמה. זײַן נשמה האָט אָנגעטאַפּט די גאַנצע טיעפעניש פון איהר מהות און ער האָט דערפיהלט — דאָס לעבען.

V.

אויף מאָרגען האָט זיך גבריאל'ן, ווי נור ער איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, געפיהלט דער ריח פון מינעס האָר, דער טעם פון איהרע ליפּען, און פערנומען און פערטיעפט איז ער געווען מיט דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען נעכטען צווישען איהם און איהר. וואָס מעהר ער האָט געטראַכט וועגען דער נעכטיגער נאַכט, אַלץ מעהר האָט זיך מינע איהם פאָרגעשטעלט אַזוי שען, אַזוי פערחלום'ט, אַז זי האָט געצוואונגען זײַן גאַנצע נשמה, ער האָט געפיהלט, אז מינעס האָט עפּים ווי פערכשופ'ט איהם נעכטען אינגאַנצען. זי האָט ווי אויף אײביג פערשכור'ט זײַן נשמה מיט אַזוינס. וואָס ביז נעכטען איז דאָס אַזוי פרעמד און ווײַט פון איהם געוועזען. זי ציהט איהם אַזוי צו זיך, און עפּים אַזוינס ליבטיגעס, רײנעס, וואַרימעס וואַקסט אין זײַן האַרצען צו איהר. און ער האָט אַלײן ניט געוואוסט וואָס, צי מינעס נעכטיגער ערנסטער וידוי, אָדער־אָט דער הײסער, שטאַרקער, שטאַרקער קוש, — אָבער וואָס אַזוינס, וועלכעס איז נעכטען פאָרגעקומען, הויבט אָן צו שאַפען אין זײַן האַרצען נײַעס. גלײַך ווי נעכטען, ווען ער איז געזעסען צוזאַמען מיט מינען אין דער שטומער נאַכט, אין דעם

פרייען, ברייטען פעלד, פאר דעם קאלטען, קלארען, בלאסען לבנה־שיין. און ווען ער האט געפיהלט מינעם אויגען, מינעם נשמה נעבען זיך, האט ער זיך דערוואוסט און דערפיהלט נייעס וועגען דעם לעבען, וועגען די מענשען און וועגען זיך, וואס דער האט ביז איצט ניט געוואוסט און וועגען וואס ער האט זיין גאנצעס לעבען קיין מאל ניט געטראכט, און א קלארע, פעסטע, און בעשטימטע מחשבה האט אנגעהויבען צו לייכטען וואו טיעף, טיעף ביי איהם אין הארצען, אז דאס אלץ, וואס עס איז פארגעקומען צווישען איהם מיט מינען, זינט זיי קענען זיך, איז עס אזוי וויים פון דעם, וואס ער האט וועגען דעם ביז אהער געטראכט... דאס איז אזוי וויים פון פאלשעם, פון ניט־ערנסטקייט, ניט־ריינקייט... ער האט דאס ניט פערשטאנען ביז נעכטען... עפיס־וואס אנדערש איז דאס, אנדערש, און אזוי טיעף איז דאס, טיעף און ערנסט... און צוזאמען מיט דער דאזיגער מחשבה האט ער געפיהלט, אז עס הויבען אן צו ריהרען זיך און ווי איינצופאלען אזוי פיעל מחשבות אין זיין הארצען וועגען מענשען, וועגען דעם לעבען און וועגען זיך, וועלכע זענען איהם ביז איצט אזוי טייער געוועען, מיט וועלכע ער האט ביז איצט געלעבט און וועלכע זענען אזוי איינגע־ווארצעלט אין זיין ביטערער נשמה...

פאר נאכט אז ער איז אוועק צו מינען, האט זי איהם בעגעגענט, גלייך ווי נעכטען איז צווישען זיי גארניט פארגעקומען. ער האט געקוקט אין איהרע אויגען, אויף איהר פנים, נאר עס איז גארניט קענטיג געוועזן. זיי האבען איהם גארניט דערצעהלט פון דעם, וואס זי פיהלט איצט צו איהם נאך דער נעכטיגער נאכט. ניט געריכטערהייד פאר זיך אליין און ניט וויסענדיג פאר וואס, האט דאס איהם ווי הנאה געטהאן. קוקענדיג אויף איהר, פיהלענדיג זי נעבען זיך, האט זיך איהם עפיס געפיהלט, אז ווען מינע וואלט זיך איצט מיט איהם האלטען נאהענט, פריי און וואלט איהם זאגען מיט איהרע בעציהונגען צו איהם, אז זי איז זיינע, זיינע, וואלט דאס איהם אבשטויסען פון איהר, און ער וואלט ניט קאנען זאגען אויך איהר: איך בין דיינער, איך בין דיינער... צו־זאמען מיט דעם האט ער דערפיהלט, אז אויך דאס, וואס עס אין פארגעקומען צווישען זיי נעכטען ביי נאכט, האט ניט געמאכט ליכטיגער גרינגער זייערע בעציהונגען צווישען זיך... ווער איז אין דעם שולדיג?... ער?... זי?... ער ווייס ניט. עפיס וואס אזוינס פול מיט סיד האלט זיי פון דערווייטען איינס פון דעם צווייטען,

און זינט זיי האָבען זיך דערקענט, לאָזט עס זיי ניט אויף א צייט, אויף א לאַנגע צייט צו בעהעפטען זיך איין נשמה אין דעם צווייטענס. ווען עס בעהעפט זיך איין נשמה צו דער צווייטער, אַזוי שטויסט דעם צווייטענס נשמה ווידער זי אָב פון זיך, מאַכט זיי אַזוי ווייט צווישען זיך. אַזוי בענקט יעדע נשמה נאָך דער צווייטער... און וואָס פאָדערט ער פון איהר? וואָס פאָדערט זי פון איהם? וואָס אַזוינס קומט צווישען זיי פאָר? ער ווייס ניט... און אַזוי פערנומען האָט זיין נשמה אָט דער דאָזיגער סוד...

און ווידער האָט אָנגעהויבען צו רוהען צווישען זיי די שווערע, שטומע שטילקייט; אָט די שטילקייט, וועלכע דריקט אַזוי די מענשען, וועלכע טראָגען ביי זיך א סוד אין האַרצען מיעף בעהאַלטען פון דעם, מיט וועמען זיי זיצען און שווייגען. און אַזוי זיצענדיג צוזאַמען שטומערהייד, פלעגט איטליכער פיהלען, אז ער דאַרף וואָס זאָגען דעם צווייטען, ער וויל וואָס זאָגען, ער מוז וואָס זאָגען, נאָר ער קאָן ניט... ניטאָ קיין ווערטער... און עפּיס־וואָס אַזוינס אין דעם צווייטענס נשמה מאַכט איהם שווייגענדיג און שטום... און ווען צווישען זיי פלעגט ווען יאָ פאָרקומען א שמועס, פלעגט ער שטענדיג פאָרקומען וועגען אַזוינע זאַכען, וואָס יעדערער פלעגט פיהלען, אז ער וויל גאָר וועגען דעם ניט רייִדען, א דאָס פערנעהמט ניט איצט זיין מוח און האַרץ, און די שמועסען פלעגען זיין איבערגעהאַקטע, אומגעלומפּערטע, נאַרישע, און אַוועקנעהענדיג פון מינען, פלעגט גבריאל פיהלען זיך אַזוי איינגעמאַטערט, אַזוי צובראָכען און ווי פערשכור'ט... גבריאל האָט פון טאָג צו טאָג געפיהלט, אז ער ווערט עפּיס פערטיעפט אין א וועלט, פון וועלכער ער האָט פריהער גאָר ניט געוואוסט אז עפּיס־וואָס יִהרט דאָרט און וואַרפט איין דאָס גאַנצע ביז איצט בעשאַפענע אין זיין מוח, האַרץ און נשמה. מיט וועהטאָגען פון זיין נשמה פאַלט דאָרט וואָס איין, ווערט דאָרט וואָס חרוב, און ער ווערט פערטיעפט אין עפּיס נייעס פאַר איהם... נייעס הויבט אָן צו פיהלען זיין האַרץ, נייעס הויבען אָן צו בעמערקען זיינע אויגען אַרום זיך... זיינע אויגען ווערען עפּיס ווי ברייטער און אַנדערש הייבען זיי אָן צו קוקען אויף גאָט'ס וועלט, אויף די הימלען, די ערד און אויף מענשען. ער האָט אָנגעהויבען צו פיהלען, אז אין די אויגען פון די מענשען האָט ער וואָס פערזעהן ביז איצט און אין זייערע פנים'ער האָט ער וואָס ניט בעמערקט. זייענדיג פערנומען זיין גאַנץ לעבען מיט דער מחשבה, אז מענשען דאַרפען אַנדערש לעבען

אויף דער ערד און אנדערע דארפען זיי זיין. האט ער ניט בעמערקט די טיעפע ליידען, וואס שיינען אין זייערע אויגען, די ביטערע קנייטשען אין זייער פנים... נייעס, נייעס וועכט זיך אין זיין נשמה... ער האט אנגעהויבען זיין אפט אין שטאדט, פלעגט ארומגעהן אין די גאסען, אין דעם רעש און טומעל פון לעבען, און א מאל פלעגט איהם פלוצלונג אבשטעלען א מענשליכער פנים און זיין נשמה פלעגט אזש א ציטער טהון פון דעם, וואס ער האט ביז איצט אזוי ניט בעמערקט די טיעפעניש פון די יסורים אין די מענשליכע פנים'ער... און אויך מינע איז אנדערש געווארען. זי פלעגט עפים פון טאג צו טאג אזוי בלייך ווערען, איהרע אויגען האבען דערצעהלט פון נאכט אהן שלאף, פון אומרוהיגע טעג פול מיט ליידען...

— איך פאהר באלד אב פון דאנען, — האט איהם געזאגט מינע, איינמאל. ווען זיי זענען געזעסען ביידע צוזאמען.

גבריאל האט געפיהלט, אז עפים-וואס ווייסט זיך אב ביי איהם אין הארצען מיט וועהטאגען.

— וואוהין?... — האט ער מיט שרעק אין זיין קול געפרעגט.

— מיינער א בעקאנטער, — האט מינע געזאגט מיט א שרעקענדיגען קול און קוקענדיג אויף גבריאל'ן מיט ווילד בלישטשענדיגע אויגען, — בעט מיך, אז איך זאל קומען זעהן זיך מיט איהם.

עפים-וואס האט גענומען ווערגען גבריאל'ס האלז. ער האט געפיהלט, אז ער פערליערט זיך אינגאנצען, און פון זיין מויל האט זיך עפים ווי אליין ארויסגעריסען:

— א נאהנטער בעקאנטער?... א פריינד?...

גבריאל האט זיך אליין משונה דערשראקען פאר זיינע ווערטער, זיי זענען ארויסגעזאגט געווארען מיט א מאדנער גראבער שטים, ניט מיט זיינער... קיינמאל האט זיין שטים אזוי ניט געקלונגען... און ער האט אזוי ניט געוואלט, אז אין זיינע ווערטער זאל זיך הערען אזוינס, וואס עס האט זיך אין זיי געהערט. מינע האט זיך א טרייסעל געטהון ווי פון קעלט. זי איז בלייך געווארען.

— יא... פון יענע... מיינער א פריינד... האט זי פעסט געזאגט מיט א הייסער שנאה אין איהרע אויגען צו איהם.

גבריאל האט דערפיהלט, אז עס איז איצט פארגעקומען צווישען זיי אזוינס, וואס האט אומזיסט נאך מעהר דערווייטערט

זײַ אײַנעם פֿון דעם צווײַטען. און אַזוי ווי ער געטהון האָט דאָס איהם. פֿערריכטען דאָס פֿאַרגעקומענע, פֿערטרײַבען אָט דאָס, וואָס עס האָט זיך אָקאָרשט אַזוי אומגעלומפּערט אַרײַנגעגנב'עט צווישען זײַ צווישען זײַן שולד און אָהן איהר שולד, האָט ער ניט געוואוסט מיט וואָס, און אַזוי ווי ער געטהון האָט איהם איבער דעם זײַן האַרץ.

— מינע—האָט גבריאל ווייך, ווייך און ווי אַ בעשולדיגטער גערופען זי, מינע... וואָס זענט איהר די לעצטע צײַט אַזוי אַראָב פֿון פנים?...

ניט דאָס האָט זיך איהם געוואָלט איצט זאָגען איהר. נאָר וועגען אַנדערש, וועגען אַנדערש האָט ער געוואָלט איצט רײדען מיט איהר, נאָר עס האָט זיך ניט גערעדט... שווײַגען האָט ער אויך ניט געקאָנט. מינע איז נאָך מעהר בלײך געוואָרען, גלײַך ווי ער האָט עפּיס־וואָס ווידער אָנגעריהרט אַ צוועהטאָגדיגען אָרט אין איהר האַרצען. זי האָט געשוויגען.

— מינע—האָט גבריאל ווידער ווײן', ווײך גערופען זי—איך פֿערשטעה אײַך ניט... מינע...

מינעס אויגען זענען פול געוואָרען מיט אַ קלאָרער, פֿולער טרעהר,

— גבריאל... — האָט זי ביטער געזאָגט, מיט אַ קול פֿון פֿערדריקטע, אין זיך אײַנגעהאַלטענע טרעהרען—וואָס ווילט איהר פֿון מיר?... גבריאל... לאָזט מיך איצט אַליין... לאָזט מיך..

אַ פֿערביטערטער, מיט אַ צוועהטאָגטער נשמה און ווי פֿער־שכּור'ט פֿון אַ גאַנצער חוואַליע פֿון פֿערשידענע, האַרצרײַסענדי־גע מחשבות, איז גבריאל אַוועק פֿון מינען. וואָס קומט פֿאָר צווי־שען זײַ? וואָס איז דאָס אַזוינס? ווער איז אין דעם שולדיג? ער?... זי?... אַנ'אַכזריות'דיגער טײַוועל שפּיעלט זיך בײז און רײַצט זײַערע נשמות?... ער ווייס ניט, ער ווייס ניט... סײַדען פֿרעגען וועגען דעם בײַ די שטומע, טיעפֿע שוואַרצע שאָטענס פֿון די נעכט, בײַ די טיעפֿע, טיעפֿע יסורים פֿון די מענשליכע פנים'ער און אויגען, אָדער בײַ דער שווערער שטומהײַט, וואָס רוהט צווישען זײַ בײדען, ווען זײַ זיצען צוזאַמען, יעדער בײַ דער פֿינסטערער וואַנט, וועל־כע שטעהט צווישען זײַ און שײדט זײַ פֿונאַנדער?... ער ווייס ניט, פֿון טאָג צו טאָג האָט אַלץ מעהר און מעהר ניט געלאָזען רוהען איהם אָט דאָס, וואָס קומט פֿאָר צווישען זײַ, און זײַן נשמה פֿלײַנט זיך אַלץ מעהר פֿערטיעפֿען אין דעם דאָזיגען טײַוועלשען

סוד .. אַזוי פֿערשכּור'ט האָט דאָס זײַן מוח, הארץ און נשמה, ניט געלאָזען רוהען איהם בײַ טאָג און שלאָפֿען בײַ נאַכט...

אײַנמאָל בײַ נאַכט, ווען גבריאל איז געווען אַזוי פֿערנומען מיט זיך, מיט מינען און מיט דעם, וואָס צווישען זײַ קומט פֿאָר, איז געקומען צו איהם פֿון שטאָרט שטײַן, שטײַן איז דאָס מאָל געווען ניט געוועהנליך בלײַך. זײַנע אויגען, וועלכע האָבען עפּיס אַזוי משונה אָפֿען געקוקט. האָבען דערצעהלט פֿון עפּיס-וואָס פֿעסט בעשטימטעס בײַ זיך אין האַרצען, און אַזוי פֿערטיפֿט איז ער געווען אין עפּיס אַ מחשבה, וועלכע האָט בעצוואונגען זײַן גאַנצע נשמה, ער האָט ניט אויסגעטהון פֿון זיך זײַן אויבערשטען בגד, ווי ער איז געקומען צו גבריאל'ן אויף אַ ווײַלע, פֿרעגען וואָס און אוועקגעהן.

— גבריאל — האָט שטײַן ערנסט און ביטער געפֿרעגט, צוזעצענדיג זיך בײַ'ם קלײַנעם טיש, וועלכער איז געשטאַנען האַרט צום וואַנט — וואו טהוט מען זיך אַהין? ... עס ווערגט מײַן נשמה... עס ווערגט...

— שטײַנס בלײַכער פּנים, זײַן ערנסטער קול האָט אַזוי נעריהרט גבריאל'ן.

— בערוהיגט אײַך ... בערוהיגט אײַך... — האָט גבריאל ווײך און וואַרים געבעטען שטײַנען.

— איך פֿיהל, אַז איך ווער פֿערגליווערט אינגאַנצען, האָט שטײַן ביטער געזאָגט — איך קאָן מיך ניט בעוועגען... איך קאָן ניט טראַכטען... איך קאָן ניט לעבען... אַלץ, אַלץ וואָלט איך אריבערגעטראָגען—הונגער, קעלט, יסורים, קרענק ... איך בין אויף אַלץ גרײַט. מיר וואָלט גאָרנישט שווער געווען... גבריאל, — צי פֿאַרהאַן אַ גאָט, צי ניט? פֿאַרהאַן אַ גאָט?... מײַן גאַנצער מהות פֿאָדערט וויסען דאָס אויף געוויס... איך זעה פֿאַר מיר אַ גרויסע, מאוים'דיגע, פּוסטע, טויטע און פֿינסטערע אײביגקײַט, וועלכע ווערגט אַזוי מײַן נשמה, ווערגט... פּוסטער, פּוסט און טויט... צי פֿאַרהאַן אַ גאָט? אַ גאָט... אַ גאָט אַ פּראָסטער, אַ לעבעדיגער, אַ גאָט, וועלכער האָט דאָס אַלץ בעשאַפֿען... אַ גאָט, וועלכער ווײס, צוליעב וואָס האָט ער דאָס אַלץ בעשאַפֿען... אַ גאָט, וועלכער ווײס, צוליעב וואָס בין איך בעשאַפֿען אויף דער וועלט, צוליעב וואָס איך בעוועג מיך, צוליעב וואָס טראַכט איך, צוליעב וואָס לעב איך.. אַ גאָט אַ לעבעדיגער... אַ גאָט... גאָט;.. יאָ צי ניט?...

גבריאל'ן האָבען געריסען אין האַרצען שטײַנס ווערטער. זאָגען

איהם וואס, בערוהיגען איהם, האט ער ניט נעהאט מיט וואס, ער האט מעהר ניט געקאנט, ווי עפענען פאר איהם אויך זיין צווועהטאגדיגעם הארץ און אויך דערצעהלען איהם ביטער און ערנסט, אז ער ווייס אויך פון גארנישט .. גארנישט ווייס ער ... ניט וועגען דעם, צי איז פאראן א גאט אויף דער וועלט, און ניט וועגען דעם, וואס איז דאס אזוינס דאס לעבען. ער ווייס ניט, און קיינער, קיינער וועט פון דעם קיינמאל ניט וויסען ... עפיס א ווילדע, א נייע מחשבה האט עפיס ווי געמורמעלט זיך אין גבריאל'ס מוח, א מטושטש'ע און אהן א פארם: „אויב דו ווילסט אנטאפען מיט דיין נשמה, וואס איז אזוינס דאס לעבען, מענשען, אויב דו ווילסט, אז דיין נשמה זאל דאס פיהלען—קען פרויען, פיהל זיי, לעב מיט זיי, דאן וועסטו אנטאפען דעם סוד פון לעבען. וועסטו פיהלען זיין צופלאנטערטקייט, די טיעפעניש פון איהם. זיין ערנסטקייט און דאס פאלשעם, וואס אין איהם איז פאראן ... דאס ערדישע און דאס הימלישע ... פרויען ... פרויען!" ... און ער האט געפיהלט, אז אזוי ווילד וועט דאס קלינגען פאר שטיינען ...

אז שביין איז אוועק, האט פלוצלונג גבריאל'ן עפיס אזא משונה בענקשאפט אנגענומען נאך שטיינען, עפיס גלייך ווי אט איצט, ווען שטיין איז שוין אוועק, האט ער קלאר דערפיהלט, אז שטיין איז היינט געוועזן ניט ווי אלע מאל, ער האט עפיס דערפיהלט, אז ער האט אזוי נויטיג געדארפט בערוהיגען איהם, ריידען מיט איהם, זאגען איהם וואס און איינשטילען, איינשטילען זיין משונה אומרוהיגע נשמה, נאר וואס האט ער איהם געקאנט זאגען אזוינס, וואס זאל מאכען אויפהערען צו ווערגען זיין נשמה, אז זי זאל ווערען שטיל און רוהיג... וואס? וואס האט ער איהם געקאנט זאגען? און וואס האט ער וואס צו זאגען, מיט וואס קאן ער בערוהיגען זיך? מינען? וואס ווייס ער? ער ווייס אויך גארנישט... און ער האט דאך געהאט ביי זיך אנ'אייגענע בעשאפענע וועלט, און ער האט דאך געוואלט ווערען א נביא ביי מענשען, לערנען זיי ווי צו לעבען, דיינקען, חלום'ן ... מיט וואס, מיט וואס האט ער געקאנט בערוהיגען אט דעם משונה'דיג געזונדען און אומרוהיגען מענשען? ... גבריאל'ן האט געריסען דאס הארץ, ער האט ניט געקאנט פערבלייבען אין זיין צימער, ער איז ארויס אויפ'ן גאס און און איז זיך אוועק, אליין ניט וויסענדיג וואוהין און צוליעב וואס, ער איז דורכגעגאנגען דאס פארשטעדטעל און איז ארויס אויפ'ן פעלד. די טיעפע, שטומע זומער־נאכט איז גיכס גע־

ווען. ווייט, וויים אויף אנ'עק הימעל נאהענט צו דער ערד האט זיך געוויזען א ווייסער פאס מיט עטוואס רויטליכע ברעגען ביי'ם סוף. עס האט אנגעהויבען צו טאגען. שטום, פערשלאפען שטום איז אלץ געווען ארום, דאס פעלד מיט זיינע גראזען, דער וואלד ניט ווייט אנטקעגען איהם און דאס פארשטעדטעל הינטער איהם. אין גלייך ווי אלץ, אלץ איז מיט א כיוון שטיל געווארען, האלט איין אין זיך דעם אטהעם, ווארטענדיג און ריכטענדיג זיך אויף עפים, וואס עס דארף באלד פארקומען. ערגיץ וואו אויף א בוים, ניט ווייט, האט א פויגעל שלאפענדיג א קלאפ געגעבען מיט א פליגעל, אפשר האט זיך איהם וואס בייזעס געחלומ'ט, אדער ער פרובירט, אנטאפענדיג מיט דעם פליגעל דעם אויר, צי עס איז נאך נאכט אדער עס איז שוין טאג געווארען. גבריאל איז געגאנגען און אין זיין הארצען האט אזוי וועה געטהון; מיט וואס, מיט וואס האט ער געקאנט בערוהיגען שטיינען? מיט וואס, מיט וואס קאן ער בערוהיגען זיך, מינען? און עס האט זיך געגראבען אין זיין נשמה א ביטערע מחשבה. אז ער האט געהאט א טעות אין לעבען... ער האט וואס פערזעהן... און אזוי פעסט און בעשטימט האט די דאזיגע מחשבה געהאלטען זיין נשמה. שטיין... מינע... און דאס, וואס זיין נשמה לעבט איצט איבער, האט אנגעהויבען ווי צו בעלייכטען א גאנצען פאס פון דעם גרויסען פינסטערען תהום! וועלכען מען רופט מיט דעם נאמען לעבען... ביי איהם אין הארצען האט אזוי בעשטימט געוואקסען די מחשבה, אז ביז איצט האט ער ניט פערשטאנען ניט מינען, ניט זיך, ניט דאס, וואס עס האט זיך געשאפען צווישען זיי, און ניט דאס גאנצע לעבען. וועלכען ער איז געגאנגען פארביי... זייענדיג פערנומען מיט דער מחשבה, אז דאס לעבען איז ניט אזא, ווי עס בעדארף צו זיין, און אז מענשען זענען ניט אזוינע, ווי זיי דארפען זיין, איז ער פארבייגעגאנגען דעם גרויסען, מאוים'דיגען לעבען, די מענשען, מיט זייערע יסורים, זייערע וועהטאגען און זייערע נשמות... איהם האט דאס לעבען בעוויזען צרות און יסורים, און ער איז פון זיי אנטלאפען. די וועהטאגען און די ליידען פון לעבען האבען איהם פון זיך געטריבען און ער איז אוועק אן א זייט פון זיי, ניט בעמערקענדיג וואס איז דאס אזוינס, ווי זיי קומען פאר און ווי זיי שאפען זיך... פון גלייכע, קלארע מחשבות, וועלכע זענען אבער געווען אויסגעטראכט. פוסט און אהן לעבען, האט ער אין זיין הארצען א נייע וועלט בעשאפען און האט געוואלט, אז די מענשען זאלען

אין איהר גלויבען. ניט בעמערקענדיג, ניט פיהלענדיג די טיעפע-
ניש פון דעם ניט קלארען, ניט גלייכען, ניט ממשות'דיגען נאר
פול מיט לעבען, וואס קומט פאר צווישען הימעל און ערד ביי
מענשען אין הארצען... ער איז אלץ געגאנגען פארביי דעם לע-
בען, פארביי מענשען, ניט פיהלענדיג זייער ציטערניש, זייער
בענקשאפט, זייער לאכען און וויינען, זייערע וועהטאגען און יסורים...
ער האט ניט פערשטאנען, דעם געוועהנליכען אמת, אז יעדעס
הארץ איז א בעזונדער וועלט, יעדע נשמה—א בעזונדער גאט און
יעדערנס אויגען האבען בעזונדערע הימלען און ערד.. ער האט
פערזעהן... פערזעהן... פערזעהן...

גבריאל'ס הארץ האט אזוי וועה געטהאן. ער האט קיין כח
ניט געהאט צו געהן ווייטער. ער האט זיך איבערגעזעצט אויף א
בערגעל און האט געקוקט ארום זיך אין גאט'ס וועלט אריין. עס
איז שוין געווען טאג. די זון א ליכטיגע א קלארע, א פרישע און
א נייע האט זיך שוין אויפגעהויבען איבער דער ערד און האט בע-
גאסען מיט איהרע ליכטיגע, גאלדענע, פרישע, ווי ריין אויסגע-
וואשענע שטראהלען אלעס, וואס צווישען הימעל און ערד. גלייך
ווי די זון האט זיך אט ערשט ט'בל געווען אין א קלארען וואסער-
קוואל און איז ארויס דורכגעדרונגען מיט דעם קלארען וואסער צו
גיסען איהר ליכט אויף גאט'ס וועלט. דאס ברייטע, פרייע פעלד
איז געווען בעשאטען מיט טוי-פערלען. און אזוי געבלישטשעט
האבען זיי אנטקעגען דעם שיין פון דער זון, די ווי נאך פערשלא-
פענע בוימער פון דעם וואלד, ניט ווייט פון גבריאל'ן, די ערד,
די שטילע רוהיגע הימלען, די גראזען מיט זייערע טוי-פערלען, —
אלץ האט עפּיס אזוי ליעב און ווייך געפּעשטשעט זיך, געגעניצט
פריש ווי א קליין קינד אין דעם שוים פון זיין געליעבטער מוטער,
מיט צוטרוי צו דער זון האט זיך אלץ, צווישען הימעל און ערד,
געבאדען אין איהר ליכטיגען, פרישען, קלארען שיין, און עס איז
געווען, ווי א פערבארגענע האנד, וועלכע דיינע אויגען זעהען ניט
און וועלען זי קיינמאל ניט זעהן; א ליעבע פרויען-האנד, א שענע,
א קלארע, א צארטע, צושפרייט יום-טוב'דיג איבער דער ערד
פרישע, נשמה'דיג ליעבע און צארטע בלומען-און גראזען-ריחות...
און אלץ איז פול מיט ליכטיגקייט, אלץ איז פריש, ריין, הייליג,
אט גלייך ווי דער גאט פון ליכט איז אליין אראב פון זיינע הימ-
לען צו געבען זיין ערשטען פריהמארגען-קוש זיין בעשעפעניש...
ערגיץ-וואו וועקט א פויגעלע זיינע קינדערלעך פון שלאף... אפשר

וועקט עס זיי ברכות צו זאָגען פֿאַר גאָט... גבריאל איז געזעסען און האָט געקוקט אויף גאָט'ס וועלט. און אין זיין הארצען האָט זיך אַזוי געגראָבען אַ גרויסע מחשבה: ער האָט ביז איצט פֿערזעהן דאָס לעבען... פֿערזעהן... ער האָט פֿערזעהן מענשען, זייער לעבען, זייערע נשמות, ער האָט פֿערזעהן דאָס ליכט פֿון דער זון... די וועהטאָגען פֿון מענשליכע הערצער... ער האָט פֿערזעהן... פֿערזעהן...

אַ גאַנצע טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אַ פֿערשכור'טער איבער די פֿעלדער, אַרום דעם פֿאָרשטעדטעל. ער איז געוועזען אין שטאָדט און ווידער אַוועק אין די פֿעלדער. ער האָט ניט געקאָנט איינרוהען אויף אַנ'אָרט. אַז ער איז קומען פֿאַרנאַכט אַ פֿערמאַטערטער, מיט אַ צובראָכענעם קערפּער און נשמה צו זיך אין צימער, האָט ער געפֿונען אַ צעטעל, אין וועלכען מען האָט איהם אנגעזאָגט, אַז שטיין האָט זיך דאָס לעבען גענומען. ער האָט זיך געשאָסען. אַ צומישטער פֿון דעם אַלץ, וואָס עס טהוט זיך אָב מיט איהם די לעצטע צייט, און אַ דערשלאָגענער פֿון דער אומגעריכטער ידיעה וועגען שטיינען, איז ער אַוועק אין שטאָדט, וואו שטיין האָט געוואוינט. שטיינען האָט ער נאָך געפֿונען ליגענדיג אויפֿ'ן בעטעל ביי זיך אין צימער, אַ פּאָר יונגע מענשען, שטיינ'ס בעקאַנטע, זענען געזעסען שטיל און טרויעריג נעבען דעם בעטעל, אויף וועלכען שטיין איז געלעגען, שטיין איז זיך געלעגען גלייך, רוהיג אין זיינע קליידער, וועלכע זענען געוועזען אין דער לינקער זייט נעבען ברוסט עטוואָס פֿערגאָסען מיט בלוט. אויף זיין פּנים איז קיין שום טויט ניט קענטיג געוועזען. עס איז געוועזען אַ פּנים פֿון אַ לעבעדיגען מענשען, וועלכער איז עפּיס פּלוצלונג פֿערגליווערט געוואָרען, אָבשטעלענדיג מיט אַ מאָל די גאַנצע בעוועגונג, דאָס גאַנצע לעבען, מיט וועלכען ער איז דורכגעדרונגען. עס זענען אַזוי בולט געוועזען אין פּנים פֿערגליווערטע מחשבות, מיט געוואַלד אָבגעהאַקטע אין מיטען, ניט דערטראַכטע אָהן אַ סוף... נעבען די ווינקלען פֿון זיין שטערן איז עפּיס געוועזען אַזוינס, וואָס האָט שטומערהייד ווי דערצעהלט, אַז אַ גראָבע זאַך איז אָבגעטהון געוואָרען מיט די דאָזיגע בולט'דיגע אויפֿ'ן פּנים, ניט דערטראַכטע מחשבות... גבריאל האָט געקוקט אויף שטיינ'ס פּנים, און גלייך ווי שטיינס פּנים האָט געפֿרעגט פֿערגליווערט רוהיג ווי ער אַליין: פֿאַרהאַן אַ גאָט, צי ניט?... גבריאל האָט אַ קוק געגעבען אויף שטיינס הענד, וועלכע זענען געלעגען טויט נעבען ביידע זייטען

פֿון זײַן געזונדען פֿערגליװערטען קערפּער, און עפּיס אַ משונה'דיגעט געפֿיהל האָט ער דערפֿיהלט אין זײַן האַרצען. אויף די הענד האָט גערוהט עפּיס אַזאַ טעמפּעס, מיאוסעס און גראָבעס — דער טויט אַלײַן ... גבריאל האָט דערפֿיהלט, װי ניט עהרליך, ניט שײַן און גראָב האָט שטײַן זיך בעגאַנגען מיט זיך אַלײַן ... ער האָט װידער אַ קוק געגעבען אויף שטײַנס פּנים, און װי מיט צאָרן האָבען אויך די װינקלען פֿון שטײַנס שטערן דערצעהלט, װי גראָב, גראָב, ניט עהרליך און מיאוס האָט מען זיך בעגאַנגען מיט דעם דאָזיגען געזונדען, שטאַרקען קערפּער און פּנים ... עס איז אָבגעטהון געװאָרען איבער זײ אַזאַ גראָבע, מיאוסע זאַך ... מען האָט פֿערגליװערט װי אין אַ קאַלטען, טרוקענעם, פֿערגליװערטען מראָמאָר אַ גאַנצעם מענשליכעם לעבען ... אַ לעבען...

גבריאל'ן האָט װאָס געטריבען פֿון שטײַנס צימער. ער האָט דאָרטען ניט געקאָנט אײַנזײַן, ער איז אַװעק צו זיך אין פֿאָרשטעדטעל. ער איז אַרויס פֿון שטאָדט און איז אַװעק אין דאָס פּוסטע פֿעלד, װעלכעס פֿיהרט אין פֿאָרשטעדטעל. אַ טיעפֿע זומער־נאַכט האָט גערוהט אויפֿ'ן פֿעלד. קלאָר און בלאַס האָבען געגאָסען די לבנה און די שטערן זײער שײַן אויף די שטומע סודות'דיגע גראָזען פֿון דעם שטילען שטומען פֿעלד, און ער האָט זיך געפֿלאָכטען מיט די צװײַגען פֿון די אײַנזאַמע דאָ און דאָרט צװאָרפֿענע שטומע בוימער, װעלכע זענען געװען פֿערהילט מיט טיעפֿע, שטום־סודות'דיגע מחשבות. און אַזױ װײַך, ליעב, פֿול מיט צאַרטעס איז געװען אויסגעגאָסען אין דער שטומער טיעפֿער, טיעפֿער נאַכט, אָט גלײַך װי די בענקשאַפֿט פֿון אַלע מענשליכע הערצער צוזאַמען האָבען זיך אַרויסגעגאָסען אין דער דאָזיגער טיעפֿער נאַכט און האָט געשװעבט צװישען הימעל און ערד... גבריאל'ס האַרץ האָט געגלעט ביז צו טרעהרען אָט דאָס דאָזיגע ליעבע, װײכע און צאַרטעס פֿון דער נאַכט, און אין זײַן נשמה האָט געריסען, ביז שרײַען אַזש פֿאַר װעהטאָג. אַ קװאַל פֿון מחשבות. איהם האָט ניט געלאָזען רוהען זײַן נײַע, ביטערע מחשבה, אַז ער האָט װאָס פֿערזעהן אין לעבען. איהם האָט געריסען זײַן נשמה פֿאַר דאָס גראָבע, ניט עהרליכע, װאָס שטײַן האָט מיט זיך געטהון. ער האָט ביטער געקלערט װעגען דעם, װאָס ער האָט מיט גאָרניִשט ניט געקאָנט בערוהיגען שטײַנס נשמה, אָבצוהאַלטען איהם פֿון אַזאַ גראָבען בעגעהן זיך מיט זיך אַלײַן ... און געריסען, געריסען האָט זײַן

נשמה פֿון דעם, וואָס ער האָט ביז איצט ניט פֿערשטאַנען, ניט געפֿיהלט דאָס לעבען ...

פֿאַרבײַגעהענדיג פֿאַרבײַ דער שטוב, וואו מינע האָט געוואוינט, האָט ער דערזעהן אויפֿ'ן גאַניק זיצענדיג עמיצען שטום ווי די נאַכט אַליין, איהם האָט אַ ציה געטהון צום גאַניק.

— מינע ... האָט גבריאל געררופֿען.

— גבריאל? ... האָט מינע געפֿרעגט, ווי דערפֿרעהענדיג זיך, דערהערענדיג גבריאל'ס קול.

גבריאל איז אַרויף אויפֿ'ן גאַניק, האָט זיך געזעצט נעבען מינען. איהם האָט אַזוי געריסען דאָס האַרץ צו ריידען, ריידען איצט מיט מינען און וועגען אַלץ.

— מינע ... — האָט גבריאל ערנסט און ביטער גערופֿען זי.

— וואָס ווילט איהר, גבריאל? ... — האָט מינע געזאָגט, ווי עפּיס אײַנהאַלטענדיג זיך ניט צו פֿערלירען זיך איצט—וואָס מאַטערט איהר מיך אַזוי פֿיעל? ... איך בין שוין מיעד ... איך פֿאָהר מאָרגען אָב ...

אין גבריאל'ס אײַנגעמאַטערטער, צוועהטאָגדיגער נשמה האָט וואָס גענומען זיך אָבריַיסען מיט ניט געוועהנליכע וועהטאָגען ...

— מינע ... — האָט גבריאל אָנגעהויבען מיט אַ ביטערען קול פֿון אַ ווידוי — איך מאַטער אײַך? ... איך שאַף וועהטאָגען אין אײַער האַרצען? ... מינע ... זאָלען מיר חאָטש איין מאָל איינער דעם צווייטען פֿערשטעהן ... מינע ... זאָגט, איך מאַטער אײַך? ... זאָגט ... רעדט איהר ... איך וועל שווײַגען און וועל אַלץ הערען, וואָס איהר וועט זאָגען, איך וועל שווײַגען ... איך האָב אויפֿגעהערט צו פֿערשטעהן. צו וויסען דאָס, וואָס איך האָב געמיינט ביז איצט, אַז אַזוי קלאָר פֿערשטעה איך דאָס ... איך פֿערשטעה גאָרנישט ... איך ווייס ניט ... מינע ... אײדער איהר זענט געקומען אהער, אײדער איהר האָט אָנגעהויבען צו שרײַבען מיר יענע אײַערע בריעף, האָב איך געפֿיהלט איבער מײַן קאָפּ די פֿליגלען פֿון דעם טעמפּען, שוואַרצען, גראָבען טויט ... איך האָב זיך שוין געטראָגען אין זײַנע אָרעמס, און איך האָב געוואָלט אין איהם רוה געפֿינען ... איצט ווערט אַ וועלט חרוב בײַ מיר אין האַרצען ... אַ גאָט ... אַנ'אײַגענער בעשאַפֿענער, פֿאַר וועלכען איך האָב זיך געבוקט און געקניהט ביז איצט, איז גוסס אין מײַן נשמה ... איך האָב זיך געחאַפּט, אַז איך האָב ביז איצט געהאַט אַ גרויסען, אַ גרויסען טעות ... אין אַלץ, אין אַלץ ... איצט ווייס איך גאָרנישט ...

אפשר ווייסט איהר ?... בעלייכט איהר מיין צווועהטאָגדיגע נשמה... מינע...

מינע האָט געשוויגען

— מינע... האָט ער ביטער גערופען.

— וואָס ווילט איהר ?... איך ווייס ניט, וואָס איהר ווילט פון מיר... איך בין אַזוי מיעד... איך בין מיעד...

— מינע... זאָגט איהר... איך ווייס גאָרנישט... זאָגט איהר, וואָס קומט דאָס פאַר צווישען אונז... וואָס איז דאָס אַזוינס ?...

גבריאל איז געזעסען נעבען מינען מיט זיין גרויסער פיגור. זיינע אויגען האָבען אַזוי נאאיוו געקוקט אויף איהר און ער האָט זיך ביי איהר געבעטען ווי אַ קליין קינד:

— איך ווייס גאָרנישט... איך ווייס ניט... דאָס לעבען ביז איצט האָט אכזריות'דיג געלאַכט פון מיר... אין מיין הארצען האָט ער נור יסורים און וועהטאָגען געזייהט און ער האָט געוועקט ביי מיר אַ שנאה צו איהם, אַ האַס... איך בין פון איהם אַנטלאָפען. ניט איינקוקענדיג זיך גוט אין איהם, און איך האָב איהם ניט פער-שטאַנען... איך האָב פערוועהן דאָס לעבען און די מענשען... איצט ווייס איך גאָרנישט... מינע... אפשר ווייסט איהר... וואָס איז אַזוינס דאָס לעבען ?... מענשען ?... זייערע וועהטאָגען און יסורים ?... מינע, וואָס אַזוינס קומט פאַר צווישען אונז ?... ווער בין איך... איהר... אלע... איך ווייס ניט... איך ווייס ניט... מינע...

— גענוג, גבריאל, גענוג.. — האָט מינע מיט אַ שרעקענ-דיגען קול געזאָגט—איך בין שוין מיעד... איך בין פאָהר מאָרגען אָב...

ביי מינען האָבען זיך געוויזען טרעהרען אין די אויגען, איהרע נערוועזע ליפען האָבען אָנגעהויבען צו ציטערן, און אַ ביי-טערע חליפעניש האָט זיך דורך זיי געריסען. זי איז גיך אויפגע-שטאַנען און איז אַוועק אין שטוב.

אַ מוראָ'דיגע, אַ גרויסע איינזאמקייט און אַ טיעפע ווי די נאַכט האָט אָנגענומען גבריאל'ס נשמה. ער איז אַוועק פון גאַניק און האָט זיך אַוועקגעלאָזען אין דער טיעפער, שטומער נאַכט. וואוהין ? נאָך וואָס ? האָט ער ניט געוואוסט און האָט ניט געפרעגט ביי זיך, ער איז דורך דאָס פאָרשטעדטעל און איז ווידער אַוועק אין דאָס אָפענע פעלד. דער שיין פון דער לבנה אין שטערן און דאָס ליעבע, ווייכע און צאַרטע, וואָס האָט אַזוי ווייך געשוועבט אין דער שטומער, טיעפער ווייס-בלאַסער נאַכט, האָט געשאַפען

אזא בענקשאפט אין זיין הארצען נאך א טרייסטונג פאר זיין צוועהטאגטער איינזאמער נשמה... אזוי געבענקט האט זיך איהם איצט נאך מענשען, נאך זייערע ביטערע, הייסע נשמות... ער האט געפיהלט. אז זיינע כחות לאזען זיך אוים, זיינע פיס קוים וואס זיי געהען, נאר ער איז געגאנגען ווייטער. געגאנגען, ניט וויסענדיג וואוהין און נאך וואס, ביז וואנען ער איז געפאלען מיט זיין גרויסער פיגור אויף דאס גרינע גראז. א קוואל פון טרעהרען האט זיך געעפענט אין זיינע אויגען. ער האט אויסגעשפרייט זיינע הענד איבער דער ערד, אט גלייך ווי ארומנעהמען האט ער זי געוואלט אין זיינע ארעמס... ער האט געדריקט צו איהר זיין הייסעס, ביטערעס הארץ, ער האט זי געקושט מיט זיינע ליפען, טרעהרען האבען זיך געגאסען פון זיינע אויגען אויף דער ערד און ער האט געוויינט אויפ'ן קול... אלץ ארום — די הימלען, די ערד, דער בלאסער און קאלטער שיין פון די שטערן און דער לבנה, אלץ איז שטיל און שטום געווען, און שטיל און שטום האט אלץ פערנומען דאס מענשליכע געוויין... און גבריאל האט געקושט די ערד און האט ביטער, ביטער געוויינט... ער האט געוויינט דערפאר, וואס ער האט פערזעהן ביז איצט דאס גרויסע לעבען... ער האט געוויינט דערפאר, וואס שטיין האט מיט זיך אזוי גראב בעגאנגען; ער האט געוויינט דערפאר, וואס אזוי פיעל יסורים און וועהטאגען האט דאס לעבען געזייהט אין זיין הארצען, און ער האט זיי ניט פערשטאנען... און ער האט געקושט די ערד דערפאר ווייל ער האט אנגעהויבען צו פיהלען אז אזוי טיעף און פול מיט סוד איז דאס לעבען אויף איהר. אז מיט אזא ל עבען, ליכטיגען, קלארען זונענשיין איז זי בעגאסען ביי טאג און מיט אזוינע טיעפע, טיעפע סודות איז זי פערהילט ביי נאכט... ער האט היים געקושט די ערד און האט ביטער געוויינט... ער האט געקושט די ערד דערפאר, ווייל טייער איז געווארען זיין הארצען צו פיהלען א סוד פון דער מענשליכער נשמה, ווען אפילו קיין פתרון, קיין בעשיידונג האט ער ניט אויף איהם... ווייל טייער, טייער איז איהם געווארען צו פיהלען מענשליכע הערצער, ווען אפילו בשעת מעשה קארטשעט זיך פון וועהטאגען און יסורים דיין אייגענע נשמה... און ער האט געוויינט דערפאר, וואס איינזאם, איינזאם האט ער געלעבט ביז איצט, און איינזאם, איינזאם שטעהט איהם פאר צו לעבען אויך ווייטער... ער האט געוויינט דערפאר, וואס אזוי פיעל וועהטאגען האט ער געזייהט אין מינעס הארץ און מינע אין זיין הארצען,

ווען עס ציהט אַזוי יעדערענס נשמה צום צווייטען ... ער האָט געקושט די ערד דערפֿאַר, וואָס ער האָט געפֿיהלט, אַז אַ נייער הימעל עפֿענט זיך פֿאַר איהם, און ער דערזעהט פֿאַר זיך אַ נייע וועלט, פֿון וועלכער ער האָט ביז איצט ניט געוואוסט... ער האָט געקושט די ערד דערפֿאַר, וואָס אויף איהר איז פֿאַרהאַן אַ לעבען פֿול אַפֿילו מיט יסורים, אָבער דורכגעדרונגען מיט אַזוי פֿיעל סוד, מיט טיעפֿעניסען, ניט בעשיידעניסען ... אַ וועלט, וואָס דיין נשמה צאַפּעלט זיך אין דיר צו וויסען. וואָס איז דאָס אַזוינס, און דאָך פֿיהלסטו, אַז גרויסע, גרויסע סודות ווי די אייביגקייט אַליין קומען אין איהר פֿאָר און שאַפֿען זיך אין איהר ... אַ לעבען, וואו יעדער מענש איז אַ קוואַל פֿון סוד, און יעדעס האַרץ איז פֿול מיט אייביגקייט, אַ לעבען אַ גרויסעס — ווי אַ גאָט און אַ טיעפֿעס — ווי אַ גאָט .. און געוויינט האָט ער דערפֿאַר, וואָס נאָך אַ סך, אַ סך וועהטאָגען אין יסורים, האָט איהם זיין צוקונפֿט אַזוי פֿעסט צוגעזאָגט איצט טיעף טיעף אין זיין האַרצען... און געוויינט האָט ער ביטער דערפֿאַר, וואָס אַזוי אַכזריות׳דיג, טייוועלש אַכזריות׳דיג איז צו איהם דער גאָט פֿון לעבען...

שטיל איז געוועזען אַרום. אין שטיל און שטום האָבען פֿערנומען די ערד, די הימלען און אַלץ, וואָס צווישען זיי געפֿינט זיך, דאָס הייסע קושען די ערד און די ביטערע חליפֿערײַ פֿון דער מענשליכער נשמה... ערגיץ־וואו, ניט וויים פֿון גבריאלין, אויף אַ בוים האָט אַ פֿערשלאָפֿענער פֿייגעל אַ מאַך געטהון מיט אַ פֿליגעל, אפֿשר האָט זיך איהם אַ בייזער חלום געחלום׳ט, און אפֿשר האָט ער געוואָלט אָנטאַפּען מיט די פֿליגלען, צי עס איז נאָך נאַכט, אָדער עס איז שוין טאָג געוואָרען.

# מיט דער וואנד.

## I.

פאהרען דורך דעם געדיכטען, היילכיגען וואלד איז געוועזען אנ'אמת'ער פערגעניגען. עס איז געוועזען אין אנהויב פריהלינג. די ערד איז פול מיט פריהלינגס-זאפט און ווארים איז זי. דער געדיכטער וואלד, וועלכער איז געוועזען א גאנץ ווינטער פערשאטען מיט קאלטען שניי און פערלאזען פון זונען-שיין, הויבט אן פרעהליך און ליכטיג אבצולעבען, און ער אטעמט פריי, אין דער וועלט אריין, מיט פרישע פריהלינג-ריחות. די זון שיינט ווייך, פריש און מילד, און די שאטענס פון די בוימער מיט זייערע צווייגען זענען פערשפרייט איבער דעם ברייטען וועג, פון איין זייט וואלד ביז דעם צווייטען. אויך אויף א טעלעגראפישען סטאלב דראפען זיי זיך. איינינגע זענען אזוי לעבערליך. די גרעזעלעך נעבען די ברעגען פון וואלד זענען גרין, פריש און ליעב. פייגעלעך פרעהען זיך. אויף די ברעגען פון וועג דא, דארטען זענען פערשפרייט קלארע, פרישע שפענער פול מיט זאפט און בוימער-ריחות, און עפעס אט ווי זיי לאכען מיט א זומערדיגען געלעכטער. ס'ווייזט אויס, א מענש, וועלכער איז אט ערשט נעלם געווארען, און איין גאט ווייס וואוהין, האט מיט זיין האק געשלאגען א בוים, וועלכער איז געוועזען פול מיט פריהלינג, האט איהם איינגעבראכען, און זיינע שפענער זענען זיך צעלאפען אויף דער ערד. דער קליינטשיקער, בייכיגער פויערשער פערדיל לויפט זיך, עטוואס ווי פויל, נאר היימליך, ביז צום לאכען טאנצט ער מיט זיינע קרומליכע הינטערשטע פיס, און זיין בויך הויבט זיך בורמלענדיג, הויבט זיך און שפרינגט אונטער. עס בעגעגענט זיך א פוס-געהער, וועלכער געהט זיך א בארוויסער מיט די שטיוועל אויף די פלייצעס. ער געהט זיך פעסט, היימליך, אין דער וועלט אריין, און ניט דו ווייסט פון וואנען און וואוהין ער געהט, און זיין „גוט מארגען" איז פרעהליך און היילכיג. און איטליכער סקריפ פון וואגען זינגט אזוי זומערדיג

אַזוי הילכיג צוגיסט ער זיך איבער דעם גאַנצען וואַלד און ווערט פֿערשוואונדען אין די טיעפֿעניש פֿון איהם. און דנ'יע פֿינקעלשטיין, זיצענדיג אויפֿ'ן וואָגען און קוקענדיג אין גאָט'ס וועלט אַריין, האָט געהאַט הנאה און איז געווען צופֿריעדען פֿון דער שענער, ליעבער גאָט'ס וועלט, וועלכע ער זעהט פֿאַר זיך, און אויך פֿון דעם, וואָס ער פֿאָהרט אַהיים אין אימעניע, אויף אַ גאַנצען זומער. זיין שענער, עדעלער פּנים, מיט עטוואָס מיידעלשע שטריכען, איז ליכטיג און רויטליך געוואָרען, ווי אַ פֿרישער עפּעל, און זיינע ווייכע, סאַמעטענע אויגען האָבען ליעב געבלישטשעט, אין ער אַליין ווייס אויך ניט, צי פֿון דער פֿרישער, ליעבער פֿריהלינגס-ווינד, וועלכעס גלעט אַזוי ליעבליך זיין האַרץ, אפֿשר פֿון דעם טיעפֿען, הילכיגען וואַלד, אָדער ער איז, פֿאַר דער צייט וואָס ער פֿאָהרט אין וועג, קליגער געוואָרען, — אָבער אָט דאָס, וואָס האָט שווער געמאַכט זיין האַרץ, ווען ער האָט זיך געקליבען פֿאָהרען אַהיים, איז איצט כמעט ווי אין גאַנצען פֿערשוואונדען געוואָרען, אויסגעוועבט האָט זיך דאָס פֿון איהם. יאָ, עס איז אפֿילו ניט אַנגענעהם צו הערען די אַלע פֿראַזעס פֿון דעם פֿאָטער און מוטער וועגען דעם, וואָס טהוט זיך מיט איהם, צי געהט ער ווייטער צו זיין צוועק, צי וועלען גאָך אַ סך דויערען זיינע אַרום-פֿאָהרענישען, דאַן ווען עס איז ניטאָ וואָס צו ענטפֿערן אויף אַזוינע מיני שאלות, אָבער דאָך איז עס נאַריש... און אָברוהען אַ זומער אין דער היים איז איהם אַזוי נויטיג.

אַ היים איז ער געקומען צו פֿאָהרען פֿאַרנאַכט. פֿאַר דעם יאָהר צייט, וואָס ער איז ניט געווען אין דער היים, האָט ער קיין סך שנוים ניט געפֿונען. מעהר נישט זיין פֿאָטער, אַ יוד אַ יאָהר זעכציג מיט אַ קלוגען פּנים, וועלכער איז בעוואַקסען מיט אַ גראָ-העען, שענעם באָרד, איז עטוואָס עלטער געוואָרען. געבענדיג איהם שלום, האָט דער פֿאָטער מיט דעם זעלבען קלוגען שמייכעל ווי פֿאַר צוויי יאָהרען, ווען דנ'יע איז געקומען פֿון אויסלאַנד, אַ פֿרעג געטהון:

— נו רב דנ'יע, וואָס מאַכסטו?

זיין מוטער האָט ער געפֿונען די זעלבע, ווי ער האָט זי גע-לאָזען, ווען ער איז אַוועקגעפֿאָהרען פֿון דער היים. דער זעלבער ליכטיגער, גוטער פּנים, אין וועלכען עס איז געווען איבערגעבלי-בענע שטריכען פֿון אַמאָליגע ניט געוועהנליכע שענהייט. און אָט ווי אַלע מאָל, ווען ער פֿלעגט קומען פֿון ערגעץ צו פֿאָהרען

האָט זי איהם זעהר שטאַרק און הייס געקושט; און נאָכדעם, ווי די ערשטע בעגעגעניש איז אַריבער, האָט זי געקוקט שווייגענדיג אויף איהם, ניט אַראָבגענומען איהרע אויגען פון זיין פנים. און איהר קוק האָט דערצעהלט פון אַ סך הייסע ליעבע ביי איהר אין האַרצען צו איהם, פון אַ סך דרך ארץ פאַר זיין קענטשאַפט, — און גלאַט אַ סך, אַ סך נחת פון דעם, וואָס דנ׳יען איז שוין פינף און צוואַנציג יאָהר, וואָס ער איז אַזאַ הויכער, אַ שענער, אַנ׳עדעלער און אַ וואוילער, און וואָס ער איז איהרער אַ זוהן. די בוי־מער, אין וועלכע זייער שטוב איז געוועזן ווי פערטרונקען, האָבען זיך איהם אַרויסגעוויזען גרעסער און שענער, ווי זיי זענען אַמאָל געוועזען. זיי האָבען זיך שוין פונאַנדערגעלאָזען, ווי אין מיטען זומער. די שענע, לאַנגע און אָהן אַ סוף ברייטע אָזערע נעבען זייער שטוב האָט שוין זומערדיג געשמייכעלט און האָט שוין פערבעהאַלטען אויף איהרע רוהיגע, קלאָרע וואַסער שטילע זומער סודות, גוטע און שענע. און אַזאַ רייכע אויסמישונג פון אַלערליי גראָזען און בלומען־ריחות האָט זיך געטראָגען איבער גאָט׳ס וועלט און האָט, דורך די אָפענע פענסטער, אין שטוב אַריין געשוועבט.

און ליגענדיג ביי נאַכט אויף זיין קלאָרער, מיט דער מאַמעס הענד גוט אויסגעבעטענער, בעט, האָט ער ניט געקענט איינשלאָפען, און צופיעל חלומות אין האַרצען, צופיעל שען איז געוועזן די טיעפע פריהלינגס־נאַכט, וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעזעהן דורך דער אָפענער פענסטער פון זיין צימער. צופיעל נאַיווע און ריין האָבען געקוקט די שטערען פון דעם טיעפען שטומען הימעל. צופיעל סודות זענען פערהילט געוועזן אין דער שענער, זילבערנער פון דער לבנה שיין, אָזערע, אויך האָבען זיי זיך בעהאַלטען און צוגעטוליעט זיך אָט דאָרטען צו דער איינזאַמער קופקע בוימער, וועלכע געפינט זיך אין מיטען דער אָזערע. דער געזאַנג פון די זשאַבעס און די זשוזשעריי פון נאָך מיליאָנען אַלערליי נפשות׳לעך, וועלכע דיינע אויגען וועלען קיינמאָל ניט זעהן, זענען געוועזן צופיעל פריש און סודות׳דיג. צופיעל רייך איז געוועזן גאָט׳ס וועלט מיט ליעבע, אַלערליי ריחות פון גראָזען און בלומען, און צופיעל העל, מילד און פערחלומ׳ט איז געוועזן זיין נשמה, אַז ער זאָל קענען איינשלאָפען.

## II.

אויף מארגען, ווי נאר ער האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף,
איידער ער האט נאך ארומגעזעהן זיך, וואו ער געפינט זיך, האט
דנ׳יע דערפיהלט, אז אויף׳ן הארצען איז איהם היינט פריי, און
אזוי גרינג איז זיין נשמה. א לאנגע צייט האט ער אזוינס ניט גע-
פיהלט, ער ליגט אויף א קלארער, רייגער בעט און ער געפינט
זיך אין א ליעבען, היימישען צימער, און דארטען, אין די איבע-
ריגע צימערען פון דעם דאזיגען הויז, געפינט זיך זיין פאטער און
זיין מוטער. עס הערט זיך, ווי זיין פאטער, אין עסצימער, לע-
רענט וואס אויפ׳ן קול. און זיין שטימע איז פול מיט שמחה, כמיט
יום-טוב. ס׳ווייזט אויס, ער פרעהט זיך, וואס זיין זוהן איז גע-
קומען. און ער ווארט מיט א פרייד, ווען ער וועט אויפשטעהן און
וועט זיך מיט איהם דורכשמועסען, דורכרעדען זיך, אט איז ווער
אריין אין שטוב מיט א ברייטען גוט מארגען, מען שמועסט א
ווילע און מען חשבונ׳ט וואס היימליך אויפ׳ן סטשאט. עס הערען
זיך אפט שטילע איינגעהאלטענע טריט, וואס געהען פארביי גע-
בען דער טיר פון זיין צימער אהין און צוריק. ווי עס ווייזט אויס,
איז דאס זיין מוטער, וועלכע קען שוין ניט דערווארטען זיך און
וויל זעהר זעהן זיך מיט איהם. דנ׳יע ליגט אויפ׳ן בעט מיט אפע-
נע אויגען און קוקט ארום זיין צימער. בעקוועם, ליכטיג און שען
איז ער, און עס פיהלט זיך איהם, אז דא, אין דעם דאזיגען
הויז, איז מען גרייט צו טהון מיט איהם אלעס גוטעס. עס ציהען
זיך דורך זיין הארצען, ווי א ווינטעל, וועלכער ריהרט — ריהרט
דארט וואס, מחשבות וועגען דעם ווי גוט אויף א נ׳אמת, פריי און
גרינג וואלט ער זיך איצט געפיהלט, ווען דאס לעבען זיינער וואלט
אנדערש געגעבען זיך איהם; ווען דאס, וואס מען האט פון איהם
געהאפט און וואס ער אליין האט פון זיך געווארט, וואלט עס
טאקי אויסגעלאזען זיך; ווען צווישען די אלע שירים און בראזע,
ביי וועלכע ער איז אזוי ערנסט געזעסען טעג און נעכט און האט
געשריבען זיי, צוהערענדיג זיך צו דעם, וואס מען האט בעשטימט,
אז ביי איהם איז ניט קיין געוועהנליכער טאלענט. און אליין פעסט
גלויבענדיג אין דעם, וואלט טאקי באמת וואס געוועזען ניט גע-
וועהנליכעס, עפעס גרויסעס, ווען ער וואלט חאטש דאן ניט
אנטלויפען פון אויסלאנד מיט גארנישט און וואלט עפיס וואס גע-
ענדיגט און ווען זיין קומען איצט אהיים וואלט ניט געוועזען עפיס

גלײַך , ווי ער איז אַנטלאָפֿען פֿון דאָס לעבען . ניט וויסענדיג קלאָר . וואָס איז דאָס אַזוינס און ווי אַזוי זאָל ער לעבען , גלײַך ווי ער איז אַרויסגעשטופּט געוואָרען , און אַרויסגעטריבען האָט מען איהם פֿון דעם דאָזיגען לעבען .

עס איז אַרײַן אין צימער זײַן מוטער. זי איז כּלומר׳שט געקומען זוכען וואָס , נאָר עס איז געווען קענטיג פֿון איהר פּנים , וועלכער האָט געלאַכט פֿון שמחה, אַז דאָס איז מעהר נישט ווי אַ תירוץ, געקומען איז זי , ווײַל איהר האָט זיך שטאַרק פֿערבענקט נאָך איהר זוהן , און איהר האָט זיך זעהר געוואָלט אָנקוקען איהם . דנ׳יע האָט דאָס בעמערקט. איהם איז פֿרעהליך געוואָרען אויפֿ׳ן האַרצען , דערועהענדיג זי , און אויך עפּיס וואָס אַזוינס האָט אַ ריהר געטהון דאָרטען אינעווייניג , אין האַרצען בײַ איהם. אי געשעמט האָט ער זיך , וואָס זי , זײַן מוטער , נאַרט זיך אין איהם און קלײַבט פֿון איהם אומזיסטע נחת. זי האָט זיך אײַנגעזעצט בײַ איהם אויפֿ׳ן בעט. ס׳האָט אויסגעוויזען פֿון איהר , אַז אַ סך גוטעס און ליעבעס , האָט זי אין האַרצען פֿאַר איהם , נאָר זי פֿיהלט , אַז אָרים ווערען זײַן די ווערטער , מיט וועלכע זי וועט דאָס קאָנען אַרויסזאָגען . און זי האָט אָנגעהויבען צו שמועסען פֿון פּוסטעס און פֿון גאָר-נישט , מעהר נישט צוליעב דעם , כּדי צו רעדען מיט איהם .

— געוויס ביסטו געקומען אויף אַ גאַנץ זומער ? — האָט זי איהם פֿרעהליך אַ פֿרעג געטהון עפּעס ווי אין מיטען די רייד. און קענטיג איז געווען פֿון איהר קוק אויף איהם , אַז זי האָט געוואָלט זאָגען איהם נאָך וואָס עפּעס. אפשר וועגען דעם , אַז זײַן איצטיגער קומען אַ היים זאָל שוין זײַן ניט נאָר אויף איין זומער , נאָר אויך אויף דעם קומענדיגען ווינטער , אויף דעם זומער , וואָס נאָך דעם דאָזיגען ווינטער , און דעם ווינטער , וועלכער וועט קומען נאָך יענעם זומער — אויף אײביג , אויף אײביג זאָל ער זיך שוין ניט שײדען מיט איהר. נאָר פֿון דרך ארץ צו איהר פֿינף און צוואַנציג יאָהריגען שענעם און וואויהל קענענדיגען זוהן האָט זי זיך אײַנגע-האַלטען צו רעדען וועגען דעם מיט איהם .

נאָך דעם אַז ער האָט אָבגעטרונקען טײ , איז ער זיך אַוועק-געגאַנגען , אָנגעטהון אין זײַנע געליבטע גרינגע שטיוועל , אין די אָפּענע , פרײַע פֿעלדער , וועלכע רינגלען אַרום זייער אימעניע . ער איז אַוועק אָהן אַ היטעל , אין אַ לײַכטער , אויבערשטער זומער-העמדעל : און אַ גרינגער , ליבער ווינד האָט זיך געשפּיעלט מיט דאָס העמדיל און מיט זײַנע ווײַסע , שווארצע לאָקען אויף זײַן

ווייסען, עדעלען שטערן. שען איז גאטס וועלט אין פריהלינג. ליכטיג, בעגאסען מיט פרישע זונען־שיין, און יונג אטעמט אלין. די ערד אונטער דיינע פיס איז וייך, ליעב און ווארים, די גרינע, מיט זאפט פולע גרעזעלעך, וועלכע בעדעקען די שטילע, פרייע, ווילדע פעלדער, זענען פול מיט לעבען. זיי סוד'ען זיך צווישען אנאנד, גיבען וואס איבער איינס דעם צווייטען, ליעבען זיך און ליעבען דעם לייכטען ווינד, וועלכער שוועבט איבער זיי און גלעט זיי... און דיינע פיס באדען זיך אין אים פון אלערליי ליעבע בלומעליך און ווייסינקע, קלארינקע קאראסקעלעך. זייערע ריחות פערשכור'ן דיין נשמה. און בוימער, שטאלצע, פרישע זענען דא אויף גאט'ס וועלט, אט זעהט דיין אויג א בוים, אנ'איינציגען אין מיטען די ווילדע פעלדער. ער שטעהט זיך אויף דער וועלט פריי, אליין און איינזאם. דארטען, פון דער זייט ניט וויט פון דיר, און נאך וייטער, דארטען, דארטען אקעגען דיר, האבען זיך איניגע בוימער צונויפגעקליבען צוזאמען. זיי שטעהען צוגערוקט נאהענט איינער נעבען דעם אנדערען און נעהמען ארום איינס דעם צווייטען מיט זייערע צווייגען, און גלייך ווי זיי דערמאהנען אהן אנ'אויפהער יעדערער זיך אליין און דעם צווייטען אז תמיד, תמיד וועלען זיי אזוי שטעהן צוזאמען ארומגענומענערהייד צווישען הימעל און ערד און די ליעבע, זיסע זונען־שיין... און די טיעפע הימלען, דער אהן סוף יגער האריזאנט איז הפקר און פריי, און זיי גלעטען אזוי דיין הארץ, דיינע אויגען, דיין נשמה; אין מיטען דערינען הערט זיך א פאך פון גרויסע פליגעל און א קלאפ איינע אן דער צווייטער—א בוטשאן, וויים ווי מילך, מיט שווארצע פאסען ביי די ברעגען פון זיינע פליגעל, ניט וויט פון דיר, האט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און האט זיך אוועקגעלאזען אין די ווייטע, טיעפע הימלען... דנ'יען פלעגען אלע מאל אט די דאזיגע פרייע פעלדער שאפען אין זיין הארצען עפעס וואס ווילדעס, און ער פליגט אזוי הנאה האבען ארומצוגעהן זיך איבער זיי גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, און דער גאנצער געגענד איז איהם אזוי בעקאנט. ער טרעפט זיך אן מיט די ערטער, וואו ער איז געזעסען פערדאגה'ט, ווען ער האט דעם עקזאמען אויף אנצוקומען אין אוניווערסיטעט ניט אויסגעהאלטען, וואו ער האט פרעהליך געחלומ'ט וועגען אויסלאנד און וואו ער איז געזעסען א טרויעריגער נאכדעם, אז ער איז געקומען פון אויסלאנד. די דאזיגע ערטער וועקען אין איהם איף מחשבות. עס קלערט זיך איהם וועגען דעם,

וואס ער איז עפעס צווישען מענשען תמיד אזוי שעמענדיג און שטיל, זיי דריקען איהם צופיעל, עס דערמאנט זיך איהם די גאנצע חברה, צווישען וועלכע ער האט געלעבט אין אויסלאנד, די פערפלאנטערקייט צווישען זייערע בעציהונגען איינער צום צווייטען: זענענדיג, דאכט זיך, צווישען אנאנד גוט און לעבענדיג איין לעבען, טראגט יעדערער אין הארצען אויף דעם צווייטען עפעס וואס שמוציגעס, קויטיגעס... דער נאכקוקען יעטווידערער דעם צווייטען און דער וועלען וויסען די סאמע פערבעהאלטענע ווינקעלעך פון דעם צווייטענס לעבען... שווער איז איהם געווען איינלעבען זיך מיט זיי. איהם פלעגען זיי אנרופען דאס שעמעדיג מיידעל.

די דאזיגע טרויעריגע מחשבות האבען ווי ארויסגעטריבען פון זיין הארצען די גרינגקייט, מיט וועלכע ער איז היינט אויפגעשטאנען פון שלאף, און האבען שווערער געמאכט זיין נשמה. ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף א קליין בערגעלע. און זיין הארץ איז פערנומען געווארען מיט מחשבות וועגען זיינעם א חבר וועקסעלמאן, אין וועלכען עס האט זיך, דוכט זיך, צוזאמענגעקליבען אלץ, וואס האט איהם אבגעשטופט, אבגעשטויסען פון די ארומיגע מענשען, צווישען וועלכע ער האט געלעבט. וועקסעלמאן איז געווען א בחור א יאהר זעקס און צוואנציג, מיט פלינקע, נאר אויסגערעכענטע בעוועגונגען, און זיין פנים האט דערצעהלט. אז זעהר און זעהר געהיט איז ער. ער איז זעהר ערנסט געוואשען, גוט און ריין געגאלט. אויך די בליקען, די בעוועגונגען פון זיינע אויגען זענען געווען בעטראכטע, אויסגערעכענטע. דניע האט געטראכט וועגען איהם אז דאס איז איינער פון די מענשען אויף דער וועלט, וואס צופיעל זאט און צופרידען פון זיך זענען זיי. אז זיי זאלען בעמערקען גאט'ס הימעל און ערד, צופיעל פוסט איז זייער נשמה צופיהלען אויף אנ'אמת דעם לעבען און טראכטען וועגען איהם טיעף און ערנסט. געבליבען איז זיי אויף דער וועלט נאר די שטענדיגע איבערגעגעבענהייט דעם קנעכטישען רצון, אז מען זאל טראכטען וועגען זיי אנדערש, ווי פון אלעמען. און דער קנעכטישער „אהא״... זיי דערצעהלען דיר פון זיך וואס עס איז ניט געשטויגען און ניט געפלויגען, און קוקען אויף דיר מיט אויגען פון אהא!... זיי וועלען דיר אבטהון ווען אזוינס פון וואס דיין הארץ וועט זיך קארטשען פון וועהטאג, און זיי וועלען מיט דיר רעדען מיט „אהא״ לשון... און קלעפעדיג זענען זיי און ביז קויטיגעם קנעכטיש, ווען דו טרייבסט זיי אב פון זיך, און ביז פערדיש

מעשה האר. ווען דו גיסט זיך זיי איבער. און א געמאכטע בייזקייט גיט זיך זיי איין, און אנדערש ווייזען זיי זיך ניט פאר דעם צווייטען. אלע האבען געהאלטען פון וועקסעלמאנען. מען פלעגט עפעס ווי מקנא זיין זיין געלענקיגקייט און עפעס א פחד פלעגט מען האבען פאר איהם. ווענען זיך פלעגט ער דערצעהלען, אז ער שרייבט א דיסערטאציע אויף וועלכער איניגע פראפעסארען, וואס האבען זי געזעהן, זאגען, אז זי איז גאוניש. מען האט געוואוסט, אז דאס איז ניט געשטויגען און ניט געפלויגען, נאר דאך עפעס ביי אלעמען פלעגט ער ווערען גרויס אין די אויגען פון דער דאזיגער דיסערטאציע... דנ'יען פלעגט ווען אנחאפען א פחד, הערענדיג וועקסעלמאנס שמועסען וועגען זיך. א מענש רעדט, רעדט, און דו ווייסט ניט, דו קענסט ניט וויסען דעם גבול, דעם ארט, ביז וואנען איז אמת און וואו הייבט זיך אן ליגען... איהם פלעגט אזוי שווער זיין איהם צו ליידען, און וועקסעלמאן האט זיך מאדנע געקלעפט צו איהם, אט ווי א פיאווקע צו א מענשען. אבשטופען איהם מיט א מאל פון זיך האט זיך דנ'יען ניט געוואלט. עפעס משונה קויטיגעס וועט דאן ארויסקומען. ווען ער האט זיך געטראפען מיט איהם איצטער אין ק., האט ער איהם געפונען דעם זעלבען, ווי ער האט איהם געוואוסט אין אויסלאנד. פאר דער צייט וואס ער האט איהם ניט געזעהן האט ער נאך ווי געשטיגען אין זיך און נאך שווערער איז ער איהם געווען ווי פריהער. און ניט אבקלעפענדיג זיך פון דנ'יען און זענענדיג מיט איהם אזוי ווארים, גוט, פלעגט ער אלץ סטארען זיך אריינקריכען תמיד אין די סאמע טרויעריגע זייטען פון זיין לעבען און גריבלען זיך אין זיין נשמה, גריבלען זיך און ניט לאזען איהם צורוה... און ווען ער איז אוועקגעפאהרען פון אויסלאנד, אויך איצט אוועקפאהרענדיג פון ק, איז איינע פון די הויפט מאטיווען, וועלכע האבען איהם אויעקגעטריבען פון די ביידע ערטער, געווען וועקסעלמאנס זיין דארטען...

קלערענדיג אזוי וועגען וועקסעלמאנען, האט דנ'יע דערפיהלט, אז זיין נשמה פערהילט זיך אין טרויעריגעס, וועלכעס האט זי געפרעסט די לעצטע צייט זענענדיג אין ק', ער האט זיך אויפגעהויבען און איז אוועק אהיים.

ביי ווארעמס האט איהם די מוטער בעמערקט, אז ער איז בלייך אין פנים און ער איז זעהר נערוועז, בייז. איטליכער קליינער קלאפ מיט א טעלער, א מעסער דערשרעקט איהם אזוי. זיין פאטער האט געשמייכעלט:

— אויף פרעמדע קעסט געהאדעוועט זיך דארטען.

נאכ׳ן עסען איז ער וויעדער אוועק אין די פרייע פעלדער, און בייגאכט איז איהם וויעדער שווער געוועזן איינצושלאפען. וויע־דער צופיעל שען איז געוועזן די טיעפע, טיעפע פריהלינגס־נאכט, צופיעל רייך איז געוועזן גאט׳ס וועלט, און אזוי מילד האט די נאכט געגלעט דעם מוח, דאס הארץ, די נשמה, אט חאטש נעהם ארום אלץ, וואס דו זעהסט און פיהלסט און גע־ה אויס, קושענדיג און בעהעפטענדיג זיך מיט גאט׳ס רייכע, שענע, טיעפע און שטומע, שטומע אייביגקייט...

---

## III.

אין א קליינער צייט ארום נאך דנ׳יעס קומען אהיים איז ער ארומגעגאנגען אין די פעלדער ביי טאג און האט זיך פערטיעפט אין די ליעבע פריהלינגס־נעכט — ניט אליין, נאר צוזאמען מיט טאניען, זיינע א שוועסטערקינד, וועלכע איז געקומען צוגאסט צו זיי. טאניע איז געוועזן א יונגע מיידעל א יאהר צוואנציג, מיט א שלאנקער, לייכטער פיגור, מיט שווארצע אויגען, וועלכע זענען תמיד געוועזן ווי פערשכור׳ט פון פרעהליכקייט, פון שטיפעריי, און א גרינגער חלום, א לייכטער נעבעל האט אין זיי תמיד געשוועבט. דאס זענען געוועזן אויגען, אין וועלכע אויף א סך צייט בלייבען ניט קיין מחשבות, זיי לויפען זיי נאר דורך האסטיג און פלינק, און עס פערבלייבען אין זיי נאר די ענדע, די ברעגעס פון די מחשבות אין פערשכור׳ן און פערחלום׳ן זיי. איהר פנים איז געוועזן ווייס, פול מיט א לייכטען חן, יונג און שפיעלענדיג. הייבע, שווארץ־סאמעטענע האר האט זי געהאט, און איהר קערפער איז געוועזן פריש, מילד און לייכט. דנ׳יען איז זי געפעלען געוועזן פאר איהר לייכטקייט, פרישקייט און פרעהליכקייט. ער האט געקלערט וועגען איהר אז אין אזא שענעם, געזונטען, לייכטען און פרעהליכען קערפער מוז זיך לייכטען א שענע, א קלארע, א ריינע און אויך אפילו א טיעפע נשמה... און דנ׳יע איהר איז געוועזן געפעלען דערפאר, וואס ער איז א שענער, דערפאר, וואס ער איז אנ׳אויס־לענדישער סטודענט און אויך פאר זיינע מרה־שחורה׳דיגע, פילא־זאפישע שמועסען איבער דער וועלט און מענשען. און זיי פלעגען

זיך אַרומגעהן בײַדע אין די פעלדער שטיפענדיג, שפּילענדיג און הנאה האָבענדיג פון גאָט׳ס וועלט.

אויך האָט דנ׳יע אָנגעהויבען צו פּיהלען, אז עפּעס וואָס אַזוינס גלעט זײַן הארץ, מאַכט, ער זאָל פערגעסען פון דעם, וואָס ער ווייס וועגען מענשען און לעבען. עפּעס וואָס אַזוינס פערדעקט, פערבעהאַלט און פערהיילט ווען אַנ׳אומעדיגע מחשבה אין זײַן האַרצען, אַ ביטערען קנייטשעל אין זײַן מח און אַ וועהטאָגדיגען אָרט פון זײַן נשמה. און די הנאה פון גאָט׳ס וועלט האָט גע־וואַקסען בײַ איהם אין האַרצען און טאַניעס אויגען פּלעגען פון טאָג צו טאָג ווערען מעהר פרעהליך, מעהר פערשכּור׳ט, און בײַ זיי בײדען אין האַרצען האָט אָנגעהויבען צו וואַקסען אַ רצון געפּעלען צו ווערען איינער דעם צווייטען. אויך אַ נײַע הנאה האָט אָנגעהוי־בען דנ׳יע צו פּיהלען אין זײַן האַרצען פון אַרומצוגעהן שען און לייַכט אָנגעטהון; אין אַ גרינגער, באַטיסטענער, קלאָרער, אונ־טערהעמד פּלעגט ער זיך פּיהלען אַזוי לײַכט, און זײַן נשמה פּלעגט דאַן זײַן אַזוי פעסט און פרעהליך. טאַניע פּלעגט אויך פון טאָג צו טאָג אַלץ שענער און שענער אָנטהון זיך, און אַזוי שען, האָט איהר געדאַכט, וועט פּאַסען אַ שוואַרצע זײַדענע העמד צו איהר לײַכ־טען, געזונטען און קלאָרען קערפּער.

און אין דערפּריה ווען די זון האָט שוין געהאַט בעלײַכט גאָט׳ס וועלט, און פריש און נײַ זענען געווען די הימלען, די ערד און אַלץ, וואָס צווישען זיי געפינט זיך, פּלעגט דנ׳יע קומען צו דער אָזערע און פּלעגט זיך אַוועקזעצען נעבען איהר. טאַניע פּלעגט אויך קומען אהין. טאַניע פּלעגט זײַן אָנגעטהון אין לײַכטע, דער־פריהענדיגע בגדים, פון וועלכע עס האָבען אַזוי מילד און לע־בעדיג אַרויסגעשפּראָצט די שטריכען פון איהר יונגען קערפּער. און דנ׳יע זיצענדיג נעבען איהר, פּלעגט פּיהלען נעבען זיך איהר יונגען, לײַכטען שענעם קערפּער, דעם ריח פון איהרע האָר, די היץ פון איהר יונגער נשמה און איהרע פערשכּור׳טע, פערחלום׳טע אויגען, און גאָט׳ס וועלט איז געווען אַזוי יונג און נײַ, אַזוי פריש און ליכטיג... די שמועסען צווישען אנאַנד אין אַזוינע פריהמאָרגענס פּלעגען זײַן קורצע און שעמעדיגע:

— נו, טאַניע — פּלעגט דנ׳יע פרעגען — נאָך ניט דערעסען דיר צו זײַן בײַ אונז?...

— ניין...

אָדער טאַניע פּלעגט פרעגען דנ׳יען

— נו. דנ'יע, נאָך ניט אומעדיג געוואָרען צו זיין דאָ אליין? ... דיך ציהט ניט נאָך אויסלאַנד, נאָך ק.?...

— ניין ...

און ווען די זון פלעגט פערגעהן, פלעגען זיי זיצען צוזאַמען, האַלטענדיג איינער זיין האַנד אין דעם צווייטענס, אויף זייער אַ געליעבטען בערגעלע נעבען דער אָזערע. די לעצטע גאָלדענע שטראַהלען פון דער זון בעגילטען די שטילע, קלאָרע אָזערע און אלעס אַרום. און זיי פאַלען, ווי פערשעמטערהייד, ניט ווייט פון דנ'יען מיט טאַניען אויף אַ קופקע געל-רויטע סאָסנעבוימער און פלעכטען זיך מיט זייערע צווייגען, מיט זייערע שפּיצען און זיי גיסען זיך, גיסען זיך אויף אַלעם אין גאָט'ס וועלט. שטיל איז דאַן אַרום, און אַלץ פערנעהמט און קוקט זיך צו, ווי די ליכט פון טאָג, וועלכע האָט פערשטופּט די טיעפע זומערנאַכטיגע סודות און האָט אלץ ענטפלעקט און העל געמאַכט אויף גאָט'ס וועלט, זעגענט זיך מיט דער וועלט און לאָזט ווידער די נאַכט מיט איהרע סודות פריי געוועלטיגען צווישען הימעל און ערד. און די נאַכט מיט איהרע שטומע סודות ציהען זיך איבער בערג און טאָלען, איבער די וועלדער פון יענער זייט אָזערע און נעהמען אַרום אין זייערע אָרעמס די גאַנצע וועלט. און זיי נעהמען אַרום אַלץ מעהר און מעהר אַלעם צווישען הימעל און ערד און אויך דנ'יען מיט טאַניען, וועלכע זיצען שטום איינער נעבען דעם אַנדערען, און מאַכען אויך זיי ביידען אַ חלק פון דאָס אַלץ וואָס געפינט זיך אַרום זיי, און פערהילען זיי אין אַ טיעפען אומבעוואוסטעם אין צוויי סודות, וועלכע פערשטעהען איינער דעם אַנדערען, פערנעהמען די סודות פון דער נאַכט, פערשטעהען. אַז אין זיי ביידען און אין אַלץ וואָס אַרום זיי, קומט פאַר אַ גרויסער סוד ... אַ גרויסער און אַ טיעפער, וועלכער פערטיעפט די הימלען, די ערד, אַלץ, וואָס צווישען הימעל און ערד, און אויך זייערע ביידענס נשמות ...

— טאַניע ... — פלעגט ווען דנ'יע אַרוף טהון זי.

— וואָס?

— אַ שענע, אַ טיפע נאַכט ...

אָדער אַמאָל פלעגען טאַניעס ליפּען ווי פון זיך אַליין אַרויס-רופען:

— דנ'יע ...

— וואָס? ...

— גאָרנישט — פלעגען זי זיך פערשעמען – איך געדענק

שוין אליין אויך ניט, וואס זיך האב געוואלט זא.

און נעפיהלט האבען זיי דאן ביידע, אז עפעס וואס אזוינעס פיל מיט ליכט און מיט סוד האט ווער פערוואָרפען אין זייערע הערצער.. צו די ליעבע, לייכטע זומערווינדען האבען אזוינס אראבגעלאזען ביי די בעכערס פון די ווייסע, קלארע, פרישע און ליעבע בלומען און האבען דאס אין זייערע הערצער פערטראגען, אדער א צניעות'דיגער שטראהל פון אליכטיגען שטערן, אפשר א זיסער, אין דערפריהענדיגער זונען-שטראהל האט דאס זייערע הערצער געגעבען... און דאס וועבט ביי זיי אין הארצען אזוינעס, וואס נאר זיי ביידע ווייסען פון דעם...

און ליעבען און זיין געליעבט אין פריהלינג, ווען ארום דיר איז נאר א פריהלינגס-הימעל און ערד, פריהלינגס-בוימער, גראזען און בלומען און א פריהלינגס-אזערע; ווען די שטיפעריי צווישען אנאנד, די נאאיווע, צניעות'דיגע קושען, די פערשעמטע בליקען נאך זיי, די פרייע קינדערשע שמועסען און די געגנב'טע שעמעדיגע אנריהרונג פון איין הייסען, לעבעדיגען קערפער מיט דעם צווייטען זעהען און זענען עדות נאר א שטאלצער איינזאמער בוים אין פרייע, ווילדע פעלדער, א פערוואָרפענער קוסט, בעדעקט מיט סוד אין א פריהלינגס-נאכט. שטילע, תמימות'דיגע בליקען פון די פריהלינגס שטערען, א בענאסענע מיט לבנה-שיין. ווייסינקע בלימעלע, א ריינע זילבערנע שטומע אזערע... ליעבען און זיין געליעבט אין פריהלינג — פון קיין גרעסערע גליקען חלום'ען טענשען ניט...

---

עס איז אוועק דער זומער. אין פערלויף פון דעם זומער האבען זיך אויסגעוועבט אין הארצען ביי דנ'יען און טאניען שענע חלומות וועגען זייער קומענדיגען לעבען. געחלום'ט האבען זיי וועגען לעבען צוזאמען אין אויסלאנד, וועגען לערנען זיך דארטען צוזאמען א סך, און פלייסיג און וועגען נאך א סך שענעס און גוטעס, איבער יועלכע מענשען האבען ליעב צו חלום'ען ניט נאר קלאר און דייטליך פאר זיך אליין, ביז וואנען זיי וועלען זיך ארויסקלייבען אין אויסלאנד, איז געבליבען ביי זיי צו פאהרען דערווייל אין ק.. לעבען דארטען צוזאמען דעם קומענדיגען ווינטער. און אין סוף

זומער זענען זיי ביידע געפאָהרען אין ק., די גאַנצע וועג איז טאַניע געווען פרעהליך און לעבעדיג. פרעהליך האָט זיך איהר געחלומ'ט וועגען דעם לעבען, וועלכער עס שטעהט זיי פאָר אין ק. גוט איז איהר געווען פון דעם, וואָס איהר טאַטע און מאַמע, ביי וועלכע זי האָט געלעבט ביז איצט, וועלען זיך שוין מעהר ניט מישען אין איהר לעבען, און פון דעם, וואָס דנ'יע זיצט נעבען איהר. און פון צופיעל פרעהליכקייט אין הארצען האָט זי ניט ערנסט געקלאָגט זיך אויף איהר פאָטער און מוטער, וועלכע האָבען „פון צופיעל ליעבע צו זיך" ניט געוואָלט לאָזען איהר אַוועקפאָהרען פון דער היים. און געטענה'ט האָט זי, אַז זיי זענען זעהר ניט גוטע, שלעכטע מענשען. דנ'יע איז עפּעס די לעצטע צייט פאַר זייער אָבפאָהרען פון דערהיים און אויך די גאַנצע וועג, פאָהרענדיג אין ק., געווען ערנסט און מרה־שחורה'דיג.

— טאַניע, מיט וועמען דו זאָלסט נאָר האָבען אַנ'עסק אין לעבען, אַ צוזאַמענשטוים, וועלכע מענשען דו זאָלסט נאָר דערקענען אין לעבען נאָהענט, זעהסטו דאַן און דו דערוויסט זיך. ווער מענשען זענען...

טאַניע האָט זיך אפילו גוט ניט איינגעהערט צו דנ'יעס רייד, און וואָס מעהר מען האָט זיך דערנעהענטערט צו ק., אַלץ מעהר איז ביי איהר געוואַקסען אין הארצען איהר פרעהליכקייט. און נאָכגעפרעגט האָט זי זיך זעהר ביי דנ'יען וועגען זיינע בעקאַנטע אין דער דאָזיגער שטאָדט, צווישען וועלכע זיי וועט אויסקומען צו לעבען. דנ'יען איז עפּעס, ניט וויסענדיג אַליין דייטליך פאַר וואָס און פאַר ווען, ניט אַנגענעהם געווען צו הערען איהרע נאָכפרעגען זיך אַזוי נאָך זיינע בעקאַנטע. אויך האָט ער געסטאַרעט זיך ניט צו רעדען וועגען זיי קלאָר און דייטליך. נוטעס זאָגען וועגען זיי האָט ער ניט געהאַט וואָס. שלעכטעס—האָט זיך איהם ניט געוואָלט. ניט שוין צו רעדען ניט גוטעס אויף מענשען, מיט וועלכע דו האָסט געלעבט און וועסט נאָך לעבען צוזאַמען. און וואָס מעהר טאַניע האָט גערעדט וועגען זייער קומענדיגען לעבען אין ק. און וועגען זיינע בעקאַנטע דאָרטען, אַלץ מעהר איז דנ'יע געוואָרען ערנסטער און עפּעס וואָס אַזוינעס פול מיט מרה שחורה האָט געוואַקסען אין זיין הארצען. דערמאָנט האָט איהם וואָס איצט וועגען דעם, וואָס ער האַלט זיך צווישען מענשען שטיל, שעמעדיג, און זיי דריקען איהם. און געפיהלט האָט ער עפּעס וואָס, אַליין ניט וויסענדיג וואָס דאָס איז—צי טאַניעס נאָכפרעגען זיך נאָך זיינע בע-

קאנטע, צו איהר פרעהליכער ווארטען אויף די נייע, פרישע מיני-
שען, מיט וועלכע זי ווערט זיך בעגעגענען אין ק... אפשר גלאט אָנ
דאס בעוואוסטזיין אליין, אז טאניע, די גוטע און שענע און קלארע
נשמה, איז זיינע! אבער עפעס וואס האט ערצעהלט איהם איצט
אז נאך שווערער ווערט איהם זיין דאס מאל אריבערטראגען דעם
גראבען, צופלאנטעטען לעבען, אין וועלכען אלע זינקען און זינ-
קען, און קיינער קען פון איהם ניט ארויסקריכען. איהם האט זיך
זעהר געוואלט רעדען איצט מיט טאניען איבער דעם, וואס זיין
הארץ און מוח פיהלען איצט. נאר עפעס וואס אזוינעס האט איהם
אבגעהאלטען פון דעם... און ער האט געסטארעט זיך צו פערדע-
קען, צו בעהאלטען, מיט א געמאכטען פרעהליכען פנים, דאס
טרויעריגע, וואס גריבעלט זיין הארץ. און געטראכט האט זיך
איהם דערביי וועגען דעם, וואס עס איז פאראן אזוינע איבערלע-
בונגען ביי מענשען אין הארצען, אויף וועלכע עס זענען ניטא קיין
ווערטער אויף איבערצוגעבען זיי א צווייטען, אפילו דעם סאמע
נאהענטסטען מענשען פון דיין נשמה... וועגען אנדערעס וועלען
דיינע ווערטער דערצעהלען, און אנדערע מחשבות, ניט ווי דיינע,
וועלען ערוועקען דיינע רייד ביי דעם צווייטען... אויך רעדען האט
זיך איהם אזוי געוואלט מיט טאניע'ן וועגען דעם, אז זיי זאלען
זעהן סטארען זיך לעבען אין ק. אליין... אליין און איינזאם... דער-
צעהלען האט ער איהר געוואלט פון דעם, אז לעבענדיג ניט איינ-
זאם, ניט אליין, נעהמט דאן ביי דיר צו דאס לעבען און די מענ-
שען, צווישען וועלכע דו לעבסט, אזוי פיעל דיינעס אייגענעס פון
דיין נשמה. עס קומען פאר דאן אזוינע צוזאמענשטויסען מיט די
מענשען, צווישען וועלכע דו לעבסט, אז אדער דו מוזט זיך
איינבויגען, לאזען זיך גזלנ'ן, אדער אזוי פיעל קוטיגעס ווערט זיך
אנקלעפען אן דיין נשמה. ווען דו לאזט זיך ניט... און אויך וועגען דעם, אז עס קומט פאר ווען אין אזא לעבען אזוינעס ניט
שענעס און פערפלאנטעטעס, וואס, דאכט זיך, קיינער, איז אין
דעם ניט שולדיג, און דו זינקסט מיט דיין גאנצער
נשמה אין אזא שמוציגען תהום, וואס ארויסקריכען פון איהם
קענסטו ניט... און מאכען וויסען האט זיך איהם געוואלט טאניען
אויך וועגען דעם, אז מען דארף ווינציג וואס גלויבען מענשען,
ניט עפענען די אייגענע נשמה פאר קיינעם ניט. מען דארף לע-
בען אליין... אליין און איינזאם... מענשען — ניט דעם צווייטענס
אומגליק קענען זיי פיהלען, ניט דעם צווייטענס גליק קענען זיי

גליי̈כגילטיג אריבערטראָגנען... אין אַזוי נויטיג — , האָט זיך איהם געפֿיהלט, און עפּעס וואָס האָט איהם וועגען דעם בעשטימט, — איז איצט דערצעהלען וועגען דעם אַלץ טאָג ען. איצט, איצט ווען זיי פֿאָהרען. ער און זיין טאַניע, לעבען ביידע צוזאַמען צווישען אַ סך מענשען. אַזוי נויטיג...

— הערסטו דאָך, דנ״יע, — האָט טאַניע שטיפֿעריש גע־וואונדערט זיך צו איהם, שוין ניט וויים פֿון ק. — מיט אַלע דיינע בעקאַנטע זאָלסטו מיך בעקאַנט מאַכען. אָבגערעדט?

— גוט — האָט דנ״יע מיט אַ בעהאַלטענעם טרויעריגען שמייכעל געזאָגט.

---

V.

אין ק. האָבען זיי בעזעצט זיך אין איין הויז, אין צוויי בע־זונדערע צימערען. זיי האָבען גוט איינגעפֿיהרט זייער ביידענס לע־בען, טאַניען איז זעהר געפֿעלען געוואָרען דאָס שטאָדטישע לע־בען. ער האָט זי געמאַכט נאָך מעהר פֿרעהליכער און פֿרישער. און שטיפֿענדיג און שפּילענדיג, האָט טאַניע געקליבען נחת פֿון אַלץ, וואָס פֿאַר איהר איז ניי געוועזען. דנ״יע האָט זיך אויך גע־סטאַרעט צופֿריעדען זיין, חאָטש פֿון דער ערשטער וואָך אָן, זינט זיי זענען געקומען אין ק., האָט זיין נשמה אָנגעהויבען צו פֿער־הילען זיך אין עפּעס ניט פֿרעהליכעס. פֿערדראָסען האָט איהם און ניט אָנגענעהם איז איהם געוועזען דאָס, וואָס טאַניע געהט צו אַזוי גלייבענדיג צו די אַלע מענשען, צווישען וועלכע זיי לעבען, אויך צו וועקסעלמאַנען. זי פֿלעגט אַפּילו אָפט פֿרעגען זיינע מיינונגען וועגען די דאָזיגע מענשען, נאָר איהם האָט זיך געדוכט, אַז ניט ריכטיג און אפשר אויך מיט ניט שענעס פֿון זיין זייט וועט זי קע־נען ערקלערען די דאָזיגע מיינונגען, וועלכע ער קאָן זאָגען איהר וועגען זיי. און ער פֿלעגט זיך אַוועקמאַכען פֿון צו רעדען איבער זיי קלאָר און בעשטימט. און קלערען דערביי טרויעריג פֿלעגט זיך איהם וועגען טאַניען, אַז אַליין, אַליין אָהן זיין הילף, וועט זי זיי ניט פֿערשטעהן, אַזוי פֿיעל לעבען איז ביי איהר אין האַרצען. און לעבענדיג אויף דער וועלט, שטיפֿענדיג און שפּילענדיג, קען זי ניט אָבשטעלען זיך צו בעטראַכטען, מיט וועמען זי האָט אַ ג׳עסק אין לעבען. און אויך אַזוי ריין איז איהר נשמה, אַז קיין שלעכטעס קען

זי ניט בעמערקען. טײַערער פֿלעגט זי איהם ווערען דערפֿאַר, און צוזאַמען מיט דעם האָט געוואַקסען בײַ איהם אין האַרצען עפּעס אַזוינס שווערעס געגען די, צווישען וועלכע ער לעבט, און איבערהויפּט געגען וועקסעלמאַנען. אַרויסצוווײַזען זײַן אונצופֿרידענקײַט צו זײַ פֿלעגט ער זיך היטען. מענשען קלערען תמיד וועגען דעם צווײַטען ניט ריכטיג. קײנמאָל טרעפֿען זײַ ניט אויף אַנ׳אמת דאָס, וואָס עס טהוט זיך בײַ דעם צווײַטען אין האַרצען, און שטענדיג בעשײַדען זײַ דעם צווײַטענס איבערלעבונגען מיט ניט-טענעס, מיט קויטיגעס... און ווען זײַנע בעקאַנטע וואָלטען ניט געוואוסט, אַז טאַניע איז זײַנע, וואָלט ער דאַן אפֿשר ניט אַזוי גערעכענט זיך מיט זײַ, ווי איצט... און ער פֿלעגט זיך אַזוי סטאַרען צו בעהאַלטען, טיעף, טיעף בײַ זיך אין האַרצען, פֿון אַלעמען, אויך פֿון טאַניען דאָס אַלץ. וואָס האָט אָנגעהויבען, זינט ער איז געקומען מיט טאַניען אין ק., אַזוי צו פֿרעסען זײַן האַרץ.

און עס פֿלעגט טרעפֿען, אַז ווען די גאַנצע חברה זײַערע בעקאַנטע פֿלעגען אַוועקגעהן פֿון זײַן צימער שפּעט בײַ נאַכט, צווישען זײַ אויך וועקסעלמאַן, וועלכער פֿלעגט, ווי זײַן שטײַגער איז, אַ גאַנצע נאַכט רעדען פֿון זיך, און טאַניע פֿלעגט זיך צו זײַנע רײד צוהערען מיט אַזוי גלויבען; נאָכדעם אַז דנ׳יע פֿלעגט בלײַבען אַלײן מיט טאַניען, פֿלעגט זי צופֿרידענערהײד זאָגען איהם:

— גוט, וואָס מיר האָבען דאָ אַזוי פֿיעל בעקאַנטע. עס איז פֿרעהליך. און וועקסעלמאַן, ווײַזט אויס, איז ניט קײן געוועהנליכער מענש. אמת?

אינוועניג אין האַרצען פֿלעגט וואָס אויפֿשטעהן בײַ דנ׳יען מיט ניט אַ געוועהנליכען וועהטאָג.

— דו זעהסט דאָך... — פֿלעגט ער ענטפֿערען מיט אַ געמאַכטען שמײכעל.

און ער האָט אַלײן ניט געוואוסט, ווען דאָס האָט זיך אָנגעפֿאַנגען. נאָר ער האָט עפּעס בעמערקט, אַז וועקסעלמאַן גלײַך ווי ער פֿיהרט עפּעס מיט איהם אַ מלחמה, ער ראַנגעלט זיך מיט איהם פֿאַר עפּעס וואָס. שטענדיג, ווען זײַ טרעפֿען זיך צוזאַמען, פֿיהלט ער אין וועקסעלמאַנען אַזוינעס, אַט גלײַך ווי ער גרײט זיך אָנצופֿאַלען אויף איהם. עפּעס זעהר גראָב בעהאַנדעלט ער איהם. ער רופֿט איהם אָן תמיד נאַרישע מײדעל. תמים און סטאַרעט זיך אַלץ מבטל צו זײַן איהם און אַוועקמאַכען איהם אונטערן האַנד. בשעת אַזוינע שטיק פֿון וועקסעלמאַנען פֿלעגט ער זיך תמיד פֿער־

ליִרעֶן. עֶר פלעגט פיִהלעֶן , אַז עֶר ווערט בלייך און רויט , און
פלעגט קיין אָרט ניט געפינען פאַר זיך. עֶר פלעגט דאַן וואַרפען
פערשעמטערהייד אַ בליק אויף טאַניען, נאָר זי פלעגט זיין שטענ-
דיג אַזוי צוטראָגען אין איהרע שטיפעריי און פרעהליכקייט , אַז זי
פלעגט, דאַכט זיך , גאָר ניט בעמערקען ניט וועקסעלמאַנ'ס גראָב-
קייט קעגען איהם און ניט זיין פערלירען זיך. אויך פלעגט עפּעס
וועקסעלמאַן סטאַרען זיך, אַז טאַניע זאָל ניט זעהן אָט דאָס וואָס
קומט פאַר צווישען זיי. פאַר איהר פלעגט עֶר זיך האַלטען אַנ-
דערש, איידעלער, שענער. און איהם פלעגט אַזוי פערדריסען ,
וואָס טאַניע בעמערקט ניט וועקסעלמאַנס אונגעלומפּערטע גראָב-
קייט. און וועקסעלמאַן האָט אָנגעהויבען אַזוי צו דריקען זיין נשמה.
און עֶר האָט אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגען איהם אַזוינע מחשבות,
פאַר וועלכע עֶר פלעגט זיך אַליין שעמען. נאָר דאָך האָבען זיי
געוואַקסען ביי איהם אין האַרצען, אין מוח. עפּעס עֶר האָט אָנ-
געהויבען צו פיהלען אין וועקסעלמאַנען זיינעם אַנ'אונגעלומפּערטען
שונא, זיינעם אַ בייזען שטן , וועלכער לאָזט איהם ניט רוהען און
דריקט זיין נשמה, זינט עֶר האָט אָנגעהויבען צו לעבען אויף דער
וועלט. עפּעס וואָס סודות'דיג שרעקענדיגעס האָט עֶר אָנגעהויבען
צו פיהלען אין דעם, וואָס אָט דער דאָזיגער וועקסעלמאַן האָט זיך
אַזוי צוגעקלעפּט צו איהם, ווי נאָר עֶר האָט איהם דערזעהן דעם
ערשטען מאָל אין אויסלאַנד, — אַזוי משונה צוגעקלעפּט זיך צו
איהם, ניט אָבגעטראָטען פון איהם. דערנאָכדעם, ביי זיין ערשטען
מאָל זיין אין ק. האָט עֶר ווידער מיט איהם געטראָפען זיך...
איצט ווייטער. און עפּעס וואָס פול מיט סוד האָט בעשטימט ביי
דנ'יען אין האַרצען, אַז דער דאָזיגער בייזער שטן וועט נאָכגעהן
נאָך איהם זיין גאַנצען לעבען, אייביג, אייביג, און וועט אייביג
דריקען זיין נשמה. דערצו האָט דניע אויך אָנגעהויבען צו בע-
מערקען, אַז אַלע, אַלע זיינע בעקאַנטע, וועלכע קומען צו איהם,
אַלע גלייך עפּעס ווי זיי האַלטען ביי זיך פערבעהאַלטען פון איהם
אַזוינעס, וועלכעס איז אַזוי נוגע צו איהם... און גלייך ווי זיי שפּירען,
אַז עפּעס וואָס, עפּעס וואָס וועט באַלד פאָרקומען מיט איהם,
און זיי וואַרטען אויף דעם. און וואָס מעהר עֶר פלעגט פיהלען,
אַז זיין נשמה זינקט אין עפּעס שרעקליכעס, שרעקליכעס. וואָס
עֶר ווייס נאָך אַליין אויך ניט, וואָס דאָס איז אַזוינעס, אַלץ מעהר
פלעגט עֶר סטאַרען זיך, אַז קיינער זאָל גאָר נישט בעמערקען פון
דעם, וואָס קומט פאַר ביי איהם אין האַרצען. אויך פלעגט עֶר

סטאַרען זיך וואָס חינציגער נאָכגעהן נאָך טאַניען, לאָזען זי זײַן צוזאַמען מיט אַנדערע מעהר, ווי מיט איהם, און צו פֿערבלײַבען וואָס מעהר אַלײַן.

און פֿערבלײַבענדיג אַלײַן אין זײַן צימער, פֿלעגט זיך איהם אַזוי ביטער קלערען וועגען מענשען. און איהם וואָלט זיך אַזוי וועלען וויסען, וואָס פֿאַר אַ מײַנונגען זאָגען אַרויס זײַנע בעקאַנטע, און איבערהויפּט וועקסעלמאַן, פֿאַר טאַניען וועגען איהם... און קלערען פֿלעגט זיך איהם דאַן וועגען דעם, אַז מענשען זענען קאַרגע... קאַרגע... קײַן גוטעס אײַנער אויף דעם צווייטען קענען זיי ניט טראַכטען און קענען ניט זאָגען וועגען דעם אַ דריטען... אַלע, אַלע מענשען זענען קאַרג פֿון דער נאַטור... אַזאַ גרויסע וועלט איז דאָ אונטער די פֿרײַע, ברײַטע, ברײַטע הימלען, אַזוי גרויס און פֿערשידען איז דאָס לעבען, און דאָך ריהרט וואָס דאָרט אין האַרצען, ווען דו הערסט וועגען וועמען עס איז אַ ניט געוועהנליכען מענשען.. קאַרגע זענען מענשען פֿון דער נאַטור... קאַרגע... און דערבײַ פלעגט איהם אַזוי ריהרען זײַן האַרץ די מחשבה, אַז אויף טאַניעס קלאָרער און רײַנער נשמה קען מען נאָך אַזוי לײַכט וויִרקען און יעדער ניט גוטער וואָרט וועגען איהם, יעדע מײַנונג, וועלכע וועט זײַן ניט אַזוי, ווי זי טראַכט וועגען איהם, קען מאַכען אַזאַ איבערקעהרעניש אין איהר מוח, אין האַרצען... און אויך פֿערטיעפֿען פלעגט ער זיך ביטער, ווען ער פֿלעגט בלײַבען אַלײַן, וועגען דעם, וואָס זינט ער איז געקומען מיט טאַניען אין ק., האָבען אָנגעהויבען צו וואַקסען אין זײַן נשמה אַזוינע נײַע איבערלעבונגען. מענשען זענען פֿאַר איהם געוואָרען נאָך מעהר ניט פֿערשטאַנדיג, ווי פֿריהער, ווײַערע נשמות זענען פֿאַר איהם געוואָרען ווי מעהר צופֿלאָנטעטע, און סודות'דיגער זענען זיי פֿאַר איהם געוואָרען, און עפּעס אַזאַ משונה פּחד פֿאַר מענשען וואַקסט אין זײַן האַרץ. עפּעס ווי אַלע, אַלע זענען אַקעגען איהם. אַלע, אַלע, ווילען בײַ איהם וואָס רויבען. צונעהמען... עס איז אַזאַ פּחד. ער פֿלעגט פֿיהלען דאַן, בלײַבענדיג אַלײַן, ווי זײַן נשמה זינקט, זינקט אין אַזאַ שרעקליכעס, שרעקליכעס און אַזוי טײַלען זיך מיט וועמען פֿון דאָס אַלץ, וואָס טהוט זיך אָב בײַ איהם אין האַרצען, האָט געריסען זײַן נשמה, נאָר מיט וועמען? און מיט טאַניען האָט ער אַזוי פּחד געהאַט צו שמועסען וועגען דאָס, וואָס קומט פֿאָר אין זײַן האַרצען. אַזוי פּחד געהאַט...

אײַנמאָל האָט ער געפּרובט אַ זאָג טהון אײַנעם פֿון זײַנע

בעקאַנטע וועגען דעם, אַז מענשען זענען קאַרגע... קאַרג זענען זײַ צו דעם צווייטען, און שווער איז צו לעבען מיט זײַ... נאָר דער בעקאַנטער האָט אויף איהם אַ קוק נעגעבען מיט אַזאַ פּיקחות'דיגען קוק. אין זײַנע אויגען האָט ער וואָס בעמערקט אָט אַזוינעם, וואָס איהם שרעקט אַזוי בײַ וועקסעלמאַנען, און זײַן בליק גלײַך ווי האָט געזאָגט איהם. „אַהאַ... איך פֿערשטעה, פֿון וואַנען די דאָזיגע מחשבות נעהמען זיך"... און דנ'יען האָט אַזוי פֿערדראָסען, וואָס ער האָט מיט איהם אַזוינעם געשמועסט...

---

VI

און עס איז זיך געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך. טאַניע האָט זיך געלעבט פֿרעהליך, שטיפֿענדיג און ניט בעמערקענדיג, וואָס עס טהוט זיך מיט דנ'יען. און דנ'יע האָט געפֿיהלט, ווי עס וואַקסט און וואַקסט אין זײַן האַרצען אַזאַ ביטערניש און אַזאַ גרויסער פּחד, אַליין ניט וויסענדיג פֿאַר וועמען בעזונדערס. אויך געפֿיהלט האָט ער, אַז עפּעס וואָס אַזוינעם דערווײַטערט איהם פֿון אַלעמען, צווישען וועמען ער לעבט. פֿון אַלעמען — אויך אַפֿילו פֿון טאַניען. און זײַן פּנים פֿלעגט פֿון טאָג צו טאָג מעהר פֿערהילט ווערען אין אַ מרה־שחורה, און חושך איז ער געוואָרען. און איינמאָל בײַטאָג איז געקומען צו איהם וועקסעלמאַן. אַ חוץ זײַ בײדען איז קיינער בײַ איהם אין צימער ניט געווען. וועקסעלמאַן האָט עפּעס הנאה געהאַט, וואָס ער האָט געפֿונען דנ'יען אַליין. קענטיג איז געווען פֿון איהם, אַז ער וויל מיט איהם עפּעס שמועסען, און אַזוי מוטיג און פֿרעהליך איז ער געווען.

— איהר זענט נאָר משונה אַראָב פֿון פּנים — האָט וועקסעלמאַן פֿרײַ געווענדעט זיך צו דנ'יען. אין זײַן קול האָט זיך געהערט אַ הנאה. צי פֿון דעם, וואָס איהם איז אַזוי גוט און פֿרעהליך אויפֿ'ן האַרצען, אָדער פֿון דעם, וואָס דנ'יע איז טאַקי אַזוי משונה אַראָב פֿון פּנים.

דנ'יען האָט שטאַרק אָנגעריהרט וועקסעלמאַנס רייד. איהם האָט זיך געפֿיהלט, אַז עפּעס וואָס ליגט פֿערבעהאַלטען אין די דאָזיגע ווערטער. ער האָט געשוויגען.

— וואָס איז דאָס מיט אײַך אַזוינעס?... — האָט וועקסעלמאַן געפֿרעגט. דנ'יען האָט זיך אַזוי געוואָלט אַז ער זאָל אויפֿהע-

רעֶן צו רעדעֶן מיִט איִהם. דנ'יעֶ האָט וויִעדער געֶשוויִגעֶן.

— איִך ווייס ... — האָט וועֶקסעֶלמאַן געֶזאָגט געֶלאַסעֶן מיִט אַנ'איינגעֶהאַלטעֶנעֶר פרעהליִכקייט, אַ קוק געֶבעֶנדיִג פּיקחית'דיִג אויף דנ'יעֶן — איִך ווייס וואָס איִז... איִהר קעֶנט ניִשט קיין פרויעֶן... איִך וואָלט זיִך אַנדערש מיִט זיי געֶפיִהרט...

עֶפּעֶס וואָס מיִט אַמשונה'ם וועהטאָג האָט זיִך אָבגעֶריִסעֶן ביי דנ'יעֶן איִן האַרצעֶן. עֶנטפעֶרעֶן איִהם וואָס אויף זיינע רייד האָט דנ'יעֶ ניִט געֶקעֶנט. עֶר איִז אַזוי צוטומעֶלט געֶוואָרעֶן, אַז עֶר האָט אַפיִלו גוט ניִט פעֶרשטאַנעֶן, וואָס האָט אַזויִנעֶס וועֶקסעֶלמאַן געֶוואָלט זאָגעֶן איִהם. איִן דעֶריִנעֶן איִז נאָך ווער אַריין צו איִהם, וועֶקסעֶלמאַן איִז אַנשוויִגעֶן געֶוואָרעֶן. און ביי נאַכט בלייבעֶנדיִג אַליין איִן זיין ציִמעֶר, האָט זיין האַרץ אַזוי געֶדריִקט, און זיין מוח, גלייך ווי געֶברעֶנט האָט עֶר פון היִץ. אַ צייט איִז עֶר אַרומ-געֶגאַנגעֶן איִן זיין ציִמעֶר היִן און צוריִק, ווי טראָגעֶנדיִג זיִך אויף מחשבות, וועֶלכע שאַפעֶן אַזאַ שווערעֶן נעֶבעֶל איִן זיין מוח, איִן זיין נשמה. ביִז וואַנעֶן עֶר איִז געֶוואָרעֶן זעהר מיִער. עֶר האָט זיִך אוועֶקגעֶזעֶצט נעֶבעֶן טיִש, וועֶלכער איִז געֶשטאַנעֶן האַרט צום וואַנד. און איִהם האָט זיִך געֶדוכט, אַז איִצט וואָלט עֶר אָנגעֶ-שריִבעֶן וואָס ניִט געֶוועהנליִכעֶס. עֶר האָט שוין אַפיִלו לאַנג—לאַנג ניִט געֶשריִבעֶן, כמעט זינט עֶר איִז געֶקומעֶן פון אויסלאַנד, נאָר איִצט, האָט זיִך איִהם געֶפיִהלט, וואָלט עֶר אָנגעֶשריִבעֶן אַזויִנעֶס ניִט געֶוועהנליִכעֶס. ביִטערעֶס און טיִעפעֶס... עֶר האָט אַלץ צונגעֶ-גרייט אויף צום שרייבעֶן; אַוועֶקגעֶלעֶגט פאַר זיִך ריינע. גוטע פּאַפּיר, האָט געֶנומעֶן די פעֶן איִן האַנד און האָט זיִך איִן גאַנצעֶן פעֶרטיִעפט איִן דעֶם, וועֶגעֶן וואָס איִהם שלעֶפט איִצט צום שריי-בעֶן. ווי פיִעל איִז עֶר אַזוי געֶזעֶסעֶן פעֶרטיִפטערהייד מיִט דער פעֶן איִן האַנד נעֶבעֶן טיִש, ווייס עֶר ניִט. נאָר פּלוצלונג האָט עֶר זיִך געֶחאַפּט אַז עֶר זיִצט און עֶר רעֶדט. מיִט וועֶמעֶן? עֶפּעֶס אַ רחמנות אויף זיִך אַליין האָט איִהם אָנגעֶחאַפּט. און אויך עֶפּעֶס לעֶ-כעֶרליִך איִז איִהם פון וואָס געֶוואָרעֶן. עֶר זיִצט אַליין איִן ציִמעֶר און רעֶדט ... מיִט וועֶמעֶן? ... מיִט דער וואַנד. וועֶלכע עֶר זעֶהט פאַר זיִך?.. מיִט דער וואַנד? .. אַזוי משונה און אַזוי לעֶכעֶרליִך... נאָר עֶפּעֶס אַזוי האָט זיִך איִהם געֶוואָלט טראַכטעֶן אויפ'ן קול. אַזאַ הנאה איִז איִן דעֶם געֶוועֶן, און אַזוי גריִנג האָט דאָס איִהם געֶ-מאַכט זיין האַרץ, און פריי וועֶרט דאַרטעֶן וואָס... עֶר איִז צו צו דער טיִר פון זיין ציִמעֶר, האָט זי פעֶרשלאָסעֶן, האָט גוט אַרומ-

געקוקט זיך, צי זי איז ניט פֿערשלאָסען, און ער האָט געגעבען פֿריי אָט דאָס, וואָס רייסט זיך אַזוי ביי איהם פֿון הארצען און וואָס מאַכט אַזוי גרינג זיין נשמה. און אַז טאַניע איז געקומען צו איהם, האָט זי איהם געפֿונען אַזאַ צוהיצטען, אַזאַ מוטיגען.

— ניט געוועהנליך לעבעדיג ביסטו היינט — האָט טאַניע איהם דערצעהלט — און דיין פנים איז אַזוי צוהיצט.

און פֿון דער דאָזיגער נאַכט אָן פֿלעגט דנ׳יע אַ פּאָר מאָל אין וואָך האָבען עטליכע שעה גרינגע און פֿלעגט זיך פֿיהלען פֿריי אין זיי פֿון דעם, וואָס פּרעסט אַזוי זיין האַרץ און דריקט אַזוי זיין נשמה. ער פֿלעגט מיט אומגערולד וואַרטען, אַז מען זאָל איהם לאָזען ביי נאַכט אַליין אין זיין צימער. און ווען ער פֿלעגט בלייבען אַליין, פֿלעגט ער גוט פֿערשליסען די טיר פֿון זיין צימער, פֿלעגט אָנגרייטען אויפ׳ן טיש נעבען זיך פּאַפּיר און פֿלעגט זיך אַוועקזעצען ביים טיש אַקעגען דער וואַנד מיט דער פּענע אין האַנד. שטיל, אַ טויטע שטילקייט פֿלעגט רוהען אין זיין צימער. ליכטיג פֿלעגט ברענען דער לאָמפּ אויפ׳ן טיש. און אַלץ אין זיין צימער: די וואַנד, זיין בעטעל, דער טישעל מיט די פּאָר שטולען, אַלץ וואָס געפֿינט זיך אין זיין צימער. אויך דער אַויר, וועלכער איז אין זיין צימער, און אויך אַפֿילו דאָס פֿייער, די ליכטיגקייט פֿון לאָמפּ, וועלכע בעלייכט דאָס גאַנצע צימער, אַלעס, אַלעס איז געווען ווי פֿערגליווערט אין אַ טויטע שטומקייט. מעהר נישט ווען ניט ווען פֿלעגט זיך הערען פֿון גאַס, ווי פֿון ווייט, ווייט, אַ קלאַפּ פֿון פֿערדישע קאָפּיטעס אויף דעם פֿערשנייטען און פֿערפֿראָרענעם ברוק פֿון גאַס. און ער פֿלעגט זיצען נעבען טיש, קוקענדיג אויפ׳ן וואַנד. אויפ׳ן האַרצען פֿלעגט איהם אַלץ ווערען גרינגער און גרינגער, ער פֿלעגט זיך מעהר, אַלץ מעהר פֿערטיפֿען אין זיינע מחשבות און ער פֿלעגט שמועסען.

און טראַכטען אויפ׳ן קול פֿלעגט ער וועגען דעם, וואָס אַלץ אויף דער וועלט, אַלץ, וואָס געפֿינט זיך צווישען הימעל און ערד אויך די הימלען און די ערד, אַלץ, אַלץ איז שטום... אַ שטומע וועלט און אַ שטומעס לעבען... און אַזוי דערטראַכטען פֿלעגט זיך איהם וועלען די דאָזיגע מחשבה ביז׳ן ענדע, ביז׳ן סוף.. אַפֿילו די מענשעשע שמועסען זענען אייך שטומע... שטומע... און אַז ער רעדט ווען מיט וועמען, בלייבט דען ניט עפּעס וואָס אַזוינעס ביי איהם אין האַרצען, אַזוינעס, וועלכעס וועט אייביג שטום זיין?...

און זיין אַלע, אין אַלע מענשעשע שמועסען צווישען זיך הערט

זיך דען ניט תמיד און דערצעהלען דען ניט דערבײַ זײַערע אויגען עפּעס וועגען אַזאַ זאַך, וואָס יעדערער, יעדערער בעהאַלט דאָס בײַ זיך, וועגען אַזאַ זאַך, וועגען וועלכעס מען קען ניט רעדען... די מענשעשע ווערטער, דער מענשעשער קול עפּעס ווי פֿערדעקט מעהר נישט, פֿערבעהאַלט נאָך מעהר אָט די שטומע זאַך, וועלכע ליגט בעהאַלטען טיעף, טיעף אין זײַערע הערצער, אין זײַערע נשמות... און ווען ער רעדט מיט טאַניען, מיט זײַן טאַניען, איז ער דען ניט שטום מיט איהר, אָט ווי די דאָזיגע וואַנד, וועלכע ער זעהט פֿאַר זיך?... אָט יענע זאַך, וועלכע וואָלט איהם געמאַכט ניט שטום פֿאַר איהר... אָט וועגען דעם וועט ער מיט איהר קײנמאָל ניט רעדען... קײנמאָל. און די גאַנצע צײַט. וואָס זי איז זײַנע, אויך אַפֿילו דאַן, ווען זײ זענען געווען אין זײער אימעניע, די גאַנצע צײַט האָט ער אַ סך דערצעהלט איהר פֿון דעם. וואָס ער וואָלט וועלען אויף אַנ'אמת דערצעהלען איהר?... אַ שטומע וועלט... אַלץ, אַלץ אויף דער וועלט איז שטום... שטום ווי די וואַנד, וועלכע ער זעהט פֿאַר זיך... און אַז עס הערט זיך אַ קלאַפּ פֿון אַ פֿערדישע קאָפּיטע איבער דער ערד, און אַז עס טראָגט זיך צווישען הימעל און ערד דער רעש פֿון מענשען, — ניט שטום איז דאָס אַלץ?... אַ שטומער רעש, און שטום וועט ער זײַן פֿאַר דעם מענשען אויף עביג... אַ שטומע וועלט און אַ שטומעס, אַ שטומעס לעבען...

אויך פֿלעגט זיך איהם, זיצענדיג אַזוי נעבען טיש אַקעגען דער וואַנד, טראַכטען אויפֿ'ן קול לאַנג־לאַנג וועגען דעם, אַז עפּעס וואָס איז פֿאַרהאַן אַזוינעס אין דער מענשעשער נשמה אַזוינעס, פֿאַר וועלכעס עס איז אַזאַ פּחד... אַזאַ פּחד... עפּעס אַזוינעס איז בעהאַלטען בײַ יעדען מענשען, אַזוינעס, וואָס לאָזט דיך ניט צוגעהן צו איהם נעהנטער, דריקט דיך און וועלכעס שרעקט אַזוי דעם צווײַטען... אַ וועלט מיט אַזוי פֿיעל מענשען, וועלכע זענען אײנער דעם אַנדערען אַזוי פֿרעמד... פֿרעמד... און יעדערער, יעדערער קען דיר אָבטהון אויף אַזוי פֿיעל, וויפֿיעל נאָר זײַן כח און דײַן שלאַפֿקײַט דערלאָזט איהם... אַזוי פֿיעל מענשען פֿרעמדע... פֿרעמדע דיר, און דו ביסט זײ פֿרעמד... פֿרעמדע... עס איז אַזאַ פּחד!... און וואָס מעהר ער פֿלעגט אַלץ שמועסען, אַלץ גרינגער פֿלעגט איהם ווערען אויפֿ'ן האַרצען. — נאָר צוזאַמען מיט דעם פֿלעגט דאָס איהם אײַנמאַטערען, און עפּיס אַ רחמנות אויף זיך אַליין פֿלעגט דאָס אַרויסרופֿען בײַ איהם אין האַרצען.

און אָפּט, אָפּט פלעגט ער שמועסען, זיצענדיג אַזוי אַ קעגען דער וואנד, אויך וועגען דעם, פאר וואס ליבט איהם טאַניע?... און אַזאַ ביטערניש פלעגט זיך הערען דאַן אין זיין קול. ווען טאַניע וואלט איהם פלוצלונג אַ פרעג געטון: דניע, מיט וואס ביסטו אַנ׳אויסנאַהם פון אַלע מענשען פון דער וועלט, וואס איך זאל ליבען דוקא דיך און זיין דוקא דיינע?... וואס וואלט ער דאַן געהאַט צו ענטפערען איהר אויף דעם?... און מיט וואס האט ער זיך טאַקע אויסגעצייכענט אין זיין לעבען?... געלערענט זיך. ווי נאָך הונדערטער, טויזענדער געוועהנליכע מענשען, געוועזען אין אויסלאנד, געמיינט, אַז ער איז אַ טאלענט, — און וואס נאָך?... האט ער חאטש אין זיין לעבען איין טאָג געלעבט ניט געוועהנליך, אנדערש ווי אַלע געוועהנליכע מענשען?... האט ער חאטש איין גרויסע זאַך, איין ניט געוועהנליכען טראַט געטהון אויף דער וועלט ביז איצט?... אי ער עם שטעהט איהם פאַר אַזוינעס אין צוקונפט?...

און ווען ער פלעגט שמועסען וועגען דעם, צי זאָל ער דערצעהלען פון די אַלע מחשבות טאַניען, פלעגט איהם דאַן אָנ־חאַפּען אַזאַ שרעק, אַזאַ פחד. ער האָט מורא צורערצעהלען עם פאַר טאַניען... ווען טאַניע זאל טאַקע וויסען אָט די אַלע זיינע מחשבות, איז עם אַזאַ שרעק... אַזאַ שרעק...

איינמאַל, בלייבענדיג ביינאַכט אַליין אין זיין צימער און טראַכטענדיג, ווי זיין שטיינער איז, אויפ׳ן קול, האט ער פערגעסען צו פערשליסען די טיר פון זיין צימער. און ניט געריכטערהייד פאַר איהם איז טאַניע אַריין אין צימער ער איז געווען אַזוי פערנומען מיט זיינע מחשבות, אַז ער האט ניט בעמערקט, ווי זי איז אַריין, — און ער איז געזעסען און האט גערעדט. טאַניע, דערזעהענדיג דנ׳יען זיצען און רעדען, ווי פון היץ, און בעמערקענדיג זיין משונ׳ה פנים און זיינע ניט נאָרמאַלע אויגען, האט זיך משונה דערשראָקען, און עפעס וואס האט ווי אָבגעריסען זיך ביי איהר אין הארצען. דערמאָנט האט זי זיך מיט אַמאָל, אַז שוין לאַנג, לאַנג, זענענדיג די לעצטע צייט פערטראָגען, פערדרעהט, אַליין ניט וויסענדיג אין וואס, האט זי ניט בעמערקט גוט. ווי זעהט דניע אויס; און בעמערקענדיג איהם איצט אַזוינעס, האט זי זיך אין גאַנצען פערלאָרען. דנ׳יע איז געזעסען און האט גערעדט.

— דניע!... — האט טאַניע אַרוף געטהון איהם מיט אַ קול פול מיט שרעק.

דנ׳יעֶ האָט זיִך ווי אויפגעֶחאַפּט פון אַ שווערען שלאָף. עֶר האָט געלאַסען אומגעקעֶהרט זיַין פּנים צו איִהר און האָט געֶקוּקט אויף טאַניען מיִט משונה אויגען, וויִ פון אַ פּערלאָרענעם מענשען, וועלכעֶר בעט היִלף.

— וואָס איִז מיִט דיִר?... האָט טאַניע געפּרעגט, און איִן איִהר קול האָט געוואַקסען דער שרעק.

— טאַניעֶ .. — האָט דנ׳יעֶ גערופען וויִ אַ קראַנקעֶם קיִנד.

— מיִט ווּעמען האָסטו געֶרעדט?...

— ווּער?...

— אָט ערשט... דו... מיִט וועמען?... און דו זעהסט אוים אַזוי משונה...

— ווער?... איִך?... האָב גערעֶדט... — האָט עֶר, וויִ אַ בעשולדיִגטעֶר, וויִ נאָך געזאָגט וועֶמען — מיִט דער וואַנד... — האָט עֶר מיִט אַ ביִטערען שמיַיכעֶל מוסיף געוועֶן, און זיַין פּנים איִז בלייך געוואָרען, וויִ קאַלך.

טאַניע האָט צוטומעלט אָנגעקוקט איִהם.

— זעץ זיִך, טאַניע, גיִב דיַין האַנד... — האָט עֶר זיִ גע־בעטען — וואָס האָסטו זיִך אַזוי דערשראָקען? הער... טאַניע... דו האָסט מורא פאַר מענשען?...

— דנ׳יעֶ... — האָט זיִך טאַניעֶס גאַנצער קערפּעֶר געטרייַ־סעלט וויִ פון קעֶלט — וואָס איִז מיִט דיִר?...

— מיִט מיִר?... איִך ווייס אויך ניִט... הער, טאַניעֶ, איִ יעדעֶן, איִן יעֶדען מענש איִז דאָ אַזוינס, וואָס שרעֶקט דיִך פאַר איִהם... אמת?... קאַרגעֶ זעֶנען מענשען פון דער נאַטור... אויך גרייט זענען זייַ אָנצופאַלען אויף דיִר יעדעֶ מיִנוט... תמיד, תמיד זוכען זייַ, זוכען זייַ, וויִ גוטעֶ יאַגד־היִנד, איִן וואָס איִז דעם צווייַ־טענס שלאַפקייַט און פון וואָסער זייַט אָנצופאַלען אויף איִהם כּדי בייַצוקומען איִהם... ריִכטיִג?... איִך האָב פּחד פאַר זייַ... איִן איִטליכען, איִן איִטליכען מענשען איִז דאָ אַזוינעס, וועלכעֶס שרעֶקט מיִך אַזוי... אויף בעשטיִמט קלאָר און דייַטליִך וואָס דאָס איִז אַזוינעס, ווייס איִך ניִט... נאָר אַזוי שרעֶקט דאָס מיִך... און אפשר דערפאַר, וואָס יעדעֶר מענש, יעדעֶר מענש האָט איִן זיך טויט... אַלע, אַלע שטאַרבען דאָך... און יעדעֶ נשמה, יעֶדעֶר קערפּעֶר איִז געוועֶבט געוואָרען פון לעבען און פון טויט... איִן יעֶדערעֶן, איִן יעדעֶרען איִז דאָ טויט... טויט... איִן דער בייַט

שרעקט און דריקט דעם צווייטען... דו האָסט ווען געקלערט וועגען דעם?...

טאַניע האָט געקוקט אומגעלומפּערט און מיט שרעק אויף דניעס בלייכען פּנים און האָט ניט פערשטאַנען, וואָס רעדט ער און וואָס איז מיט איהם, און דניע האָט גערעדט. זיין קול איז געווען אַזוי פול מיט טרויעריגעס און ביטערניש, זיין פּנים איז געווען בלייך ווי לייווענד, און גלייך ווי ער האָט געפיהלט זיך זעהר שולדיג אין עפּעס וואָס:

— דו פערשטעהסט, טאַניע?... איך האָב פּחד פאַר מענשען... זיי דריקען מיך, און אַזוי שרעקט מיך וואָס אין זיי... איך האָב פּחד מיט זיי צו רעדען, איך האָב פּחד צו דערצעהלען זיי פון דעם, וואָס עס טהוט זיך ביי מיר אין האַרצען... איך האָב פּחד פאַר זיי... אויך פאַר דיר, טאַניע... פערשטעהסט? דו ביסט דאָך דער איינציגער נאָהענטער מענש מיר אויף דער וועלט, די איינציגע נאָהענטע נשמה צווישען הימעל און ערד. און איך האָב פּחד מיט דיר צו רעדען וועגען זיך, וועגען דעם, וואָס איך קלער און טראַכט און וועגען וואָס עס דריקט אַזוי מיין נשמה... און פאַרוואָס?... פאַרוואָס, טאַניע, האָב איך אַזוי מורא פאַר דיר?... טאָמער וועסטו אויפהערען צו ליעבען מיך?... טאָמער דאַן, ווען דו וועסט וויסען אַלץ, וואָס איך טראַכט, ווען דו וועסט מיך גוט דערקענען, וועסטו מיך אָוועקלאָזען?... נו, יאָ... אמת... דאָס אויך... אָבער... ניין... ניין!... נאָך עפּעס איז דאָ אַזוינעס פאַר וואָס איך האָב פּחד פאַר דיר... נאָך עפּעס אַזוינעס...

טאַניע האָט אויסגעשריען מיט אַ געוויין:

— דניע, וואָס איז מיט דיר... דניע...

— וואָס שרעקסטו זיך אַזוי — האָט זיך דניע געבעטען — וואָס האָסטו אַזוי מורא צו טראַכטען?...

— דו ביסט קראַנק...

— איך בין קראַנק, טאַניע, איך בין קראַנק?... אפשר יאָ...

— בערוהיג זיך... — האָט זיך טאַניע מיט געוויין געבעטען ביי איהם — בערוהיג זיך, זיי רוהיג...

דניע האָט זיך אַוועקגעלעגט אויפ'ן בעטעל, און טאַניע האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבען איהם. זי האָט געגלעט זיינע האָר, זיין קאַלטען שטערען. און אַזוי צוטומעלט איז זי געווען פון דעם, וואָס האָט פּאַסירט היינטיגע נאַכט אַזוי פּלוצלונג און ניט געריכעטערהייד... און אַזוי פערלאָרען האָט זי זיך פון דעם, וואָס זי האָט

ביז איצט גאָרנישט בעמערקט אין איהם. זי האָט געקוקט אויף זיין בלייכען קראַנקען פנים, אויף זיינע משונה איינגען, און אַזוי שרעקליך איז איהר געוועזן. און דנ׳יע איז געלעגען און האָט געקוקט אויף טאַניען, און אַזוי געוואָלט האָט זיך איהם רעדען איצט מיט איהר פון אַ סך, אַ סך, וואָס דריקט אַזוי זיין הארץ, נאָר איהם האָט אויך אַזוי משונה אויסגעוויזען אָט דאָס, וואָס מיט איהם טהוט זיך איצט.

## VII.

עס איז אַוועק דער ווינטער, און עס איז ווידער געקומען אויף נאָט׳ס וועלט אַ זומער. פאַר דעם ווינטער איז דנ׳יע זעהר חושך געוואָרען אין פנים, זיינע שמועסען מיט דער וואנד האָט ער שוין אויפגעהערט, נאָר פון דער דאָזיגער נאַכט אָן, ווען טאַניע האָט איהם געפונען רעדענדיג ווי מיט דער וואַנד ביי זיך אין צימער, האָט עפּעס אָנגעהויבען צו וואַקסען צווישען איהם מיט איהר אַזוינע בעציהונגען, וועלכע האָבען שטומערהייד דערווייטערט איינעם פון דעם צווייטען. און עפּעס ווי אַ וואַנד, וועלכע שיידט זיי פונאַנדער און דערווייטערט, דערווייטערט זיי איינעם פון דעם אַנדערען, האָט אויסגעוואַקסען צווישען זיי ביידען. חענגען דעם קומענדיגען פאָהרען צוזאַמען אין אויסלאַנד האָט מען שוין לאַנג ניט גערעדט. זיי האָבען שוין ניט געוואוינט ביידע אין איין הויז, און פון טאָג צו טאָג פלעגט אַלץ טאַניע ווערען קעלטער צו איהם און ווייטער פון איהם. צו איהם פלעגט זי זעלטען ווען קומען. ער צו איהר פלעגט אַריין זעהר אָפט, נאָר ער פלעגט עפּעס ניט האָבען וואָס צו ריידען מיט איהר און פלעגט זיך פיהלען ביי איהר זעהר פערשעמט. אַלע מאָל, אַוועקגעהענדיג פון טאַניען, פלעגט זיך איהם אַלץ וועלען טראַכטען וועגען איהר קאַלט, רוהיג. איהם פלעגט זיך וועלען קלערען וועגען איהר, אַז צופיעל איינזייטיג אין זי, גרינג איז איהר נשמה, און אַז זיי זענען אין דער אמת׳ען צוויי בעזונדערע מענשען. אָפט, ווען ער פלעגט געפינען ביי איהר אין צימער נאָך וועמען אַ חוץ איהר פלעגט איהם דוכטען זיך, אַז, דערזעהענדיג איהם, פערלירט זי זיך עפּעס משונה, און אַוועקגעהענדיג פון איהר, פלעגט זיך איהם דאַן וועלען לאַכען פון זיך.

מונטער פון דעם, וואס אמאל, ווען זיי זענען צווישען זיך געוועזען אנדערש, ניט ווי איצט, איז ער געוועזען אזוי פערנומען מיט דעם געדאנק: פאר וואס זאל טאניע ליעבען דוקא איהם און ניט אַנ׳אַנדערען. לעכערליך... און פאר וואס האט זיך איהם ניט געקלערט וועגען דעם, פאר וואס עפעס זאל ער ליעבען דוקא זי און ניט אַנ׳אַנדערע. וואס איז אין איהר אזוינעס ניט געוועהנליכעס, וואס זיין נשמה זאל זיין פערנומען נאר מיט איהר?.. ער פלעגט סטאַרען זיך זיין פרעהליך, מונטער אוועקגעהענדיג פון איהר, און פלעגט וועלען בעשליסען ביי זיך געהן צו איהר וואס ווינציגער. די בעקאנטע זיינע האבען זיך פון טאג צו טאג ווי פערגעסען אויף איהם און האבען זיך פון איהם דערווייטערט. נאר מעהר נישט איין וועקסעלמאַן האט זיך נאך אלץ געקלעבט צו איהם און האט איהם אזוי געדריקט זיין נשמה. פון דערהיים האט מען איהם זעהר געבעטען קומען אויף זומער, נאר ער האט זיך פון דעם אבגעזאגט. פאר וואס, האט ער אליין אויך ניט געוואוסט אויף גענוי. נאר איהם האט זיך נעוואלט טראכטען, אז דאס איז דערפאר, ווייל איהם שרעקען עפעס די נאך פרישע ערטער, וואו ער האט פערבראכט אזא זומער, ווי פאריגען

אויף דעם קומענדיגען ווינטער איז ער אויך געבליבען אין ק. און פון טאג צו טאג האט ער עפעס אזוי געוועלקט. און אין דעם קומענדיגען פריהלינג איז ער געפאהרען א היים. גאט׳ס וועלט איז געוועזען די זעלבע שענע, די זעלבע ליכטיגע, ווי פאר צוויי יאהרען, בשעת ער איז געפאהרען א היים. אזוי ווי דאמאלסט, האט איצט אויך פריש און ליעב געשיינט די פריהלינגס זון, און דער זעלבער פערגניגען איז נעוועזען צו פאהרען דורך דעם געדיכטען, היילכיגען, שענעם וואלד. נאר ביי דנ׳יען אין הארצען איז איצט געוועזען אזוי פיעל ביטערניש, און אזוי געפרעסט האט זי. און פאהרענדיג דורך דעם ליעבען פריהלינגס-וואלד, האט זיך איהם אזוי ביטער געטראכט וועגען דעם. וואס עס איז פארגעקומען מיט איהם די לעצטע פאר יאהר. און געקלערט האט זיך איהם ביטער וועגען דעם, אז עס איז דאך פאראַן אזוינעס אין דער מענשעשער נשמה, וועלכעס איז אזוי פול מיט סוד, און עס איז אזא שרעק פאר דעם...

א היים איז ער געקומען ביי נאכט. ער האט דאס מאל ווידער אלץ געפונען ווי ער האט געלאזען פריהער. נאר זיין פאטער איז פאר דער צייט, וואס ער איז ניט געוועזען אין דער היים,

היבש עלטער געוואָרען און איז געוואָרען זעהר שוואַך. דערזע־הענדיג דנ׳יען, האָט ער זיך אַזוי דערפרעהט.

— גוט, דנ׳יע, וואָס דו ביזט געקומען... — האָט ער גע־פרעהט זיך. דריקענדיג שטאַרק דנ׳יעס האַנד — גוט... איך בין שוין אַזוי שוואַך... און די געשעפטען מאַטערען מיך אַזוי איין... גוט, וואָס דו ביסט געקומען...

די מוטער האָט עפּעס דאָס מאָל אַזוי טרויעריג געקוקט אויף דנ׳יען. אויף מאָרגען אין דער פריה, בשעת טיי טרינקען האָט זיין פאָטער אַ סך גערעדט מיט איהם וועגען דעם, וואָס ער איז שלאַף, און וועגען זיינע געשעפטען. און עס האָט זיך געהערט אין זיינע רייד, אַז ער האָפט, אַז דנ׳יע וועט איהם איצט זעהר צונוצקומען. די מוטער, ווי נאָר זיי זענען געבליבען ביינאַנד, האָט גענומען קלאָגען זיך, וואָס ער זעהט אויס אַזוי שלעכט:

— אַ האַלבער מענש ביסטו גאָר געוואָרען. וואָס איז מיט דיר?...

אויך האָט זי, מיט גרויס היטען זיך פאַר עפּעס וואָס און ווי מיט אַ בעהאַלטענעם סוד ביי זיך אין האַרצען פון עפּעס אַ זאַך, שטאַרק נאָכגעפרעגט זיך ביי איהם וועגען טאַניען. און אַז דנ׳יע האָט זיך אַוועקגעמאַכט פון צו רעדען וועגען טאַניען און האָט געענטפערט אויף איהרע פראַגעס וועגען טאַניען מיט האַלבע ווערטער. האָט עפּעס פון מינוט צו מינוט געוואַקסען אַ שנאה ביי זיין מוטער אין האַרצען צו איהר, און זי האָט וועגען איהר בייז גערעדט:

— איך האָב געוואוסט, אַז קיין גוטעס וועט פון איהר ניט אַרויסקומען. פונקט ווי איהר מאַמע, אַ פוסטער און אַ גראָבער מענש.

און ווי אין מיטען די רייד, גלייך עפּעס ווי וואָס האָט גע־דריקט, נעדריקט איהר האַרץ, און ניט קענענדיג זיך מעהר איינ־האַלטען, האָט זי ביטער אַ זאָג געטהון

— טאַניע איז שולדיג אין אַלץ...

ביי דנ׳יען אין האַרצען האָט וואָס אַזוי שרעקליך וועה גע־טהון, אי פון דעם, וואָס זיין פאָטער האָפט אומזיסט פון איהם, אַז ער וועט איהם העלפען אין זיינע געשעפטען, אי פון דעם, וואָס ער איז טאַקע אויף אַנ׳אמת קראַנק, און אויך פון דעם, וואָס זיין מוטער בינדט זיך אומזיסט צו טאַניען.

— איך וועל געזונד ווערען... קיינער איז אין דעם ניט שולדיג... איך וועל געזונד ווערען... ס'וועט אריבער...

— דו האסט געפרעגט ביי א דאקטאר וועגען דעם? — האט זיין מוטער אלץ ניט געקענט בערוהיגען זיך.

— זיי רוהיג... — האט זיך דנ'יע געבעטען — איך בין געזונד... ס'וועט אריבער...

אין עטליכע טעג ארום נאך זיין קומען אהיים, אין א פארנאכט, האט ער בעקומען צוויי בריעף, איינעם פון טאניען און דעם צווייטען פון וועקסעלמאנען. ער האט ביידע בריעף א סך, א סך מאל געלייענט און האט זיי ביידען ניט פערשטאנען. טאניעס בריעף איז געווען א גרויסער, און זי האט געבעטען איהם, אז ער זאל איהר שרייבען. און ער איז געווען אזוי אנגעשריבען, אז ער האט בשום אופן ניט געקענט פערשטעהן פון דעם בריעף איהרע בעציהונגען צו איהם, און וואס וויל זי איהם זאגען אין דעם דאזיגען לאנגען בריעף. צי א גרויסען רחמנות פיהלט זי צו איהם, צי פון א בענקעניש אין הארצען נאך איהם דערצעהלט זי איהם, אדער זי פיהלט נאך צו איהם ליעבע... און אפשר איז דאס א קאלטער, א קאלטער זעגענען זיך מיט איהם אויף אייביג, אויף אייביג... אויך האט ער ניט געקענט פערשטעהן, צוליעב וואס האט זי איהם גלאט דעם בריעף געשריבען?... צוליעב וואס?... און עפעס געמורמעלט האט דערביי אין זיין מח וועקסעלמאנס ווערטער צו איהם א מאל: איהר קענט ניט קיין פרויען... איהר קענט ניט קיין פרויען... וועקסעלמאנס בריעף איז אויך עפעס געוועזען, דאכט זיך, א ווארעמער, נאר דאך איז אין איהם געווען עפעס נאך וואס, עפעס ווי א גראבער, נארישער געלעכטער...

און ביינאכט, זענענדיג אליין אין זיין צימער, איז ער זיך געזעסען ביי דעם אפענעם פענסטער און, קוקענדיג אויף גאט'ס רייכער און שטומער וועלט, איז ער געווען פערביטערט און פערטיעפט, אליין ניט וויסענדיג אין וואס פאר א מחשבות, נאר וועלכע עס האבען אזוי געדריקט זיין נשמה. אין דערינען האט ער דערזעהן פאר זיך זיין מוטער.

— דנ'יע — האט זי זיך געבעטען ביי איהם — עס איז שוין שפעט, לעג זיך שלאפען, זעה אויסרוהען זיך.

ער האט איהר צוגעזאגט, אז ער וועט שוין געהן שלאפען. זי איז אוועק פון זיין צימער. דנ'יע האט זיך אויסגעטהון און האט זיך אוועקגעלעגט אין בעט. נאר איהם האט זיך ניט געשלאפען.

א צייט איז ער אזוי געלעגען. נאכדעם האט ער זיך אנגעטהון און האט זיך ווידער אוועקגעזעצט נעבען דעם אפענעם פענסטער. שטום איז אלץ געווען ארום; די טיעפע הימלען, די ערד, די זוערע, די שטערען און די סודות פון דער טיעפער נאכט. און זיין הארץ האט אזוי געריסען, אזוי געזאגט... ביטער האט ער געטראכט וועגען דעם, וואס זיין פאטער האט איבערצוגעבען איהם זיינע געשעפטען, צו וועלכע ער טויג ניט און וועלכע וועלען אזוי פערביטערען זיין לעבען... מיט גרויס וועהטאג אין הארצען האט ער געקלערט וועגען דעם, וואס מיט טאניען וועט ער שוין קיינמאל, קיינמאל ניט צונויפגעהן זיך... און זיי וועלען שוין תמיד זיין פרעמד איינער דעם צווייטען... א וואנד, א קאלטע, א שטומע און א הארטע שטעהט צווישען זיי און שיידט זיי פונאנדער... און שרעקליך איז איהם געווען פאר וועקסעלמאנען, וועלכער, עס האט זיך איהם געפיהלט, וועט תמיד, תמיד נאכגעהן נאך איהם, וועט נאכקוקען איהם און, ווי זיינער א ביזער שטן, וועט ער איהם ניט לאזען צורוה זיין גאנצען לעבען... שרעקליך צו לעבען אויף דער וועלט... ווען ער וואלט ניט געוואוסט, אז טראכטען אויפ'ן קול איז א קראנקהייט, וואלט ער איצט אזוי פריי פונאנדערגערעדט זיך מיט דער שטומער גאט'ס וועלט, מיט דער וואנד פון זיין צימער וועגען א סך מחשבות, וועלכע דריקען איצט זיין הארץ. וועגען דעם ווי טיעף און שען איז גאט'ס וועלט. פול מיט אייביגקייט, מיט שענהייט, און אזוי רייך און טיעף איז גאט'ס וועלט ביי נאכט, און אזוי ליכטיג, שען, גרויס און פריי איז זי ביי טאג. און אין דעם מענשענס הארצען איז אזוי ענג... ענג... און אזא נאריש אומגעלומפערטען ביטערען, ענגען לעבען האבען די מענשען בעשאפען... און נאך וועגען א סך, א סך וואלט ער איצט פונאנדערגערעדט זיך אזוי פריי... נאר עס וועט זיין אזא רחמנות אויף זיין מוטער, וועלכע האט איהם אזוי ליעב, און אויף זיין שוואכען פאטער, אויב זיי וועלען חאפען איהם דערביי... און אזא עלענדקייט האט געפרעסט זיין נשמה... און עפעס ווי ווער איז געשטאנען הינטער איהם און האט געחזר'ט איהם און ניט געלאזען איהם פערגעסען וועגען דעם, אז קיינער, קיינער וועט איהם שוין ניט זיין נאהענט אויף דער וועלט. ניט ער וועמען. ניט ווער איהם. מענשען זענען פרעמד איינער דעם צווייטען... פרעמד... קיינער, קיינער וועט איהם שוין ניט זיין נאהענט אויף דער וועלט... און ער איז געזעסען און האט געפיהלט די אייביגקייט, וועלכע פער-

הילט די נאכט און אלץ, וואס אין איהרע ארעמס געפינט זיך. ער האט געפיהלט דעם פחד, וואס טרייבט אן אין זיין הארצען דער שרעקליכער סוד פון לעבען... ווי ניטפערשטאנדיגע שרעק, וועלכע ער פיהלט פאר מענשען... ער האט געפיהלט די ביטערע אייביגע, אייביגע איינזאמקייט פון יעדען מענשען... און די אייביגע, אייביגע גלייכגילטיקייט צו אלעם. וואס קומט פאר ביי מענשען אין הארצען, פון די הימלען און ערד... — די שטומע. שטומע אייביגקייט...

שטיל און שטום איז אלץ געוועזן ארום; די הימלען, די ערד, די אזערע, די שטערען און די סודות פון דער טיעפער, טיעפער נאכט